מרא.

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פעטער קראַפּאָטקין

געזאַמעלטע שריפטען

אין רוסישע און פראַנצויזישע טורמעס

איבערזעצט פון י. קיסין

ארויסגעגעבען פון דער
קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט
ניו יאָרק, 1922

אינהאַלט.

דעם אויטאָר'ס פאָרוואָרט צו דער רוסישער אויסגאַבע — — — — VII

איינלייטונג — — — — — — — — — — — — — — — — 13

קאַפּיטעל 1: די רוסישע תפיסות — — — — — — — — — 19

קאַפּיטעל 2: די רוסישע תפיסות — פאָרטגעזעצט — — — — — 33

קאַפּיטעל 3: די פּעטראָפּאַוולער פעסטונג — — — — — — — 77

קאַפּיטעל 4: דאָס פאַרשטויסענע רוסלאַנד — — — — — — — 108

קאַפּיטעל 5: די פאַרשיקטע אין סיביר — — — — — — — 131

קאַפּיטעל 6: די פאַרשיקונג אויף סאַכאַלין — — — — — — 167

קאַפּיטעל 7: וואָס אויסלענדער זאָגען וועגען די רוסישע תפיסות 187

קאַפּיטעל 8: אין די פראַנצויזישע תפיסות — — — — — — 199

קאַפּיטעל 9: וועגען דער מאָראַלער ווירקונג פון תפיסות אויף די אַרעסטאַנטען — — — — — — — — — — 231

קאַפּיטעל 10: זיינען תפיסות נויטיג? — — — — — — — 263

ביילאַגע א. — — — — — — — — — — — — — — 290

ביילאַגע ב. — — — — — — — — — — — — — — 291

ביילאַגע ג. — — — — — — — — — — — — — — 293

ביילאַגע ד. — — — — — — — — — — — — — — 294

ידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

דעם אויטאָר׳ס פאָרוואָרט צו דער רוסישער אויסגאַבע.

דאָס בוך „אין רוסישע און פראַנצויזישע תפיסות” איז צו־נויפגעשטעלט געווארן מעהרסטענס פון ארטיקלען, וואָס איך האָב געשריבען פאַר דעם זשורנאַל „ניינטינט סענטשורי” אין אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אין ענג־לאַנד האָט דאַן גענומען אויפוואַכען אַ אינטערעס אין דער רוסישער באַפרייאונגס באַוועגונג; אין די צייטונגען, וואָס זיינען אַ לאַנ־גע צייט געווען אונטער דעם איינפלוס פון אַגענטען פון דער רו־סישער רעגירונג, האָבען ענדליך גענומען אריינדרינגען ריכטיגע ידיעות וועגען די שרעקען, וואָס די אַרעסטירטע און פאַראורטייל־טע רעוואָלוציאָנערען פלעגען אויסשטעהן אין די רוסישע תפיסות. מען האָט מיך געבעטען שרייבען וועגען די רוסישע געפענגניסען, און איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם פאָרשלאַג, צו דערצעהלען וועגען דעם שרעקליכען צושטאַנד פון אונזערע תפיסות ב כ ל ל.

רעוואָלוציאָנערן, האָב איך געקלערט, פיהרן מלחמה מיט דער רעגירונג, און ווי שלעכט זייערע שונאים זאָלען זיי ניט באַהאַנד־לען, וועט זיי זיין דערווידער צו באַקלאָגען זיך אויף זייער מזל. זיי ווייסען, אַז זיי זיינען אַ קעמפענדער צד, און זיי בעטען ניט קיין דערבאַרמונג. דער אמת איז אויף זייער זייט, און זיי גלויבען אין דעם ערפאָלג פון זייער קאַמף.

עס זיינען אָבער פאַראַן הונדערטער טויזענטער מענשען פון פאָלק, וועלכע מען כאַפּט יאָהר־איין, יאָהר־אויס פאַר גאָרנישט, מען מאַטערט זיי אין די אָסטראָגען, מען טרייבט זיי אין סיביר, און יעדערער, וואָס האָט נאָר אַרויפגעצויגען אויף זיך אַ מונדיר, מאַ־טערט און ערנידריגט זיי. וועגען זיי דאַרף מען שרייבען, האָב איך געקלערט, און איך האָב געפּרואווט דערצעהלען די ענגלענדער און אַמעריקאַנער, וואָס דאָס איז אַזוינס דאָס שרעקליכע סיסטעם פון

די רוסישע אָסטראָגען, צענטראַלע תפיסות, איבערשיקונגס צענטרען, עטאַפּען און קאַטאָרגע, אין סיביר און אויף סאַכאַלין.

איך האָב דאָס, נאַטירליך, געמוזט מאַכען בקיצור, ווייל דער אינטערעס צו די רוסישע געפענגניסען קאָן ביי אויסלענדישע לעזער זיין נאָר אַן אינדירעקטער. אין מאַטעריאַלען איז דעמאָלט קיין מאַנגעל ניט געווען. די רוסישע פּרעסע, באַנוצענדיג זיך מיט דער צייטווייליגער פרייהייט אין לאָרים־מעליקאָוו'ס צייט, האָט געגעבען אַ סך מערקווירדיגע דאַטען.

איך וואָלט אין מיינע אַרטיקלען העכסט וואַרשיינליך גאָרנישט ניט געזאָגט וועגען דעם, ווי מען באַגעהט זיך אין רוסלאַנד מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע, אויב די אַגענטען פון דער רוסישער רעגירונג וואָלטען מיך דערצו ניט געצוואונגען. באַאונרוהיגט פון די ידיעות, וואָס האָבען אָנגעהויבען אַריינדרינגען אין דער ענגלישער פּרעסע, האָבען זיי גענומען אָפּלייקענען די פעסטגעשטעלטסטע פאַקטען פון ברוטאַליטעט, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די צענטראַלע געפענגניסען; און די „פּעטראָפּאַוולאָווסקאַיאַ קרעפּאָסט" האָבען זיי גענומען אַרויסשטעלען פאַר אַ מוסטער פון ווייכער, הומאַנער באַהאַנדלונג פון די רוצחים־רעוואָלוציאָנערן. און דאָס האָבען זיי געשריבען גראָד אין דער צייט, ווען אין דעם אַלעקסעיעווער ראַוועלין פלעגען פאָרקומען די שרעקען, וועגען וועלכע פּאָליוואַנאָוו האָט דאָ ניט לאַנג דערצעהלט אין דער פּרעסע!

באַזונדערס האָט מיך געצוואונגען צו שרייבען וועגען די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַ געוויסער ענגלישער גייסטליכער, לענסדעל (ל. נ. טאָלסטאָי האָט איהם אויסגעצייכענט כאַראַקטעריזירט אין זיין „תחית המתים"). אָט דער לענסדעל, וואָס איז אויף קוריער צוגען דורכגעפלויגען סיביר און האָט, נאַטירליך, גאָרנישט ניט געזעהן, האָט אָנגעשריבען אַ געמיין ביכעל וועגען די רוסישע געפענגניסען. אונזערע געפענגניסען זיינען דאַן געווען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון איינעם אַ גאַלקין־וואַראַסקי, אַ באַאַמטען מיט פּרעטענזיעס, וואָס האָט זיך געקליבען צונויפצורופען אַן אינטערנאַציאָנאַלען געפענגניס קאָנגרעס אין פּעטערבורג, כדי צו פאַרשטאַרקען זיין איינפלוס אין „אַניטשקאָוו"־פּאַלאַץ, און ער האָט אין לענסדעל'ען געפונען דעם נויטיגען מענשען, וואָס זאָל לויבען זייגע „געפענגניס רעפאָרמען".

טאָלסטאָי, דער מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען, האָט אויך פּראָטעזשירט אָט דעם לויב־זינגער און האָט נאָך אפילו געהייסען ווייזען איהם די „פּעטראָפּאוולאָווסקאיא קרעפּאָסט" — פארשטעהט זיך, ניט ראוועלינען נאָר דעם „טרובעצקאָי באס־טיאָן". ווען איך האָב אין דער ענגלישער פּרעסע רעצענזירט לענס־דעל'ס ביכעל, איז דער ענטפער אויף מיינע באמערקונגען געווען אָנגעשריבען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אין פּעטער־בורג. דער זעלביגער הערר גאלקין־ווראסקי האָט צוגעשיקט אַן ענטפער אין אַן ארטיקעל, וואָס דער ענגלישער גייסטליכער האָט געזאָלט פארעפענטליכען אונטער זיין אייגענער אונטערשריפט; און ער האָט איהם אפגעדרוקט אין „קאָנטעמפּאָרערי ריוויו". מיין ענטפער אויף יענעם ארטיקעל איז דער זיבעטער קאפּיטעל פון דעם פאָרליגענדען בוך.

אגב אורחא וויל איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען יענעם ענטפער מיינעם. געשריבען האָב איך איהם אין לאָנער געפענג־ניס. ענטפערען לענסדעל'ען, דאָס הייסט, די רוסישע באאמטע, איז נויטיג געווען. סערגעי קראוושינסקי איז נאָך דעמאָלט אין ענגלאנד ניט געווען. האָב איך מיך געאיילט אָנצושרייבען מיין ענטפער איידער איך וועל געהן צום געריכט, און גלייך נאָכ'ן פּראָ־צעס, איידער מען וועט אונז, פאראורטיילטע, שיקען אָפּזיין אונ־זער טערמין ערגעץ־וואו אין אַ „צענטראל". דער ארטיקעל איז געווען פארטיג. אָבער די ערשטע זאָרג פון דער פראנצויזישער רעגירונג איז געווען — אויפ'ן שטרענגסטען אופן צו פאָרוועהרען ארויסצולאָזען פון דער געפענגניס וואָס ניט איז, וואָס איך וועל אָנשרייבען קעגען דער רוסישער רעגירונג. האָט מען מיר דעריבער נעזאָגט, ווען איך האָב געוואָלט שיקען מיין ארטיקעל אין לאָנדאָן, אז דאָס איז אונמעגליך. מען וועט דעם ארטיקעל פריהער מוזען שיקען אין פאריז, אין מיניסטעריום, וואו מען וועט איהם פאר־האלטען, אויב ער איז קעגען דער רוסישער רעגירונג.

צום גליק, איז דער דאָקטאָר פון דער לאָנער געפענגניס גע־ווען הערר לאקאסאן, אַ שרייבער איבער אנטראָפּאָלאָגיע, וואָס איז אַ פּאָר מאָל ארייגעקומען צו מיר אין קאמער אַ שמועס צו טאָן וועגען אנטראָפּאָלאָגישע ענינים. זיין פרוי האָט גוט געקענט ענג־ליש, האָט ער פּאָרגעשלאָגען, אז זי זאָל צענזורירן מיין ארטיקעל,

דער דירעקטאָר פון דער געפענגנים האָט איינגעשטימט, נאָר די פאַראַנטוואָרטליכקייט זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון איהם. און פרוי לאַקאַסאַן האָט, פאַרשטעהט זיך, באַלד דערזעהן, אַז דער אַרטיקעל איז גראָד פון יענע, וואָס דאַרפען ניט אַרויסגעהן פון גע־פענגנים; און דעריבער האָט זי גענומען די עבירה אויף זיך און באַלד אויף מאָרגען זיך געאיילט אָפּצושיקען מיין אַרטיקעל אין לאָנ־דאָן. — לאָמיך כאָטש איצט, אונטער די אויגען זי אָפּדאַנקען. גו־טע מענשען זיינען פאַראַן אומעטום.

עס איז באַקאַנט, אַז די רוסישע מיניסטאָרן האָבען געוואָלט אויף דעמזעלביגען אופן זיך באַנוצען מיט די אַמעריקאַנער קענאַן און פראָסט, ווען אין אַמעריקאַנער זשורנאַל האָט געשיקט, אַז זיי זאָלען אויפ'ן אָרט אויספאָרשען דעם צושטאַנד פון די רוסישע תפיסות. אָבער דאָ זיינען די רוסישע מיניסטאָרן דורכגעפאַלען. קענאַן האָט זיך אויסגעלערנט רוסיש, האָט זיך באַקענט מיט אַלע פאַרשיקטע אין סיביר און האָט דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, וואָס ער האָט אויסגעפונען.

איצט איז די פאַרשיקונג אין סיביר אָפּגעשאַפט געוואָרן, — ווייניגסטענס נאָך אַ געריכטליכען פּראָצעס; און ערטערווייז אינ־מיטען רוסלאַנד האָט מען אָנגעבויט „רעפאָרמירטע" געפענגני־סען. דעריבער האָט מיין בוך, וואָס אָנבאַטרעפט די רוסישע תפיסות, הויפּטזעכליך אַ היסטאָרישען אינטערעס. אָבער זאָל מיין בוך זיין כאָטש אַ היסטאָרישער דאָקומענט וועגען דער אונערהערטער גרויזאַמקייט, מיט וועלכער די רוסישע ביוראָקראַטיע האָט באַהאַנדעלט אונזער פאָלק גאַנצע דרייסיג אָדער פערציג יאָהר נאָכדעם, ווי לייב־אייגענשאַפט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. זאָלען אַלע וויסען, ווי די רוסישע ביוראָקראַטען האָבען אין פאַרלויף פון דרייסיג יאָהר ניט דערלאָזען די אונבאַדייטענדסטע רעפאָרמען, ווי זיי האָבען מיט די פיס געטראָטען אַלע עלעמענטאַרסטע מענש־ליכע רעכט.

און איבריגענס, זיינען דען די איצטיגע רוסישע תפיסות טאַ־קע אַ פאַרבעסערונג פון דעם, וואָס איז געוועזען פריהער? קאַלך און צוריבענעם ציגעל פאַרברויכט מען איצט אַביסעל מעהר אין די פאַרשידענע „פּרעלימינערע" געפענגניסען און אין די מוסטערהאָפּ־

טע „קרעסטי“, — דאָס איז אמת. אָבער דער עצם איז דאָך געבליבען דערזעלביגער. און וויפיעל הונדערטער שרעקליכע אָפּ־טראָגען, איבערשיקונגגס צענטרען און עטאַפּען בלייבען נאָך ביז היינטיגען טאָג אין די הענט פון אַלערליי רוצחים אין מונדירען! וויפיעל טויזענטער מענשען פון פאָלק ווערן ווי פריהער פארשיקט אין סיביר, — נאָר וואָס ווייטער, — אדמיניסטראַטיוו! וויפיעל גרוילטאַטען ווערן איצט, אין דער געגענווערטיגער מינוט, באַגאַנ־גען אין די תפיסות, וואָס זיינען שרעקליך איבערפילט! די דילען ווערן אפשר ריינער געוואַשען; אָבער דאָסזעלביגע סיסטעם פון „אַראַקטשעיעווטשינאַ“ איז געבליבען, אָדער איז נאָך ערגער גע־וואָרן, ווייל עס איז געוואָרן כיטרער און בייזוויליגער ווי פריהער. ווער דען פארוואַלט איצט די תפיסות, אויב ניט דיזעלביגע שונאים פון רוסישען פאָלק?

אין איינעם פון די קאַפּיטלען פון אָט דעם בוך ווערט באַ־שריבען, וואָס איך האָב געזעהן אין די פראַנצויזישע געפענגני־סען: אין ליאָנער (פון דעם דעפּאַרטאַמענט) און אין „צענטראַל“, אין קלערוואָ. צו די, וואָס ווילען אודאי זאָגען, אז אין דעם אַרטי־קעל זיינען מסתמא פאַראַן איבערטרייבונגען, וויל איך נאָר זאָגען, אז אין פראַנקרייך האָט מען דעם אַרטיקעל אויפגענומען פאַר אַזוי־פיעל אָביעקטיוו, אז מען האָט זיך מיט איהם באַנוצט, ווי מיט אַ דאָקומענט, אין דעפּוטאַטען־קאַמער, אין די דעבאַטען וועגען גע־פענגנים רעפאָרמען. אין פראַנקרייך, פּונקט ווי אומעטום, איז דאָס סיסטעם פון געפענגניסען געבויט אויף אַ פאַלשען יסוד און פאָדערט אַ פולשטענדיגע רעווידירונג, — אַן עהרליכע, ערנסטע, פאָרזיכטיגע רעווידירונג מצד דער געזעלשאַפט.

די צוויי לעצטע קאַפּיטלען פון מיין בוך זיינען דעריבער פאַר־נומען מיט אַן אַנאַליז פון דעם העכסט שעדליכען איינפלוס, וואָס די געפענגניסען איבען אומעטום אויס אויף דער געזעלשאַפטליכער מאָראַל. דאָ ווערט אויך באַהאַנדעלט די פראַגע, צי די היינטיגע מענשהייט דאַרף שטיצען אַזעלכע אונצוויפעלהאַפט שעדליכע איינריכטונגען.

ווען איך וואָלט איצט געדאַרפט פון דאָס ניי שרייבען איבער אָט דער פראַגע, וואָלט איך געקאָנט ברענגען אַ סך פּולערע באַ־

ווייזען פאר מיינע אויספיהרונגען, שטיצענדיג זיך אויף א גאנצער מאסע באַאבאַכטונגען און מאטעריאלען, וואָס זיינען אין דער צייט אָנגעזאמעלט געוואָרן, און אויך אויף אייגענע נייע אויספאָרשונגען, מיט וועלכע די ליטעראַטור איז בארייכערט געוואָרן. אָבער גראָד דער איבערפלוס פון פארטיגע מאטעריאלען צווינגט מיך אָפּצוזאָגען זיך פון דעם געדאנק צו פארנעמען זיך ווידער מיט דער העכסט וויכטיגער פראגע. די לעצטע איז, איבריגענס, אזוי דרינגענד, אז עס וועלען אָהן ספק זיך געפינען יונגע קרעפטען, וואָס וועלען אויפנעמען די ארבייט אין דער ריכטונג, וואָס איז דאָ אָנגעוויזען געוואָרן. אין אמעריקא האָט מען שוין אזא ארבייט אָנגעהויבען.

בראמליי, ענגלאנד, פעברואר 1906.

[library stamp]

איינלייטונג.

אין דעם געדרענג פון לעבען, ווען אונזער אויפמערקזאמקייט איז פארנומען מיט די אלטעגליכע קליינינקייטען, זיינען מיר אלע געניינט צו פארגעסען אן די טיפע וואונדען, וואס צו־פרעסען די געזעלשאפט, און מיר שענקען זיי ניט די אויפמערק־זאמקייט, וואס זיי פארדינען אין דער ווירקליכקייט. אמאל דרינ־גען אריין אין די צייטונגען סענסאציאנעלע „אויפדעקונגען”, וואס באריהרען א וועלכע עס איז טונקעלע זייט פון אונזער געזעלשאפט־ליכען לעבען; און טרעפט, אז אזעלכע אויפדעקונגען וועקען אונז כאטש אביסעל אויף פון אונזער שלאף און ציהען אויף זיך די גע־זעלשאפטליכע אויפמערקזאמקייט, רעמאלט ערשיינען אין די ציי־טונגען, אין פארלויף פון א מאנאט אדער צוויי, אויסגעצייכענטע ארטיקלען און „בריף אין רעדאקציע” וועגען דעם באטרעפענדען ענין. אפטמאל ווערט אין אזעלכע ארטיקלען ארויסגעוויזען ניט ווייניג געזונטער פארשטאנד און טיפע מענשליכקייט, אבער גע־וועהנליך ווערט אזא אגיטאציע, נאכדעם ווי זי איז פלוצלונג אויפ־געהויבען געווארן אין די צייטונגען און אין דער געזעלשאפט, באלד אפגעשטארבען. מיר גיבען צו עטליכע נייע פאראגראפען צו די שוין עקזיסטירנדיגע הונדערטער טויזענטער געזעצען; מיר מא־כען עטליכע מיקראסקאפישע פארזוכען צו באקעמפען, דורך איינ־צעלנע אנשטרענגונגען, א טיף איינגעוואורצעלטען איבעל, וואס נאר די אנשטרענגונגען פון דער גאנצער געזעלשאפט קאנען מנצח זיין, — און דאן זינקען מיר ווידער אראפ אין די קליינינקייטען פון לעבען, ניט זארגענדיג וועגען די רעזולטאטען פון דער אגיטאציע, וואס איז ערשט ניט לאנג אנגעפיהרט געווארן. און גוט איז נאך, אויב, נאך דעם גאנצען אויפגעהויבענעם טומעל, איז די לאגע נאך ניט ערגער געווארן.

אזא מזל האָבען שוין א סך געזעלשאפטליכע פראגען, און באזונדערס די פראגע וועגען געפענגניסען און ארעסטירטע. אין אַט דער ריכטונג זיינען זעהר כאראקטעריסטיש די ווערטער פון מיס לינדא דזשילבערט (מרס. פריי, אן אמעריקאנערין): „ווי נאָר א מענש פאלט אריין אין געפענגנים, הערט די געזעלשאפט אויף צו אינטערעסירן זיך מיט איהם". האָבענדיג געזאָגט, אז דער ארעסטאנט זאָל האָבען „ברויט צום עסען, וואסער צום טרינקען און וואָס מעהר ארבייט", — האלט די געזעלשאפט, אז אלע איהרע פליכטען צו איהם זיינען דערפילט. פון צייט צו צייט נאָר ווערט עמיצער, וואָס האָט זיך באקענט מיט דער געפענגנים פראגע, אויפהויבען אן אגיטאציע וועגען דעם שלעכטען צושטאנד פון אונזערע תפיסות און אנדערע פארהאפטונגס פלעצער. די געזעלשאפט, פון איהר זייט, אנערקענט, אז עס איז נויטיג עפעס אָנהויבען צו טאָן, כדי אויסצואוואָרצלען דאָס שלעכטס. אָבער אלע אָנשטרענגונגען פון די רעפאָרמאטאָרן צושלאָגען זיך אָן די פארגליווערטקייט פון דעם אָרגאניזירטען סיסטעם, ווייל עס קומט דאָ אויס צו באקעמפען דעם אלגעמיין פארשפרייטען פאָראורטייל פון דער געזעלשאפט אנטקעגען די, וואָס זיינען באשטראָפט געוואָרן פון געזעץ; און דעריבער ווערן די קעמפער באלד מיעד, דערפיהלענדיג, אז זיי זיינען איינזאם: קיינער קומט זיי ניט צו הילף אין דעם קאמף מיט'ן קאָלאָסאלען איבעל. אזא שיקזאל האָבען געהאט דזשאן האוארד און א סך אנדערע. געווים, קליינע גרופען מענשען, וואָס האָבען א גוט הארץ און אויסערגעוועהנליכע ענערגיע, קוקען ניט אויף די אלגעמיינע גלייכגילטיגקייט און ארבייטען ווייטער פאר דער פארבעסערונג פון דער לאגע פון די ארעסטירטע, ריכטיגער, וועגען פארקלענערן דעם שאָדען, וואָס די געפענגניסען ברענגען זייערע אונפרייוויליגע איינוואוינער. אָבער אָט די אלע טוער, באוועגט אויסשליסליך פון א פילאנטראָפישען געפיהל, אנטשליסען זיך זעלטען צו קריטיקירן די פרינציפען גופא, אויף וועלכע די געפענגנים איינריכטונגען זיינען באגרינדעט; נאָך ווייניגער פארנעמען זיי זיך מיט אויספאָרשען די אורזאכען, צוליעב וועלכע מיליאָנען מענשען פאלען יעדען יאָהר אריין אין די געפענגניסען. די טוער פון אָט דעם טיפ ווילען נאָר מילדער מאכען דאָס שלעכטס, אָבער ניט אויסשניידען עס מיט די וואָרצלען.

יעדען יאָהר ווערן ארום א מיליאָן מענער, פרויען און קינדער פארשפארט אין די געפענגניסען פון אייראפא אליין; און אויף דער אויפהאלטונג פון די קאטאָרזשנע און לאָקאלע געפענגניסען ווערט פארשווענדט יעדען יאָהר ארום הונדערט מיליאָן רובעל, ניט רעכענענדיג די הוצאות אויף די געריכטליכע און אדמיניסטראטיווע מאשין, וואָס שטעלט צו דעם מאטעריאל פאר די געפענגניסען. און פונדעסטוועגען, ווען, אויסער די עטליכע פילאנטראָפען און פראָפעסיאָנעל פאראינטערעסירטע פערזאָנען, אינטערעסירן די רע־זולטאטען, וואָס אזעלכע אונגעהויערע פארשווענדונגען ברענגען? באצאָהלען דען אונזערע געפענגניסען די אונגעהויערע פארשווענ־דונג פון מענשליכער מיה, וואָס ווערט יעהרליך געמאכט, כדי זיי אויפצוהאלטען? גאראנטירן זיי דען דער געזעלשאפט, אז דאָס שלעכטס, מיט וועלכען אָט די אלע מיטלען, ווי דאָס ווערט אָנ־גענומען, קעמפען אונאויפהערליך, אז אָט דאָס שלעכטס וועט זיך ווידער ניט באווייזען?

אזוי ווי די אומשטענדען פון מיין אייגענעם לעבען האָבען מיר געגעבען די מעגליכקייט צו שענקען אביסעל אויפמערקזאמ־קייט אָט די וויכטיגע פראגען, בין איך געקומען צום שלוס, אז עס וועט אפשר ברענגען נוצען, ווען איך וועל מיט דעם לעזענדען עולם זיך טיילען מיט מיינע אייגענע באָבאכטונגען איבער דעם גע־פענגנים לעבען, און אויך מיט יענע שלוסען, צו וועלכע מיינע בא־אָבאכטונגען האָבען מיך געפיהרט.

מיט די געפענגניסען און מיט דער פארשיקונג האָב איך מיך צום ערשטען מאָל באקענט אין מזרח סיביר, אין פארבינדונג מיט די ארבייטען פון דעם קאָמיטעט, וואָס איז באשאפען געוואָרן אויסצוארבייטען א רעפאָרם פון דעם רוסישען סיסטעם פון פאר־שיקונג. דעמאָלט האָב איך געהאט די מעגליכקייט צו באקענען זיך, ווי מיט דער פראגע וועגען דער פארשיקונג אין סיביר, אזוי אויך מיט דעם צושטאנד פון געפענגניסען אין רוסלאנד; דעמאָלט האָב איך זיך אויך פאראינטערעסירט צום ערשטען מאָל מיט די גרויסע פראגען פון „פארברעכען און שטראָף." שפעטער, פון 1874 ביז 1876, ווארטענדיג אויף מיין פראָצעס, איז מיר אויסגעקומען צו פארברענגען כמעט צוויי יאָהר אין פעטראָפאוולאָווסקאיא קרע־פאָסט אין סאנקט־פעטערבורג, וואו איך האָב אויף מיינע חברים־

געפאנגענע געקאָנט באָבאַכטען די שרעקליכע רעזולטאַטען פון דעם סיסטעם פון איינצעלנער פארהאפטונג. פון דאָרטען האָט מען מיך אריבערגעפיהרט אינ'ם נאָך וואָס אויסגעבויטען „דאָם פרעדוואריטעלנאוואָ זאקליוטשעניא (דאָס הויז פון פרעלימינערער פארהאפטונג), וואָס האָט דעמאָלט זיך גערעכענט פאר א מוסטער־האפטער געפענגניס אין רוסלאנד; און פון דאנען בין איך ענדליך געשיקט געוואָרען אין דער מיליטערישער געפענגניס ביי דעם פעטערבורגער מיליטערישען שפּיטאָל.

ווען איך בין שוין געווען אין ענגלאנד, אין 1881, האָט מען זיך צו מיר געווענדט מיט א פאָרשלאג מיטצוטיילען אין דער ענגלישער פרעסע וועגען דער לאַגע אין די רוסישע געפענגניסען פון מענשען, וואָס ווערן ארעסטירט אויף באשולדיגונגען אין פאָליטישע פארברעכענס. דערצעהלען וועגען דעם איז געווען א דרינ־גענדע נויטווענדיגקייט, צוליעב די סיסטעמאטישע ליגענס, וואָס אן אגענט פון דער רוסישער רעגירונג פלעגט פארשפּרייטען. איך האָב די פראגע באריהרט אין אן ארטיקעל וועגען דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, געדרוקט אין „פאָרטנייטלי ריוויו" (אין יוני 1881). כאָטש קיין איינער פון די פאקטען, וואָס ווערן גע־בראכט אין דעם אויבענדערמאָנטען ארטיקעל, זיינען ניט באַ־שטריטען געוואָרן פון די אגענטען פון דער רוסישער רעגירונג, פונדעסטוועגען זיינען אין דערזעלביגער צייט געמאכט געוואָרן פארזוכען דורכצופיהרן אין דער ענגלישער פרעסע ידיעות וועגען די רוסישע תפיסות, וואָס שטעלען זיי פאָר אין דעם בעסטען ליכט. דעמאָלט בין איך, פון מיין זייט, געווען געצוואונגען צו אנאליזירן, אין א רייהע ארטיקלען אין „ניינטינט סענטשורי", די רוסישע גע־פענגניסען און פארשיקונג אין סיביר און ווייזען, וואָס זיי שטע־לען מיט זיך פאָר. איך האָב, ווי ווייט מעגליך, געוואָלט זיך אָפּהאלטען פון דערמאָנען די קלאגען וועגען די אונטערדריקונגען, וואָס אונזערע פּאָליטישע פריינד אין רוסלאנד האָבען געליטען. איך האָב נאָך געוואָלט אין א רייהע ארטיקלען געבען א באגריף וועגען דעם צושטאנד פון די רוסישע געפענגניסען בכלל, וועגען דער פארשיקונג אין סיביר און די רעזולטאטען פון דעם רוסישען גע־פענגניס סיסטעם. און איך האָב דערצעהלט וועגען די אונאויס־שפּרעכליכע מאטערנישען, וואָס צעהנדליגער טויזענטער קרימינעלע

ארעסטאַנטען מאַכען דורך אין די גערעפענגניסען פון רוסלאַנד, אויפ׳ן וועג אין סיביר, און ענדליך אין סיביר גופא, אין יענער ריזיגער קרימינעלער קאָלאָניע פון דער רוסלענדישער אימפעריע. כדי צו דערגענצען מיינע אייגענע באָבאַכטונגען, וואָס וואָלטען אפשר שוין געווען פאַרעלטערט, האָב איך זיך באַקענט מיט דער גרויסער ליטעראַטור, וואָס איז דעמאָלט אין דער לעצטער צייט געשאַפען געוואָרן אין רוסלאַנד וועגען דער געפענגנים פראַגע. אָבער גראַד אָט דער שטודיום מיינער האָט מיך איבערצייגט, ערשטענס, אין דעם, אז די לאַגע איז געבליבען כמעט דיזעלביגע, ווי זי איז געווען מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק; און צווייטענס, אז כאָטש די רוסישע געפענגנים באַאמטע ווילט זיך זעהר האָבען אין מערב אייראָפּאַ מענשען, וואָס זאָלען פאַרשפּרייטען צוגעפאַרבטע ידיעות וועגען זייער כלומר׳שט הומאַנער טעטיגקייט, פונדעסטוועגען באַהאַלטען זיי ניט די רויהע ווירקליכקייט ניט פון דער רוסישער רעגירונג, ניט פון דעם רוסישען לעזענדען עולם. און אין די באַריכטען און אין דער פּרעסע זיינען זיי אָפען מודה, אז די געפענגניסען געפינען זיך אין אַן עקעלהאַפטען צושטאַנד. איינגע פון אָט די אָפיציעלע באַשטעטיגונגען וועל איך דאָ ווייטער ברענגען.

א קורצע צייט נאָכדעם ווי איך האָב געשריבען אין דער ענגלישער פרעסע וועגען די פיהרונגען אין די רוסישע געפענגניסען, — נעמליך, פון 1882 ביז 1886, — איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען דריי יאָהר אין פראַנצויזישע געפענגניסען: אין „פריזאָן דעפּאַרטאַמענטאַל" אין ליאָן און אין „מעזאָן סענטראַל" אין קלערוואָ. א באַשרייבונג פון די ביידע תפיסות איז געגעבען געוואָרן אין אַן אַרטיקעל אין „ניינטינט סענטשורי". מיין זיין אין קלערוואָ, אין נאָהנטער שכנות מיט 1400 קרימינעלע פאַרברעכער, האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט זיך צוצוקוקען צו די רעזולטאַטען, וואָס מען באַקומט אין אָט דער געפענגנים, — איינער פון די בעסטע ניט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר, אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, אין גאַנץ אייראָפּאַ. מיינע באָבאַכטונגען האָבען מיך באַוועגט צו פאַרנעמען זיך מיט אַן אַלגעמיינער באַטראַכטונג פון דער פראַגע וועגען דעם מאָראַלען איינפלוס, וואָס די געפענגנים האָט אויף די אַרעסטירטע, אין פאַרבינדונג מיט די

מאָדערנע אנזיכטען אויף פארברעכערישקייט און איהרע אורזאַ־כען. א טייל פון אָט דער אויספאָרשונג איז געווען א טעמא פאר א רעפעראַט, וואָס איך האָב געהאַלטען ביי דער עדינבורגער פי־לאָסאָפישער געזעלשאַפט.

איינשליסענדיג אין דאָס פאָרליגענדע בוך א טייל פון מיינע זשורנאַל ארטיקלען איבער דער געפענגנים פראגע, האָב איך זייער פאקטישען מאטעריאַל באנייט אויפ׳ן גרונד פון די ידיעות, וואָס זיינען מעהרסטענס ארויסגענומען געוואָרן פון רוסישע אָפיציעלע אויסגאבען; איך האָב אויך אויסגעשלאָסען פון זיי דעם פּאָלע־מישען עלעמענט. די ניי אָנגעשריבענע קאפּיטלען וועגען דער ארויסשיקונג אויף סאַכאַלין און וועגען איין עפּיזאָד פון דעם לעבען פון די ארויסגעשיקטע פּאָליאַקען אין סיביר זיינען א דער־גענצונג צו דער אלגעמיינער באשרייבונג פון די רוסישע שטראָף איינריכטונגען.

[stamp]

קאַפּיטעל 1.

די רוסישע תפיסות.

צום ערשטען מאָל איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט די רוסישע געפענגניסען אין 1862, אין דער זאבאיקאַלער פּראָווינץ. איך בין דעמאָלט נאָר וואָס געקומען צופאָהרען אין איר־קוטסק, — א יונגער קאָזאַקען אָפיציר, וואָס האָט נאָך ניט דער־גרייכט דעם עלטער פון פינף און צוואַנציג יאָהר; אין צוויי מאָ־נאַטען נאָך מיין אָנקומען בין איך שוין באַשטימט געוואָרן סעקרע־טאַר פון דעם אָרטיגען קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגען רעפאָרמירן די געפענגניסען. איך האַלט פאַר ניט איבריג צו מאַכען דאָ עטליכע נויטיגע ערקלערונגען.

מיין בילדונג אין יענער צייט איז געוועזן ניט מעהר ווי א קורס אין א מיליטער שול. מיר האָבען, נאַטירליך, א סך צייט אָפּגעגעבען דער מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסענשאַפטען, אָבער א סך מעהר צייט פלעגט אַוועקגעהן אויף א שטודיום פון דער מילי־טערישער קונסט, א קונסט פון פאַרניכטען מענשען אויף די שלאַכט־פעלדער. אָבער מיר האָבען דעמאָלט אין רוסלאַנד איבערגעלעבט אַן עפּאָכע פון א גרויסער אויפוואַכונג פון געדאַנק, — אַן עפּאָכע, וואָס איז געקומען נאָך דער גרויסער קרימער מפלה; איז דע־ריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אפילו אויף דעם בילדונגס קורס פון די מיליטערישע שולען האָט זיך אויך אָפּגערופען דער איינ־פלוס פון דער גרויסער באַוועגונג. עפּעס אַזוינס, וואָס איז גע־שטאַנען העכער פון מיליטאַריזם, איז דורכגעדרונגען אפילו דורך די ווענט פון „פּאַזשסקי קאָרפּוס״.

פון 1859 אָן האָט די רוסישע פּרעסע באַקומען אביסעל פריי־הייט, און זי האָט זיך ליידענשאַפטליך אָפּגעגעבען מיט דער באַ־האַנדלונג פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען, וואָס האָ־

בען געדארפט אפונישען די שפורען פון דעם דרייסיג־יאָהריגען מי־ליטערישען רעזשים פון ניקאָלאי דעם ערשטען. אָפּקלאַנגען פון דער אָנגעשטרענגטער אינטעלעקטועלער טעטיגקייט, וואָס האָט אויפגערעגט דאָס לאַנד, האָבען דערגרייכט אויך צו אונזערע שול־צימערן. איינינע פון אונז האָבען אַ סך געליינעט, וועלענדיג דער־גענצען זייער בילדונג. בכלל האָבען מיר ארויסגעוויזען אַ הייסען אינטערעס צו דער געפּלאַנטער איבערבויאונג פון אונזערע ארכאַ־אישע איינריכטונגען; און ניט זעלטען פלעגען, צווישען לעקציעס וועגען טאַקטיק און מיליטערישער געשיכטע, אָנגעפיהרט ווערן לעב־בעדיגע דיסקוסיעס וועגען דער באפרייאונג פון די פּויערים און אדמיניסטראַטיווע רעפאָרמען. שוין אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דער פארעפענטליכונג פון דעם באפעהל וועגען דער לאַנג ערוואר־טער און פיעל מאָל אָפּגעלעגטער באפרייאונג פון די פּויערים, זיי־נען עטליכע עקזעמפּלארען פון דעם גרויסען און פארפלאָנטערטען געזעץ אריינגעפאלען אין אונזער קליינעם, מיט זון־ליכט באגא־סענעם ביבליאָטעק צימער, וואו מיר האָבען עס טאַקי באלד גענו־מען פלייסיג שטודירן און קאָמענטירן. די איטאליענישע אָפּערא איז פארגעסען געוואָרן, מיר האָבען גענומען פארברענגען אונזער פרייע צייט אין דיסקוסיעס וועגען די מעגליכע רעזולטאטען פון דער באפרייאונג און איהר באדייטונג אין דעם לעבען פון לאַנד. גע־שיכטע בכלל און באזונדערס די געשיכטע פון די אויסלענדישע לי־טעראַטורען האָט זיך אין די לעקציעס פון אונזערע פּראָפעסאָרען פארוואנדעלט אין אַ געשיכטע פון פילאָסאָפישען, פּאָליטישען און סאָציאַלען וואוקס פון דער מענשהייט. די טרוקענע פּרינציפּען פון זש. ב. סעי'ס „פּאָליטישער עקאָנאָמיע” און די קאָמענטארען אויף די ציווילע און מיליטערישע געזעצען, — געגענשטאנדען, וואָס זיינען פריהער באטראַכט געוואָרן פאר גאַנץ איבריגע אין דער ער־ציהונגס סכעמע פון צוקונפטיגע אָפיצירען, האָבען איצט, אין זייער אָנווענדונג אויף די נויטען פון לאַנד, באקומען, דוכט זיך, אַ נייַ לעבען.

די קנעכטשאַפט איז געפאלען, און אלעמענס מוחות זיינען פארנומען געווען מיט די פאָרשטעהענדיגע רעפאָרמען, וואָס האָבען געדארפט געקרוינט ווערן פון קאָנסטיטוציאָנעלע גאראַנטיען. דאָס לאַנד האָט ערווארט באלדיגע און ברייטע רעפאָרמען. אלע אונ־

זערע איינריכטונגען האָבען געפאָדערט א גרינדליכע איבערביי־טונג: זיי זיינען געווען עפּעס אַן אויסערגעוועהנליכער געמיש פון געזעצען וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה פון דעם אַלטען „מאָסקווער פּעריאָד"; „מאסרעגלען פון פּעטער דעם ערשטען וואָס האָט געפּראוואוט מיט דער הילף פון באַפעלען פון פּעטערבורג אויפ־בויען א מיליטערישע גרויסמאַכט; געזעצען, וואָס זיינען אַנט־שטאַנען א דאַנק די קאַפּריזען פון אַלערליי הויף קורטיזאַנען פון אויסגעלאַסענע אימפּעראַטאָרינס; און, ענדליך, די געזעצען פון ניקאָלאי דעם ערשטען, יעדע שורה פון וועלכע איז געווען דורכגע־זאַפּט מיט מיליטערישען דעספּאָטיזם. דורשטיג האָבען מיר גע־לייענט די זשורנאַלען און צייטונגען פון יענער צייט, אין וועלכע עס איז ליידענשאַפטליך דיסקוטירט געוואָרן די נויטיגקייט פון אַלזייטיגע רעפאָרמען.

אָבער צו יענער צייט, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער באַ־לעבונג, האָבען זיך גענומען באַווייזען בייזע סימנים פון רעאַק־ציע. כמעט ערב דער באַפרייאונג פון די פּויערים האָט אַלעקסאַנ־דער דער צווייטער זיך דערשראָקען פאַר דער אייגענער ארבייט, און ביסלעכווייז האָט די רעאַקציאָנערע פּאַרטיי גענומען געווינען אַן איינפלוס אין ווינטער פּאַלאַץ. ניקאָלאי מילוטין, וואָס איז געווען די נשמה פון דער פּויערים רעפאָרם אין די ביוראָקראַטי־שע ספערען, איז פּלוצלונג געצוואונגען געוואָרן ארויסצוגעהן אין דעמיסיע עטליכע מאָנאַטען פאַר דער פאַרעפענטליכונג פון דעם באַפרייאונגס געזעץ; און די ארבייטען פון די ליבעראַלע קאָמיטע־טען זיינען איבערגעגעבען געוואָרן פאַר א נייער רעדאַקציע, א גינסטיגערער פאַר די גוטסבאַזיצער, צו די „קאָמיטעטען פון צוויי־טער צונויפרופונג", פאַר מיטגלידער פון וועלכע מען האָט מעהרס־טענס באַשטימט שקלאַפענהאַלטער פון דעם אַלטען שניט די אַזוי־גערופענע „קרעפּאָסטניקי" (אָנהענגער פון לייב־אייגענטום פון די פּויערים). דער פּרעסע האָט מען ווידער פאַרמאַכט דאָס מויל; עס איז פאַרבאָטען געוואָרן צו דיסקוטירן פריי דעם „סטאַטוט"; מען האָט קאָנפיסקירט איין צייטונגס נומער נאָכ'ן אַנדערן. „דען", די צייטונג פון איוואַן אַקסאַקאָוו, וואָס איז דעמאָלט געווען גאַנץ ראַדיקאַל, האָט געפּאָדערט די נויטיגקייט פון צונויפרופען דעם „זעמסקי סאָבאָר" (א קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג) און האָט

אפילו גאָרנישט ניט געהאט קעגען צוריקרופען דאָס רוסישע מי־ליטער פון פוילען. פארהעלטניסמעסיג אונבאדייטענדע פויערים אונרוהען אין קאזאנער גובערניע און די גרויסע שרפה אין פעטערבורג אין מאי, 1862 (אין וועלכער מען האָט באשולדיגט די פּאָליאקען און רעוואָלוציאָנערן), זיינען געוואָרן אן אורזאך צו פארשטארקען די רעאקציע. א לאנגע רייהע פּאָליטישע פּראָצעסען, וואָס זיינען באלד געוואָרן א כאראקטעריסטישער שטריך פון אלעקסאנדער דעם צווייטענס צייט, האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם, וואָס מען האָט פארשיקט אויף קאטאָרזשנע ארבייט דעם באוואוסטען פּאָעט און פּובליציסט מיכאיל מיכאילאָוו.

די רעאקציאָנערע כוואליע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אין פעטערבורג פון 1861 אָן, האָט נאָך ניט באוויזען צו דערגרייכען סיביר. דער טאָבאָלער גובערנאטאָר האָט באהערט מיט א מיטאָג מיכאילאָוו'ען אויף זיין וועג אין די מינען פון נערטשינסק. הערצען'ס „קאָלאָקאָל" איז געווען שטארק פארשפרייט אין סיביר. און אין אירקוטסק, וואוהין איך בין אָנגעקומען אין סעפטעמבער 1862, זיינען די קולטורעלע שיכטען פון דער געזעלשאפט נאָך געווען פול מיט אָפּטימיסטישע האָפנונגען. „רעפאָרמען" זיינען דעמאָלט גע־ווען אויף אלעמענס צונג אין אירקוטסק; און איינע פון די רע־פאָרמען, וואָס זיינען אם ליידענשאפטליכסטען דיסקוטירט גע־וואָרן, איז געווען די נויטיגקייט פון א פולשטענדיגער רעאָרגאני־זירונג פון דעם סיסטעם פון פארשיקונג.

איך בין באשטימט געוואָרן אדיוטאנט צום זאבאיקאלער גו־בערנאטאָר, גענעראל באָלעסלאוו קאזימיראָוויטש קוקעל, א ליט־ווין, וואָס האָט פולשטענדיג סימפאטיזירט מיט די ליבעראלע אי־דעען פון יענער צייט. און אין א מאָנאט ארום בין איך געווען אין דעם גרויסען סיבירער דאָרף טשיטא, וואָס מוראוויאָוו האָט דער־הויבען צום ראנג פון דער הויפטשטאָט פון זאבאיקאלער געגענד.

אין דער זאבאיקאלער פּראָווינץ געפינען זיך די באוואוסטע נערטשינסקער מינען. אהער פארשיקט מען פון אלע עקען רוס־לאנד די פאראורטיילטע אויף קאטאָרזשנע ארבייט; איז דערי־בער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די פראגע וועגען פארשיקונג און קאטאָרגא איז אָפט פון אונז ארומגערעדט געוואָרן. כמעט יעדער איינוואוינער אָדער באאמטער איז געווען באקאנט מיט יענע

שרעקליכע באדינגונגען, אונטער וועלכע מען פלעגט טראנספּאָר־טירן די ארעסטאנטען, וואָס פלעגען דערביי מוזען גהען צופוס דעם גאנצען וועג פון פערם ביז דער זאבאיקאלער פּראָווינץ. אלע־מען איז געווען באקאנט דער שרעקליכער צושטאנד פון די פּאר־האפטונגס פלעצער, סאי אין די מינען פון נערטשינסקער געגענד, סאי איבער גאנץ רוסלאנד. און דעריבער האָט דאָס מיניסטעריום פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען, אין פאַרבינדונג מיט דער רע־ווידירונג פון דער אלגעמיינער קרימינעלער געזעצגעבונג פון דער אימפּעריע און פון דער פראגע וועגען פארשיקונגג, געפּלאנט אויפצונעמען א גאנצע רייה ראדיקאלע רעפאַרמען, בנוגע דעם צושטאנד פון געפענגניסען אין רוסלאנד און סיביר.

— „מיר האָבען באקומען א צירקוליאר פון דעם מיניסטעריום פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען", — האָט מיר איינמאָל געזאגט קוקעל, — „מען בעט אונז צונויפזאמלען אלערליי ידיעות וועגען דעם צושטאנד פון די געפענגניסען און מיטטיילען אונזער מיי־נונג וועגען די נויטיגע רעפאָרמען. איהר ווייסט, וויפיעל ארבייט מיר האָבען איצט, פאר אזא ארבייט איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך נע־מען. דער בערג דעפּארטאמענט פארוואלט די קאטאָרזשנע געפענג־ניסען פון נערטשינסקער געגענד. מיר האָבען אריינגעשיקט אָנ־פראגען אויפ'ן רעגולערן אופן, אָבער קיינער ענטפערט אונז גאָר־נישט. אפשר וועט איהר זיך נעמען פאר אָט דער ארבייט?" — איך האָב, נאטירליך, געענטפערט, אז איך קאָן זיך ניט נעמען פאר אזא ארבייט, ווייל איך בין נאָך צו יונג און אינגאנצען ניט באקאנט מיט דער זאך. אויף דעם האָט קוקעל איינפאך געענטפערט:

— „נו, געווים. אָבער דאָך פארנעמט זיך מיט דער פראגע, שטודירט זי! אין „זשורנאל פון מיניסטעריום פון אינערליכע אנ־געלעגענהייטען" וועט איהר געפינען א רייה אויסגעצייכענטע אר־טיקלען וועגען אלערליי געפענגנים סיסטעמען. און וואָס אָנבא־טרעפט דער פּראקטישער זייט פון דער פראגע, וועלען מיר זעהן אויסצוגעפינען ריכטיגע דאטען וועגען דעם איצטיגען צושטאנד. בא־זוכט אלע תפיסות, באטראכט זיי. און נאָכדעם וועלען אייך העל־פען פּאָלקאָווניק פעדראמענקאָ און די עררען אנדרעיעוו און יאד־רינצעוו, און אויך איינציגע בערג באאמטע. מיר וועלען באטראכ־טען יעדע קלייניגקייט אינאיינעם מיט מענשען, וואָס זיינען פּראַק־

טיש באקאנט מיט דעם געגענשטאנד. אָבער פריהער פון אלץ מוז מען צונויפזאמלען דאטען, צוגרייטען דעם מאטעריאל פאר אונזערע פארהאנדלונגען."

אויף אזא אופן בין איך גאָר אומגעריכטערהייט געוואָרן סעקרעטאר פון זאבאיקאלער קאָמיטעט וועגען דער געפענגנים רעפאָרם. עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז איך האָב זיך מיט דעם שטארק געפרעהט און האָב זיך גענומען צו דער ארבייט מיט מיין גאנצער יוגענדליכער ענערגיע. דער צירקולאר פון מיניסטעריום האָט מיך אינספירירט. ער איז געווען אָנגעשריבען אין א הויכען סטיל. דאָס מיניסטעריום אליין האָט אָנגעוויזען אויף די חסרונות פון דעם געפענגנים סיסטעם און האָט אויסגעדריקט זיין פולשטענדיגע גרייטקייט אויפצונעמען אויף אָט דעם געביט ראדיקאלע רעפאָרמען פון דעם הומאנסטען כאראקטער. אין דעם צירקולאר איז, צווישען אנדערעס, אָנגעוויזען געוואָרן אויף די פארשידענע שטראָף סיסטעמען, וואָס ווערן פראקטיצירט אין מערב איירָאָפּא, אָבער זיי אלע באפרידיגען ניט דאָס מיניסטעריום; און אין עלאָקווענטע אויסדרוקען שלאָגט פאָר דאָס מיניסטעריום זיך אומצוקערן „צו די יסודות, וואָס זיינען פראָקלאמירט געוואָרן פון דער גרויסער עלטער־באָבען און דעם גרויסען זיידען פון דעם מאָנארך, וואָס קיניגט איצט בשלום". פאר יעדען רוס, וואָס איז מעהר־ווייניגער באקאנט מיט דער געשיכטע פון זיין פאָטערלאנד, איז גענוג צו הערן דערמאָנען וועגען דעם באריהמטען „נאקאז" פון יעקאטערינא דער צווייטער, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון די ענציקלאָפּעדיסטען, און וועגען די הומאניטארע טענדענצען, מיט וועלכע די ערשטע יאָהרן פון אלעקסאנדער דעם ערשטענס צייט איז געווען דורכגעדרונגען, אז פאר איהם זאל שוין אויפשטעהן א גאנצע פראָגראם. מיין ענטוזיאזם איז פארדאָפּעלט געוואָרן נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעלייענט דעם צירקולאר.

אָבער ליידער איז די זאך ניט אוועק אזוי ווייט, ווי איך האָב ערווארט. דער בערג דעפּארטאמענט, אונטער וועמעס רשות עס האָבען זיך געפונען די קאטאָרזשניקעס, וואָס האָבען געארבייט אין די נערטשינסקער פאבריקען, האָט זעהר ווייניג געזארגט וועגען די „גרויסע יסודות", וואָס יעקאטערינא האָט פּראָקלאמירט, און

האָט זיך מסתמא געהאַלטען ביי דער מיינונג, אַז וואָס ווייניגער רעפאָרמען, אַלץ בעסער. די פיעל מאָל ווידערהאָלטע אָנפראַגען פון דעם גובערנאַטאָר זיינען געבליבען גאָר אָהן קיין שום ענטפער, — עס קאָן זיין דערפאַר, איבריגענס, וואָס דער דעפּאַרטאַמענט איז געווען דירעקט אונטערוואָרפען ניט צום גובערנאַטאָר, נאָר צו „זיין מאַיעסטעט׳ס קאַבינעט" אין פּעטערבורג. אַ לאַנגע צייט האָט דער דעפּאַרטאַמענט פאַר׳עקשנ׳ט געשוויגען, און ווען ער האָט ענדליך צוגעשיקט אַ פּאַק „ווערדאָמאָסטי" (אַן אָרטיגע אָפיציעלע צייטונג), האָט מען פון זיי אפילו ניט געקאָנט באַשטימען ניט די גרויס פון די הוצאות אויף דער אויפהאַלטונג פון די אַרעסטירטע, ניט דעם ווערט פון זייער אַרבייט.

צום גליק האָבען זיך געפונען אין טשיטאַ ניט ווייניג מענשען, וואָס זיינען געווען גוט באַקאַנט מיט דעם צושטאַנד פון די קאַ־טאָרגאַ געפענגנניסען, און עטליכע בערג באַאַמטע האָבען מיר אויך גערן געגעבען געוויסע אָנווייזונגען. צווישען אַנדערעס, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז קיין איינע פון די זילבער מינען, ווי אויך אייניגע פון די גאָלד מינען, וואָס ווערן באַאַרבייט מיט דער הילף פון די קאַטאָרזשניקעס, האָבען קיין איינקונפט ניט געבראַכט, און די בערג באַאַמטע האָבען געהאַלטען פאַר נויטיג צו פאַרמאַכען דעם גרעסטען טייל פון די מינען. עס איז גאָר קיין גרענעץ ניט געווען צום ווילקיר און דעספּאָטיזם פון די פאַרוואַלטער אין די גע־פענגניסען, און די שרעקליכע קלאַנגען, וואָס האָבען זיך געטראָ־גען איבער דער גאַנצער זאַבאַיקאַלער געגענד וועגען דער ברוטאַלי־טעט פון איינעם אַזאַ פאַרוואַלטער, מיט׳ן נאָמען ראַזגילדעיעוו, האָבען נאָך די אויספאַרשונגען זיך אַרויסגעשטעלט פאַר פולשטענדיג ריכטיג. שרעקליכע סקאָרבוט עפּידעמיעס האָבען יעהרליך אויס־געקאָסעט די אַרעסטאַנטען אין די הונדערטער, און פון פּעטערבורג האָט מען אין דערזעלביגער צייט געשיקט באַפעהלען, אַז מען זאָל באַקומען וואָס מעהר גאָלד. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט הונגעריגע מענשען געצוואונגען צו אַרבייטען איבער די כחות. די ידיעות וועגען די געפענגנים געביידען האָבען באמת געקאָנט אַריינברענגען אין פאַרצווייפלונג: די געפענגניסען זיינען געווען איבערפילט מיט אַרעסטאַנטען און זיינען געווען דורך־און־דורך צו־פוילט פון דעם שמוץ, וואָס גאַנצע דורות אַרעסטירטע האָבען

דאָרטען איבערגעלאָזט. לויט די באריכטען, האָבען דאָ קיין פאַר־ליאַטיוועז גאָרנישט ניט געקאָנט העלפען, עס זיינען נויטיג געווען גרינדליכע רעפאָרמען. איך האָב פערזענליך באזוכט עטליכע גע־פענגניסען און האָב זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון די באריכטען. די זאבאיקאלער באאמטע האָבען דעריבער דרינגענד געפאָדערט, אז די צאָהל ארעסטאַנטען, וואָס ווערט אין אָט די פראָווינץ געשיקט, זאָל פארקלענערט ווערן. זיי האָבען דערביי אָנגעוויזען אויף די פיזישע אונמעגליכקייט צו געפינען פאַר די ארעסטאַנטען ניט נאָר ארבייט, נאָר אפילו א פלאַץ וואו צו זיין.

ניט בעסער איז די לאַגע געווען מיט'ן איבערשיקען די פאַר־שיקטע דורכ'ן עטאַפּ; די ארבייט האָט זיך געפונען אין דעם קלעגליכסטען צושטאַנד. אַן עהרליכער יונגער באאמטער, אַן אינ־זשענער לויט דער פּראָפעסיע, איז געשיקט געוואָרן צו באַטראַכ־טען די עטאַפּען, און ער האָט ערקלערט, אז זיי מוזען אַלע אויף דאָס ניי אויסגעבויט ווערן; א סך פון זיי זיינען געווען צו־פוילט ביז צום פונדאמענט, און קיין איינער איז ניט געווען גענוג גראָם ארייננצונעמען די גרויסע צאָהל ארעסטאַנטען, וואָס פלעגט אמאָל אין אזא עטאַפּ זיך אָנזאַמלען. איך האָב באזוכט עטליכע עטאַפּען, האָב געזעהן די ארעסטאַנטען פּאַרטיעס אין וועג און האָב נאָר געקאָנט שטאַרק רעקאָמענדירן, אז מען זאָל איינגאַנצען אָפּ־שאַפען דאָס שרעקליכע עטאַפּען־סיסטעם, וואָס פיהרט נאָר צו א צוועקלאָזען מאַטערן פון טויזענטער מענער, פרויען און קינדער.

ווען אונזער אויספאָרשונג איז דערגאַנגען צו די אָרטיגע אָס־טראָגען, וואָס האָבען געדינט פאַר פאַרהאַפטונגס־פלעצער פאַר די אָרטיגע ארעסטאַנטען, האָבען מיר אויסגעפונען, אז אפילו אין א געוועהנליכער צייט זיינען זיי אָנגעפילט ביז צום העכסטען גראַד; עס איז אָבער לייכט זיך פאָרצושטעלען, וואָס דאָרטען מוז פאָרקו־מען, ווען מען פאַרהאַלט די ארויסגעשיקטע ארעסטאַנטען פאַר־טיעס צוליעב פאַרפלייצונגען פון טייכען אָדער צוליעב די שרעק־ליכע סיבירער פרעסט. אָט די אַלע אָרטיגע אסטראָגען זיינען גע־ווען ריכטיגע קאָפּיעס פון דעם „טויטען־הויז", וואָס דאָסטאָיעוו־סקי האָט באשריבען.

א קליינער קאָמיטעט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון גוטע מענשען און וואָס פלעגט זיך צונויפקומען פון צייט צו צייט

אין גובערנאטאָר'ס הויז, האָט זיך ענערגיש גענומען באטראכטען די פראגע, אויף וואָס פאר אן אופן מען קאָן די זאך אויסבעסערן, ניט באַלעסטיגענדיג דערביי מיט נייע הוצאות ניט די מלוכה קאַסע און ניט דעם אָרטיגען בודזשעט, וואָס איז שוין אזוי אויך גענוג שווער. דער קאָמיטעט איז איינשטימיג געקומען צום שלוס, אז די פארשיקונג, אין דער פאָרם ווי זי עקזיסטירט, איז א שמאך פאר דער מענשהייט; אז זי פאלט ווי א שווערע לאסט אויף סיביר, און אז רוסלאנד קאָן אליין זאָרגען וועגען איהרע ארעסטאנטען, אַנשטאַט שיקען זיי אין סיביר. איינמאָל אז די פראגע איז אזוי אוועקגעשטעלט געוואָרן, האָט זיך ארויסגעוויזען פאר נויטיג ניט נאָר א רעפאָרם פון דעם קרימינעלען קאָדעקס און דער געריכטליכער פראָצעדור, — א רעפאָרם, וואָס איז פארשפּראָכען געוואָרן אין די מיניסטערישע צירקולארן, — נאָר אויך די איינפיהרונג אין רוסלאנד גופא פון א נייעם געפענגנים סיסטעם.

אונזער קאָמיטעט האָט אָנגעוואָרפען אין אַלגעמיינע שטריכען דעם פּלאַן פון אזא סיסטעם. די הויפּט־שטריכען פון דעם פּלאַן זיינען געווען: אָפּשאפען די איינצעל־פארהאפטונג; איינטיילען די ארעסטאנטען אין גרופען פון 10־20 מענשען אין די קאמערן; א פארהעלטניסמעסיג קורצער טערמין פון פארהאפטונג, און א פּראָדוקטיווע, גוט באצאָהלטע ארבייט. אין זיין באריכט האָט אונזער קאָמיטעט אויפגעפאָדערט צו ענערגישער ארבייט אין רוסלאנד גופא, כדי צו פארוואנדלען איהרע תפיסות אין איינריכטונגען פאר דער אויסבעסערונג פון די פארברעכער; דערביי איז ערקלערט געוואָרן, אז די זאבאיקאלער פּראָווינץ איז פולשטענדיג גרייט צוצוטרעטען צו דער רעפאָרמירונג פון איהרע געפענגניסען נאָך דעם אָנגעוויזענעם פּלאַן, ניט פאָדערנדיג קיין נייע אויסגאבען פון דער מלוכה קאסע. אין דעם באריכט איז אָנגעוויזען געוואָרן, וואָס פאר א כאראקטער די ארבייט אין די געפענגניסען דארף טראָגען, און דערביי איז די מיינונג פון די אויטאָרן פון באריכט געווען, אז די הוצאות פאר דער אויפהאלטונג פון די תפיסות דארפען געדעקט ווערן פון דער ארבייט פון די ארעסטאנטען גופא, וואָס איז א גאנץ דערגרייכבארע זאך ביי א ריכטיגער אָרגאניזאציע. דער קאָמיטעט האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אז עס וועלען זיך געפינען גענוג נייע מענשען, וואָס זיינען נויטיג, כדי דורכצופיהרן אין

לעבען אזא אלזייטיגע רעאָרגאַניזירונג פון די געפענגניסען; בעת ביי די אלטע פיהרונגען איז שווער געווען צו געפינען אן עהרליכען געפענגנים וועכטער, וועט דאָס נייע סיסטעם גאָר אָהן ספק ארויס־רופען נייע עהרליכע ארבייטער צו טעטיגקייט אויף אָט דעם געביט.

איך מוז מודה זיין, אז אין יענער צייט האָב איך נאָך אלץ געגלויבט אין דער מעגליכקייט צו פארוואנדלען די געפענגניסען אין רעפארמירונגס אנשטאלטען און האָב געמיינט, אז בארויבונג פון פרייהייט קאָן געהן האנט אין האנט מיט מאָראלער ווידערגעבורט; דעריבער האָב איך אזוי ענטוזיאסטיש באשריבען אָט די אלע שלו־סען... אָבער איך בין דאָך דעמאָלט אלט געווען אינגאנצען צוואנ־ציג יאָהר! די גאנצע ארבייט האָט פארנומען אכט אָדער ניין מאָ־נאטען, און די רעאקציע אין רוסלאנד האָט זיך אין דער צייט אלץ געשטארקט. דער פוילישער אויפשטאנד איז געווען א פאַ־סיגער תירוץ, אז די רעאקציאָנערן זאָלען אראָפּווארפען די מאסקען און אָנהויבען אן אָפענע אגיטאציע, רופענדיג זיך אומצוקעהרן צו דער אלטער אָרדנונג, צו די אידעאלען פון לייב־אייגענטום. די גוטע אבזיכטען פון 1859־1862 זיינען אין הויף פארגעסען גע־וואָרן; לעבען אלעקסאנדער דעם צווייטען האָבען זיך באוויזען נייע טוער, וואָס האָבען געקאָנט זעהר קונציג איינשרעקען איהם און באנוצען זיך מיט זיין שוואכען כאראקטער. די מיניסטאָרן האָ־בען פאנאנדערגעשיקט נייע צירקולארן, דאָס מאָל שוין אָהן סטי־ליסטישע שעהנקייטען, וואָס זיינען פארביטען געוואָרן אויף דער געוועהנליכער, אָפיציעלער פראזעאָלאָגיע. אין אָט די צירקולארען איז קיין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרן וועגען רעפאָרמען, נאָר אָנשטאָט זיי האָט מען אָנגעוויזען אויף די נויטינקייט פון א שטארקער מאכט און דיסציפּלין.

איין שעהנעם טאָג האָט דער גובערנאטאָר פון דער זאבאי־קאלער פּראָווינץ באקומען א באפעהל אוועקצולעגען זיין אמט און זיך אומקערען אין אירקוטסק, ביז א ווייטערער פאראָרדנונג. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז מען האָט אויף איהם אָנגעגעבען א מסירה: מען האָט איהם באשולדיגט, אז ער איז זיך צו גוט באגאנגען מיט דעם פארשיקטען מיכאילאָוו׳ען, אז ער האָט איהם ערלויבט זיך אויפצוהאלטען אין א פּריוואטער מינע אין נער־

טשינסקער ראיאָן, וואָס זיין ברודער האָט ארענדירט; מען האָט דעם גובערנאטאָר אויך באשולדיגט, אז ער האָט ארויסגעוויזען סימפּאטיע צו די פּאָליאקען. ווען דער נייער גובערנאטאָר איז אָנגעקומען אין זאבאיקאַלער געגענד, איז אויך אויסגעקומען אי־בערצוארבייטען פון דאָס ניי אונזער באריכט, ווייל דער גובערנא־טאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט איהם אונטערצושרייבען. מיט אַלע כחות האָבען מיר געקעמפט, אָפּצוגעווינען כאָטש די הויפּט שלוסען פון דעם באריכט; מיר האָבען מקריב געווען די פאָרם און האָבען אזוי ענערגיש פארטיידיגט דעם עצם, אז דער גובערנאטאָר האָט סוף כל סוף געגעבען זיין אונטערשריפט, און דער באריכט איז אָפּ־געשיקט געוואָרן אין פּעטערבורג.

וואָס איז פון איהם געוואָרן? מסתמא ליגט ער נאָך עד היום אין די ארכיוועז פון מיניסטעריום. אין פארלויף פון די פאָלגענ־דע צעהן יאָהר איז די פראגע וועגען רעפאָרמירן די געפענגניסען אינגאנצען פארגעסען געוואָרן. נאָכדעם, אין 1872, 1877-78, און שפּעטער, האָט מען אָרגאניזירט ספּעציעלע קאָמיסיעס וועגען דעם ענין. אָט די אַלע קאָמיסיעס האָבען ווידער און ווידער אמאָל קריטיקירט די פארעלטערטע אָרדנונגען, זיי האָבען געשאפען נייע סיסטעמען, — אָבער די אַלטע אָרדנונג איז ביז היינטיגען טאָג געבליבען אונבאריהרט. נאָך מעהר, אַלע פארזוכען אויף רעפאָר־מען האָבען זיך אויף א פאטאַלען אופן געענדיגט מיט דער אומ־קערונג צום אַלטען טיפּ פון רוסישען „אָסטראָג״.

אמת, פאר דער צייט האָט מען אין רוסלאַנד אויפגעבויט עט־ליכע צענטראַלע געפענגניסען, אין וועלכע עס ווערן אויפגעהאַלטען קאטאָרזשניקעס אין פארלויף פון 4-6 יאָהר, ביז זייער פארשי־קונג אין סיביר. מיט וואָס פאר א צוועק האָט מען דאָס איינגע־פיהרט? אפשר מיט דער אבזיכט צו „באשרענקען״ די צאָהל קאָ־טאָרזשניקעס, לאָזענדיג זיי אויסשטארבען, וואָרים די שטערבליכ־קייט אין די צענטראַלע תפיסות איז שרעקליך גרויס. פאר די לעצטע יאָהרען האָט מען אויפגעבויט זיבען אזעלכע געפענגני־סען*): אין ווילנא, סימבירסק, פּסקאָוו, טאָבאָלסק, פּערם און צוויי

*) דאָס איז געשריבען געוואָרן אין 1886.

אין כאַרקאָווער גובערניע. אָבער אורטיילענדיג נאָך די אָפיציעלע באַריכטען, אונטערשיידען זיי זיך אייגענטליך מיט קיין זאך ניט פון די געפענגניסען פון דעם אלטען טיפּ: „דיזעלביגע שמוץ, דאָזעלביגע ליידיג־גייהן פון די אַרעסטאַנטען, דיזעלביגע פּאַראַכטונג צו די פּרימיטיוויסטע פאָדערונגען פון היגיענע", — אַזוי כאַראַקטעריזירט די צענטראַלע געפענגניסען אַ האַלב־אָפיציעלער באַריכט. אין אַט די אַלע געפענגניסען זיינען אין 1880 געווען פאַרשפּאַרט 2,464 מענשען, דאָס הייסט, מעהר איידער די געפענגניסען האָבען געקאָנט אַריינגעמען, כאָטש אין דערזעלביגער צייט איז די צאָהל פון קאַטאָרזשאַנעס־צענטראַליסטען געווען אומבאַדייטענד, אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער צאָהל קאַטאָרזשאַנעס, וואָס ווערען יעהרליך פאַרשיקט אין סיביר. אויף אַזאַ אופן איז צו די אַלע אומגליקען, וואָס באַפאַלען די קאַטאָרזשניקעס, נאָך צוגעקומען אַ נייע צרה: אַ שטרענגע פאַרהאַפטונג אין די צענטראַלע געפענגניסען; דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער „רעפאָרם", וואָס האָט פאַרשלונגען עטליכע מיליאָן פון דעם פאָלקס געלט.

די פאַרשיקונג איז אין אַלגעמיין געבליבען דיזעלביגע, ווי איך האָב זי געקענט אין 1862, אויסער אפשר איין וויכטיגע נייע איינפיהרונג אין דעם מעטאָד פון איבערשיקען די אַרעסטאַנטען. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אָנשטאָט שיקען מיט'ן „עטאַפּ צופוס", וועט דער מלוכה קאַסע אויסמאַכען ביליגער אַריבערצופיהרען יעהרליך אַרום 20,000 מענשען (כמעט צוויי דריטעל פון וועלכע ווערן פאַרשיקט אָהן אַ געריכטליכען פּראָצעס) פון פּערם ביז טיומען, דאָס הייסט, פון קאַמאַ ביז צום באַסיין פון אָב, אויף פערד, און פון דאָרטען אויף באַרזשעס, וואָס ווערן געצויגען פון דאַמפּפערס. איין צייט איז די אויסגראָבונג פון זילבער אין די נערטשינסקער מינען כמעט אָפּגעשטעלט געוואָרן, און צוליב דעם האָט מען אויפגעהערט פאַרשיקען די קאַטאָרזשניקעס אין אָט די אויסערגעוועהנליך אומגעזונטע מינען, וואָס האָבען (אַקאַטוי, צום ביישפּיעל) די ערגסטע רעפּוטאַציע. אָבער עס הערט זיך, אַז מען פּלאַנט ווידער אָנצוהויבען באַאַרבייטען די מינען, און דערוויילע — האָט מען באַשאַפען אַ נייעם גיהנם, ערגער פון אַקאַטוי: די קאַטאָרזשניקעס פאַרשיקט מען איצט אויף אַ זיבערן טויט אויף סאַכאַלין.

צום שלום מוז איך דערמאָנען וועגען די נייע עטאַפּען, וואָס מען האָט אויפגעבויט אויף א שטרעקע פון 3000 וויאָרסט, צווישען טאָמסק און סטרעטענסק (אויפ'ן טייך שילקא); די אריבערפיהרונג פון די ארעסטאַנטען פּאַרטיעס אויף אָט דעם וועג ווערט נאָך ביז היינטיגען טאָג געמאַכט צופוס*). די אַלטע עטאַפּען האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין רואינען; עס האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אונמעגליך צו באַנייען די מאַסע צופוילטע קלעצער, און מען האָט געמוזט בויען נייע געביידעס. זיי זיינען גרעסער פון די אַלטע, דערפאַר אָבער זיינען אויך די ארעסטאַנטען פּאַרטיעס געוואָרען גרעסער; און דעריבער הערשט אויף די נייע עטאַפּען דערזעלביגער געדרענג און דיזעלביגע אונריינליכקייט, ווי אין די אַלטע צייטען.

אויף וועלכע וויכטיגע „פאַרבעסערונגען" קאָן מען אָנווייזען פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר? איך האָב כמעט פאַרגעסען צו דערמאָנען וועגען דעם פּעטערבורגער „דאָם פּרעדווארילעלנאַוואָ זאַקליוטשעניא", מיט וועלכען מען באַריהמט זיך געוועהנליך פאַר די אויסלענדער. אין איהם געפינען זיך 317 איינצעל־קאַמערן און עטליכע גרויסע קאַמערן, אַזוי אז צוזאַמען קאָנען אין איהם אויפגעהאַלטען ווערן 600 מאַנסבילען און 100 פרויען, וואָס ווערן פאַרהאַלטען אין געפענגנים אין דער ערוואַרטונג פון זייער פּראָצעס. אָט דאָס זיינען, דוכט זיך, אַלע „פאַרבעסערונגען. ביים אריינפאָהר אין א וועלכער עס איז רוסישער שטאָט וועט איהר דערזעהן א שמוציגען, אַלטען, פינסטערן „אָסטראָג"; קיין זאַך האָט זיך ניט אומגעביטען אין דעם לעבען פון אָט די אַסטראָגען פאַר די לעצטע 25 יאָהר. ערטערווייז זיינען אויפגעבויט געוואָרן נייע תפיסות, דאָ און דאָרט האָט מען פאַרריכט אַלטע; אָבער דאָס געפענגנים סיסטעם און די באַהאַנדלונג פון די ארעסטאַנטען איז געבליבען דיזעלביגע: אין די נייע געביידעס זיצט פּעסט דער גייסט פון דעם אַלטען רעזשים, און ערוואַרטען אַן אמת'ע באַנייאונג אין דער געפענגנים וועלט וועט מען קאָנען נאָר דעמאָלט, ווען די גאַנצע אָרדנונג פון רוסישען לעבען וועט באַ־

*) דאָס איז געשריבען געוואָרן אין 1886. ווי באַקאַנט, איז איצט די פאַרשיקונג אין סיביר אָפּגעשטעלט געוואָרן.

נייט ווערן. אין דער איצטיגער צייט אָבער פיהרן אַלערליי „רע־פאָרמען", ניט זעלטען צו נאָך אַן ערגערן צושטאנד.

וואָס עס זאָלען ניט האָבען געוועזן די חסרונות פון די תפיסות אין דער פריהערדיגער צייט, האָט זיך פונדעסטוועגען אין 1862 איבער'ן גאנצען לאנד פארבייגעטראָגען א ווינטעל פון ברייטען הומאניזם, וואָס איז אריינגעדרונגען דורך פארשידענע וועגען אפילו אין די טיפענישען פון די רוסישע געפענגניסען. און איצט . . . „האלט ז י י אזוי שטרענג ווי מעגליך!" — טראָגט זיך דער ווידערקול איבער די רוסישע געפענגניסען.

צווייטער קאַפּיטעל.

די רוסישע תּפיסות — פאָרטגעזעצט.

די געזעלשאַפטליכע מיינונג פון די אויפגעקלערטסטע מענ־שען אין איראָפּאַ איז שוין לאַנג געקומען צום שלוס, אז אונזערע שטראָף איינריכטונגען זיינען ווייט פון צו זיין פולקאָם, און אז זיי זיינען אין עצם אַ לעבעדיגער ווידערשפּרוך צו די מאָדערנע טעאָ־ריען וועגען אַ פאַרנינפטיגער באהאנדלונג פון ארעסטירטע. מען קאָן זיך מעהר ניט בארופען אויף דעם אַלטען פּרינציפּ lex talionis — דאָס רעכט פון געזעלשאַפטליכער נקמה אנטקעגען דעם פאַרברעכער. מיר פאַרשטעהען איצט, אז סאַי פאַרברעכער, סאַי העלדען זיינען אין אַ גלייכער מאָס פּראָדוקטען פון דער געזעלשאַפט גופא; מיר אָנערקענען אין אַלגעמיין, ווע־ניגסטענס אין טעאָריע, אז אָפּנעמענדיג ביים פאַרברעכער די פריי־הייט, דאַרפען מיר אָנשטאָט דעם זאָרגען וועגען זיין רעפאָרמי־רונג. דאָס איז דער אידעאַל, אָבער די ווירקליכקייט איז אַ בי־טערער שפּאָט איבער דעם אידעאַל. גאָר ניט קלערענדיג אפילו, גיבען מיר אָפּ דעם מערדער אין דעם הענקער׳ס הענט; דער מענש, וואָס איז אריינגעפאַלען אין געפענגניס, טראָגט פון איהר ארויס, אָנשטאָט מאָראַלער אויסבעסערונג, אַ פאַרשטאַרקטען האַס צו דער געזעלשאַפט. די דערנידעריגענדיגע פאָרמען פון געצוואונגענער געפענגניס ארבייט דערוועקען אין איהם אַ ווידערווילען צו אר־בייט בכלל. האָבענדיג אויסגעליטען אַלערליי דערנידערונגען מצד די גליקליכערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וואָס ווייסען ווי צו זינדיגען, ניט פאַרברעכענדיג אנטקעגען די געזעצען, אָדער פון מענשען, וועמען זייערע לעבענס־באַדינגונגען האָבען באשיצט פון נסיונות, וואָס פיהרען צו פאַרברעכענס, — האָבענדיג אויסגעלי־טען אַלערליי דערנידערונגען מצד אַזעלכע מענשען, לערנט זיך

דער פארברעכער אוים טיף צו האסען אַט די גליקליכע מענשען, וואָס האָבען איהם דערנידעריגט, און ער דריקט אוים זיין האס אין דער פאָרם פון אַלץ נייע און נייע פארברעכענס.

אויב די שטראָף איינריכטונגען פון מערב אייראָפּא זיינען ניט אימשטאנד כאָטש ביז צו א געוויסען גראד זיך צו דערנעהנטערן צו יענע אידעאלען, די פארווירקליכונג פון וועלכע איז פאר זיי גע־ווען די איינציגע עקזיסטענץ־בארעכטיגונג, — איז וואָס בלייבט שוין איבער צו זאָגען וועגען די שטראָף־איינריכטונגען פון רוס־לאנד? די אונגעהויערע לאנגע טערמינען פון געפאנגענשאַפט פאר׳ן פּראָצעס; די עקעלהאפטע אומגעבונג פון די געפענגניסען; די צונויפשפארונג פון הונדערטער ארעסטאנטען אין קליינינקע, שמוציגע קאמערן; די הימעל־שרייענדיגע אונמאָראליטעט פון די געפענגנים וועכטער, וואָס זיינען פאקטיש אלמעכטיג, און וועמעס גאנצע טעטיגקייט באשטעהט אין איינשרעקען, אונטערדריקען און ארויסדריקען פון די ארעסטאנטען די מיזעראבעלע גראָשענס, וואָס די מלוכה קאסע באשטימט פאר זיי; די געצוואונגענע פוילקייט, ווען קיין ארבייט איז ניטאָ; א פולשטענדיגע אונאכטונג אויף די מאָ־ראלע נויטען פון די ארעסטאנטען; א מאָראלע פארדארבונג פון די ארעסטאנטען און א ציניש פאראכטונג צו זייער מענשליכער ווירדע, — דאָס זיינען די כאראקטעריסטישע שטריכען פון גע־פענגנים לעבען אין רוסלאנד. די אורזאך פון אַט די ערשיינונגען ליגט, נאטירליך, ניט אין דעם, וואָס די פּרינציפּען פון די רוסישע שטראָף איינריכטונגען זיינען ווענינער דערהויבען, איידער עהנ־ליכע פּרינציפען אין מערב אייראָפּא. פארקערט, איך בין גענייגט צו מיינען, אז דער גייסט פון אָט די איינריכטונגען אין רוסלאנד איז מענשליכער. עס איז קיין ספק ניט, אז פאר דעם ארעסטאנט איז וועניגער דערנידעריגענד צו פארנעמען זיך מיט א ניצליכער ארבייט אין סיביר, איידער פארברענגען די יאָהרן, קנייפּענדיג אַן אָנגעסמאָלעטע שטריק, אָדער קריכענדיג ווי א וועווערקע אין א ראָד, וואָס דרעהט זיך כסדר*); און אויב שוין אויסקלייבען צווי־שען צוויי איבלען, האָט דאָס רוסישע סיסטעם דעם פּאָרצוג פאר

*) דאָס איז ערשט ניט לאַנג אָפּגעשאַפט געוואָרן אין ענגלאַנד; דאָס אָנגעסמאָלעטע שטריק איז געבליבען.

דעם מערב־אייראָפּעאישען, וואָס אין רוסישען ווערט אויסגעשלאָסען טויט־שטראָף. צום אומגליק אָבער, ווערן די הומאַנסטע פּרינציפּען אין ביוראָקראַטישען רוסלאַנד ניט צום דערקענען, ווען מען נעמט זיי אָנווענדען אין דער פּראַקטיק. דעריבער, באַטראַכטענדיג די רוסישע געפענגנים און פאַרשיקונג, ווי זיי זיינען געוואָרן, ניט קוקענדיג אויף דעם גייסט פון געזעץ, מוזען מיר צוגעבען, אינאיינעם מיט אַלע אויספאָרשונגען פון די רוסישע געפענגניסען, אַז זיי זיינען אַ באַליידיגונג פאַר דער מענשהייט.

איינער פון די בעסטע רעזולטאַטען פון דער ליבעראַלער באַוועגונג פון 1859־62 איז געווען די געריכטליכע רעפאָרם. די אַלטע געריכטען מיט זייער פאַפירענער פאַרשלעפעניש, קאָלאָסאַלען כאַבאַר און פאַרקויפטקייט, זיינען געוואָרן אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט. דאָס געריכט מיט געשוואָרענע, וואָס האָט שוין עקזיסטירט אין אוראַלטען רוסלאַנד, נאָר וואָס די מאָסקווער צאַרען האָבען אונטערדריקט, איז ווידער איינגעפיהרט געוואָרן. דורך דעם געזעץ וועגען דער באַפרייאונג פון די פּויערים זיינען איינגעפיהרט געוואָרן געריכטען פון וואָלאָסטען (דאָרפס־באַצירקען) פאַר קליינע פּויערשע פּראָצעסען. דער נייער סטאַטוט וועגען געריכטען, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרן אין 1864, פיהרט איין פרידענס־ריכטער; אין רוסלאַנד ווערן אַזעלכע ריכטער אויסדערוועהלט פון דער באַפעלקערונג, און אין פּוילען און ליטאַ ווערען זיי באַשטימט פון דער קרוין.

אַלע באַשולדיגונגען, וואָס פיהרן צום אָפּנעמען די בירגערליכע רעכט, זיינען איבערגעגעבען געוואָרן אין יוריסדיקציע פון באַצירק געריכטען, מיט דעם אנטייל פון געשוואָרענע און מיט אַ פּראָצעס ביי אָפענע טירן. די ווערדיקטען פון אָט די געריכטען האָבען געקאָנט געבראַכט ווערן אין אַפּעלאַציאָנס געריכטען, און די ווערדיקטען פון די געשוואָרענע — אין קאַסאַציאָנס געריכטען. די פּרעלימינערע אויספאָרשונג האָט אָנגעהאַלטען איהר פריהערדיגען געהיימען כאַראַקטער; דאָס הייסט, אין געגענזאַץ צום ענגלישען סיסטעם און אין איינקלאַנג מיט דעם פראַנצויזישען, לאָזט מען ניט צו קיין אַדוואָקאַט צום באַשולדיגטען אין דער צייט פון דער פּרעלימינערער אויספאָרשונג; אָבער אין דערזעלביגער צייט איז געווען גאַראַנטירט די אונאָפּהענגיגקייט פון די געריכטס אויס־

פאַרשער (וואָס די שפּעטערדיגע געזעצן האָבן פולשטענדיג אָפּ־געשאַפט). דאָס זיינען בקיצור געווען די הויפּט שטריכן פון דעם רעפאָרמירטען געריכט, לויט די געריכטס סטאַטוטען פון 1864. וועגן דעם אַלגעמיינעם גייסט פון אָט דעם געזעץ קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אַז, מיט דער אויסנאַם פון דער פּראָצעדור פון פּרע־לימינערער אויספאָרשונג, איז ער געווען אין פולשטענדיגען איינ־קלאַנג מיט די ליבעראַלסטע אידעען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען גאַנגבאַר אין דער יורידישער וועלט פון אייראָפּאַ.

כמעט גלייכצייטיג מיט דער פאַרעפענטליכונג פון דעם נייעם געריכטס־סטאַטוט, זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן (דורך אַ דעקרעט פון 17טען אַפּריל 1863) די שענדליכסטע רעשטען פון דער אַלטער קרימינעלער געזעצגעבונג: די עפענטליכע באַשטראָפונג מיט'ן קנוט און דאָס שטעמפּלען די פאַרברעכער. אָט די ענדערונג איז אין אַ באַדייטענדער מאָס אַרויסגערופן געוואָרן פון דער געזעל־שאַפטליכער מיינונג פון לאַנד, וועמען די שענדליכע ירושה פון דעם באַרבאַרישען אַלטערטום האָט שטאַרק אויפגערעגט. די עמ־פערונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין איינציגע ערטער האָבן די גובערנאַטאָרן זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיגען ווערדיקטען וועגן באַשטראָפען מיט'ן קנוט. און איינציגע גובערנאַטאָרן (קוקעל איז געווען איינער פון זיי) האָבן מתרה געווען דעם הענקער, אַז אויב ער וועט זיך ניט באַשרענקען מיט אַ כלומר'שטער באַשטראָפונג, קוים באַריהרנדיג דעם פאַרברעכער'ס קערפּער מיט'ן קנוט (אָט דער פּראָפּיטאַבעלער צווייג פון דער קונסט איז די הענקער געווען גוט באַקאַנט), וועט ער אַליין פאַר דעם שווער באַשטראָפט ווערן. די קערפּערליכע באַשטראָפונג איז אויף אַזאַ אופן אָפּגעשאַפט גע־וואָרן, כאָטש צום באַדויערן ניט איינגאַנצען: די וואָלאָסט גע־ריכטען האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן דאָס רעכט צו באַשטראָפען מיט שמיץ, און שמיץ זיינען אויך געבליבען, אינאיינעם מיט דער בייטש, אין די געפענגניסען אויף קאַטאָרגאַ. פריער האָט מען געקאָנט באַ־שטראָפען קערפּערליך נאָר אין דעם פאַל, ווען מען האָט ביי זיי פריהער איינגאַנצען אָפּגענומען אַלע בירגערליכע רעכט.

אָבער, ווי אַנדערע רעפאָרמען פון אָט דער צייט, זיינען די ביידע געזעצגעבערישע רעפאָרמען, וועגן וועלכע מיר האָבן אוי־בען גערעדט, אין אַ באַדייטענדער מאָס פּאַראַליזירט געוואָרן דורך

ענדערונגען, וואָס מען האָט שפּעטער אין זיי אריינגעטראָגען, און אויך דורך זייער ניט דערגענצטקייט. דאָס אַלטע קרימינעלע גע־זעץ, וואָס האָט איינגאַנצען ניט אַנטשפּראָכען דעם נייעם גייסט, איז געבליבען. צוואַנציג יאָהר זיינען אַריבער פון דער צייט, ווען מען האָט צוגעזאָגט צו רעווידירען דאָס געזעץ; קאָמיסיעס זיינען געזעסען איינע נאָך דער אַנדערער; נאָך ערשט ניט לאַנג איז אין די צייטונגען ערשינען אַ ידיעה, אַז מען האָט ענדליך באַשטימט אַ צייט, ביז וועלכער די פאַרעלטערטע קרימינעלע געזעצען דאַרפען רעווידירט ווערען, און אַז די באַרבאַרישע געזעצען פון 1845 וועלען אָפּגעשאַפט ווערען. אָבער דערווייל בלייבט נאָך אַלץ אין קראַפט דער סטאַטוט, וואָס איז אַרויס פון די טיפענישען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס קאָמיסיע; און אין אַ פאַרבעסערטער אויפלאַגע פון 1857 שיינט נאָך אַלץ פּאַראַגראַף 799, לויט וועלכען אַרעס־טאַנטען קאָנען באַקומען מיט דער בייטש פון 5 ביז 6000 שמיץ, און צוגעשמידט ווערען צו דער טאַטשקע אויף אַ צייט פון איינעם ביז דריי יאָהר.*)

נאָך טרויעריגער איז געווען דאָס שיקזאַל פון דער געריכטלי־כער רעפאָרם: זי האָט נאָך ניט באַוויזען אַריינצוגעהן אין קראַפט, ווי זי איז שוין דערשטיקט געוואָרען פון מיניסטערשע צירקולאַרען. פריהער פון אַלץ איז זי ניט איינגעפיהרט געוואָרען אויף דעם גאַנצען שטח פון דער אימפּעריע, און אין 38 גובערניעס איז איבערגעלאָ־זען געוואָרען דאָס אַלטע געריכטס סיסטעם, און אַ דאַנק דעם איז דאָרטען ווייטער אָנגעגאַנגען דער אַלטער כּאַבּאַר. ביז 1885 איז דאָס אַלטע סיסטעם אָנגעהאַלטען געוואָרען אין גאַנץ סיביר; און ווען מען האָט ענדליך אין 1864 איינגעפיהרט דעם סטאַטוט אין דריי סיבירישע גובערניעס, איז ער געווען אַזוי פאַרקריפּעלט, אַז ער האָט פאַרלאָרען זיינע בעסטע שטריכען. דאָס געריכט פון געשוואָ־רענע בלייבט נאָך אַלץ אַ חלום אויף יענער זייט אוראַל. די ליטווישע גובערניעס, פּוילען, די באַלטישע פּראָווינצען, ווי אויך איינינע דרום־מזרח'דיגע און צפון'דיגע גובערניעס (איינשליסענדיג די אַרכאַנ־געלסקער) בלייבען נאָך אַלץ ביי דער אַלטער געזעצגעבונג; און

*) דאָס אַלטע באַשטראָפונגס געזעץ איז אָנגעהאַלטען געוואָרען ביז דער גאָר לעצטער צייט.

ווילנער און מינסקער גובערניעס איז דער נייער סטאטוט פארקריפעלט געווארן פון די רעאקציאנערע טענדענצען פון דער איצטיגער רעגירונג.*)

אין יענע גובערניעס פון רוסלאנד, וואו עס איז איינגעפיהרט געווארן דער סטאטוט פון 1864, האבען די רעאקציאנערן אנגענומען אלע מיטלען, כדי צו שטערן אויף ווי ווייט מעגליך דער ווירקונג פון דעם סטאטוט, ניט אפשאפענדיג איהם פאקטיש. די געריכטס־אויספארשער האט מען איננאנצען ניט געגעבען קיין מעגליכקייט צו באנוצען זיך מיט דער אונאפהענגיגקייט, וואס דער נייער סטאטוט גאראנטירט. דאס האט מען דערגרייכט אויף א זעהר איינפאכען וועג: מען האט די געריכטס־אויספארשער באשטימט נאר ווי „שטעלפארטרעטער"; אויף אזא אופן האט דאס יוסטיץ מיניסטעריום געקאנט זיי איבערפיהרן און אפזאגען, ווי אזוי איהם איז נאר איינגעפאלען. די מיטגלידער פון די באצירקגעריכטען זיינען געשטעלט געווארן אלץ אין א גרעסערע אפהענגיגקייט פון דעם יוסטיץ מיניסטער, וועלכער האט זיי באשטימט, און אויף וועמעס ווילען זיי האבען געקאנט אריבערגעפיהרט ווערן פון איין גובערניע אין א צווייטע, דאס הייסט, צום ביישפיעל, פון פעטערבורג אין . . . אסטראכאן. די פארטיידיגונגס פרייהייט איז געווארן א זאך פון דער פארגאנגענהייט; און די וועניגע אדוואקאטען, וואס האבען געפרואווט ארויסווייזען כאטש אביסעל אונאפהענגיגקייט אין זייערע רעדען, ווען זיי האבען פארטיידיגט פאליטישע פארברעכער, האט מען אהן צערעמאניעס ארויסגעשיקט אין סיביר אויפ'ן באפעהל פון דער דריטער אפטיילונג. איננאנצען אומאפהענגיגע געשווארענע זיינען, פארשטעהט זיך, אוממעגליך אין א לאנד, וואו יעדער פויער־געשווארענער וויים זעהר גוט, אז יעדער פאליציסט קאן איהם שלאגען, אפילו ביים טיר פון געריכט. און די ווערדיקטען פון די געשווארענע אפילו ווערן ניט גענומען אין אכט, אויב זיי געפעלען מיט עפעס ניט דעם גובערנאטאר. ניט קוקענדיג אויפ'ן ווערדיקט „ניט שולדיג", קאנען די באפרייטע ווידער ארעסטירט ווערן ביים ארויסגאנג פון געריכט און אריינ־

*) גאר ערשט ניט לאנג, אין 1896, זיינען די געריכטס סטאטוטען פארשפרייט געווארן אויף סיביר.

גזעצט ווערן אין געפענגנים אויף אן אדמיניסטראטיווען באפעהל. עס איז גענוג אַנצואווייזען כאָטש אויפ'ן פּראָצעס פון דעם פויער באָרונאָוו. ער איז אַנגעקומען אין פעטערבורג ווי א דעלעגאט פון זיין וואָלאָסט, מיט'ן צוועק צו באקלאָגען זיך פאר'ן צאר אויף די אומגערעכטיגקייט פון די באאמטע, און איז דערפאר געשטעלט געוואָרן צום געריכט ווי א „בונטאָווטשיק". דאָס געריכט האָט איהם ערקלערט אונשולדיג, און פונדעסטוועגען איז ער נאָכאמאָל ארעסטירט געוואָרען ביים ארייגאנג צום געריכט און ארויסגע־שיקט געוואָרן אין קאָלא. אויף אן עהנליכען אופן האָט מען פארשיקט דעם ראסקאָלניק טעטענאָוו און א מאסע אנדערע. זוערא זאסוליטש, ווען די געשוואָרענע האָבען ערקלערט אונשולדיג, איז געשטאנען אין געפאהר ווידער ארעסטירט צו ווערן; און מען וואָלט זי אָהן ספק ארעסטירט, ווען איהרע חברים וואָלטען ניט באוויזען אוועקצופיהרען זי, — דערביי איז איינער פון איהרע באפרייער דער'הרג'עט געוואָרען אין דעם צוזאמענשטויס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען די באפרייער און דער פּאָליציי.

די דריטע אָפּטיילונג, די הויף אריסטאָקראטיע און די גובער־נאטאָרען האָבען געקוקט אויף די נייע געריכטען, ווי אויף א מין פעסט, און האָבען זיך באצויגען צו זיי מיט פולשטענדיגער פאר־אכטונג. א מאסע פּראָצעסען ווערען באטראכט אויף אן אדמי־ניסטראטיווען אופן ביי פארמאכטע טירען, ווייל די געריכטס אויספאָרשער, די ריכטער און די געשוואָרענע וואָלטען, ווייזט אויס, געוועזן נאָר א „שטערונג" פאר דער אדמיניסטראטיווער גערעכ־טיגקייט. די פרעלימינערע אויספאָרשונג אין אלע פּראָצעסען, וואו עס ווערט פארדעכטיגט א „פּאָליטישער עלעמענט", ווערט גע־פיהרט פון זשאנדארם־אָפיצירען, אמאָל אין דער אנוועזענהייט פון פּראָקוראָר, וואָס באגלייט די זשאנדארמען ביי הויז־זוכונגען און אויספארשונגען. אָט דער פּראָקוראָר, וואָס ווערט צוגעשטעלט צו די זשאנדארמען אין די בלויע מונדירען און וועלכער ווערט אינערליך פאראכטעט פון זיינע חברים, פילט אויס אן אייגענארטיגע מיסיע: אונטער דער מאסקע פון אן אָפּהיטער פון געזעץ, העלפט ער דער אונגעזעצליכקייט פון דער געהיימער פּאָליציי. ער גיט צו איהר טעטיגקייט א כלומר'שט געזעצליכען כאראקטער. דער ווערדיקט אין פּאָליטישע פּראָצעסען און די מאָס פון באשטראָפונג הענגט

אינגאַנצען אָפּ פון דער אַדמיניסטראַציע אָדער פון דעם דעפּאַרטאַ־מענט פון דער מלוכה פּאָליציי (אַ געענדערטער נאָמען פון דער געוועזענער דריטער אָפּטיילונג); אויף אַזאַ אופן ווערן שווערע באַ־שטראָפונגען, — ווי די פאַרשיקונג אין די פּאָלאַרנע געגענדען פון סיביר, אמאָל אויף דאָס גאַנצע לעבען, — אַרויפגעלעגט נאָר אויפ׳ן גרונט פון זשאַנדאַרמסקע מסירות. בכלל נעמט די רוסישע רעגירונג אָן דעם מיטעל פון אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג אין אַלע פאַלען, ווען עס איז ניטאָ די קלענסטע מעגליכקייט צו באַקומען אַ ווערדיקט „שולדיג", אפילו דורך אַ דרוק אויף דאָס געריכט. „מען פאַרשיקט אייך אויף אַן אַדמיניסטראַטיווען אופן אין סיביר, ווייל מען קאָן אייך ניט שטעלען צום געריכט, מחמת עס זיינען אינגאַנצען ניטאָ קיין באַווייזען פון דעם פאַר־ברעך", — אין אַזאַ ציניש̈ער פאָרם ערקלערט מען דעם אַרעס־טירטען וועגען זיין שיקזאַל. — „איהר דאַרפט זיך פרעהען, וואָס איהר האָט אָפּגעשניטען אַזוי לייכט", — גיבען צו די באַאמטע. און מען פאַרשיקט מענשען אויף פינף, צעהן, פופצעהן יאָהר אין אַ קליין שטעטעל פון אַ 500 איינוואוינער, ערגעץ וואו לעבען פּאָלאַרען קרייז. אויף אַזאַ אופן רעכענט מען זיך אָפּ ניט נאָר מיט „פּאָליטישע", מיט מיטגלידער פון געהיימע געזעלשאַפטען, נאָר אויך מיט רעליגיעזע סעקטאַנטען און בכלל מיט מענשען, וואָס יואָגען אַרויסצואווייזען אַן אונצופרידענהייט מיט די האַנדלונגען פון דער רעגירונג, מיט שרייבער, וועמעס ווערק מען האַלט פאַר „געפעהרליך", מיט אַלע „פּאָליטיש־אונפאַרלעסליכע" ; מיט אַר־בייטער, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען אַ צו שטאַרקע טעטיגקייט אין צייט פון סטרייקס ; מיט אַלע מענשען, וואָס האָבען מינדליך באַ־לײדיגט „די הייליגע פּערזענליכקייט פון זיין מאַיעסטעט, דעם צאַר־אימפּעראַטאָר" (און אַזעלכע האָט מען אין פאַרלויף פון זעקס מאָנאַטען אין 1881 אָנגערעכענט 2500 מענשען)... בכלל ווענ־דעט די רעגירונג אָן די אַדמיניסטראַטיווע פאַרשיקונג אין פאַלען, ווען, באַנוצענדיג דעם אָפיציעלען שאַבלאָנעם לשון, „מען וואָלט ביי דער געריכטליכער פּראָצעדור געקאָנט ערוואַרטען „אַן אויפ־רעגונג פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג."

וואָס אָנבאַטרעפט די פּראָצעסען פון אַ פּאָליטישען כאַראַק־טער, זיינען נאָר די רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפטען פון דער ערשטער

צייט ארונטערגעפאלען אונטער דאָס געזעץ פון 1864. שפּעטער, ווען די רעגירונג האָט זיך איבערצייגט, אז די ריכטער זיינען גאָר ניט געניויגט צו פאראורטיילען צו קאטאָרזשנע ארבייטען מענשען, וואָס מען האָט פארדעכטיגט נאָר אין א באקאנטשאפט מיט רעוואָלוציאָנערען, זיינען די פּאָליטישע פּראָצעסען איבערגעגעבען געוואָרען אין באזונדערע געריכטען, די ריכטער פון וועלכע ווערן באשטימט פון דער רעגירונג ספּעציעל פאר דעם צוועק. אן אויסנאהם פון דעם כלל איז געווען דער פּראָצעס פון ווערא זאסוליטש. ווי באקאנט, איז זי פּראָצעסירט געוואָרען פון געשוואָרענע און ערקלערט געוואָרן פאר אונשולדיג. אָבער, ווי פּראָפעסאָר גראַדאָווסקי האָט אין דער צייטונג „גאָלאָס" (וועלכע מען האָט שפּעטער פארמאכט) געשריבען, „אלע אין פּעטערבורג האָבען געוואוסט, אז דער פּראָצעס פון זאסוליטש איז אריינגעפאלען אין א געריכט פון געשוואָרענע נאָר א דאנק א קריג צווישען גראַדאָנאַטשאלניק פון איין זייט, און די מיניסטאָרען פון יוסטיץ און אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער אנדרער; נאָר אזעלכע „זשאלוזיע דע מעטיע", וואָס זיינען אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער איצטיגער לאגע, גיבען אונז א מעגליכקייט כאָטש ווען עס איז אָפּצוראָטעמען." איינפאכער גערעדט, די הויף קאמארילא האָט זיך צווישען זיך צוקריגט; אייניגע מיטגלידער איהרע האָבען באשלאָסען, אז עס איז אָנגעקומען א גינסטיגער מאָמענט צו דיסקרעדיטירען טרעפּאָוו'ן, וועלכער האָט דעמאָלט געהאט אן אונגעהויערן איינפלוס ביי אלעקסאנדער דעם צווייטען, און דעם יוסטיץ מיניסטער איז געלונגען צו באקומען דעם אימפּעראטאָר'ס ערלויבניש איבערצוגעבען דעם פּראָצעס פון זאסוליטש אין א געריכט פון געשוואָרענע. ער האָט נאטירליך גאָר ניט אויסגערעכענט, אז מען וועט זי ערקלערן אונשולדיג, אָבער ער האָט געוואוסט, אז דאָס עפענטליכע געריכט וועט אונמעגליך מאכען, אז טרעפּאָוו זאָל ווייטער בלייבען פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאלניק.

און ווידער מסתמא א דאנק „זשאלוזיע-דע-מעטיע" איז ארויס אין עפענטליכקייט דורך א פּראָצעס דער סקאנדאליעזער פאל פון געהיימראט טאָקאריאָוו, גענעראל-לייטענאנט לאָשקאריאָוו און זייערע מיטהעלפער: דעם פארוואלטער פון רעגירונגס אייגענטום אין מינסקער גובערניע, סעוואסטיאנאָוו, און דעם איספּראווניק

קאפהער. אַט די העררען (טאַקאַריאָוו איז געווען מינסקער גוּבערנאַטאָר, און לאַשקאַריאָוו — אַ באַאמטער פון מיניסטעריום פאַר אינערליכע אַנגעלעגענהייטען „וועגען פּויערשע ענינים") האָבען איינפאַך אָוועקגעגנב'עט 2,000 דעסיאַטין ערד, וואָס האָט געהערט צו די פּויערים פון לאָגישין, אַ קליינעם דאָרף פון מינסקער גוּבערניע, האָבענדיג געקויפט דאָס לאַנד פון דער מלוכה פאַר דעם באַמינאַלען פּרייז פון 14,000 רובעל, אין אויסצאָהלונגען אויף 20 יאָהר, צו 700 רובעל אַ יאָהר. די בארויבטע פּויערים האָבען אָנגעגעבען אַ קלאַגע אין סענאַט. דער סענאַט האָט אַנערקענט, אַז די באַטרעפענדע באַאמטע האָבען ניט קיין רעכט אויף דאָס לאַנד, און האָט ארויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל דאָס פאַרכאַפּטע שטיק לאַנד אומקערען. אָבער דער באַפעהל פון סענאַט איז „פאַרלאָרען געגאַנגען"... און דער פּאַרוואַלטער פון די מלוכה גיטער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ווייס גאָרנישט וועגען דער פאַראָרדנונג פון סענאַט. דערווייל האָט שוין דער גוּבערנאַטאָר גענומען אויפמאָנען פון די לאָגישינער פּויערים 5474 רובעל ארענדע פאַר'ן יאָהר (אליין האָט ער געצאָהלט נאָר 700 רובעל אַ יאָהר). די פּויערים האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו צאָהלען און האָבען אָוועקגעשיקט אין פּעטערבורג „דעלעגאַטען", אָבער זייערע קלאַגען אין מיניסטעריום פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, וואו לאַשקאַריאָוו איז געווען „אַן אָנגעזעהענע פּערזאָן", האָבען נאָר געפיהרט צו דעם, אַז מען האָט זיי ארויסגעשיקט פון הויפּטשטאָט ווי „בונטאָוושטשיקעס". ניט קוקענדיג אויף דעם, האָבען די פּויערים זיך פאָרט אָפּגעזאָגט צו צאָהלען, און דעמאָלט האָט דער גוּבערנאַטאָר טאַקאַריאָוו ארויסגעפאָדערט מיליטער, כדי מיט זייער הילף אויסצופרעסען דאָס געלט פון די פּויערים. טאַקאַריאָוו'ס פריינד, גענעראַל לאַשקאַריאָוו, איז תיכף, אויפ'ן באַפעהל פון מיניסטער, ארויסגעשיקט געוואָרען אין דער שפּיץ פון אַ מיליטערישער אָפּטיילונג, כדי „איינצושטעלען אָרדנונג" אין לאָגישין. מיט דער מיטווירקונג פון אַ באַטאַליאָן אינפאַנטעריע און 200 קאָזאַקען, האָט ער געשמיסען אַלע איינוואוינער פון דאָרף, ביז זיי האָבען איינגעצאָהלט די ארענדע, און גלייך נאָכדעם האָט ער פייערליך מודיע געווען אין פּעטערבורג, אַז ער האָט „איינגעשטילט די אומרוהען אין איינער פון די גוּבערניעס פון צפון־מעריב'דיגער

גענענד." נאָכמעהר, ער האָט נאָך שכל געהאַט פאַר אָט די „מי־ליטערישע עקספעדיציע" אויסצובעטען דעם אָרדען פון הייליגען וולאַדימיר פאַר זיינע פריינט, טאָקאַריאָוו און דעם **איספּראַווניק** קאַפּהער.

אָט דער שרעקליכער פאַל, וואָס איז ברייט באַקאַנט געוואָ־רען איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואָלט קיינמאָל ניט געקומען צום גע־ריכט, ווען ניט די אינטריגען אין ווינטער פּאַלאַץ. ווען אַלעק־סאַנדער דער דריטער האָט פאַרנומען דעם טראָן און זיך אַרומגע־רינגעלט מיט נייע מענשען, האָבען די נייע הויפלייט ביי דער מאַכט געפונען פאַר נויטיג מיט איין קלאַפּ צו פאַרניכטען פּאַטאַ־פּאָוו'ס פּאַרטיי, וואָס האָט דאַן געשטרעבט נושא חן צו זיין ביים צאַר. מען האָט באַדאַרפט דיסקרעדיטירן אָט די פּאַרטיי, און לאָשקאַריאָוו'ס פּראָצעס, וואָס האָט פרידליך גערוהט אין די אַרכי־ווען אין פאַרלויף פון פינף יאָהר, איז אין נאָוועמבער 1881 אָפּגעגע־בען געוואָרן פאַר אַן אונטערזוכונג אין סענאַט. מען האָט בכיון געגעבען דעם פּראָצעס די ברייטסטע פּובליציטעט; און אין פאַר־לויף פון עטליכע טעג זיינען די פּעטערבורגער צייטונגען געווען איבערפולט מיט באַשרייבונגען וועגען דעם, ווי די באַאַמטע האָבען באַרויבט און באַגנב'עט די פּויערים, ווי מ'האָט זקנים־פּויערים פאַרשמיסען ביז צום טויט, ווי קאָזאַקען האָבען מיט דער הילף פון נאַגאַיקעס אַרויסגעפּרעסט געלט פון די לאָגישינער פּויערים, וועמעס ערד דער גובערנאַטאָר האָט אַוועקגערויבט. אָבער אויף איין טאָקאַריאָוו'ן, וועמען דער סענאַט האָט פאַראורטיילט, וויפיל וועלען זיך געפינען אַזעלכע טאָקאַריאָווס, וואָס שניידען אין פרידען די פרוכט פון זייער רויב סאַי אין די מערב'דיגע, סאַי אין די מזרח'דיגע גובערניעס, אין די צפון'דיגע אַזוי גוט ווי אין די דרום'דיגע? זיי ווייסען, אַז זייערע טאַטען וועלען קיינמאָל ניט קומען פאַר'ן געריכט, אָדער, יעדענפאַלס, אַז אַ פּראָצעס, וואָס מען וועט אויפפיהרן קעגען זיי, וועט פאַרשוויגען ווערן אויף דעמ־זעלבינגען אופן, ווי טאָקאַריאָוו'ס פּראָצעס איז פאַרשוויגען געוואָרן אין פאַרלויף פון פינף יאָהר אויפ'ן באַפעהל פון יוסטיץ־מיניסטער.

פּאָליטישע פּראָצעסען זיינען גאַר אינגאַנצען אַרויסגענומען פון דער יוריסדיקציע פון די געוועהנליכע געריכטען. עטליכע ספּעציעלע ריכטער, וואָס ווערן פאַר דעם צוועק באַשטימט, שטעהען

אונטער דער קאָמאַנדע פון סענאַט, און זיי באַשטימען די מאַסען פון שטראָף פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער, ווען נאָר די רעגירונג האָט קיין חשק ניט זיך אפּצורעכענען מיט זיי אויף אַ וועלכען עס איז אַנדערן, איינפאַכערן אופן. אַ סך פּאָליטישע פּראָצעסען ווערן אונטערזוכט פון קריגסגעריכטען, אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס געזעץ פאָדערט פולשטענדיגע עפענטליכקייט אין קריגסגעריכטען, קומען די פאַרהאַנדלונגען פון פּאָליטישע פּראָצעסען אין אָט די געריכטען פאָר בסודי סודות.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פולשטענדיגע און ריכטיגע באַריכטען פון די פּאָליטישע פּראָצעסען ערשיינען קיינמאָל ניט אין די רוסישע צייטונגען. פריהער האָבען די צייטונגען געמוזט רעפּראָדוצירן „רעדאַגירטע" באַריכטען פון „פּראַוויטעלסטווענני וועסטניק"; איצט אָבער האָט די רעגירונג איינגעפונען, אַז אפילו אַזעלכע באַריכטען מאַכען אַ צו שטאַרקען איינדרוק אויף די לעזער, אַרויסרופענדיג אַלעמאָל סימפּאַטיע צו די פאַראורטיילטע; דעריבער דרוקט מען אפילו אַזעלכע באַריכטען אויך מעהר ניט. לויט דעם געזעץ, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1881, האָבען די גענעראַל-גובערנאַטאָרן און גובערנאַטאָרן אַ רעכט צו פאָדערן, „אַז די אַלע פּראָצעסען, וואָס קאָנען אויפרעגען די מוחות, זאָלען געפיהרט ווערן ביי פאַרמאַכטע טירן." לויט דעמזעלביגען געזעץ, טאָרן ביים פּראָצעס ניט זיין אָנוועזענד אפילו באַאַמטע פון יוסטיץ מיניסטעריום, און עס ווערן צוגעלאָזען נאָר „די פרוי אָדער מאַן פון די אָנגעקלאָגטע (וואָס זיינען אָפּטמאָל אליין אַרעסטירט), אָדער דער פאָטער, אָדער די מוטער, אָבער בשום אופן ניט מעהר ווי איין קרוב אויף יעדען אָנגעקלאָגטען." דאָס ווערט, ווייזט אויס, געטאָן, כדי די רעדען פון די באַשולדיגטע אָדער וועלכע עס איז פאַקטען, וואָס זיינען ניט שעהן פאַר דער רעגירונג, זאָלען ניט דערגעהן צום עולם. אין דער צייט פון דעם פּראָצעס פון די „איין-און-צוואַנציג" אין פּעטערבורג, ווען צעהן מענשען זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, איז נאָר דער מוטער פון איינעם, סוכאַנאָוו, ערלויבט געוואָרן צו זיין אין געריכט. די פאַרהאַנדלונגען פון אַ סך פּראָצעסען זיינען פאָרגעקומען אַזוי, אַז קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט, וואו און ווען דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אַ

לאנגע צייט ניט געוואוסט, וואָס עס איז געוואָרן פון דעם ארמייר־אָפיציר באָגאָראָדסקי (דעם זוהן פון דעם פארוואלטער פון „טרו־בעצקאָי באסטיאָן” אין „פעטראָפּאוולאָווסקאיא קרעפּאָסט”), ווע־מען מען האָט פאראורטיילט צו קאטאָרזשנע ארבייט פאר פאר־קערן מיט די רעוואָלוציאָנערען; ווענען דעם אורטייל האָט מען זיך נאָר צופעליג דערוואוסט פון דעם באשולדיגונגס אקט אין אנאנ־דערן, שפּעטערדיגען פּאָליטישען פּראָצעס. אין „פּראוויטעל־סטווענני וועסטניק” ווערט ניט זעלטען ערקלערט, אז דער צאר האָט גנעדיגסט מילדער געמאכט דעם אורטייל פון געריכט און האָט פארביטען טויט שטראָף אויף קאטאָרזשנע ארבייט; אָבער דעם עולם בלייבט אומבאקאנט דער געריכטליכער פּראָצעס גופא, וואָס האָט געפיהרט צום אורטייל, ווי אויך דער כאראקטער פון די פארברעכען, פאר וועלכע די באשולדיגטע זיינען פאראורטיילט געוואָרן. נאָכמעהר, אפילו די לעצטע טרייסט פון די צום טויט פאראורטיילטע, די עפענטליכקייט פון דער הינריכטונג, איז ביי זיי אָפּגענומען געוואָרן. איצט הענגט מען אין געהיים, אין די פיר ווענט פון דער פעסטונג, אָהן דער אָנוועזענהייט פון אומגעווינשטע עדות. א געוויסע ערקלערונג, פארוואָס די רעגירונג האָט אזוי מורא פאר עפענטליכע הינריכטונגען, קאָן זיין דער פאָלגענדער פאקט: ווענען ריסאקאָוו'ן האָט זיך פארשפּרייט א קלאנג, אז ווען מען האָט איהם אוועקגעשטעלט אויפ'ן עשאפאָט, האָט ער געוויזען דעם עולם זיינע צוקריפּעלטע הענט, און איבער דעם קלאַ־פען פון די פויקען האָט ער אויסגעשריען, אז מען האָט איהם גע־מאטערט נאָכ'ן פּראָצעס. מען זאָגט, אז א גרופּע ליבעראלען האָ־בען דערהערט זיין אויסגעשריי; און אָפּלייקענענדיג פון זייער זייט וועלכע ניט איז סימפּאטיע צו די טעראָריסטען, האָבען זיי פונדעסטוועגען געהאלטען פאר זייער פליכט צו פארעפענטליכען דאָס געשעהענע אין דער אונלעגאלער ליטעראטור און ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער געזעלשאפט אויף דעם שענדליכען צו־ריקקער צו דער לאנג פארשוואונדענער פארגאנגענהייט. איצט, א דאנק דער געהיימקייט פון הינריכטונגען, וועט די געזעלשאפט גאָרנישט ניט וויסען, וואָס עס קומט פאָר אין די קאזעמאטען פון „פעטראָפּאוולאָווסקאיא קרעפּאָסט” צווישען דעם פּראָצעס און דער הינריכטונג.

דער פּראָצעס פון די פערצעהן טעראָריסטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען ווערא פיגנער און לודמילא וואָלקענשטיין, האָט זיך געענדיגט מיט טויט־אורטייל פאר אכט פון די אָנגעקלאָגטע, און איז געפיהרט געוואָרן אין געהיים, אזוי אז לויט די ווערטער פון א קאָרעספּאָנדענט פון איין ענגלישער צייטונג, האָט קיינער ניט געוואוסט וועגען די זיצונגען פון געריכט, אפילו אין די הייזער, וואָס זיינען געשטאנען בשכנות צו דער געביידע פון געריכט. אין עולם זיינען איגנאנצען געווען ניין פערזאָן, הויפּליים, וואָס האָבען זיך געוואָלט איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון די קלאנגען, אז איינע פון די העלדינען אין דעם פּראָצעס איז א זעלטען שעהנע. א דאנק דעם אויבענדערמאָהנטען ענגלישען קאָרעספּאָנדענט איז באקאנט געוואָרן, אז צוויי פון די אָנגעקלאָגטע, שטראָמבערג און ראָגאטשאָוו, זיינען הינגעריכטעט געוואָרן אין דער שטרענגסטער געהיימנים. אָט די ידיעה איז דערנאָך אָפּיציעל באשטעטיגט געוואָרן. אין „פּראַוויטעלסטווענני וועסטניק" איז ערקלערט געוואָרן, אז פון די אכט צום טויט פאראורטיילטע זיינען זעקס „באַגנאַדיגט" און שטראָמבערג און ראָגאַטשאָוו זיינען אויפגעהאנגען געוואָרן. אָט דאָס זיינען אַלע ידיעות, וואָס זיינען דערגאנגען צום עולם וועגען דעם פּראָצעס; קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט, וואו די הינריכטונג איז פּאָרגעקומען. וואָס אָנבאטרעפט די „באגנאַדיגטע", וואָס האָבען געדארפט געשיקט ווערן אויף אייביגע קאַטאָרזשנע ארבייט, האָט מען זיי ניט געשיקט אויף קאטאָרגע, נאָר זיי זיינען ערגעץ וואו פארשוואונדען. מען רעכענט, אז מען האָט זיי פארשפּארט אין די נייע פּאָליטישע געפענגנים פון שליסעלבורגער פעסטונג. אָבער וואָס מיט זיי איז אין דער אמת'ן געשעהן, בלייבט א געהיימנים. עס זיינען אומגעגאנגען קלאנגען, אז איינינע פון די שליסעלבורגער ארעסטאנטען האָט מען צושאָסען פאר א פיקטיווע אָדער ווירקליכע „איבערטרעטונג פון דער געפענגנים דיסציפּלין." און וואָס איז געשעהן מיט די אנדערע? קיינער ווייס ניט. עס ווייסען אפילו ניט זייערע מוטערס, וואָס מיהען זיך אַלץ אומזיסט אויסצוגעפינען עפּעס וועגען זייערע זיהן און טעכטער...*)

---

*) איצט איז באַקאַנט, אַז זיי זיינען געווען אין שליסעלבורג, וואו

אויב אזעלכע געריכטליכע גרוילטאטען ווערן אָפּגעטאָן אונטער דעם צודעק פון „רעפאָרמירטע געריכטליכע סטאטוטען“, וואָס קאָן מען שוין ערווארטען פון „ניט רעפאָרמירטע“ געפענגניסען?

אין 1861 האָט מען באפוילען אלע גובערנאטאָרען צו מאכען אן אלגעמיינע רעוויזיע פון די געפענגניסען. די רעוויזיע איז געוויסענהאפט אויסגעפירט געוואָרן, און דער רעזולטאט דערפון איז געווען דער שלוס, — אין גרונד גענומען, שוין א לאנג באקאנטער, — נעמליך, אז די געפענגניסען, ווי אין רוסלאנד גופא, אזוי אויך אין סיביר, געפינען זיך אין אן עקעלהאפטען צושטאנד. די צאָהל פארשפארטע אין יעדערער פון זיי איז ניט זעלטען געווען צוויי מאָל און דריי מאָל אזוי פיל, ווי די באטרעפענדע געפענגניס האָט געקאָנט ארייננעהמען נאָכ'ן געזעץ. די געפענגניס געביידען זיינען געווען אזוי אלט און אין אזא רואינירטען צושטאנד, שוין ניט ריידענדיג וועגען דער אונערהערטער שמוציגקייט, אז פארריכטען די געביידען איז געווען אונמעגליך, מען האָט זיי געדארפט פון דאָס ניי איבערבויען.

דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגען, דער דרויסענדיגער איינדרוק פון די געפענגניסען; די אָרדנונגען אינווענדיג זיינען געווען נאָך טרויעריגער. דאָס געפענגניס סיסטעם איז געווען דורך און דורך צופוילט, און מען וואָלט געדארפט רעפאָרמירן די געפענגניס באאמטע אפשר נאָך שטרענגער, איידער די געפענגניס געביידען. אין דער זאבאיקאלער פראָווינץ, וואו עס פלעגען זיך דאמאָלט צונויפקלייבען כמעט אלע קאטאָרזשניקעס, האָט דער רעוויזיאָנס קאָמיטעט איינגעזעהן, אז א באדייטענדע צאָהל געפענגניס געביידען האָט זיך פארוואנדעלט אין רואינען, און אז דאָס גאנצע סיסטעם פון פארשיקונג פאָדערט גרינדליכע רעפאָרמען. בכלל זיינען די קאָמיטעטען אויף דעם גאנצען שטח פון רוסלאנד געקומען צום שלוס, אז סאַי די טעאָריע, סאַי די פראקטיק פון געפענגניס סיסטעם נויטיגען זיך אין א פאָלשטענדיגער רעווידירונג

זיי זיינען אָפּגעזעסען פינף און צוואַנציג יאָהר (זעה די מעמואַרען אין זשורנאַל „בילאָיע“), אָבער איך לאָז איבער די שורות אומפאַרענדערט, ווייל זיי באַווייזען, אין וואָס פאַר אן אונגעוויסענהייט מען האָט דעמאָלט געהאַלטען די רוסישע געזעלשאַפט.

און רעאָרגאַניזאַציע, אז עס איז ווייניג צו באשרענקען זיך מיט איבערבויען די געפענגניסען, נאָר מען מוז אויך פון דאָס ניי איבערבויען דאָס גאַנצע געפענגנים סיסטעם און באנייען די גאַנצע געפענגנים אדמיניסטראַציע, פון דער העכסטער ביז צו דער נידע־ריגסטער. די רעגירונג האָט פונדעסטוועגען פאָרגעצויגען צו בליי־בען ביי די אַלטע אָרדנונגען. זי האָט אויפגעבויט עטליכע נייע געפענגניסען, וואָס האָבען אינגיכען ווידער ניט געקאָנט אריינ־נעמען די פון יאָהר צו יאָהר אַלץ וואקסענדע צאָהל ארעסטירטע. די קאטאָרזשניקעס האָט מען גענומען אָפּגעבען אויף פּריוואטע אר־בייטען אָדער פארדינגען צו די גאָלדמינען־אייגענטימער אין סיביר; עס איז איינגעאָרדענט געוואָרן א נייע קאָלאָניע פאר פארשיקטע אויף סאכאלין, מיט דעם צוועק צו קאָלאָניזירן דעם אינזעל, אויף וועלכען קיינער האָט זיך ניט געוואָלט באזעצען פרייוויליג; מען האָט אָרגאניזירט די הויפּט פארוואלטונג פון געפענגניסען, — דאָס איז, דוכט זיך, אַלץ. די אַלטע אָרדנונג איז געבליבען אין קראפט, די אַלטע זינד — ניט אויסגעוואָרצעלט. מיט יעדען יאָהר ווערן די געפענגניסען אַלץ מעהר און מעהר פארעלטערט; דער געפענגנים שטאט, וואָס ווערט צוגעקליבען פון שיכור׳ע, גראָבע באאמטע, בלייבט אַלץ דערזעלביגער אין עצם. יעדען יאָהר פאָ־דערט דאָס יוסטיץ מיניסטעריום געלט אויף צו פאררי‌כטען די גע־פענגניסען, און די רעגירונג פארקירצט אַלץ די רעכענונג פון נוי־טיגע הוצאות אויף א העלפט און אפילו נאָך מעהר; ווען, צום ביישפּיל, פאר דער צייט פון 1875 ביז 1881 האָט דאָס מיניס־טעריום געפאָדערט איבער זעקס מיליאָן רובעל אויף די נויטיגסטע פאררי‌כטונגען, האָט די רעגירונג ערלויבט אויסצוגעבען נאָר צוויי און א האלב מיליאָן רובעל. צוליב דעם ווערן די געפענגניסען פארוואנדעלט אין שטענדיגע צענטרען פון אָנשטעקענדיגע קראנק־הייטען און ווערן אויף אזוי פיל פארעלטערט, אז, אורטיילענדיג נאָך די לעצטע באריכטען פון דעם געפענגנים קאָמיטעט, פאָדערן ווענינגסטענס צוויי דריטעל פון זיי א גרינדליכע איבערבויאונג. און אויב מען וואָלט פאנאנדערגעזעצט די אַרעסטאַנטען, ווי די געפענגנים געזעצען פאָדערן, וואָלט רוסלאַנד געמוזט אויסבויען נאָך אמאָל אזוי פיל געפענגניסען, ווי זי האָט איצט. צום 1־טען יאנואר 1884 זיינען אין רוסלאַנד געוועזן 73,796 ארעסטאַנטען,

בעת אָרט איז (אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד) געווען נאָר פאַר 54,253 מענשען. אין אייניגע געפענגניסען, וואָס זיינען אויסגע־רעכענט געוואָרען פאַר 250־200 מענשען, שפּאַרט מען אריין 800־700 ארעסטאַנטען. אין די עטאַפּ געפענגניסען, אויפ'ן וועג קיין סיביר, אין וועלכע מען פאַרהאַלט די ארעסטאַנטען פּאַרטיעס אויף א לענגערע צייט, צוליב די טייך פאַרפלייצונגען, איז די איבער־פילונג נאָך א שרעקליכערע. איבריגענס, באַהאַלט די הויפּט־פאַר־וואַלטונג פון געפענגניסען גאָר ניט דעם אמת. אין דעם באַריכט פאַר 1882, אויסצוגען פון וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אין רוסישע צענזורירטע אויסגאַבען, ווערט אָנגעוויזען, אז ניט קוּ־קענדיג אויף דעם, וואָס אין אַלע געפענגניסען פון דער אימפּעריע איז פאַראַן אָרט נאָר פאַר 76,000 מענשען, זיינען אין זיי ביז צום 1־טען יאַנואַר 1882 געזעסען 95,000 מענשען. לויט דעמזעל־בינען באַריכט זיינען אין פּעטראָקאָווער געפענגנים אויף א פּלאַץ, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנומען ווערן פון **איין** ארעסטאַנט, גע־ווען **פינף**. אין צוויי פּוילישע גובערניעס און זיבען רוסישע איז די צאָהל ארעסטאַנטען געווען צוויי מאָל אזוי פיל, ווי דאָס האָט ערלויבט א קובישע אויסמעסטונג פון דעם אָרט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך א מינימאַלער אויסרעכענונג פער מענשען; און אין עלף גובערניעס איז דיזעלביגע איבערפילונג געווען אין פּראָפּאָרציע פון 3 צו 2.*) צוליב דעם איז די טיפוס עפּידעמיע אין אייניגע געפענגניסען געווען א שטענדיגער גאַסט.**)

כדי צו געבען א באַגריף וועגען דער איבערפילונג פון די רוסישע געפענגניסען, וועט דאָס בעסטע זיין צו ברענגען דאָ עט־ליכע אויסצוגען פון פּרוי ק. (געבאָרענע קוטוזאָווא), וועלכער עס איז אויסגעקומען צו דערפיהלען אויף זיך אליין דעם טעם פון רוסישען געפענגנים רעזשים, און וועלכע האָט וועגען דעם דער־צעהלט אין דעם זשורנאַל „אָבשטשעיע דיעלאָ", וואָס איז ארויס־

*) יעהרליכער באַריכט פון הויפּט דעפּאַרטאַמענט פון געפענגניסען פאַר 1882, זעה „וועסטניק יעוורָאפּי", 1883, באַנד 1.

**) וו. ניקיטין, „געפענגנים און פאַרשיקונג", פּעטערבורג, 1880; „אונזערע שטראָף איינריכטונגען", „רוסקי וועסטניק", 1881; באַריכ־טען פון מעדיצינישען דעפּאַרטאַמענט פון אינערליכען מיניסטעריום פאַר 1883.

געגעבן געוואָרן אין געגנט. דער פרוי ק.׳ס שולד איז באשטאנען אין דעם, וואָס זי האָט געפיהרט א שול פאר פויערשע קינדער, ניט בעטענדיג פריהער קיין ערלויבנים ביים מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג. אזוי ווי איהר פארברעך איז ניט געווען פון קיין קרי־מינעלען מין, און זי איז נאָך חוץ דעם געווען די פרוי פון אן אויס־לענדער, האָט גענעראל גורקאָ זיך באשרענקט מיט דעם, וואָס ער האָט זי ארויסגעשיקט אין אויסלאנד. דאָ ברענג איך איהר איי־גענע באשרייבונג פון איהר רייזע פון פעטערבורג ביז צו דער פריי־סישער גרענעץ. קאָמענטארן אויף איהרע ווערטער זיינען איבע־ריג, און איך קאָן נאָר פון מיין זייט באשטעטיגען, אז די באשריי־בונג איז ביז צו די קלענסטע דעטאלען פולשטענדיג אין איינ־קלאנג מיט דער ווירקליכקייט.

„איך בין ארויסגעשיקט געוואָרן, — שרייבט פרוי ק., — אין ווילנא צוזאמען מיט 50 אנדערע ארעסטאנטען, מענער און פרויען. פון דער אייזענבאהן סטאנציע האָט מען אונז אריבערגעפיהרט אין געפענגנים און געהאלטען אין פארלויף פון צוויי שעה, שפּעט ביינאכט, אויפ׳ן הויף פון געפענגנים, אונטער א שלאקסרעגען. ענדליך האָט מען אונז פארטריבען אין א פינסטערען קאָרידאָר, וואו מען האָט אונז איבערגעצעהלט. צוויי סאָלדאטען האָבען מיך א כאפּ געטאָן און גענומען באגעהן זיך מיט מיר אויף דעם אונ־פארשעמטסטען אופן; איך בין איבריגענס געווען ניט די איינ־ציגע אין דעם פּרט, ווייל ארום מיר, אין דער פינסטער, האָבען זיך געהערט געשרייען פון פרויען. נאָך א סך קללות און מיאוס׳ער זידלעריי האָט מען אָנגעצונדען פייער, און איך האָב זיך דערזעהן אין א גאנץ גרויסען קאמער, אין וועלכען מען האָט קיין טריט ניט געקאָנט טאָן און זיך ניט אָנשטויסען דערביי אויף פרויען, וואָס זיינען געשלאָפען אויפ׳ן דיל. צוויי פרויען, וואָס האָבען פארנומען איין בעט, האָבען אויף מיר רחמנות געהאט און פאָרגעשלאָגען צוצולייגען זיך צו זיי... אויפכאפּענדיג זיך אויף מאָרגען אין דער פריה, האָב איך נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו זיך פון די סצענען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט נעכטען; אָבער די ארעסטאנטינס, מערדערינס און גנב׳טעס, האָבען ארויסגעוויזען אזוי פיל גוטסקייט צו מיר, אז איך האָב זיך ביסלעכווייז דער־פיהלט בעסער. דעם פאָלגענדען אָוועגט האָט מען אונז ארויסגע־

טריבען פון טורמע אויף איבערצעהלען, און געצוואונגען אונטער א גוס־רעגען זיך אויסצושטעלען אין אָרדנונג פאר׳ן געהן אין וועג. איך ווייס ניט, ווי אזוי מיר איז געלונגען אויסצומיידען די פויסטען פון די געפענגנים וועכטער, ווארים די ארעסטאנטען האָבען שלעכט פארשטאנען, אין וואָס פאר אן אָרדנונג זיי דארפען זיך אויסמוס־טירן, און אזעלכע עוואָלוציעס זיינען דורכגעמאכט געוואָרן אונ־טער א האָגעל פון פויסטען און זידלערייען. די, וואָס האָבען רער־קלערט, אז מען טאָר זיי ניט שלאָגען, האָט מען געשמידט די הענט, און אזוי האָט מען זיי געשיקט צו דער סטאנציע, — געגען דעם געזעץ, לויט וועלכען ארעסטאנטען דארפען געשיקט ווערן ניט־געשמידטערהייד אין פארמאכטע געפענגנים פוהרן.

„אנגעקומען אין קאָוונא, האָבען מיר פארבראכט א גאנצען טאָג אין אומגעהן פון איין פאָליציי באצירק אין צווייטען. אין אָווענט האָט מען אונז אָפּגעפיהרט אין די פרויען געפענגנים, וואו די אויפזעהערין האָט זיך געזידעלט מיט דעם עלטסטען וועכטער, דראָהענדיג אויסצוהאקען איהם די ציין. די ארעסטאנטקעס האָבען מיך פארזיכערט, אז זי פיהרט טאקי ניט זעלטען דורך אזעלכע דראָהונגען... דאָ איז מיר אויסגעקומען צו פארברענגען א גאנצע וואָך צווישען גנב׳טעס, מערדערינס און פרויען, וואָס מען האָט ארעסטירט „דורך א טעות". אומגליק פאראייניגט מענשען. דעריבער האָט יעדע פון אונז געזעהן צו פארלייכטערן דאָס לעבען פון די אנדערע; זיי זיינען אלע געווען זעהר גוט צו מיר און האָבען אויף אלערליי אופנים געזוכט מיך צו טרייסטען. דעם פאָריגען טאָג האָב איך גאָרנישט ניט געגעסען, ווייל אין טאָג פון אָנקומען אין געפענגנים באקומען די ארעסטאנטען ניט זייער ברויט׳ל. איך בין געפאלען אין חלשות פון מאטקייט, און די ארעסטאנטקעס האָבען מיר געגעבען עסען און האָבען בכלל ארויס־געוויזען צו מיר אן אויסערגעוועהנליכע גוטסקייט. די געפענגנים אויפזעהערין האָט אויף איהר אייגענער ארט דערפילט איהרע פליכטען: זי האָט זיך אזוי אונפארשעהמט געזידעלט, באנוצענ־דיג אזעלכע אויסדרוקען, וועלכע אפילו א מאן וואָלט שיכור׳ערהייט זעהר זעלטען געוואגט ארויסצוברענגען פון מויל... נאָך א וואָך זיין אין קאָוונא, בין איך ארויסגעשיקט געוואָרען צופוס אין די נעקסטע שטאָט. נאָך דריי טעג גאנג זיינען מיר אָנגעקומען אין

מאריאמפאָל; מיינע פיס זיינען געווען אין וואונדען, און די זאָ־קען זיינען דורכגעזאפט געוואָרן מיט בלוט. די סאָלדאטען האָבען מיך געראטען, איך זאָל בעטען א פוהר, אָבער איך האָב ליבערשט געליטען פיזישען ווער, איידער אויסהערן די זידלעריי און שמו־ציגע אָנצוהערענישען מצד די קאָנוואָי באאמטע. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך האָב דאָס ניט געוואָלט, האָבען די סאָלדאטען מיך אוועקגעפיהרט צום קאָנוואָי אָפיציר, וועלכער האָט ערקלערט, אַז אויב איך האָב געקאָנט געהן אין פארלויף פון דריי טעג, וועל איך קאָנען געהן נאָך איין טאָג. אויפ'ן אנדערען טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין וואָלקאָוויסק, פון וואנען מען האָט אונז געזאָלט אָפּשיקען צו דער פּרייסישער גרענעץ. מיך און נאָך פינף ארעס־טאנטינס האָט מען צייטווייליג אריינגעזעצט אין די איבערשי־קונגס געפענגנים. די פרויען אָפּטיילונג איז געווען האלב צו־שטערט, און מען האָט אונז אריינגעזעצט צווישען די מענער... איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, ווייל איך האָב אפילו ניט געהאט וואו זיך אוועקצוזעצען, סאידען אויף דעם אויסערגעוועהנליך שמו־ציגען דיל; אָבער אויפ'ן דיל איז אפילו קיין שטרוי ניט געווען, און דער געשטאנק, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דיל, האָט מיך באלד געמאכט צום ברעכען... דער סאָרטיר איז געווען עפּעס עהנליכעס צו א גרויסער לוזשע, איבער וועלכער עס איז געווען אריבערגעוואָרפען א האלב־צובראָכענער לייטער; דער לייטער האָט זיך איינגאנצען איבערגעבראָכען אונטער דער משא פון איינעם פון די ארעסטאנטען, וואָס איז אויף אזא אופן אריינגעפאלען אין דעם שטינקענדיגען שמוץ. דערזעהענדיג אָט דעם סאָרטיר, האָב איך פארשטאנען די אורזאך פון דעם שרעקליכען געשטאנק אין דער איבערשיקונגס געפענגנים: די לוזשע איז דערגאנגען ביז אונטער דער געביידע, און דער דיל פון דער געביידע איז געווען איינגאנצען דורכגעזאפט מיט עקסקרעמענטען.

„דאָ איז מיר אויסגעקומען צו פארברענגען צוויי טעג און צוויי נעכט, די גאנצע צייט אָפּשטעהענדיג ביים פענסטער... ביי דער נאכט האָט זיך פלוצלונג געעפענט די טיר, און אין קאמער זיינען מיט שרעקליכע געשרייען אריינגעשטויסען געוואָרן שיכור'ע פראָ־סטיטוטקעס. גלייך נאָך זיי האָט מען אריינגעפיהרט א משוגע'נעם, איינגאנצען א נאקעטען. די ארעסטאנטען האָבען זיך דערפרעהט

מיט איהם, ווי מיט א געגענשטאנד פאר שפאס, זיי האבען איהם צורייצט ביז ווילדקייט, און ער איז ענדליך אומגעפאלען אויפ'ן דיל אין קאנוואולסיעס מיט שוים אויף די ליפען. אויפ'ן דריטען טאג האט א אידישער סאלדאט, וואס האט געדינט ביי דער איבערשי־קונגס געפענגניס, מיך אריינגענומען אין זיין צימער, א קליין קאמערל, און איך בין דארטען געשטאנען צוזאמען מיט זיין פרוי... א סך ארעסטאנטען האבען מיר דערצעהלט, אז זיי זיינען ארעסטירט געווארן „דורך א טעות", זיינען אפגעזעסען 8—7 מאנאטען, און מען האט זיי ניט ארויסגעשיקט בלומרשט דערפאר, וואס מען האט ניט באקומען געוויסע דאקומענטען. מען קאן זיך פארשטע־לען זייער לאגע, נאך א זיבען־מאנאט'דיגען אפזיין אין דער עקסעל־האפטער אומגעבונג, ניט האבענדיג אפילו קיין מעגליכקייט צו בייטען די וועש. זיי האבען מיך גערעטען אונטערצוקויפען דעם אויפזעהער, און דעמאלט וועט מען מיך באלד צושטעלען צו דער פרייסישער גרענעץ. אבער איך בין שוין געווען אין פארלויף פון זעקס וואכען אין וועג, קיין געלט האב איך ניט געהאט, און מיינע בריף זיינען, ווייזט אויס, ניט דערגאנגען צו מיינע קרובים... ענדליך האט מיך א סאלדאט ערלויבט צו געהן אין דער באגליי־טונג פון זיין פרוי צו דער פאסט, און איך האב געשיקט א רעגיסט־רירטען בריף אין פעטערבורג". פרוי ק. האט געהאט איינפלוס־רייכע קרובים אין דער הויפטשטאדט, און אין עטליכע טעג ארום איז אנגעקומען א דעפעש פון גענעראל־גובערנאטאר, אז מען זאל זי תיכף אפשיקען אין פרייסען. „מיינע פאפירען, — דערצעהלט פרוי ק., — האבען זיך באלד געפונען, מען האט מיך ארויסגעשיקט אין איידקונען און ארויסגעלאזען פריי".

מען מוז צוגעבען, אז דאס בילד איז שוידערליך, אבער עס איז אין איהם ניטא קיין שאטען פון איבערטרייבונג. פאר יעדען רוס, וואס האט געהאט א „געפענגניס ערפאהרונג", קלינגט יעדעס ווארט פון דער אויבענגעבראכטער דערצעהלונג ווי דער ריינער אמת, יעדע סצענע ווייזט אויס נארמאל אין די ווענט פון דער רוסישער גע־פענגניס... זידלעריי, שמוץ, ברוטאליטעט, קלעפ, כאבאר, הונ־גער, — דאס אלץ קאן מען געפינען אין יעדער געפענגניס: פון קאוונא ביז קאמטשאטקא און פון ארכאנגעלסק ביז ערזערום.

ווען איך וואָלט געהאט מעהר פּלאַץ, וואָלט איך געקאָנט ברענגען אַ מאַסע עהנליכע דערצעהלונגען.

אַזוי זיינען די געפענגניסען פון מערב רוסלאַנד. אָבער זיי זיינען ניט בעסער אין מזרח און אין דרום. אַ קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז גראָד געווען אין פערמער געפענגנים, דערצעהלט וועגען איהר אַזוי אין דער צייטונג „פּאָריאַדאָק": „דער געפענגנים אויפזעהער דאָ איז געווען איינער אַ גאַוורילאָוו. דאָס שטענדיגע „געבען אין מאָרדע", שמיץ, איינשפּאַרן אין די קאַלטע פינסטערע קאַרצערן און פאַרהונגערן די ארעסטאַנטען, — דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון אָט דער געפענגנים. פאַר יעדער קלאַגע גיט מען די ארעסטאַנטען „אַ באָד" (דאָס הייסט, מען שמייסט), אָדער מען פאַרשפּאַרט אין טונקעלען קאַרצער... די שטערבליכקייט אין געפענגנים איז שרעקליך גרויס". אין דער וולאַדימירער געפענגנים זיינען געווען אַזוי פיל פאַרזוכען צו אַנטלויפען, אַז מען האָט געהאַלטען פאַר נויטיג צו מאַכען וועגען דעם אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג. די אַרעסטאַנטען האָבען ערקלערט דעם רעוויזאָר, אַז צוליעב דעם, וואָס די סומען פאַר שפּייז זיינען אונבאַדייטענד, געפינען זיי זיך אין אַ צושטאַנד פון כראָנישען הונגער. זיי האָבען אַ סך מאָל געפּרואווט אָנגעבען וועגען דעם קלאַגען „דורך די באַאַמטע", אָבער פון דעם איז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען. ענדליך האָבען זיי באַשלאָסען אָנצוגעבען אַ קלאַגע אין מאָסקווער ראַיאָן געריכט, אָבער דער געפענגנים אויפזעהער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער געפּלאַנטער קלאַגע און האָט ביי די ארעסטאַנטען אָפּגענומען די „ביטע", וואָס זיי האָבען זיך געקליבען אָוועקצושיקען. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען דעם פּראָצענט פון שטערבליכקייט אין אַזעלכע געפענגניסען; איבריגענס, די רוסישע געפענגנים ווירקליכקייט איבערשטייגט אפילו אַלץ, וואָס די רייכסטע פאַנטאַזיע קאָן אויסטראַכטען.

די קאַטאָרגא אָפּטיילונג פון דער ציווילער געפענגנים איז אויסגעבויט געוואָרן אין 1872 פאַר 120 מענשען. אָבער שוין צום סוף פון יענעם יאָהר זיינען דאָרט געווען 240 מענשען, צווישען זיי 90 טשערקעסען, — אָט די אומגליקליכע קרבנות פון רוסישער עראָבערונג, וואָס בונטעווען זיך קעגען די קאָזאַקישע נאַהאַיקעס און ווערען הונדערטערווייז אַרויסגעשיקט אין סיביר. אָט די קאַ-

טאָרגא געפענגניס באשטעהט פון דריי קאַמערן, אין איינעם פון וועלכע (27 פוס לאַנג, 19 פוס ברייט און 10 פוס הויך) זיינען איינגעשפּאַרט 31 ארעסטאַנטען. פּונקט אזא איבערפילונג געפינט מען אין די אַנדערע צוויי קאַמערן, אַזוי, אַז צוזאַמען קומט אויס פון 202 ביז 260 פוס שטח אויף א מענשען. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס איז אזוי, ווי מען וואָלט א מענשען געצוואונגען צו לעבען אין א קבר 8 פוס לאַנג, 6 פוס ברייט און 5 פוס הויך. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די ארעסטאַנטען שטאַרבען אויס, ווי פליגען אין הערבסט. פון דעם סוף 1872 ביז דעם 15טען אַפּריל 1874 זיינען אין געפענגניס אָנגעקומען 377 רוסען און 138 טשערקעסען; זיי האָבען געמוזט אויסשטעהן אין דער אַנטי־סאַניטאַרישער אומגעבונג פון דורכדרינגענדיגער פייכטקייט און קעלט, ניט האָבענדיג אפילו קיין קאָלדרע. אין פאַרלויף פון 15 מאָנאַט זיינען אויסגעשטאָרבען 90 רוסען און 86 טשערקעסען, דאָס הייסט, 24% פון דער גאַנצער צאָהל רוסישע ארעסטאַנטען און 62% פון אַלע טשערקעסען, שוין ניט רעדענדיג, נאַטירליך, וועגען די, וואָס זיינען געשטאָרבען אַרויסקומענדיג פון געפענגניס, אויפ'ן וועג קיין סיביר. די אורזאַכען פון אָט דער שרעקליכער שטערבליכקייט זיינען ניט געווען קיין רעזולטאַט פון א וועלכער עס איז ספּעציעלער עפּידעמיע; די ארעסטאַנטען האָבען געליטען פון די פאַרשידענסטע פאָרמען פון סקאָרבוט וואָס איז ניט זעלטען געוואָרן געפעהרליך און האָט זיך אָפטמאָל געענדיגט מיט טויט*).

עס איז קיין ספק ניט, אז קיין איין פּאָלאַרע עקספּעדיציע איז ניט געווען באַגלייט פון אזא שטערבליכקייט, ווי די וואָס קומט פאָר פון זיין איינגעשפּאַרט אין איינער פון די רוסישע צענטראַל געפענגניסען. וואָס אַנבאַטרעפט די פּערמער איבערשי־קונגס געפענגניס פאַר ארעסטאַנטען, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט

*) אפילו ניט אונטערנעמענדיג קיין רייזע אין סיביר, קאָן מען זיך דערקונדיגען, אַז די אויבענגעבראַכטע פאַקטען זיינען ריכטיגע. זיי זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אין אַן אפיציעלער אויסגאַבע (וועלכע מען קאָן געפינען אין ברוטישען מוזעאום), נעמליך, אין „זשורנאַל סודעבנאַי מעדיציני", וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון דעם מעדיציגישען דעפּאַרטאַ־מענט פון מיניסטעריום פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען; זעה דעם זשורנאַל פאַר 1874, באַנד III.

אין סיביר, ווערן אין דערזעלביגער אָפיציעלער אויסגאבע געבראכט וועגען דעם די אונגלויבליכסטע ידיעות; עס ווייזט זיך ארויס, אז די געפענגנים איז נאָך א סך ערגער אפילו פון דער קאטאָרגא אָפטיילונג. פון די ווענט רינט; עס פעהלט אינגאנצען א וועלכע עס איז ווענטילאציע; אין די זומער מאָנאטען ווערט זי אויף אזוי פיל איבערגעפילט, אז אויף יעדען ארעסטאנט קומט אוים אינגאנצען 124 קובישע פוס שטח (דאָס הייסט, א קבר 8 פוס לאַנג, 5 פוס ברייט און 3 פוס הויך) *).

דער גייסטליכער פון דער ערשטער כארקאָווער צענטראַלער געפענגנים האָט ערקלערט אין 1868 אין פארלויף פון א דרשה (זעה „כארקאָווסקיא יעפארכיאלניא וועדאָמאָסטי" פאר 1869), אז אין צייט פון פיער מאָנאטען זיינען פון די 500 מענשען, וואָס זיינען געוועזן אין דער געפענגנים, געשטאָרבען פון סקאָרבוט 200 מ ע נ ש ע ן. פון 330 ארעסטאנטען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען אין 1870, זיינען 150 געשטאָרבען דעמזעלביגען יאָהר, און 45 — אין פארלויף פון דעם נעקסטען האלב־יאָהר, ביי דערזעלביגער אַלגעמיינער צאָהל ארעסטאנטען **).

די קיעווער געפענגנים איז געווען די פארשפרייטערין פון טיפוס עפידעמיע. אין פארלויף פון נאָר איין מאָנאט (אין 1881) זיינען דאָרט ארעסטאנטען געשטאָרבען אין די הונדערטער; און אין קאמערן וואָס זיינען נאָר וואָס באפרייט געוואָרען פון געשטאָרבענע, האָט מען אריינגעטריבען נייע־אָנגעקומענע, כדי זיי זאָלען אויך שטארבען. וועגען דעם אַלעם איז באריכטעט געוואָרן אין די רוסישע צייטונגען. אין א יאָהר ארום (דעם 12טען יוני, 1882), האָט א צירקולאר פון דער הויפט פארוואלטונג פון נע־

*) דאָרטען, באנד III.

**) זעה דר. לעאָנטאָוויטש אין „ארכיוו סודעבנאָי מעדיציני אי גיגיעני" פאר 1871, באַנד III; אויך דאָס „זאַמעלבוך", וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון מעד. דעפארט. פון מיניסטעריום פאר אינערליכע אנגעלעגענהייטען פאר 1873, באַנד III, זייט 127; איך האַלט פאַר ניט איבריג צו באַמערקען, אַז סאַי דער „אַרכיוו", סאַי דאָס „זאַמעלבוך" זיינען פארבאָטען געוואָרן „פאַר אַ שעדליכע ריכטונג". אַפילו די אָפיציעלע סטאַטיסטיק קומט אַרויס „שעדליך" פאַר דער רוסישער ביוראָקראַטיע.

פענגניסען אזוי ערקלערט די אורזאכען פון אָט דער עפידעמיע:
1) די געפענגנים איז געוועזן שרעקליך איבערפילט, כאָטש עס איז געוועזן א פולשטענדיגע מעגליכקייט אריבערצופיהרן א סך ארעסטאנטען אין אנדערע געפענגניסען; 2) די קאמערן זיינען זעהר פייכט, די ווענט זיינען באדעקט מיט שימעל, און די דילען זיינען אין א סך ערטער דורכגעפוילט; 3) די סאָרטירען געפינען זיך אין אזא צושטאנד, אז די ערד ארום זיי איז אנגעזאפט מיט „עקסקרעמענטען", א. אז. וו., א. אז. וו. צום שלום פון באריכט ווערט געזאָגט, אז א דאנק דיזעלביגע אנטיסאניטארישע באדינגונגען, ווערן אנדערע געפענגניסען באדראָהט פון דערזעלביגער עפידעמיע.

מען וואָלט געקאָנט אננעמען, אז פון יענער צייט אָן זיינען איינגעפיהרט געוואָרן אייניגע אויסבעסערונגען, אז שריט זיינען גענומען געוואָרן קעגען אזעלכע עפידעמיעס. דאָס וואָלט מען יעדענפאלס געמעגט ערווארטען, אורטיילענדיג נאָך די אָפיציעלע ידיעות פון דעם סטאטיסטישען קאָמיטעט*). אָבער געוויסע פאקטען צווינגען צו באציהען זיך מיט פארדאכט צו דער ריכטיגקייט פון אָפיציעלע ציפערן. אזוי זיינען אין דריי גובערניעס (פערמער, טאָבאָלער און טאָמסקער) אנגעגעבען געוואָרן פאר'ן יאָהר 1883 אינגאנצען 431 טויטע ארעסטאנטען פון אלע קאטעגאָריעס. אָבער אויב מיר וועלען אריינקוקען אין אנאנדער אויסגאבע פון דעמזעלביגען מיניסטעריום, אין מעדיצינישען באריכט פאר דעמזעלביגען יאָהר 1883, וועט זיך ארויסווייזען, אז אין דיזעלביגע דריי גובערניעס, אין די געפענגנים שפיטאָלען, זיינען געשטאָרבען 1,017 ארעסטאנטען**). און אפילו אין 1883, כאָטש די געפענגניסען האָבען פון עפידעמיעס ניט געליטען, ווערט די שטערבליכקייט אין די צוויי כארקאָווער צענטראלע געפענגניסען אנגעוויזען בערך 104 אויף 846 ארעסטאנטען, ד. ה. 123 אויף א טויזענט; און דיזעלביגע באריכטען ווייזען, אז סקאָרבוט און טיפוס

*) זאַמעלבוך פון ידיעות וועגען רוסלאַנד פאַר 1883. ס. פעטערבורג, 1886.

**) באריכט פון מעדיציניש ען דעפאַרטאַמענט פאַר 1883. ס. פעטערבורג, 1886.

זיינען נאָך אַלץ געווען שטענדיגע געסט אין די מערסטע רוסישע געפענגניסען, באזונדערס אין די, וואָס ליגען אויפ'ן וועג קיין סיביר.

די הויפט געפענגנים אין פּעטערבורג, דער אזוי גערופענער „ליטווישער שלאָס", איז אביסעל רייגער פון אנדערע, אָבער בכלל איז דאָס א געביידע פון אַלטען פאסאָן, א פייכטע און פינסטערע, וואָס עס איז שוין לאנג צייט געווען אראָפּצורייסען ביז'ן גרונט. די קרימינעלע ארעסטאַנטען גיט מען ארבייט, די פּאָליטישע אָבער האַלט מען אין איינצעל־פּארהאַפטונג און געצוואונגענער אונטעטיגקייט; און איניגע פון מיינע פריינד, העלדען פון דעם „פּראָצעס פון 193", וועמען עס איז אויסגעקומען צו פארברענגען צו צוויי יאָהר און מעהר אין די ווענט פון יענער געפענגנים, האָבען זי מיר באשריבען, ווי איינע פון די ערגסטע. די קאַמערן זיינען קליין, פינסטער און פייכט; דער געפענגנים אויפזעהער, מאַקאַראָוו, איז געווען איינפאַך א ווילדע חיה. וועגען די רעזולטאַטען פון איינצעל־פּארהאַפטונג אין אָט דער געפענגנים רעד איך אין אַן אנדער אָרט. דאָ וועל איך נאָר באמערקען, אַז די געוועהנליכע סומע אויף קויפען שפּייז פאר די ארעסטאַנטען איז ז י ב ע ן ק אָ פּ י ק ע ס א טאָג (ארעסטירטע פון די פּריווילעגירטע שטאַנדען באַקומען צעהן קאָפּיקעס א טאָג), בעת א פונט שוואַרץ ברויט קאָסט פיער קאָפּיקעס...

אָבער מיט וואָס אונזער רעגירונג באַריהמט זיך, א געפענגניס, וועלכע מען ווייזט די אויסלענדער, — איז דאָס נייע „הויז פון פּרעלימינערער פּאַרהאַפטונג" אין סאַנקט־פּעטערבורג. דאָס איז די אזוי גערופענע „מוסטערהאַפטע געפענגנים", — די איינציגע פון איהר מין אין רוסלאַנד, — וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן נאָכ'ן פּלאַן פון די בעלגישע געפענגניסען. איך בין מיט איהר באַקאַנט פון פּערזענליכער ערפאַהרונג, ווייל איך בין אין איהר אָפּגעווען דריי מאָנאַט, ביז מען האָט מיך אריבערגעפיהרט אין די געפענגנים ביים מיליטערישען שפּיטאָל. דאָס איז אפשר די איינציגע געפענגנים פאר קרימינעלע ארעסטאַנטען אין רוסלאַנד, וואָס צייכענט זיך אויס מיט איהר ריינקייט. יע, אויף שמוץ אין אָט דער געפענגנים קאָן מען זיך ניט באַקלאָגען... דער בעזים און גאַנצע שטראָמען וואַסער, דאָס בערשטעל און די שמאַטע ווערען דאָרטען אונאויפהערליך באַנוצט. אָט די געפענגנים איז

א מין „אויסשטעלונג”, און די ארעסטאנטען מוזען זי אויפהאל־טען אין א בלענדענדיגען גלאנץ. א גאנצען פרימארגען קערען זיי, וואשען און פאלירן די אספאלט דילען, טייער באצאהלענדיג פאר זייער גלאנץ. די אטמאספער פון דער געפענגנים איז אנ־געזאפט מיט קליינע טיילכלאך אספאלט (איך האב איינמאל צוגע־דעקט דאס גאז־לעמפעל אין מיין קאמער מיט א פאפירענעם אבאז־זשור, און שוין אין עטליכע שעה ארום האב איך געקאנט צייכנען מיט'ן פינגער אוזארען אויפ'ן שטויב, מיט וועלכען דאס לעמפעל איז באדעקט געווארן); און אט אזא לופט מוז מען דאס אטעמען! די דריי אויבערשטע עטאזשען ווערן אנגעזאפט מיט די אויסדאמפונגען פון די נידעריגערע; און אזוי ווי די ווענטי־לאציע איז א שלעכטע, ווערן די ארעסטאנטען אין אווענט, ווען אלע טירען זיינען פארמאכט, כמעט דערשטיקט. עטליכע קאמי־טעטען, איינער נאכ'ן אנדערן, זיינען באשטימט געווארן מיט דער ספעציעלער אויפגאבע — צו געפינען מיטלען, ווי אויסצובעסערן די ווענטילאציע. דער לעצטער פון אט די קאמיטעטען, אונ־טער דעם פארזיץ פון שטאטס־סעקרעטאר גראט, האט ערקלערט אין זיין באריכט (אין יוני, 1881), אז עס איז נויטיג איבערצובויען די גאנצע געביידע (וואס האט אפגעקאסט צוויי מאל אזוי פיעל, ווי עהנליכע געפענגניסען אין בעלגיען און דייטשלאנד), ווייל די ראדיקאלסטע אויסבעסערונגען וועלען ניט בעסער מאכען די ווענ־טילאציע. די קאמערן אין אט דער געפענגנים זיינען צעהן פוס לאנג און 5 פוס ברייט; און צו איין צייט איז צווישען די גע־צוואונגענע רעגעלען געווען — צו עפענען די פארטקעס אין די טי־רען פון די קאמערן, כדי מיר זאלען ניט דערשטיקט ווערן. שפע־טער האט מען אט דעם רעגעל אפגעשאפט, און די פארטקעס גע־האלטען צוגעמאכט, איבערלאזענדיג צו אונז אליין, צו מאטערן זיך מיט דער טעמפעראטור, וואס האט זיך געוואקעלט צווישען א שטיקענדער היץ און א סיבירער קעלט. ווען ניט דער פארקער מיט חברים דורך איבערקלאפען זיך, וואלט איך אפשר באדויערט, וואס איך בין דעמאלט ניט געווען אין מיין פינסטערן און פייכטען קאזעמאט אין פעטראפאוולאווסקאיא קרעפאסט. מיר דוכט זיך, אז איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען די קינדער, וועלכע מיר איז איינמאל אויסגעקומען צו באגעגנען אין קארידאר פון דעם הויז

פון פרעלימינערער פארהאפטונג. פונקט ווי מיר, האָבען זיי מאָנאַ־טען און אפילו יאָהרען לאנג געוואַרט אויף זייער פּראָצעס; זייערע געל־גרויע, אויסגעצערטע פּנים׳ער, זייערע דערשראָקענע, פּאר־לאָרענע בליקען האָבען גערעדט בעסער איידער גאנצע בענד פון באַ־ריכטען און אויספאָרשונגען וועגען דער „גוטער ווירקונג פון איינ־צעל־פארהאפטונג״ אין א מוסטערהאפטער געפענגניס. וועגען דער אדמיניסטראציע פון אָט דער געפענגניס, מיין איך, איז גענוג צו זאָגען, אז אפילו די רוסישע צענזורירטע אויסגאבען האָבען אָפען אָנגעוויזען, ווי די געפענגניס באאמטע האָבען צוגענומען פאר זיך וואָס עס איז געווען באשטימט פאר די ארעסטאנטען. אין 1882 איז וועגען דעם באשטימט געוואָרען אן אויספאָרשונג, פון וועלכער עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז די ווירקליכקייט האָט ווייט אי־בערגעטראָפען די טונקעלע קלאנגען. אָבער דאָס זיינען אלץ קלייניגקייטען אין פארגלייך מיט דעם, ווי מען באגעהט זיך אין אָט דער געפענגניס מיט די ארעסטאנטען. גראָד אין אָט דער געפענגניס האָט גענעראל טרעפּאָוו געהייסען שמייסען באָגאָליובאָוו׳ען, ווייל דער לעצטער האָט ניט אראָפּגענומען זיין היטעל פאר דעם אל־מעכטיגען סאטראפ; און ער האָט געהייסען בינהען און שלאָגען די אנדערע ארעסטאנטען, וואָס האָבען פּראָטעסטירט קעגען אזא גוואַלדטאט, און נאָכדעם האָט מען די פּראָטעסטאנטען אריינגע־זעצט אויף פינף טעג אין די קארצערס, וואָס זיינען געווען באדעקט מיט עקסקרעמענטען, און וואו די טעמפּעראטור האָט אָפטמאָל דערגרייכט 45 גראַד צוליב דער שכנות מיט דעם וואש־הויז. נע־מענדיג דאָס אלץ אין באטראכט, זעהט מען קלאָר, וואָס פאר א ביטערע איראָניע עס איז דער לויב־געזאנג פון דעם ענגלישען פאנעגיריסט, דעם גייסטליכען לענסדעל, וואָס האָט געשריבען: „די, וואָס ווילען זיך איבערצייגען אין דעם, ו ו אָ ס רוסלאנד ק אָ ן דערגרייכען, דארפען באזוכען דאָס הויז פון פרעלימינערער פארהאפטונג״. אָ יע, דאָס אימפּערישע רוסלאנד ק אָ ן בויען געפענגניסען, אין וועלכע מען בארויבט און מען שמייסט די ארעס־טירטע, און די געביידען גופא פון אָט די געפענגניסען מוז מען איבערבויען פינף יאָהר נאָכדעם, ווי מען האָט זיי אויפגעשטעלט.

די שטראָפען, וואָס אונזערע קרימינעלע געזעצען באשטימען,

קאָנען אין אַלגעמיין איינגעטיילט ווערן אין פיער קאטעגאָריעס. צו דער ערשטער געהערט די קאטאָרזשנע ארבייט, מיט דער אָפּ־נעמונג פון אַלע ציווילע רעכט. דעם פאראורטיילטען׳ס אייגענטום גערט איבער צו זיינע יורשים. ער ווערט באטראכט ווי א ציוויל געשטאָרבענער, און זיין פרוי האָט דאָס רעכט ווידער חתונה צו האָבען. יעדער שיכור׳ער געפענגנים וועכטער קאָן איהם שמייסען מיט ריטער וויפיל ער וויל נאָר. נאָכ׳ן אָפּזיין אויף קאטאָרזשנע ארבייטען אין די סיבירער מינען אָדער אויף די פאבריקען, פאר־שיקט מען איהם ערגעץ וואו אין סיביר. די צווייטע קאטעגאָריע איז די פארשיקונג מיט אָפּנעמען אַלע ציווילע רעכט, אָהער בלויז די רעכט, וואָס געהערען איהם לויט זיין געזעלשאפטליכען שטאנד. אין דער ווירקליכקייט מיינט אָט די שטראָף א לעבענסלאנגע פאר־שיקונג אין סיביר. צו דער דריטער קאטעגאָריע געהערן אַלע ארעס־טאנטען, וואָס זיינען פאראורטיילט געשיקט צו ווערן אין די „ארעס־טאנטסקע ראָטעס״, ניט פארלירענדיג דערביי זייערע ציווילע רעכט. ענדליך, אין די פערטע קאטעגאָריע (אויסלאָזענדיג די ווענינער בא־דייטענדע שטראָפען) געהען אריין מענשען, וואָס ווערן פארשיקט אין סיביר אָהן א פּראָצעס, אדמיניסטראטיוו, אויף א גאנץ לע־בען, אָדער אויף אַן אונבאשטימטען טערמין.

פריהער פלעגט מען די קאטאָרזשניקעס שיקען גלייך אין סי־ביר: אין די מינען, וואָס האָבען געהערט צו „זיין מאיעסטעט׳ס קאבינעט״, דאָס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, וואָס זיינען גע־ווען דאָס פּריוואטע אייגענטום פון דער אימפּעראטאָרשער פאמי־ליע. אייניגע פון אָט די מיטען זיינען אָבער געווען אויסגעארבייט; וועגען די אנדערע האָט מען אויסגעפונען (אָדער די אדמיניסטרא־ציע האָט געפונען פאר באקוועם אויסצוגעפינען), אז זייער אויס־ארבייטונג אין די הענט פון דער מלוכה באצאָהלט זיך ניט, און מען האָט זיי דעריבער פארקויפט צו פּריוואטע פּערזאָנען, וואָס האָבען געמאכט אויף זיי אונגעהויערע פארמעגענס. צוליעב דעם אַלעמען האָט דאָס אייראָפּעאישע רוסלאנד אַליין געמוזט זאָרגען וועגען דעם שיקזאַל פון איהרע קאטאָרזשאנעס. מען האָט אויס־געבויט אין רוסלאנד עטליכע צעטראַלע געפענגניסען, וואו די פאראורטיילטע זיצען אָפּ א דריטעל אָדער א פערטעל פון זייער טערמין, און דערנאָך פארשיקט מען זיי אויף סאכאלין. די גע־

זעלשאַפט איז געוועהנט צו באַטראַכטען די קאַטאָרזשניקעס, ווי דעם שעדליכסטען מין פאַרברעכער; אָבער אין רוסלאַנד איז אַזאַ באַציהונג צו זיי קוים גערעכט. מאָרד, רויב, גנבה מיט איינברעכען, — אָט די אַלע פאַרברעכען ווערן באַשטראָפט מיט קאַטאָרגאַ; אָבער מיט קאַטאָרגאַ באַשטראָפט מען אין רוסלאַנד אויך פאַר אַ פאַרזוך אויף זעלבסטמאָרד, און פאַר גאָט־לעסטערונג, וואָס איז אָפטמאָל נאָר אַן ארויסווייזונג פון אייגענאַרטיגע רעליגיעזע איבערצייגונגען; אויפ'ן זעלבען אופן ווערט באַשטראָפט פאַר „אויפשטאַנד", אָדער, ריכטיגער, דאָס, וואָס מען רופט אין רוסלאַנד אַן אויפשטאַנד, ד. ה. דאָס איינפאַכע ניט פאָלגען וועלכע עס איז באַפעלען פון די באַאַמטע. קאַטאָרגאַ ווערט אויך באַשטימט פאַר אַלערליי פאָליטישע פאַרברעכען, ווי אויך פאַר זיין אַ „וואַגאַבונד". אַפילו צווישען מערדער זיינען פאַראַן ניט וועניג מענשען, וואָס זיינען באַגאַנגען אַ מאָרד ביי אַזעלכע אומשטענדען, אַז, ווען דער פּראָצעס וואָלט געקומען צו געשוואָרענע, אָדער אין די הענט פון אַן עהרליכען אַדוואָקאַט, וואָלטען זיי געוויס ערקלערט געוואָרן ניט שולדיג. יעדענפאַלס ווערן וועניגער פון אַ דריטעל פון די, וואָס מען פאַרשיקט יעהרליך אויף קאַטאָרגאַ, דאָס הייסט, אינגאַנצען פון 700 ביז 800 מענער און פרויען, פאַראורטיילט ווי מערדער. די איבעריגע, — כמעט אין אַ גלייכער פּראָפּאָרציע, — זיינען אָדער „וואַגאַבונדען", אָדער מענשען, וואָס ווערן פאַראורטיילט פאַר אַ וועלכען עס איז פון די אויבען אויסגערעכענטע פאַרברעכען.

דאָס אויפבויען פון צענטראַלע געפענגניסען איז אַרויסגערופען געוואָרן פון אַ פאַרלאַנג צוצוגעבען דער שטראָף אַ מעגליכסט שטרענגען כאַראַקטער. מען האָט באַשלאָסען, אַז מיט די אַרעסטאַנטען מוז מען זיך באַגעהן אויפ'ן גרויזאַמסטען אופן, און אויב זיי וועלען ניט אויסהאַלטען און וועלען שטאַרבען אין גרויסע צאָהלען, — איז אויך ניט אַזאַ אומגליק! מיט אָט דעם צוועק ווערן פאַר פאַרוואַלטער און אויפזעהער אין אָט די געפענגניסען באַשטימט מענשען מיט דעם גרויזאַמסטען כאַראַקטער, מעהרסטענטיילס פון דעמיסיאָנירטע מיליטער לייט; דערביי ווערן די אַרעסטאַנטען אָפּגעגעבען אין פולשטענדיגען רשות פון אָט די דעספּאָטען, מיט אַ באַפעהל פון אויבען — ניט קוקען אויף דער מאָס

און דעם כאראקטער פון די באשטראָפונגען. די געפענגנים וועכטער האָבען גערעכטפערטיגט דעם צוטרוי פון די העכערע באאמטע: די צענטראלע געפענגניסען האָבען באמת זיך פארוואנדעלט אין טאָרטור־קאמערן; און די שרעקען פון סיבירער קאטאָרגא זיינען א קינדער־שפיל אנטקעגען דעם לעבען אין די „צענטראלען". די אלע, וועמען עס איז אויסגעקומען צו זיין אין זיי א געוויסע צייט, ערקלערן, אז דער טאָג, ווען דער ארעסטאנט ווערט פון „צענטראל" ארויסגעשיקט אין סיביר, האלט ער פאר דעם גליקליכסטען טאָג פון זיין לעבען.

אויב איהר וועט קומען אין אָט די געפענגניסען, ווי אן „עהרען באזוכער", וואָס זוכט שטארקע עמפינדונגען, וועט איהר זיין זעהר אנטוישט. איהר וועט נאָר הערזעהן א שמוציגע געביידע, וואָס איז פול אָנגעפאקט מיט ליידיג ארומגעהענדיגע ארעסטאנטען, וואָס וואלגערן זיך פויל אויף די נארעס, וועלכע געהען אין דער לענג פון די ווענט און זיינען מיט קיין זאך ניט צוגעדעקט, אויסער א דיקען שיכט שמוץ. מען קאָן אייך ערלויבען אריינצוקוקען אין די קאמערן פאר „אָפּגעזונדערטע" אָדער פּאָליטישע ארעסטאנטען; אָבער אויב איהר וועט אָנהויבען פאנאנדערפרעגען די איינוואוינער פון געפענגנים, וועט איהר כמעט אלע מאָל הערן פון זיי דעם סטערעאָטיפּען ענטפער, אז זיי זיינען „מיט אלץ צופרידען". כדי צו באקאנען זיך מיט דער ווירקליכקייט פון געפענגנים, דארף מען אליין זיין אין דער פעל פון דעם ארעסטאנט. דערצעהלונגען פון מענשען, וואָס האָבען דאָס אליין דורכגעמאכט, זיינען פאראן ניט פיעל; דאָך זיינען אזעלכע דערצעהלונגען פאראן, און איינעם פון די שטארקסטע פון זיי ברענג איך דאָ אונטען. ער איז אָנגעשריבען געוואָרן פון אן אָפיציר, וואָס איז פאראורטיילט געוואָרן צו קאטאָרזשנע ארבייט פאר א באליידיגונג אין א מאָמענט פון אויפרעגונג; דער אָפיציר איז שפעטער באגנאדיגט געוואָרן פון צאר נאָך עטליכע יאָהר פארהאפטונג. זיין דערצעהלונג איז פארעפענטליכט געוואָרן אין א קאָנסערוואטיווען זשורנאל („רוסקאיא ריעטש", יאנואר, 1882), אין דער צייט, ווען, אונטער'ן איינפלוס פון דעם קורצען רעזשים פון לאָרים־מעליקאָוו, האָט מען א סך גערעדט וועגען דער נויטיגקייט פון א געפענגנים רעפאָרם, און עס האָט עקזיסטירט א

געוויסע פרייהייט פון פרעסע; די דאָזיגע דערצעהלונג האָט ניט ארויסגערופען קיין באשטרייטונגען, און די ערפאהרונגען פון אונזערע פריינד באשטעטיגען פולשטענדיג די ריכטיגקייט פון דעם אויטאָר׳ס באשרייבונגען.

אייגענטליך איז די באשרייבונג פון דער מאטעריעלער לאַגע, אין וועלכער די ארעסטאנטען פון אָט דער צענטראלער געפענגניס קומט אויס צו לעבען, קיין נייס ניט, ווייל די לאגע איז כמעט דיזעלביגע אין אלע רוסישע געפענגניסען. אזוי ווי ער ווייזט אָן, אז די געפענגניס איז געבויט געוואָרן פאר 250 מענשען און האָט געהט אין זיך פיער הונדערט, וועלען מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף איהר סאניטארישען צושטאנד. די שפייז איז אויך געווען ניט בעסער און ניט ערגער ווי אין אנדערע געפענגניסען. זיבען קאָפּיקעס א טאָג איז ניט צו פיעל פאר אן ארעסטאנט, באזונדערס ווען מיר נעמען אין באטראכט, אז דער געפענגניס פארוואלטער און עלטסטער אויפזעהער זיינען „פאמיליען פאָטערס”, וואָס ווילען אפילו פון אָט דעם בעטלערישען טייל אָפּרייסען עפּעס פאר זיך. א פערטעל פונט שווארץ ברויט אויף פרישטיק; זופּ געקאָכט פון אָקסענעם הארץ און לעבער, אָדער פון זיבען פונט פלייש, 20 פונט צופוילטע האָבערנע גרויפּען און 20 פונט זויערקייט, — דאָס איז דאָס געוועהנליכע ארעסטאנטישע עסען, און א סך רוסישע ארעסטאנטען זיינען מיט דעם פולשטענדיג צופרידען. די מאָראלע לעבענס־באדינגונגען זיינען ווייט ניט אזוי צופרידענשטעלענדיג. א גאנצען טאָג האָבען ניט די ארעסטאנטען וואָס צו טאָן, און אָט די אונטעטיגקייט ציהט זיך וואָכען, מאָנאטען, יאָהרען. אמת, ביי דער געפענגניס זיינען פאראן ווערקשטאטען (פון וועמעס ארבייט די געפענגניס באַמטע ווערען רייך). אָבער פאר די איבעריגע ארעסטאנטען איז ניט נאָר ניטאָ קיין ארבייט, נאָר אפילו קיין האָפנונג אויף ארבייט, אויסער אמאָל, ווען עס פאלט א שניי, ווערט דער פארוואלטער צווינגען איין גרופּע ארעסטאנטען צונויפשארן דעם שניי אין קופּעס, און אנאנדער טייל ארעסטאנטען — צוואווארפען אָט די קופּעס. די טויטליכע איינטאָניגקייט פון ארעסטאנטישען לעבען ווערט אונטערבראָכען נאָר פון באשטראָפונגען. אין דער געפענגניס, וועלכע איך האָב אין זינען, צייכענען זיך די באשטראָפונגען אויס מיט

זייער פארשידענארטיגקייט און קאמפליצירטקייט. פאר רויכערן און אנדערע עהנליכע פארברעכען האט מען דעם ארעסטאנט געצוואונגען צו שטעהן צוויי שעה אויף די קניה, אויף די שטיינערנע פליטעס, אין אזא ארט פון געפענגניס, וואס מען האט ספעציעל פאר דעם צוועק באשטימט, און וואו עס פלעגען אומגעהן ווינטערדיגע צוגווינטען. אנאנדער שטראף פאר עהנליכע זאכען זיינען געוועזען די קארצערן, איינער פון זיי א ווארעמער, דער אנדערער — א קאלטער, אין קעלער, מיט א טעמפעראטור, ביי וועלכער וואסער פריהרט. אין ביידע קארצערן פלעגט די ארעסטאנטען אויסקומען צו שלאפען אויפ׳ן שטיינערנעם דיל, און דערביי איז די לענג פון פארהאפטונג אינגאנצען אפגעהאנגען פון דעם פארוואלטער׳ס קאפריז.

„איניגע פון אונז, — זאגט דער אויבענדערמאנטער אויטאר, — זיינען געהאלטען געווארן אין די ראזיגע קארצערן אין פארלויף פון צוויי וואכען; נאך אט דעם טערמין האט מען איניגע שוין געמוזט בוכשטעבליך ארויסשלעפען פון דארטען, און דערנאך פלעגען זיי אוועקגעהן אהין, וואו עס איז ניטא קיין טרויער און קיין זיפצען". וואס איז דער וואונדער, אז אין פארלויף פון פיער יאהר, וואס דער אויטאר האט פארבראכט אין אט דער געפענגניס, האט די שטערבליכקייט אין איהר דערגרייכט 30% א יאהר? „מען דארף ניט מיינען, — זאגט דער אויטאר ווייטער, — אז די מענשען, וואס זיינען אזוי שווער באשטראפט געווארן, זיינען געוועז דורכאויס פארברעכעריש; מיר האבען באקומען אזעלכע שטראפען, אויב מיר האבען באהאלטען א שטיקעל ברויט, וואס איז איבערגעבליבען נאך מיטאג אדער אווענטברויט, אדער אויב מען האט ביי אן ארעסטאנט געפונען א שוועבעלע". אונגעהארכזאמע האט מען באשטראפט אויף אנאנדער אופן. איינער, צום ביישפיעל, איז געוועזען איינגעשפארט אין פארלויף פון ניין מאנאטען אין אן איינצעלנעם פינסטערן קאמער (וואס איז ביים בויען באשטימט געווען פאר די, וואס ליידען פון אויגען קראנקהייטען), און איז פון דארטען ארויסגעקומען א בלינדער, האבענדיג פארלארן אויך זיין פארשטאנד. אבער דאס זיינען אלץ קלייניגקייטען אין פארגלייך מיט דעם, וואס דער אויטאר דערצעהלט אונז ווייטער.

„אין די אווענטען, — זאגט ער, — פלעגט דער פארוואלטער

געוועהנליך ארומקוקען די געפענגנים און זיך אפגעבען מיט זיין באליעבטער באשעפטיגונג, — שמייסען די ארעסטאנטען. מען פלעגט ברענגען א זעהר שמאלען בענקעל, און באלד פלעגען איבער דער גאנצער געפענגנים אפהילכען געשרייען, בעת דער פארוואלטער פלעגט, רויכערענדיג א ציגאר, צוקוקען און צעהלען די שמיץ. ריטער פלעגט מען באנוצען פון אויסערגעוועהנליכער גרויס, און מען פלעגט זיי צוערשט איינווייקען אין וואסער, אז זיי זאלען ווערן בויגזאמער. נאך דעם צעהנטען שמיץ פלעגען די געשרייען געוועהנליך אפגעשטעלט ווערן, און מען האט נאר געהערט קרעכצען. געשמיסען האט מען געוועהנליך אין גרופען, צו פינף, צעהן און מעהר מענשען, און ווען די עקזעקוציע האט ענדליך אויפגעהערט, האט מען איהר ארט אלע מאל געקאנט באשטימען נאך א גרויסער לוזשע בלוט. אונזערע שכנים פון אריבער די געפענגנים ווענט, ווען זיי פלעגט אויסקומען אין דער צייט פארבייצוגעהן, האבען זיך געאיילט אריבערצוגעהן אויף די אנדערע זייט גאס, צלמ'ענדיג זיך פאר שרעק. נאך אזא סצענע פלעגט א צוויי־דריי טעג שטיל ווערן; דאס שמייסען האט, ווייזט אויס, געווירקט בארוהיגענדיג אויף דעם פארוואלטער'ס נערוועז. אבער באלד האט ער זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. ווען ער פלעגט זיין שטארק שיכור, און זיין לאנגע וואנצע פלעגט דערביי מאכטלאז אראפהענגען, אדער ווען ער פלעגט קומען אהיים פון יאגד מיט א ליידיגען יאגדטאש, האבען מיר שוין געוואוסט, אז אין אווענט וועט מען שמייסען". מיר וועלען ניט ברענגען נאך אנדערע אזעלכע עמפערענדיגע סצענען פון דעם לעבען פון אט דער געפענגנים, מיר וואלטען אבער געוואלט ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די אויסלענדישע רייזענדע אויף די פאלגענדיגע איינצעלהייט אין אונזער אויטאר'ס דערצעהלונג:

„איינמאל, — זאגט ער, — איז צו אונז געקומען דער געפענגנים אינספעקטאר. ער האט א קוק געטאן אויפ'ן קעסעל מיט עסענוואַרג און האט געפרעגט: צי זיינען מיר צופרידען מיט'ן עסען? און צו האבען מיר בכלל וועלכע עס איז קלאגען? די ארעסטאנטען האבען ניט נאר געענטפערט, אז זיי זיינען מיט אליץ צופרידען, נאר זיי האבען אויסגערעכענט אזעלכע שפייז, וועלכע מיר האבען קיינמאל אפילו ניט אנגעזעהן, און דאס איז

נאנץ נאטירליך, — באמערקט דער אויטאָר, — ווייל וואָלטען געוועזן קלאגען, וואָלט דער אינספעקטאָר געמאכט איניגע פאָר־ווארפען דעם פארוואלטער און וואָלט זיך אוועקגעפאָהרן, בעת די איבערגעבליבענע ארעסטאנטען וואָלטען געמוזט באצאָהלען פאר זייער דרייסטקייט מיט שמיץ און קארצער".

די געפענגנים, וועגען וועלכער עס ווערט אויבען גערעדט, געפינט זיך לעבען פעטערבורג. די לעזער קאָנען זיך לייכט פאָר־שטעלען, וואָס עס קומט פאָר אין די ווייטערע פּראָווינציעלע גע־פענגניסען. איך האָב שוין אויבען גערעדט וועגען פערמער און כארקאָווער געפענגניסען; אורטיילענדיג נאָך די ידיעות פון „גאָלאָס", איז די צענטראלע סימבירסקער געפענגנים א נעסט פון גנבה און רויב. נאָר אין צוויי פון אַלע צענטראלע געפענגניסען, אין ווילנער און סימבירסקער, באשעפטיגט מען די ארעסטאנטען מיט נוצליכער ארבייט. אין טאָבאָלסק האָבען די באאמטע, נאָך א לאנגען ישוב הדעת וועגען דעם, מיט וואָס מען קאָן באשעפטיגען די ארעסטאנטען, אויסגעגראָבען דאָס געזעץ פון 27טען מערץ, 1870, לויט וועלכען די ארעסטאנטען דארפען זיך באשעפטיגען מיט אריבערטראָגען זאמד, שטיינער אָדער קאנאָנען קוילען פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן און צוריק. די טאָבאָלסקער באאמטע האָבען א געוויסע צייט אָנגעווענדעט דאָס געזעץ, וועלענדיג געבען די ארעסטאנטען באשעפטיגונג און פארהינדערן די פארשפּרייטונג פון סקאָרבוט. אָבער אין אנדערע קאטאָרזשנע געפענגניסען זיינען נאָר ווניג ארעסטאנטען פארנומען מיט קליינע ארבייטען און פאר־ריכטונגען, די מעהרהייט אָבער פארברענגען זייער לעבען אין אב־סאָלוטען ליידיגגעהן. „אַלע ארעסטאנטען געפינען זיך אין דער־זעלביגער עקעלהאפטער לאגע, ווי אין די אלטע צייטען", — זאָגט איין רוסישער פאָרשער *).

איינע פון די ערגסטע קאטאָרזשנע געפענגניסען איז געווען די בעלגאָראָדער, אין כארקאָווער גובערניע, און גראָד אָט די גע־פענגנים איז אויסגעקליבען געוואָרן פאר די פּאָליטישע פארברע־כער, וואָס זיינען פאר'משפט אויף קאטאָרזשנע ארבייט; דאָ האָט מען זיי געהאלטען פון 1874 ביז 1882, ווען מען האָט זיי ארויס־געשיקט אין סיביר. די דריי ערשטע גרופּען פון אונזערע פריינד —

*) טאָלבערג אין „וועסטניק יעוורָאָפּי", נומער 5, 1879.

אין דאָלגושין און דמאָכאָווסקי׳ס פּראָצעס, אין מאָסקווער פּראָצעס פון 50 און אין דעם פּראָצעס פון 193 — זיינען פארשיקט געוואָרן אין אָט די געפענגנים. די שרעקליכסטע קלאַנגען זיינען ארומ־געגאַנגען וועגן אָט דער געפענגנים: אַ קבר, אין וועלכען עס זיי־נען געווען באַגראָבען זיבעציג פּאָליטישע פארברעכער, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו פארקערן אויף אַ וועלכען עס איז אופן מיט דער אויסערליכער וועלט און האָבען אין דערזעל־ביגער צייט ניט געהאַט קיין באשעפטיגונגען. זיי האָבען געהאַט מוטערס, שוועסטער, וואָס האָבען, ניט קוקענדיג אויף די שטענ־דיגע אָפּזאָגען, אונאויפהערליך געקלאַפּט אין די טירן פון יעדען פּעטערבורגער באַאמטען, בעטענדיג אַן ערלויבניש צו זעהן, — כאָטש נאָר אויף עטליכע מינוט, — זייערע זיהן און ברידער. די איינוואוינער פון בעלגאָראָד האָבען געוואוסט, אַז מען באַגעהט זיך מיט די אַרעסטאַנטען אויף׳ן שענדליכסטען אופן. אָבער אין אַלגעמיין האָט מען ווייניג געוואוסט וועגען דעם, וואָס איז פּאָר־געקומען אין געפענגנים, זעלטען נאָר פלעגט דערגעהן עפּעס אַ קלאַנג, אַז עמיצער איז געשטאָרבען אָדער אראָפּ פון זינען. אָבער אפילו די מלוכה סעקרעטען האָבען מיט דער צייט אויפגעהערט צו זיין געהיימניסען. צוערשט האָט מען ערלויבט איין מוטער צו זעהן זיך מיט איהר זוהן איינמאָל אַ מאָנאַט, אין פארלויף פון נאָר איין שעה אין דער אנוועזענהייט פון דעם געפענגנים פארוואַלטער. און זי האָט קיין סך ניט געקלערט און האָט זיך באַזעצט אונטער די סאַמע ווענט פון אָסטראָג צוליעב אָט די זעלטענע און קורצע שעה׳ן פון זעהן זיך מיט׳ן באַליעבטען זוהן. באַלד נאָכדעם איז מען אין 1880 אין פּעטערבורג געקומען צום שלום (נאָכ׳ן אויפ־רייס אין ווינטער פּאַלאַץ), אַז עס האָט מעהר ניט קיין זין צו פאַר־מאַטערן די פּאָליטישע ארעסטאַנטען אין בעלגאראד, אָפּזאָגענדיג זיי אין זייער רעכט — פארשיקט צו ווערן אויף קאַטאָרזשנע אַר־בייט אין סיביר. אויף אַזאַ אופן זיינען אין אָקטאָבער, 1880, דריי־סיג אונזערע חברים אריבערגעפיהרט געוואָרן פון בעלגאראד אין מצענסק. אזוי ווי זיי האָבען צוליעב שוואַכען געזונט ניט גע־קאָנט באַלד געשיקט ווערן אין ווייטען וועג צו די נערטשינסקע מינען, האָט מען זיי אויף אַ געוויסע צייט איבערגעלאָזען אין מצענסק, ביז זיי וועלען אביסעל קומען צו זיך. דעמאָלט איז דער

לאנג באהאלטענער אמת ענדליך ארויסגעקומען. די ידיעות וועגען די געפענגנים באדינגונגען אין בעלגאראד זיינען ערשינען אין דער רוסישער רעוואלוציאנערער פרעסע און זיינען טיילווייז אריינגעדרונגען אפילו אין די פעטערבורגער צייטונגען; אויסער דעם זיינען פון האנט צו האנט געגאנגען העקטאגראפישע ערא־נערונגען פון די, וואס זיינען אפגעוועזן זייער שטראף אין דער בעלגאראדער געפענגנים. פון די עראינערונגען האט זיך דער עולם דערוואוסט, אז מען האט די ארעסטירטע געהאלטען פון דריי ביז פינף יאהר אין איינצעל־פארהאפטונג, געשמידט, אין פינסטערע, פייכטע קאמערן, 10 פוס לאנג און 6 פוס ברייט; אז מען האט זיי געהאלטען אין אבסאלוטער אונטעטיגקייט, פולשטענדיג איזאלירט פון וועלכען עס איז פארקער מיט דער אויסערליכער וועלט און מיט מענשען. אזוי ווי די רעגירונג האט פאר זייער אויפהאלטונג באשטימט איינגאנצען פינף קאפיקעס א טאג, האבען זיי זיך גענעהרט מיט ברויט און וואסער; איבריגענס, דריי אדער פיער מאל א וואך האט מען זיי געגעבען א קליינע טאש מיט הייסען געקעכטס, געקאכט פון א הויפען האבערנע גרויפען מיט א צומיש פון דער טייוועל וויים וואס. א צעהן־מינוטיגער שפאציר איבער'ן הויף האט, אין דער מיינונג פון די באאמטע, פולשטענדיג באפרידיגט דעם ארעסטאנט'ס באדערפניש אין פרישער לופט. זיי האבען ניט געהאט ניט קיין בעטען, ניט קיין קישענס, ניט קיין מאטראצען, ניט קיין קאלדרעס; שלאפען האט מען געמוזט אויפ'ן הוילען דיל, אונטערלעגענדיג אונטער'ן קאפ עפעס פון די קליידער און צודעקענדיג זיך מיט דעם ארעסטאנטען כאלאט. אונערטרעגליכע איינזאמקייט, אבסאלוטע שטילקייט און געצוואונגענע אונטעטיגקייט! ערשט נאך דריי יאהר פון אזא מאטערניש האט מען זיי ערלויבט צו לייענען איינינגע ביכער.

וויסענדיג, נאך א מעהר ווי צוויי־יאהריגער ערפאהרונג, די שווערקייט פון איינצעל־פארהאפטונג, מעג איך פריי זאגען, אז אין דער פארם, ווי זי ווערט פראקטיצירט אין רוסלאנד, איז זי איינע פון די גרויזאמסטע מאטערנישען. דעם ארעסטאנט'ס געזונט, ווי שטארק ער זאל ניט האבען געוועזן ביים אריינגעהן אין געפענגנים, ווערט אויף אייביג אונטערגעגראבען פון דער איינצעל־פארהאפטונג. די מיליטערישע וויסענשאפט זאגט אונז, אז

אין יעדען באלאגערטען גארניזאן, ווען מען גיט ארויס אין פאר־
לויף פון עטליכע מאנאטען וועניגער פראוויאנט, שטייגט די
שטערבליכקייט אונגעהויער. אט די באמערקונג איז נאך ריכ־
טיגער אין באצוג צו מענשען, וואס געפינען זיך אין איינצעל־
פארהאפטונג. דער מאנגעל אין פרישער לופט, די אפוועזענהייט
פון די נויטיגע איבונגען פון קערפער און גייסט, דאס געצוואונ־
גענע שווייגען, די אפוועזענהייט פון יענער גרויסער מאסע איינ־
דרוקען, וועלכע מיר נעמען אריין אויף דער פרייהייט אונבא־
וואוסטזיניג יעדע שעה, און שוין דער פאקט אליין, וואס די גאנצע
גייסטיגע ארבייט באשטעהט אויסשליסליך אין טעטיגקייט פון דער
פארשטעלונג, — אט די אלע באדינגונגען צוזאמענגענומען מאכען
די איינצעל־פארהאפטונג פאר איינע פון די גרויזאמסטע און ריכ־
טיגסטע פארמען פון לאנגזאמער ערמארדונג. אויב עס געלינגט
איינצושטעלען א פארקער מיט א שכנ׳ישען קאמער (דורך לייכט
איבערקלאפען זיך אויפ׳ן וואנט), איז דאס שוין אזא ערלייכטע־
רונג, וואס איהר אונגעהויערע באדייטונג קאנען פולשטענ־
דיג אפשאצען נאר די, וועמען עס איז אויסגעקומען אין
פארלויף פון א יאהר אדער צוויי צו זיין פולשטענדיג אפגעזונדערט
פון דער איבעריגער וועלט. אבער אזא ערלייכטערונג ווערט אמאל
א נייער קוואל פון ליידען, ווייל אייערע אייגענע גייסטיגע ליי־
דען פארגרעסערן זיך נאך מיט דער איבערצייגונג, וואס וואקסט
יעדען טאג, אז דער פארשטאנד פון אייער שכן הויבט אן זיך
צו פארטונקלען; אין די פראזען, וואס ער קלאפט אויס, הויבט
איהר אן צו דערקענען שרעקליכע געשפענסטער, וואס דריקען
זיין אויסגעמאטערטען מארך. דאס איז די געפענגנים־פאר־
האפטונג, וועלכע עס מאכען דורך די פאליטישע ארעסטאנטען
אפטמאל אין פארלויף פון דריי־פיער יאהר, ווארטענדיג אויפ׳ן פראָ־
צעס. אבער זייער לאגע ווערט באדייטענד פארערגערט, ווען זיי
פאלען אריין אין די כארקאווער צענטראלע געפענגנים. ניט נאר
זיינען אין איהר די קאמערן טונקעלער און נאסער, ניט נאר איז
אין זיי דאס עסען ערגער, איידער וואו ניט איז אנדערש, נאר, אוי־
סערדעם אלעמען, האלט מען זיי בכיון אין אבסאלוטער אונטעטיג־
קייט. מען גיט זיי ניט קיין ביכער, ניט קיין שרייב־געצייג, ניט קיין
אינסטרומענטען פאר האנט ארבייט. זיי האבען ניט קיין מעני

ליכקייט צו פארנעמען מיט עפעס זייער אויסגעמאטערטען מוח, קאנצענטרירן אויף עפעס די אונגעזונטע טעטיגקייט פון מארך; און וואס שוואכער עס ווערן די פיזישע קרעפטען פון די ארעסטאנטען, אלץ מעהר נעמט זייער גייסטיגע טעטיגקייט אן אן אונגארמאלען כאראקטער; דער מענש פאלט אמאל אריין אין א פינסטערע פארצווייפלונג... מענשען קאנען אריבערטראגען די אונגלויבליכסטע פיזישע ליידען; אין דער געשיכטע פון מלחמות, פון רעליגיעזען מארטירערטום און אויף די שפיטאל־בעטלאך, וועט איהר געפינען א מאסע ביישפיעלען פון דעם. אבער די גייסטיגע ליידען, ווען זיי דויערן עטליכע יאהר כסדר, זיינען אינגאנצען אונערטרעגליך, און אונזערע פריינד האבען דאס אויף זיך אליין ערפאהרן. צוערשט פארשפארט אין פעסטונגען אדער אין הייזער פון פרעלימינערער פארהאפטונג, דערנאך אריבערגעפיהרט אין די צענטראלע געפענגניסען, זיינען זיי שנעל אפגעשוואכט געווארן, און אדער זיי זיינען באלד געשטארבען, אדער זיי זיינען פון זינען אראפ. ניט אלעמאל קומט די פסיכישע צושטערונג פאר אין אזא שארפער פארם, ווי ביי דער פרוי מ—סקאיא, א יונגע טאלאנטפולע קינסטלערין, וואס האט פארלארען דעם פארשטאנד מיט אמאל, נאכדעם ווי זשאנדארמען האבען זי פארגוואלטיגט. די מעהרהייט געהען אראפ פון זינען נאך א שווערן לאנגזאמען פראצעס, דער פארשטאנד לעשט זיך אוים מיט יעדער שעה אלץ מעהר אין דעם אפגעשוואכטען קערפער.

אין יוני 1878 איז דאס לעבען פון די ארעסטאנטען אין כארקאווער געפענגנים געווארן אזוי אונערטרעגליך, אז זעקס פון זיי האבען באשלאסען צו שטארבען א הונגער־טויט. אין פארלויף פון א גאנצער וואך האבען זיי זיך אפגעזאגט אנצונעמען וועלכע עס איז שפייז, און ווען דער גענעראל־גובערנאטאר האט געהייסען אנווענדען א קינסטליכע נאהרונג, זיינען אין דער געפענגנים פארגעקומען אזעלכע סצענען, אז די געפענגנים באאמטע האבען געמוזט זיך אפזאגען פון דורכפיהרן דעם פלאן. כדי צו ברעכען זייער עקשנות, האט מען די ארעסטאנטען צוגעזאגט איינינגע הנחות, ווי, צום ביישפיעל, די ערלויבניש ארויסצוגעהן אויף שפאציר און דאס אראפנעמען די קייטען פון קראנקע; קיינער פון די צוזאגען איז ניט דורכגעפיהרט געווארן. ערשט שפעטער,

ווען עטליכע מענשען זיינען געשטאָרבען, און צוויי (פּלאָטניקאָוו און באָגאָליובאָוו) זיינען פון זינען אראָפּ, האָבען די ארעסטאַנ־טען באקומען אן ערלויבניש צו זעגען האַלץ אין געפענגניס הויף, אינאיינעם מיט צוויי טאָטערן, וואָס האָבען קיין וואָרט רוסיש ניט פארשטאַנען. ערשט נאָך דרינגענדע פאָדערונגען, פאר וועל־כע מען האָט באצאָהלט מיט וואָכען אין פינסטערן קארצער, האָבען זיי באקומען ארבייט אין די קאמערן, אָבער דאָס איז געשעהן ערשט צום סוף פון זייער דריטען יאָהר אין געפענגניס.

אין אָקטאָבער, 1880, איז די ערשטע פּארטיי, וואָס איז בא־שטאַנען פון דרייסיג מענשען, מעהרסטענס פאראורטיילטע אין 1874, ארויסגעשיקט געוואָרן אין מצענסקער איבערשיקונגס גע־פענגניס ביז מען וועט זיי אָפּשיקען אין סיביר. ווינטער איז אָנגעקומען די צווייטע פארטיי פון פערציג מענשען, וואָס זיינען פאראורטיילט געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון 193. מען האָט זיי אַלע געזאָלט שיקען אין נערטשינסק, אויף די קארער גאָלדמינען. זיי האָבען אַלע גוט געוואוסט, וואָס פאר א שיקזאַל זיי ערווארט דאָרטען, און דאָך האָבען זיי געזעגענט דעם טאָג, ווען זיי האָבען פארלאָזען דעם בעלגאראדער גיהנום, פאר זייער טאָג פון בא־פרייאונג. נאָכ'ן לעבען אין אָט דער צענטראַלער געפענגניס האָ־בען די קאטאָרזשנע ארבייטען אין סיביר אויסגעזעהן ווי א גן־עדן.

איך האָב ביי מיר אַן ערצעהלונג, אָנגעשריבען פון א פּערזאָן, וואָס האָט געקריגען די ערלויבניס צו זעהן זיך מיט איינעם פון די ארעסטאַנטען אין מצענסקער איבערשיקונגס געפענגניס, און מיר איז ניט אויסגעקומען צו לייענען עפּעס ריהרענדערעס, ווי אָט די איינפאַכע ערצעהלונג. זי איז אָנגעשריבען געוואָרן אונטער דעם פרישען איינדרוק פון זעהן זיך אין מצענסק מיט א באַליבטען ברו־דער, ווען דעם אויטאָר איז ענדליך געלונגען צו זעהן ערשט נאָך א סך יאָהרען, וואָס דער ברודער איז געווען אינגאַנצען פארשוואונ־דען פון דער לעבעדיגער וועלט. מיט א ריהרענדער גוטסקייט שרייבט דער אויטאָר פון די עראינערונגען נאָר עטליכע שורות וועגען די שרעקען פון בעלגאָראָדער געפענגניס. „איך וועל ניט רעדען וועגען אָט די שרעקען, — ווערט געזאָגט אין די עראינע־רונגען, — ווייל איך אייל מיך צו דערצעהלען וועגען יענעם שטראַל

פון פרייד, וואָס איז אריינגעדרונגען אין דאָס פינסטערע לעבען פון דעם אַרעסטאַנט," — און נאָכדעם זיינען גאַנצע זייטען פון די עראינערונגען פאַרנומען מיט דעטאַלירטע באַשרייבונגען פון יענער פרייד, וואָס עס האָט געגעבען דאָס קורצע זעהן זיך אין מצענסק מיט מענשען, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון אַ סך יאָהרען געוועזען לעבעדיג באַגראָבענע.

„אַלטע און יונגע, עלטערן, פרויען, שוועסטער און ברידער, — זיי אַלע זיינען זיך צונויפגעקומען אין מצענסק פון אַלע עקען רוס־לאַנד, פון די פאַרשידענסטע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, די געמיינ־שאַפטליכע פרייד ביים זעהן זיך און דער געמיינשאַפטליכער טרויער ביים שיידען זיך האָט זיי פאַראייניגט אין איין גרויסער פאַמיליע. וואָס פאַר אַ ליבע, טייערע צייט דאָס איז געוועזען!"

„אַ ליבע, טייערע צייט!" — וואָס פאַר אַ טיפער טרויער עס קלינגט אין דעם אויסרוף, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון טיפען הארצען, ווען מיר וועלען נעמען אין באַטראַכט, אַז דאָס האָט מען זיך געזעהן מיט אַרעסטאַנטען, וואָס האָבען געזאָלט פאַרלאָזען רוסלאַנד אויף אייביג, אַריבערגעהן אַ וועג פון 7000 וויאָרסט און פאַרשפאַרט ווערן אין לאַנד פון טרערען און טרויער — סיביר.

„אַ ליבע, טייערע צייט!" און דער אויטאָר פון די עראינערונגען באַשרייבט די איינצעלהייטען פון דעם זעהן זיך; ער דערצעהלט וועגען דער שפּייז, וואָס זיי האָבען געבראַכט די אַרעסטאַנטען, כדי צו דערהאַלטען זייערע כחות נאָך אַ זעקס־יאָהריגער פאַרהאַפטונג; וועגען די פאַרשידענע אַרבייטס אינסטרומענטען, וואָס מען האָט זיי געשאָנקען פאַר זייער צייט־פאַרטרייב; וועגען די זאָרגפעלטיגע צוגרייטונגען צו דער ווייטער און לאַנגער רייזע דורך סיביר; וועגען די שטיקלאַך מאַטעריאַל פאַר די פיס אונטער די קייטען, אַז די לעצטע זאָלען ניט אָנרייבען די פיס די פינף חברים אונזערע, וואָס האָבען געדאַרפט דורכמאַכען דעם גאַנצען וועג געשמידטע; און ענדליך קומט אַ באַשרייבונג פון אַ לאַנגער רייה פוהרען מיט צוויי אַרעסטאַנטען און צוויי זשאַנדאַרען אויף יעדערער, דאָס אָנקומען אויף די אייזענבאַהן סטאַנציע, און דער טרויער ביים שיידען זיך מיט געליבטע מענשען, קיינער פון וועלכע עס האָט זיך ביז איצט נאָך ניט אומגעקערט, און אַ סך זיינען שוין ניטאָ.

די אויבענגעבראַכטע ביישפּילען גיבען שוין אַ באַגריף וועגען

די רוסישע קרימינעלע געפענגניסען. א סך זייטען וואָלט מען נאָך געקאָנט אָנפילען, נעמענדיג ביישפילען פון אלערליי געפענגניסען, אָבער דאָס וואָלט נאָר געווען א ווידערהאָלונג. סאַי די אלטע, סאַי די נייע געפענגניסען אונטערשיידען זיך מיט קיין זאך ניט איינע פון די אנדערע. אלע אונזערע שטראָף איינריכטונגען זיינען אויס־געצייכענט כאראקטעריזירט געוואָרן מיט די ווערטער פון דיזעל־ביגע עראינערונגען, וואָס איך האָב שוין אויבען באנוצט.

„צום שלוס, — זאָגט דער אויטאָר פון יענע עראינערונגען, — מוז איך צוגעבען, אז ענדליך האָט מען פאר דער געפענגניס באשטימט א נייעם פארוואלטער. דער אלטער האָט זיך געקריגט מיט'ן קאסיר: זיי האָבען זיך ניט געקאָנט צוטיילען אויף א פרידליכען אופן מיט די הכנסות פון די ארעסטאנטסקע פּאָרציעס, און ענדליך האָט מען זיי ביידען פארטריבען פון דאָרט. דער נייער פארוואלטער איז ניט אזא ווילדע חיה ווי זיין פּאָרגענגער. איך האָב אָבער געהערט, אז אונטער איהם הונגערן די ארעסטאנטען נאָך מעהר, און אז ער שעהמט זיך ניט צו פארפאָהרן זיי מיט'ן פויסט אין פּיזיאָנאָמיע". דער אויבענגעבראכטער אויסצוג פאָר־מירט אויסגעצייכענט די „געפענגניס רעפאָרמען" אין רוסלאנד. איין אויסוואורף פארטרייבט מען פון דינסט, אָבער אויף זיין אָרט זעצט מען ארויף אנ'אנדערן, אמאָל נאָך אן ערגערן. ניט מיט פארבייטען איין אויסוואורף אויף א צווייטען, נאָר דורך א גרינד־ליכער רעפאָרם פון דעם גאנצען סיסטעם קאָן מען דערגרייכען א וועלכען עס איז אויסבעסערונג אויף אָט דעם געביט. צו דעמזעל־ביגען שלוס איז אויך געקומען די ספּעציעלע רעגירונגס קאָמיסיע, וואָס האָט ניט לאנג צוריק באטראכט די פראגע. עס וואָלט אָבער געווים געווען די גרעסטע זעלבסט־טוישונג צו מיינען, אז עס זיי־נען מעגליך וועלכע עס איז אויסבעסערונגען ביי דעם עקזיסטירענ־דען סיסטעם פון מלוכה פארוואלטונג. ווענינגסטענס א האלב טוץ רעגירונגס קאָמיסיעס זיצען ביים פארהאנדלען די אויבענדערמאָנ־טע פראגען, און זיי זיינען אלע געקומען צום שלוס, אז די רעגירונג מוז זיך אנטשליסען אויף זעהר גרויסע הוצאות, אנדערש וועלען אין אונזערע געפענגניסען הערשען די אלטע פיהרונגען. נאָך מעהר ווי אין גרויסע הוצאות, נויטיגען זיך אונזערע געפענגניסען אין אֶהרליכע און פעהיגע מענשען, אָבער נאָך אזעלכע מענשען יאָגט

זיך ניט די איצטיגע רוסישע רעגירונג, כאָטש זיי זיינען פאראַן, און ניט ווייניג. איך וועל אָנווייזען, פאר א ביישפּיל, אויף איינעם אַזאַ עהרליכען מענשען, דעם פּאָלקאָווניק קאָנאָנאָוויטש, דעם קאָמענדאַנט פון די קארער גאָלד־מינען. ניט אריינציהענדיג די מלוכה קאַסע אין נייע הוצאות, האָט דער פּאָלקאָווניק קאָנאָנאָוויטש געפונען א מיטעל צו פארריכטען און ברענגען אין אָרדנונג די אַלטע און האַלב־צופוילטע געפענגנים געביידען, מאַכענדיג זיי מעהר־ווייניג באַקוועם צו באוואוינען; מיט אונבאַדייטענדע סומען האָט ער אויסגעבעסערט די שפּייזען פון די אַרעסטאַנטען. אָבער עס איז גענוג געווען א צופעליגער לויב פון א טוריסט, וואָס האָט באַזוכט די קארער קאָלאָניע פון פאַרשיקטע, און אַן עהנליכער לויב אין א בריף, וואָס איז איבערגעכאַפּט געוואָרען אויפ׳ן וועג פון סיביר, צו מאַכען פּאָלקאָווניק קאָנאָנאָוויטש פאר א באַרדעכטיגע פּערזאָן אין די אויגען פון אונזער רעגירונג. ער איז באַלד אַנטלאַסען געוואָרען, און זיין יורש האָט באַקומען דעם באַפעהל אומצוקערן זיך צום אַלטען שטרענגען רעזשים. אויף די פּאָליטישע פאַרברעכער, וואָס זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיג פריי, נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּגעווען זייערע טערמינען, האָט מען צוריק אָנגעטאָן די קייטען; צוויי פון זיי האָבען אָבער ניט געוואָלט אונטערוואַרפען זיך דעם באַרבאַרישען באַפעהל און האָבען פאָרגעצויגען צו באַגעהן זעלבסטמאָרד. אויף קארא איז איינגעשטעלט געוואָרן די „אָרדנונג", וואָס די רעגירונג האָט געוואָלט. אַנאַנדער סיבירער באַאַמטער, גענעראַל פּעדאַשענקאָ, איז געוואָרן אומבאַליבט ביי דער רעגירונג דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיגען דעם טויט־אורטייל, וואָס א קריגס־געריכט האָט אַרויסגעגעבען פאַר דעם פּאָליטישען אַרעסטאַנט שטשעדרין. די אָנקלאַגע אויף שטשעדרינ׳ען איז געווען, וואָס ער האָט א פּאַטש געטאָן אַן אָפיציר, בעת יענער האָט באַליידיגט צוויי זיינע חברות אין געפענגנים, באָגאָמאָלעץ און קאָוואַלסקאַיאַ.

אַזעלכע זאַכען זיינען גאַנץ נאַטירליך אין רוסלאַנד. באַשעפטיגט איהר זיך מיט פּאַרשפּרייטען בילדונג, אָדער מיט פאַרבעסערן דאָס לעבען פון די אַרעסטאַנטען, אָדער מיט א וועלכער עס איז אַנדערער הומאַניטאַרער אַרבייט, וועט איהר אונפאַרמיידליך מוזען אַרויסרופען די אונצופרידענהייט און דעם פאַרדאַכט פון דער

רעגירונג; און אויב עס וועט זיך ארויסשטעלען, אַז איהר זייט דער שולדיגער, וועט מען אייך הייסען אָנגעבען אין דעמיסיע. לע־בען פעטערבורג איז פאַראַן אַ קאָלאָניע פאַר אינגערע און עלטערע קינדער. פאַר אָט די קינדער האָט איינער אַ העדר גערד (אַן איי־ניקעל פון באַריהמטען שאָטלענדער, וואָס האָט געהאָלפען אלעק־סאַנדער דעם ערשטען אין רעפאָרמירן אונזערע געפענגניסען) אָפּ־גגעבען זיין גאַנצע ענערגיע. ער האָט זיך דער ארבי׳ט אָפּגעגע־בען מיט׳ן גאַנצען האַרצען, און מען קאָן איהם מיט רעכט אָנרופען אַ צווייטער פעסטאַלאָצי. אונטער זיין גוטען איינפלוס זיינען פאַרברעכערישע קליינע גנבים און אַנדערע קינדער, וועמען די גאַס און די תפיסה האָבען פאַרדאָרבען, געוואָרן מענשען אין פולען זינען פון וואָרט. אַרויסשיקען אַ אינגעל פון די אַלגעמיינע ווערס־שטאַטען אָדער פון קלאַס, — דאָס איז געווען די ערנסטעסטע שטראָף, וואָס מען האָט פּראַקטיצירט אין דער קאָלאָניע; עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אינגיכען איז זי געוואָרן אַ מוסטער־האַפטע. אָבער די רוסישע רעגירונג נויטיגט זיך ניט אין מענשען ווי גערד. האָט מען איהם אַנטלאַסען פון זיין שטעל, און די קאָ־לאָניע, וועלכע ער האָט פאַרוואַלטעט אויף אַזאַ הומאַנעם אופן, האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ געוועהנליכע רוסישע געפענגניס, מיט דעם געוועהנליכען שטראָף סיסטעם, איינשליסענדיג שמיץ און קאַרצער.

די אויבענגעבראַכטע ביישפּילען ווייזען אָן גענוג קלאָר אוי אויף די חסרונות פון דעם סיסטעם, ווי אויך אויף דעם, וואָס מען קאָן ערוואַרטען פון אונזערע באַאַמטע. מיינען, אַז אַ וועלכע עס איז רעפאָרם איז מעגליך אין אונזערע געפענגניסען, וואָלט אונטער די איצטיגע אומשטענדען געווען אַן אויגענשיינליכער אונזין. אונ־זערע געפענגניסען זיינען נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון אונזער גאַנצען לעבען אונטער דעם איצטיגען רעזשים; און אַזוי וועלען זיי בלייי־בען, ביז וואַנען אונזער רעגירונגס סיסטעם און דאָס גאַנצע לעבען אונזערע וועלען אויף אַ גרינדליכען אופן ניט געענדערט ווערן; דאַן, און נאָר דאַן, וועט „רוסלאַנד קאָנען באַווייזען, וואָס זי איז אימשטאַנד צו טאָן”; אָבער דעמאָלט וועלען מיר, האָף איך, גע־פינען אַ בעסערן מיטעל אין דעם קאַמף מיט פאַרברערען, איידער די אַזוי גערופענע „אויסגעצייכענטע געפענגניסען.”

קאַפּיטעל 3.

די פּעטראָפּאַוולער פעסטונג.

אין אונבאַשרענקטע מאָנאַרכיע איז ניט מעגליך אָהן א טאַוער אָדער א באַסטיל. די פּעטערבורגער רעגירונג איז ניט קיין אויס־נאַם פון דעם כּלל, און זי האָט איהר אייגענע באַסטיל — די „פּעט־ראָפּאַוולאָווסקאַיאַ קרעפּאָסט". פון דרויסען האָט זי ניט אזא פינס־טערן אויסזעהן, ווי עס האָט געהאַט די פּאַריזער באַסטיל. איהרע נידריגע שטיינערנע באַסטיאָנען, וואָס קומען אַרוים אויף דער נעווא, האָבען א גאַנץ מאָדערנעם אויסזעהן. אין די ווענט פון דער פעסטונג געפינען זיך דער מינץ־הויף, די קאַטעדראַל מיט די קברים פון די מיטגלידער פון דער קייזערליכער פאַמיליע, עטליכע געביידעס, וואָס ווערן פאַרנומען פון אינזשינערען און מיליטער־רישע באַאַמטע, און גרויסע אַרסענאַלען אין נייעם קרוינווערק אויף דער צפון'דיגער זייט. בייטאָג זיינען די טויערן פון דער פעסטונג אָפען פאַר דעם געוועהנליכען גאַסען פאַרקער.

אָבער א געפיהל פון בלוט־פאַרגליווערענדיגען שרעק כאַפּט אַרום די איינוואוינער פון פּעטערבורג, ווען זיי קוקען זיך איין אין די גרויע באַסטיאָנען פון דער פעסטונג, וואָס ליגען אויף יענער זייט נעווא, אנטקעגען דעם קייזערליכען פּאַלאַץ; און פינסטערע געדאַנ־קען באַהערשען זיי, ווען דער צפון ווינט דערטראָגט צו זייער אויער די דיסהאַרמאָנישע קלאַנגען פון די פעסטונגס גלאָקען, וואָס קלינגען יעדע שעה אויס א מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע. א הונדערט־יאָהריגע טראַדיציע פאַרבינדט די פעסטונג און אפילו איהר נאָמען מיט דעספּאָטיזם און ליידען. טויזענטער, צעהנדליגער טויזענטער פון פאָלק, מעהרסטענטיילס אוקראַינער, האָבען דאָ אוועקגעלייגט זייער לעבען, לייגענדיג דעם פונדאַמענט פון די באַסטיאָנען אויפ'ן ניד־ריגען, זומפּיגען אינזעל יעני־סאַרי. מיט'ן נאָמען פון דער פעסטונג

זיינען ניט פארבונדען קיין עראינערונגען וועגען א וועלכער עס איז הערליכער פארטיידיגונג; איהר רוהם בארוהט אינגאנצען אויף די ליידען, וואס די אין איהר פארשפארטע שונאים פון זעלבסטהער־שאפט האבען דא דורכגעמאכט.

אין אט דער פעסטונג האט פעטער דער ערשטער געפלאגט און געמאטערט די שונאים פון דער נייער מיליטערישער אימפעריע, אין וועלכע ער האט אויף א געוואלטזאמען אופן געוואלט פארוואנד־לען רוסלאנד. דא האט ער געהייסען פארמאטערען זיין זוהן אלעקסעי, און מעגליך, אז ער האט איהם מיט זיינע אייגענע הענט געטויט, ווי איינינע היסטאריקער באהויפטען. דא האבען, אין דער צייט פון דער הערשאפט פון די קייזערינען, די אלמעכטיגע הויפ־לייט באגראבען זייערע פערזענליכע שונאים, און געמאכט אז א סך משפחות זאלען זיך פארטראכטען: וואוהין זיינען פאר־שוואונדען זייערע אייגענע? האט מען זיי דערטרונקען אין דער נעווא, אדער מען האט זיי באגראבען לעבעדיגערהייד אין די שטיי־נערנע זעק פון דער פעסטונג? דא האט מען פארשפארט די העל־דען פון דער ערשטער און איינציגער אפענער רעוואלוציע אין פעטערבורג, די דעקאבריסטען, און דערביי האבען איינינע פון זיי, צום ביישפיעל, באטענקאוו, פארבראכט דא צוועלף יאהר. דא האט מען געמאטערט און דערנאך אויפגעהאנגען קאראקאזאוו׳ן. און פון יענער צייט אן האט א גאנצער דור מענער און פרויען, בא־נייסטערט מיט א הייסער ליעבע צום געדריקטען פאלק, אינספי־רירט פון פרייהייטס אידעען, וואס זיינען צו אונז אריינגעדרונ־גען פון מערב, אדער וואס זיינען אויסגעוואקסען אויפ׳ן באדען פון אלטע פאלקס־טראדיציעס, — א גאנצער דור פון אירעאליס־טישער יוגענט האט זיך אנגעקליבען אין די ווענט פון דער פעס־טונג: איינינע פון זיי זיינען פארשוואונדען אין איהר אויף אייביג, און אנדערע האבען געענדיגט זייער לעבען אויף איהר גלאסים — אויף דער תליה. פאר הונדערטער אנדערע איז די פינסטערע פעסטונג געווען נאר א צייטווייליגע וואוינונג, פון וועלכער מען האט זיי אין געהיים אוועקגעפיהרט אין די שנייאיגע וויסטען פון סיביר. א גאנצער דור, אויף וועלכען מען האט גע־קוקט מיט האפנונג, ווי אויף די ליטערארישע און וויסענשאפט־ליכע פארשטעהער פון רוסלאנד, איז צוועקלאז פארמוטשעט און

דערשטיקט געוואָרען! וויפיל פון זיי מאַטערן זיך נאָך ביז איצט אין פעסטונג? וואָס פאַר א טרויעריגע, פיינליכע עקזיסטענץ ציהען זיי דאָרטען? וואָס וועט זיין זייער וויטערדיגער שיקזאל?... קיינער קאָן אויף די פראגען ניט געבען קיין ענטפער. א געפיהל פון עפּעס אן אבערגלויבערישען שרעק איז פארבונדען מיט דער פארשטעלונג גופא פון אָט דער קאָלאָסאַלער מאסע שטיין, איבער וועלכער עס וועהט די אימפּעראַטאָרשע פאָהן. דאָס איז אונזער באסטיל.

די פעסטונג מיט איהרע זעקס באסטיאָנען און זעקס קור־טינען, צוויי ראַוועלינען און א גרויסען קרוינווערק פון רויטע ציי־געל, וואָס ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געבויט אויף דער צפון זייט, פארנעמט איבער הונדערט דעסיאַטין. אינוועניג אין איהרע יוענט זיינען פאראן א סך וואוין־ערטער פאַר אלערליי ארעסטאַנ־טען. קיינער, אויסער דעם קאָמענדאנט פון דער פעסטונג, ווייס ווי ניט אלע*).

צווישען די אנדערע געביידען פון דער פעסטונג דערהויבט זיך א דריי־עטאַזשיגע געביידע, וואָס מען האָט איינמאָל אין

*) פאַר מענשען, וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט דער פעסטונג טער־מינאָלאָגיע, וועלען אפשר זיין ניט איבריג די פאָלגענדע ערקלערונגען. יעדע פעסטונג האָט די פאָרם פון אַ פיעלעקיגער פיגור: אויף די אַרויס־טאַרטשענדיגע ווינקלען געפינען זיך די באַסטיאָנען, דאָס הייסט, פינף־עקיגע פּלעצער, וואָס זיינען איינגעשלאָסען צווישען צוויי לאַנגע און צוויי קורצע ווענט און האָבען אויך נאָך אַנדערע, אינערליכע געביידען — אַ רודוט, אַ צוויי־עטאַזשיגע, פינף־עקיגע רייה פון זייליגע קאַזעמאַטען, וואָס זיינען באַשטימט פאַר דער פאַרטיידיגונג פון באַסטיאָן, אין פאַל די אויסערליכע ווענט ווערען צושטערט. יעדע צוויי באַסטיאָנען זיינען פאַראייניגט מיט א קורטין. אזוי ווי די קורטין און די צוויי אינער־ליכע ווינקלען פון די באַסטיאָנען זיינען די שוואַכסטע טיילען פון די באפעסטיגונגען, ווערען זיי אָפט מאסקירט פון א דרייעקיגער געביידע אויסערהאַלב דער פעסטונג (וואָס איז אָבער אַרומגערינגעלט פון דעמ־זעלביגען גלאַסיס); אָט די באַפעסטיגונג רופט מען ראַוועלין. עס באַ־שטעהט פון צוויי ווענט, וואָס באַשיצען די קורטין און די ווינקלען פון באַסטיאָן, מאַכענדיג אונמעגליך צוצוטרעטען צום באַסטיאָן, ביז וואַנען דער ראַוועלין גופא איז ניט איינגענומען געוואָרן. די פעטראָפּאַוולאָווס־סקאַיאַ קרעפּאָסט האָט נאָר צוויי ראַוועלינען: טרובעצקאָי אויף דער מערב'דיגער זייט און אַלעקסעיעווסקי — אויף דער מזרח'דיגער.

שפּאָס אָנגערופען „דער פּעטערבורגער אימפּעראַטאָרשער אוניווער־סיטעט", ווייל אַהער האָט מען געשיקט, נאָך די אוניווערסיטעטישע אומאָרדנונגען פון 1861, הונדערטער סטודענטען. א מאַסע יונגע לייט האָבען דאָ פאַרבראַכט עטליכע מאָנאַטען, איידער מען האָט זיי פאַרשיקט „אין מעהר אָדער ווייניגער דערווייטערטע גובער־ניעס פון דער אימפּעריע"; א דאַנק אַזאַ „צאַרישען חסד" איז, פאַרשטעהט זיך, זייער וויסענשאַפטליכע קאַריערע אויף אייביג צעשטערט געוואָרן.

אין דער פעסטונג איז אויך פאַראַן די אַזוי גערופענע יעקאַ־טערינינער קורטין, וואָס קומט אַרויס צו דער נעוואַ; אונטער איהרע שווערע אַמבראַזורען ביי די שטיינערנע ווענט, צווישען די צוויי פעסטונג באַסטיאָנען, וואַקסען מאַי־בוימער. דאָ האָט טשערנישעווסקי אין 1864 אָנגעשריבען זיין באַריהמטען ראָמאַן „וואָס זאָל מען טאָן?" וואָס האָט אין יענער צייט אָנגעמאַכט א גאַנצע רעוואָלוציע אין די באַציהונגען פון די סטודענטען צו פרוי־ען, וואָס האָבען געקעמפט פאַר דאָס רעכט צו באַקומען וויסענ־שאַפטליכע קענטניסען גלייך מיט די מענער. פון דער טיפענישׂ פון קאַזעמאַט פון אָט דער קורטין האָט טשערנישעווסקי געלע־רענט די יוגענט צו זעהן אין דער פרוי ניט א היוז־קנעכט, נאָר א חבר און פריינד; און דאָס, וואָס ער האָט געלערענט, איז אומזיסט ניט פאַרלאָרן געגאַנגען.

דאָ איז אויך געווען פאַרשפּאַרט ד. א. פּיסאַרעוו, דער פאַרט־זעצער פון טשערנישעווסקי'ס אַרבייט. ניט האָבענדיג קיין מעג־ליכקייט צו באַשעפטיגען זיך מיט אַקטיווער טעטיגקייט אויף דער פריי, האָט ער זי פאָרטגעזעצט אין דער פעסטונג: דאָ האָט ער אָנגעשריבען איינע פון די גלענצענדסטע און פּאָפּולערסטע דאַר־לעגונגען פון „אָפּשטאַמונג פון מינים". אויף אַזאַ אופן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן צוויי מעכטיגע טאַלאַנטען, אין דער צייט ווען זיי האָבען דערגרייכט די פולע קראַפט פון זייער אַנטוויקלונג. טשערנישעווסקי איז פאַרשיקט געוואָרען אין סיביר, וואו מען האָט איהם אָפּגעהאַלטען צוואַנציג יאָהר, צוערשט אין די מינען, און דערנאָך, אין פאַרלויף פון דרייצעהן יאָהר, אין ווילויסק, א קליי־נינקע שטעטעלע, וואָס ליגט ניט ווייט פון די פּאָלאַרע געגענטען. א ביטע וועגען זיין באַפרייאונג, וואָס איז אונטערגעשריבען גע־

ווערן פון מיטגלידער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען ליטעראַרישען קאָנגרעס, האָט ניט געמאַכט קיין איינדרוק. די רוסישע רעגירונג האָט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר טשערנישעווסקי'ס איינפלוס אין רוסלאַנד, אַז זי האָט איהם ערלויבט זיך אומצוקערן פון סיביר און זיך באַזעצען אין אַסטראַכאַן ערשט דאַן, ווען עס האָט שוין גאָר קיין רעד ניט געקאָנט זיין וועגען טשערנישעווסקי'ס פריהער־דיגער ליטעראַרישער אַרבייט: דעם גרויסען שרייבער'ס געזונט איז אינגאַנצען צושטערט געוואָרן פון צוואַנציג יאָהר לעבען אין נויט און אין גייסטיגע ליידען; אַ לעבען, וואָס איז אויף אַן אונפּרוכטבאַרען אופן פאַרשווענדעט געוואָרן צווישען האַלב־ווילדע. דעם סענאַט'ס פּראָצעס איבער טשערנישעווסקי'ן איז אין דער אמת'ען געוועזן אַ פאַריסעאישע קאָמעדיע; עס איז גענוג אָנצו־ווייזען, אַז צווישען די באַווייזען פון זיין שולד האָבען פיגורירט זיינע אַרטיקלען, וואָס די צענזור האָט אַלע דורכגעלאָזען, און זיין ראָמאַן, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין דער פעסטונג. מיט פּי־סאַרעוו'ען איז מען זיך באַגאַנגען נאָך איינפאַכער: מען האָט איהם געהאַלטען אין פעסטונג, אַזוי לאַנג ווי מען האָט עס באַטראַכט פאַר נויטיג... ער איז דערטרונקען געוואָרן עטליכע מאָנאַטען נאָכדעם, ווי מען האָט איהם באַפרייט.

אין פאַרלויף פון 1870 און 1871 זיינען אין די קורטינען געוועזען פאַרשפּאַרט יונגע לייט פוןביידע געשלעכטער, וועמען מען האָט באַשולדיגט, אַז זיי געהערן צו ניעטשאַיעוו'ס קרייזען, וואָס זייער לאָזונג איז געוועזען: „אין פאָלק!" זיי האָבען געלערנט די רוסישע יוגענט צו טראָגען די לעהרע פון סאָציאַליזם אין די טי־פענישען פון די פאָלקס־מאַסען, טיילענדיג אין דערזעלביגער צייט מיט'ן פאָלק זיין שווער לעבען פון אַרבייט. אינגיכען אָבער, אין 1873, איז געעפענט געוואָרן אַ נייע, אַ גראַמערע און אַ זיכערערע געפענגניס אין די ווענט פון פעסטונג, נעמליך דער טרובעצקאָי באַסטיאָן. פון יענער צייט אָן ווערט די יעקאַטערינינער קורטין אַן אויסשליסליך מיליטערישע געפענגניס, באַשטימט פאַר פעטער־בורגער אָפיצערן, וואָס זיינען פאַר'משפט געוואָרן צו זיצען אין פעסטונג פאַר עובר זיין אויף די מיליטערישע דיסציפּלין. אָבער די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, וואָס וואַרטען אויפ'ן פּראָצעס ווערן געהאַלטען אין טרובעצקאָי באַסטיאָן. די גראַמע און הויכע

קאזעמאטען פון דער קורטין זיינען איבערגעמאכט, באצירט און בכלל געמאכט געוואָרן מעהר־וועניג באקוועם. אזוי ווי מען קאָן פון דאנען צוקומען צום טרובעצקאָי באסטיאָן, קומען איצט אהער קרובים זעהן זיך מיט די וועניג ארעסטאנטען, וואָס באקומען אזא פּריווילעגיע. דאָ זיצט אויך א ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס מאכט די פּרעלימינערע אויספאָרשונגען אין מלוכה פּראָצעסען און קריגט ארויס קאָנפעסיעס. סאָלאָוויאָוו, וואָס איז געהאנגען געווארן אין 1879, איז, ווייזט אויס, געווען דער לעצטער „פּאָליטישער", וואָס איז געזעסען אין קורטין. איבריגענס, אייניגע באוואוינער פון טרובעצקאָי באסטיאָן פיהרט מען אויף עטליכע טעג אריבער אין קורטין, כדי אפּצוזונדערן זיי, פאר עפּעס אומבאקאנטע צוועקען, פון די איבריגע חברים. מיר איז באקאנט איין פאל אזא מיט סאבוראָוו'ען. מען האָט איהם אוועקגעפיהרט אין קורטין און איינ־געשלעפּערט מיט מעדיקאמענטען, כדי איהם צו פאָטאָגראפירן... אזוי, וועניגסטענס, האָט מען איהם געזאָגט, ווען מען האָט איהם געבראכט צו זיך. יעדענפאלס, שפּיעלט שוין די יעקאטערינינער קורטין מעהר ניט די ראָל פון א פּאָליטישער געפענגנים. דער טרובעצקאָי באסטיאָן, וואָס געפינט זיך דאָ דערביי, איז פאר דעם צוועק איבערגעבויט געווארען אין 1872.

דאָ האלט מען די „פּאָליטישע" ניט זעלטען צו צוויי־דריי יאָהר, ביז וואנען עס ווערן ארויסגעגעבען די אנטשיידונגען פון די פארשידענע געהיימע קאָמיסיעס, וואָס קאָנען זיי שטעלען צום פּראָצעס, אָדער איינפאך ארויסשיקען זיי אין סיביר „אויף אַן אדמיניסטראטיווען אופן" אָהן קיין שום פּראָצעס.

דער טרובעצקאָי באסטיאָן, אין וועלכען מיר איז אויסגעקור־מען צו פארברענגען מעהר ווי צוויי יאָהר, איז שוין מעהר ניט איינגעהילט אין אזא געהיימניספולקייט, ווי אין 1873, ווען ער איז צום ערשטען מאָל געמאכט געווארן פאר א הויז פון פּרעלי־מינערער פארהאפטונג פאר פּאָליטישע. די צוויי און זיבעציג קאמערן, אין וועלכע די ארעסטאנטען ווערן אויפגעהאלטען, פאר־נעמען צוויי עטאזשען פון דעם רעדוט, א פינף־ווינקעלדיגע גע־ביידע מיט א הויף אינוועניג; איינער פון די פאסאדען פון אָט דער געביידע איז די וואוינונג פון דעם באסטיאָנ'ס פארוואלטער; דאָ געפינט זיך אויך דער וואך־צימער. די קאמערן פון באסטיאָן

זיינען גאַנץ גראָם; יעדערער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר א קאַזעמאַט מיט זיילען, באַשטימט פאַר א גרויסער פעסטונג קאַנאָן. יעדערער האָט עלף טריט (אַרום 25 פוס) אין דיאַגאָנאַל, האָב איך אויף אַזאַ אופן יעדען טאָג געקאָנט מאַכען א זיבען־ווערסטיגען שפּאַציר איבער מיין קאַמער, ביז מיינע קרעפטען זיינען איינגאַנצען ניט אונטערגעגראָבען געוואָרן פון דער לאַנגער פאַרהאַפטונג.

ליכט איז אין זיי פאַראַן זעהר ווייניג. די אַמבראַזור, וואָס פאַרבייט דאָס פענסטער, איז כמעט פון דערזעלביגער גרויס, ווי די פענסטער פון געוועהנליכע געפענגנ יסען. אָבער די קאַמערן געפינען זיך אין דעם אינוועניגסטען טייל פון באַסטיאָן (דאָס הייסט אין ערדוט), און די פענסטער קומען אַרויס אויף די הויכע ווענט פון באַסטיאָן, וואָס געפינען זיך פון זיי אויף א דיסטאַנץ פון 15—20 פוס. אויסער דעם זיינען די ווענט פון ערדוט, וואָס האָבען געדאַרפט ביישטעהן אנטקעגען קאַנאָנען־קוילען, געווען כמעט פינף פוס דיק, און דער צוטריט פון ליכט ווערט נאָך מעהר געשטערט פון טאָפּעלטע ראַמען מיט קליינע שויבען און אַן אייזערנער גראַטע. און דער פּעטערבורגער הימעל, ווי באַקאַנט, צייכענט זיך ניט אויס מיט קיין באַזונדערער קלאָרקייט. די קאַמערן זיינען טונקעל *), — און דאָך האָב איך אין איינעם פון זיי, — אמת, דעם ליכטיגסטען אין דער גאַנצער געביידע, — אָנגעשריבען צוויי בענד פון מיין ארבייט וועגען דעם אייז־פּעריאָד, און, באַנוצענדיג זיך מיט די קלאָרע זומער טעג, האָב איך געצייכענט די לאַנדקאַרטען, וואָס זיינען צוגעגעבען צו יענער ארבייט. דער נידריגסטער עטאַזש איז זעהר טונקעל, אפילו זומער. די אויסוועניגסטע וואַנט פאַרהאַלט דאָס גאַנצע ליכט, און איך געדענק, אז אפילו אין לויטערע טעג איז גאַנץ שווער געווען צו שרייבען; אייגענטליך האָט מען דאָ געקאָנט ארבייטען נאָר דעמאָלט, ווען די זונענשטראַלען זיינען אָפּגעשלאָגען געוואָרן פון די

*) די קאַמערן אין געוועהנליכע געפענגניסען, ווי צום ביישפּיל, אין דער ליאָנער, אין פראַנקרייך, כאָטש זיי האָבען פענסטער פון דערזעלביגער גרויס, קאָנען בנוגע זייער ליכטיגקייט ניט פאַרגליכען ווערען מיט די קאַזעמאַטען פון דער פעסטונג.

אויבערשטע טיילען פוןביידע ווענט.ביידע עטאזשען פון דעם גאנצען צפונ׳דיגען פאסאד זיינען זעהר טונקעל.

דער [illegible] אין די קאמערען איז באדעקט מיט געפארבטען וואילאק; די ווענט זיינען געמאכט אויף א באזונדערן אופן — זיי זיינען טאפעלטע; די ווענט גופא זיינען אויך באדעקט מיט וואילאק, אבער אויף א שטרעקע פון ארום פינף צאל געהט דא א דראטענע נעץ, וואס איז באדעקט מיט א דיקען לייוועגט און איז פון אויבען ארומגעקלעפט מיט א געלען פאפיר. אט די מא־כינאציע איז אויסגעטראכט געווארן מיט׳ן צוועק צו שטערן די ארעסטאנטען זיך דורכצורעדען מיט די שכנ׳ישע קאמערן, דורך איבערקלאפען זיך אויפ׳ן וואנט. אין די ביידע מיט וואילאק באדעקטע קאמערן הערשט די שטילקייט פון קברים. איך ווייס פון אנדערע געפענגניסען; אין זיי דערגעהט דאס אויסערליכע לעבען און דאס לעבען פון דער געפענגנים גופא צום אויער פון ארעס־טאנט דורך די טויזענטער פארשידענסטע קלאנגען, אפגעריסענע פראזען און ווערטער, וואס דערפליהען צו איהם צופעליג; דאך פיהלט ער זיך דארטען ווי א טיילכעל פון עפעס וואס לעבט. די פעסטונג אבער איז אן אמת׳ער קבר. צו אייך קומט ניט צו קיין איינציגער קלאנג, אויסער די טריט פון דעם סאלדאט אויפ׳ן וואך, וואס גנב׳עט זיך, ווי א יעגער, פון איין טיר צו דער אנדערער, כדי ארייןנצוקוקען אין די טיר־פענסטערלעך, וואס מיר האבען אנ־גערופען „יודא׳ס”. אייגענטליך זייט איהר קיינמאל ניט אליין, שטענדיג פיהלענדיג א באאבאכטענדיג אויג, און אין דערזעלביגער צייט זייט איהר דאך פולשטענדיג איינזאם. ווערט איהר פרואווען אנהויבען רעדען מיט דעם וועכטער, וואס ברענגט אייך קליידער פאר׳ן שפאציר אויפ׳ן געפענגנים הויף, וועט איהר איהם פרעגען אפילו וועגען וועטער, וועט איהר קיין ענטפער ניט באקומען. דער איינציגער מענש, מיט וועלכען איך פלעג יעדען אינדערפריה רע־דען א פאר ווערטער, איז געוועזן דער פאלקאווניק, וואס פלעגט קומען פארשרייבען די איינפאכע איינקויפונגען, וואס מען האט געדארפט מאכען, ווי, צום ביישפיל, טאבאק, פאפיר א. אז. וו. אבער ער האט קיינמאל ניט געוואגט אנצוהויבען מיט מיר א שמועס, ווייסענדיג, אז אויף איהם גופא גיט אכטונג דער וועכטער. די אבסאלוטע שטילקייט ווערט געשטערט נאר דורכ׳ן קלינגען

פון דעם פעסטונג זייגער, וואָס קלינגט אויס אַלע פערטעל שעה „האָספּאָדי פּאָמילוי”, אַלע שעה — „קאָל סלאַווען נאַש האָספּאָד וו סיאָנע”, און צו דערצו נאָך אַלע צוועלף שעה — „באָזשע צאַריאַ כראַני”. די קאַקאָפאָניע, וואָס די גלאָקען מאַכען אָן, בייטענדיג שטענדיג דעם טאָן ביי די שאַרפע ענדערונגען פון דער טעמפּעראַ־טור, איז באמת שרעקליך, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס נערוועזע מענשען האַלטען אָט דאָס קלינגען פאַר איינע פון די פיינליכסטע זייטען פון דער פאַרהאַפטונג אין פעסטונג.

די קאָמערן ווערן באַהייצט פון קאָרידאָר מיט דער הילף פון גרויסע אויוועגס, און די טעמפּעראַטור איז אַלעמאָל זעהר הויך; דער צוועק איז, ווייזט אויס, צו פאַרהינדערן פייכטקייט אויף די ווענט. כדי אויפצוהאַלטען אַזאַ טעמפּעראַטור, ווערן די אויוועגס פאַרמאַכט צו־פריה, ווען די קוילען האָבען נאָך ניט באַוויזען גוט דורכצוברענען, און צוליב דעם ליידען די געפאַנ־גענע אָפטמאָל פון שרעקליכען טשאַד. ווי די מעהרסטע רוסלענ־דער איינוואוינער, בין איך געוואוינט צו אַ גאַנץ הויכער צימער־טעמפּעראַטור, אבער איך האָב אויך ניט געקאָנט שלום מאַכען מיט אַזאַ היץ, און נאָך ווענינער — מיט׳ן שטאַר, און ערשט נאָך אַ לאַנגען קאַמף האָב איך אויסגעפיהרט, אז מען זאָל מיין אויוועגן פאַרמאַכען שפּעטער. מען האָט מיך געוואָרענט, אז אין אַזאַ פאַל וועלען מיינע ווענט פייכט ווערן, און, ווירקליך, אינגיכען האָבען זיך די ווינקלען פון געוועלב באַדעקט מיט פייכטקייט און דער פּאַפּיר אויף דער אויסערליכער וואַנט איז נאַס געוואָרן, ווי מען וואָלט איהם שטענדיג באַגאָסען מיט וואַסער. אָבער אַזוי ווי איך האָב געמוזט אויסקלייבען צווישען פייכטע ווענט און אַ טעמפּע־ראַטור פון אַ באָד, האָב איך פאַרגעצויגען דאָס ערשטע, כאָטש איך האָב פאַר דעם געמוזט באַצאָהלען מיט אַ לונגען־קראַנקהייט און רעמאַטעס. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז איינינע פון מיינע פריינד, וואָס זיינען געזעסען אין דעמזעלביגען באַס־טיאָן, זיינען געווען טיף איבערצייגט, אז מען האָט זייערע קאָמע־רען אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנטען אופן אָנגעפילט מיט שטיקענ־דיגע, גיפטיגע גאַזען. אָט דער קלאַנג איז געווען ברייט פאַר־שפּרייט און איז אַפילו דערגאַנגען צו אויסלענדער, וואָס האָבען געוואוינט אין פּעטערבורג; דער קלאַנג איז נאָך מערקווירדיגער

מיט דעם, וואָס מען האָט זיך ניט באַקלאָגט, אַז מען האָט זיי גע־פּרואווט פאַר׳סם׳ען אויף אַ וועלכען עס איז אַנדערען אופן, צום ביישפּיעל, דורך שפּייז. מיר דוכט, אַז דאָס, וואָס איך האָב אויבען געזאָגט, ערקלערט די אָפּשטאַמונג פון דעם קלאַנג: כדי אָנ־צוהאַלטען די אויוועגס אין אָן אָנגעברענטען צושטאַנד אין פאַר־לויף פון אַ מעת־לעת, האָט מען זיי פאַרמאַכט זעהר פריה, און די אַרעסטאַנטען האָבען געמוזט יעדען טאָג דערשטיקט ווערן פון טשאַד. נאָר מיט דעם קאָן איך ערקלערן די שטיקעניש אין האַלז, פון וועלכער איך פלעג מוזען ליידען כמעט יעדען טאָג, און נאָך וועלכער עס פלעגט געוועהנליך קומען אַ פולשטענדיגע מאַטקייט און אַלגעמיינע שוואַכקייט. איך האָב זיך באַפרייט פון אָט די אָנפאַלען, ווען איך האָב זיך דערשלאָגען, אַז מען זאָל ביי מיר איינגאַנצען ניט עפענען דעם לופטציהער.

ווען גענעראַל קאָרסאַקאָוו איז געווען קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג, איז די שפּייז אין אַלגעמיין געווען גוט; כאָטש זי איז ניט געווען באַזונדערס נאַרהאַפטיג, האָט מען זי אָבער גוט געמאַכט. שפּעטער אָבער האָט זי זיך שטאַרק פאַרערגערט. קיין פּראָוויזיע פון דרויסען האָט מען ניט אַריינגעלאָזען, מען האָט ניט געטאָרט אַריינברייגנגען אפילו קיין פּרוכט; אָן אויסנאַם איז גע־מאַכט געוואָרן נאָר פאַר די „קאַלאַטשי״, וואָס גוטהערציגע סוחרים גיבען די אַרעסטאַנטען אויף ווייהנאַכטען און פּסח, נאָך אָן אַלטען רוסישען מנהג, וואָס איז נאָך ביז איצט פאַרבליבען. אונזערע קרובים האָבען אונז געקאָנט ברענגען נאָר ביכער. די פון די פאַרשפּאַרטע, וואָס האָבען קיין קרובים ניט געהאַט, האָבען זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט איבערלייענען פיעל מאָל דיזעלביגע ביכער פון דער פעסטונג ביבליאָטעק, אין וועלכע עס האָבען זיך געפונען צופעליגע ביכער, וואָס זיינען אונז איבער־געלאָזען געוואָרען בירושה פון עטליכע דורות אַרעסטירטע, אָנ־הויבענדיג פון 1826. דאָס געבען פרישע לופט האָט מען דער־פיהרט ביז צו אַ מעגליכען מינימום. אין פאַרלויף פון די ערשטע זעקס מאָנאַטען פון מיין פאַרהאַפטונג האָב איך געהאַט 30—40 מינוט שפּאַציר אין טאָג; אָבער שפּעטער, ווען די צאָהל פאַר־שפּאַרטע אין אונזער באַסטיאָן האָט דערגרייכט כמעט ביז 60 מענשען, און אַזוי ווי אויף שפּאַציר איז געווען נאָר איין געפּענג־

ניס הויף, און אונטער 60° געאָגראַפישער ברייט ווערט טונקעל שוין ארום 4 אזייגער אין אָוועגט, האָט מען אונז געגעבען נאָר 20 מינוט אויף שפּאציר יעדען אנדערען טאָג זומער און צוויי מאָל א וואך ווינטער. מען דארף נאָך צוגעבען, אז א דאנק די שווערע אויסדאַמפּונגען פון אמאָניאַק, וואָס זיינען ארויסגעקו-מען פון קוימען פון דעם מינץ־הויף, — א קוימען, וואָס האָט זיך דערהויבען איבער אונזער הויף, און דערפאר פלעגען די אויס־דאמפּונגען אריינפאלען אין הויף, ווען עס פלעגט בלאָזען א ווינט פון מזרח, — איז דאָ די לופט אמאָל געווען אינגאנצען פאר'סמ'ט. איך האָב דעמאָלט ניט געקאָנט אריבערטראָגען דאָס שטענדיגע הוסטען פון די סאָלדאטען, וואָס האָבען א גאנצען טאָג געמוזט אריינאָטעמען דעם גיפטיגען רויך, און האָב געוועהנליך געבעטען, מען זאָל מיך אוועקפיהרען צוריק אין מיין קאמער.

אָבער אָט די אלע אומבאקוועמליכקייטען זיינען געווען קליי־ניגקייטען אין אונזערע אויגען, און קיינער פון אונז האָט זיי ניט געהאלטען פאר באזונדערס וויכטיג. מיר האָבען אלע זעהר גוט געוואוסט, אז פון דער געפענגנים קאָן מען קיין סך ניט ערווארטען, און אז די רוסישע רעגירונג האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען קיין צערטליכקייט צו די, וואָס האָבען געפּרואווט אראָפּווארפען איהר אייזערנעם יאָך. נאָך מעהר, מיר האָבען געוואוסט, אז דער טרו־בעצקאָי באסטיאָן איז א פּאלאַץ, אין פארגלייך מיט יענע געפענג־ניסען, אין וועלכע עס מאטערן זיך יעהרליך הונדערטער טויזענ־טער פון אונזערע לאנדסלייט, ווערענדיג אונטערוואָרפען צו די אלע שרעקען, וואָס איך האָב אויבען באשריבען.

קורץ, די מאטעריעלע באדינגונגען פון זיין פארשפּארט אין טרובעצקאָי באסטיאָן זיינען ניט געווען באזונדערס שלעכט, כאָטש אין אלגעמיין זיינען זיי, נאטירליך, געווען גענוג שטרענג. מען דארף ניט פארגעסען, אז וועניגסטענס א העלפט פון די, וואָס זיינען געזעסען אין פעסטונג, זיינען אהין אריינגעפאלען איינפאך צוליעב א מסירה פון עפּעס א שפּיאָן, אָדער פאר זיין באקאנט מיט רעוואָלוציאָנערען; מען דארף אויך ניט פארגעסען דעם אומ־שטאנד, אז א באדייטענדער טייל פון זיי זיינען, נאָך א פארהאפ־טונג פון 2—3 יאָהר דאָ, גאָר ניט געשטעלט געוואָרן צום פּראָצעס, און אויב זיי פלעגען אפילו געבראַכט ווערן אין געריכט, פלעגט

מען זיי דאָרטען פריישפרעכען (ווי, צום ביישפיעל, אין דעם פּראָצעס פון 193) און דערנאָך ארויסשיקען „אויף אַן אדמיניסטראַטיווען אופן" אין סיביר אָדער ערגעץ וואו אין א דערפעל אויפ'ן ברעג פון אייז־מער. די אויספאָרשונג ווערט געפיהרט געהיים און קיינעם איז ניט באקאנט, ווי לאנג זי וועט דויערן; מען ווייס ניט, וועלכע געזעצען וועלען אנגעווענדעט ווערן: אלגעמיין ציווילע אָדער געזעצען פון קריגס־צייט, און וואָס ערוואַרט דעם ארעסטירטען, — מען קאָן איהם פריישפרעכען, מען קאָן איהם אבער אויך אויפהענגען. קיין אדוואָקאט ווערט ניט צוגעלאָזען בעת דער אויספאָרשונג; עס ווערט אפילו פארבאָטען זיך דורכצוריידען אָדער דורכצושרייבען מיט די קרובים וועגען די אומשטענדען, וואָס האָבען געפיהרט צום ארעסט. אין פארלויף פון דער גאנצער אומענדליך לאנגער צייט פון דער אויספאָרשונג גיט מען די ארעסטירטע ניט קיין ארבייט. פעדערן, טינט, בלייפעדער זיינען שטרענג פארבאָטען אין די ווענט פון באסטיאָן; פאר שרייבען גיט מען נאָר א גריפעל־ברעט; און ווען דער ראט פון דער געאָגראפישער געזעלשאפט האָט געזוכט צו קריגען פאר מיר אַן ערלויבניש צו ענדיגען א וויסענשאפטליכע ארבייט, האָט ער דאָס געמוזט בעטען ביים אימפעראַטאָר אליין. באזונדערס שווער רופט זיך אָפּ אָט די, אָפטמאָל יאָהרענלאנגע, געצוואונגענע אונטעטיגקייט אויף ארבייטער און פויערים, וואָס קאָנען ניט לייענען גאנצע טעג; דעריבער באמערקט מען דאָ א גרויסען פּראָצענט פון פסיכישע קראנקהייטען. אין די מערב־אייראָפּעאישע געפענגניסען האלט מען א צוויי־דריי יאָהר איינצעל־פארהאפטונג פאר א גענוג שווערע שטראָף, וואָס זאָל קאָנען פיהרן צו משוגעת. אבער אין אייראָפּא איז דער ארעסטאנט אין זיין קאמער פארנומען מיט א וועלכער עס איז האנט־ארבייט; מען ערלויבט איהם נאָר ניט צו לייענען און שרייבען, אָבער מען גיט איהם אלע נויטיגע אינסטרומענטען אויף אויסצופיהרן א וועלכע עס איז ארבייט. זיין לעבען איז ניט אויסשליסליך פארנומען מיט דער טעטיגקייט פון זיין פאָרשטעלונג אליין; זיין קערפער, זיינע מוסקולען זיינען אויך פארנומען. און דאָך זיינען קאָמפעטענטע באָבאכטער געצוואונגען, דורך ביטערער ערפאהרונג, צו קומען צום שלום, אז צוויי־דריי יאָהר פון איינצעל־פארהאפטונג זיינען צו געפעהר־

ליך. אין טרובעצקאָי באסטיאָן איז דאָס לייענען געווען די איינציגע באשעפטיגונג; אָבער די פארשפּארטע אין „אלעקסעיעוו־סקי ראַוועלין" איז אפילו לייענען אויך ניט געווען ערלויבט.

אפילו די ווייניגע „מילדקייטען", וואָס ווערן איצט צוגעלאָזען ביים זעהן זיך מיט קרובים, האָט מען אויך זיך דערשלאָגען ערשט נאָך א שווערן קאמף. אין אָנהויב איז דאָס זעהן זיך מיט קרובים באטראכט געוואָרן ניט ווי א רעכט פון דעם ארעסטאנט, נאָר ווי א חסד פון די באאמטע. מיט מיר האָט איינמאָל פּאסירט, נאָכ'ן ארעסט פון מיין ברודער, אז איך האָב קיינעם פון מיינע קרובים ניט געזעהן אין פארלויף פון דריי מאָנאטען. איך האָב געוואוסט, אז מיין ברודער, מיט וועלכען איך בין געווען פארבונ־דען מיט מעהר ווי א צובונד פון ברודערליכער ליעבע, איז ארעסטירט. דורך א בריעף פון עטליכע שורות האָט מען מיר גע־לאָזט וויסען, אז וועגען אלץ, וואָס האָט א שיכות צום ארויס־געבען מיין ארבייט, דארף איך מיך ווענדען צו אנאנדער פערזאָן, און איך האָב גענומען פארשטעהן די אורזאַך, דאָס הייסט, אז מיין ברודער איז ארעסטירט. אָבער אין פארלויף פון דריי מאָנא־טען האָב איך ניט געוואוסט, פארוואָס מען האָט איהם ארעס־טירט; איך האָב ניט געוואוסט, אין וואָס ער ווערט באשולדיגט; איך האָב ניט געוואוסט, וואָס פאר א שיקזאל עס ערווארט איהם. און עס פארשטעהט זיך, אז איך וויל קיינעם אויף דער וועלט ניט ווינשען צו פארברענגען אזעלכע דריי מאָנאטען, ווי איך האָב פארבראכט, ניט האָבענדיג קיין ידיעות וועגען דעם, וואָס עס קומט פאר אויסערהאלב די געפענגנים ווענט. ווען מען האָט מיר ענדליך ערלויבט צו זעהן זיך מיט מיין שוועסטער, האָט מען איהר שטרענג פארווערט צו זאָגען מיר עפּעס וועגען ברודער, אנ־דערש האָט מען איהר געדראָהט ניט צו לאָזען איהר מעהר זיך זעהן מיט מיר. וואָס אנבאטרעפט מיינע חברים, האָבען א סך פון זיי קיינעם ניט געזעהן אין פארלויף פון די גאנצע 2—3 יאָהר פון זייער פארהאפטונג. אייניגע פון זיי האָבען ניט געהאט קיין נאָהענטע קרובים אין פעטערבורג, און זעהן זיך מיט פריינד איז ניט געווען ערלויבט; אנדערע האָבען יע געהאט קרובים, אבער אזעל־כע, וועמען מען האָט פארדעכטיגט אין ראקאנטשאפט מיט סאָ־ציאליסטען און ליבעראלען, און דעריבער האָט מען זיי גערעכענט

פאר ניט ווערט אזא „חסר”, ווי זעהן זיך מיט'ן ארעסטירטען ברודער אָדער שוועסטער. אין 1879 און 1880 האָט מען ער־לויבט צו זעהן זיך מיט קרובים אַלע צוויי וואָכען. אָבען מען דארף געדענקען, ווי אזוי מען האָט זיך דערשלאָגען אזא אויסברייטונג פון רעכט. מען האָט עס באַקומען נאָך א שטארקען קאמף, דורך דעם באריהמטען הונגער־סטרייק, אין צייט פון וועלכען איינינע פארשפארטע אין טרובעצקאָי באסטיאָן האָבען אין פאר־לויף פון 5—6 טעג זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען וועלכע ניט איז שפייז, און האָבען געענטפערט מיט א פיזישען ווידערשטאנד אויף אַלע פרואוון פון קינסטליכער נאהרונג. שפּעטער, איבריגענס, האָט מען דאָס רעכט, וואָס איז אזוי שווער ערוואָרבען געוואָרן, צוריק אָפּגענומען. די צאָהל פון זעהונגען מיט קרובים האָט מען שטארק באשרענקט, און אן אייזערנע דיסציפּלין איז ווידער איינגעפיהרט געוואָרן.

באזונדערס עמפּערענד זיינען די מעטאָדען, וואָס ווערען אנגעווענדעט ביים פיהרן די געהיימע אויספאָרשונגען: די אויס־פאָרשער באנוצען זיך מיט די שענדליכסטע מיטלען, כדי ארויס־צורייסען ביים ארעסטירטען אן אומפּאָרזיכטיגע קאָנפעסיע, באַ־זונדערס, ווען ער באהערשט ניט אינגאנצען זיינע נערוועז. מיין פריינד סטעפּניאַק האָט אין זיין ארבייט געגעבען עטליכע מוס־טערן פון אזא באהאנדלען די ארעסטירטע; א מאסע ביישפּילען קאָן מען געפינען אין פארשידענע נומערען פון „נאראָדנאיא וואָליא”. די אויספאָרשער שוינען אפילו ניט די הייליגע מוטער־ליכע געפיהלען. אויב די ארעסטירטע האָט געבאָרן א קינד. — אן עופה'לע, וואָס האָט אין קאזעמאט צום ערשטען מאָל דערזעהן דאָס ליכט, — פלעגט מען ביי דער מוטער אפנעמען דאָס קינד און דראָהען ניט אוועקצוגעבען עס, ביז די מוטער „וועט ניט וועלען זיין אויפריכטיגער”, דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, ארויס־געבען איהרע חברים. זי האָט געמוזט עטליכע טעג זיך אָפּזאָגען פון שפּייז אָדער מאַכען א פארזוך אויף זעלבסטמאָרד, אז מען זאָל איהר אָפּגעבען דאָס קינד... אויב עס ווערט דערלאָזען אזא שרעק־ליכער חוזק מאַכען פון די בעסטע מענשליכע געפיהלען, לוינט דען צו רעדען וועגען די פארשידענע עהנליכע קליינע אָפּקומע־נישען? און דאָך פאלט דאָס ערגסטע אויס ניט אויפ'ן גורל פון

די אַרעסטירטע, נאָר פון די, וואָס געפינען זיך אויסערהאַלב די וואַנט פון געפענגניס; אויף די, וועמעס גאַנצע שולד באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי ליבען היים זייערע אַרעסטירטע טעכטער, ברידער און שוועסטער! די שוידערליכסטע מעטאָדען פון איינשרעקען, — העכסט גרויזאַמע און אין דערזעלביגער צייט אַזוינע ראַפּי־נירטע, — ווערען פּראַקטיצירט פון די געדונגענע קנעכט פון דער זעלבסטהערשאַפט אויף די קרובים פון די אַרעסטירטע; און איך מוז זאָגען, אַז די געבילדעטע פּראָקוראָרען, וואָס זיינען אין דינסט פון דער מלוכה־פּאָליציי, זיינען נאָך אַמאָל ערגער פון די האַלב־אַנאַלפאַבעטישע זשאַנדאַרמען־אָפיצערען און באַ־אַמטע פון הער „דריטער אָפּטיילונג“.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז שטענדיגע פאַרזוכען אויף זעלבסט־מאָרד זיינען דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט; אַמאָל ווערען אַזעלכע פאַרזוכען געמאַכט מיט אַ שטיקעל גלאָז פון אַ צובראָ־כענער שויב, אָדער מיט קעפּלאַך פון שוועבעלעך, וואָס ווערען זאָרגפעלטיג צונויפגעקליבען און באַהאַלטען אין פאַרלויף פון עט־ליכע מאָנאַטען, אָדער דורך אויפהענגען זיך אויף אַ האַנטוך. פון די באַשולדיגטע אין דעם גרויסען פּראָצעס פון 193 זיינען 9 מענשען משוגע געוואָרען, און 11 האָבען געמאַכט פאַרזוכען אויף זעלבסטמאָרד. איך האָב זיך באַגעגענט מיט איינעם פון זיי נאָך זיין באַפרייאונג. ער האָט געמאַכט זעקס פאַרזוכען אויף זעלבסט־מאָרד, און איצט האַלט ער ביים שטאַרבען אין אַ שפּיטאָל אין פראַנקרייך.

און דאָך, אויב מיר וועלען געדענקען די טרערן, וואָס ווערען פאַרגאָסען איבער גאַנץ רוסלאַנד, אין יעדען פאַרוואָרפענעם דער־פעל, אין פאַרבינדונג מיט׳ן שיקזאַל פון הונדערטער טויזענטער אַרעסטאַנטען, אויב מיר וועלען געדענקען די שרעקען פון אונזערע אָסטראָגען און צענטראַלע געפענגניסען, וועגען די זאַלץ־פאַבריקען אין אוסט־קוט, די גאָלד־מינען פון סיביר, וועט ביי אונז פאַר־שווינדען יעדער חשק צו רעדען וועגען די ליידען פון אַ קליינעם הייפעל רעוואָלוציאָנערען. איך וואָלט גאָר וועגען זיי ניט גערעדט, ווען די פאַרטיידיגער פון דער רוסישער רעגירונג וואָלטען זיך ניט גענומען פאַרדרעהען די פאַקטען.

די רוסישע רעגירונג האָט עפּעס נאָך ערגערס פאַר די פּאָ־

ליטישע ארעסטירטע, ווי זייער פארשפארונג אין טרובעצקאָי באַס־טיאָן. נאָכ׳ן פּראָצעס פון 16 (אין נאָוועמבער 1880), האָט מען זיך אין אייראפּא מיט פארגעניגען דערוואוסט, אז פון די פינף פאראורטיילטע צום טויט זיינען דריי באגנאדיגט געווארן פון צאר. איצט ווייסען מיר די אמת׳ע באדייטונג פון דער באגנא־דיגונג. אָנשטאָט ווערן ארויסגעשיקט, לויט׳ן געזעץ, אין סיביר אָדער אין א צענטראַלע געפענגנים, האָט מען זיי אוועקגעזעצט אין טרובעצקאָי ראוועלין*) (אין מערב׳דיגען טייל פון פּעטראָ־פּאווּלאָווסקאיא קרעפּאָסט). די קאזעמאטען זיינען געווען אזוי פינסטער, אז נאָר אין פארלויף פון צוויי שעה אין מעת לעת האָט מען זיך אין זיי געקאָנט באגעהן אָהן ליכט; פון די ווענט האָט אזוי שטארק גערונען, אז „אויפ׳ן דיל זיינען געוואָרן לוזשעס". „ניט נאָר האָט מען קיין ביכער ניט געגעבען, נאָר מען האָט פאר־באָטען אלץ, וואָס וואָלט אויף א וועלכען עס איז אופן געקאָנט ווערן א צייט־פארטרייב". כדי צו מאכען די פארשפארונג נאָך אונערטרעגליכער, פלעגט מען אין קאמער אריינשטעלען א זשאנ־דארם אָדער א סאָלדאט. דער זשאנדארם האָט ניט אראפּגעלאָזט די אויגען פון ארעסטירטען; דער לעצטער האָט נאָר געדארפט אויף עפּעס א קוק טאָן, ווי דער זשאנדארם האָט זיך באלד געוואר־פען אויספאָרשען דעם געגענשטאנד פון זיין אויפמערקזאמקייט. אויף אזא אופן זיינען די שרעקען פון איינצעל־פארהאפטונג פאר־צעהנפאכט געוואָרן. דער רוהיגסטער מענש האָט גענומען האַ־סען דעם שפּיאָן, וואָס האָט נאָכגעקוקט זיין יעדע באוועגונג, יעדען בליק, און איז דערגאנגען ביז וואנזיניגען צאָרן. די קלענסטע אונ־געהאָרכזאמקייט איז באשטראפט געוואָרן מיט קלעפּ און פינס־טערן קארצער. אלע אונטערוואַרפענע אונטער אזא רעזשים זיי־נען איינגיכען קראנק געוואָרן. שיריאיעוו איז נאָך א יאָהר פאר־האפטונג געווארען שווינדזיכטיג. אָקלאַדסקי, א שטארקער, גע־זונטער ארבייטער, וועמעס מערקווירדיגע רעדע אויפ׳ן פּראָצעס איז געווען אפּגעדרוקט אין די לאָנדאָנער צייטונגען, איז משוגע געוואָרן. טיכאָנאָוו, אויך א שטארקער מענש, איז קראנק געווארן

*) פֿון ערצעהלונג וועגען דעם איז געווען פּאַרעפענטליכט אין „נאַראָדנאַיאָ וואָליאַ" און איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אין זאַמעלבוך „נאַ ראָדינע".

אויף סקאָרבוט און האָט אפילו ניט געקאָנט זיך אויפהויבען פון בעט. אויף אזא אופן זיינען אלע דריי, ניט קוקענדיג אויף די „באגנאַדיגונג", אין פארלויף פון נאָך איין יאָהר שוין געוועזן מיט איין פוס אין קבר. פון די איבעריגע פינף, וואס זיינען געוועזן פאראורטיילט אויף קאטאָרזשנע ארבייט, זיינען צוויי, מארטי־נאָווסקי און צוקערמאן, — אראפּ פון זינען, און אין אזא צושטאנד האָט מען זיי שטענדיג געזעצט אין קארצער, אזוי, אז ענדליך האָט מארטינאָווסקי געמאכט א פארזוך אויף זעלבסטמאָרד.

אין דעמזעלביגען ראוועלין האָט מען אריינגעזעצט נאָך עטליכע אנדערע, און די רעזולטאטען זיינען אלעמאָל געווען די־זעלביגע: מען האָט זיי שנעל דערפיהרט צום קבר. אין זומער 1883 האָט די רעגירונג באשלאָסען מילדער צו מאכען דאָס שיק־זאל פון אייניגע, אוועקשיקענדיג זיי אויף קאטאָרגא אין סיביר. דעם 27טען יולי, 1883, האָט מען זיי אין געפענגנים וואגאָנען געבראכט אין מאָסקווע; און צוויי צופעליגע עדות, וועמען עס איז געלונגען זיי צו זעהן, האָבען געגעבען א בלוט־פארגליווערנ־דיגע באשרייבונג פון דעם צושטאנד, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען די געוועזענע ארעסטאנטען פון פעטראפּאַוולאָווסקאיא קרעפּאָסט. וואָלאָשענקאָ, אינגאנצען באדעקט מיט סקאָרבוט־וואונדען, האָט זיך ניט געקאָנט באוועגען. מען האָט איהם ארויס־געטראָגען פון וואגאָן אויף א טראג־בעטעל. פּריבילעוו און פאָמין זיינען געפאלען אין חלשות, ווען מען האָט זיי ארויסגעטראגען אויף דער פרישער לופט. פאוועל אָרלאָוו, וואָס האָט אויך געלי־טען פון סקאָרבוט, האָט קוים געקאָנט געהן. „ער איז אינגאנצען אויסגעבויגען ווי א דוהע, און איין פוס ביי איהם איז אינגאנצען איינגעדרעהט", — דערצעהלט אַן עדות. טאטיאנא לעבעדעוו איז גע'משפּט געוואָרן, און מען האָט זי פאראורטיילט צום טויט, אבער דערנאָך האָט מען זי באגנאַדיגט און פארשיקט אויף אייביגע קאַ־טאָרגע. איהר איז איבריגענס געווען אלץ איינס, אויף וויפיעל יאָהר מען האָט זי פאראורטיילט, ווייל לאנג וועט זי שוין אזוי אויך ניט לעבען. דער סקאָרבוט האָט זיך ביי איהר שרעקליך ענטוויקעלט: קיין יאסלעס זיינען אינגאנצען ניטאָ, און די ציין זיינען אפּגעדעקט. דערצו איז זי נאָך אין די לעצטע גראדען פון שווינדזוכט... נאָך לעבעדעוו'ן האָט זיך באוויזען יאקימאָווא

(קאַבאַזעווא) מיט א האַלב־יאָהריגען קינד אויף די הענט. **אויף** דאָס קינד קאָן מען ניט קוקען אָהן רחמנות: ער שטאַרבט, דוכט זיך, אָפּ יעדע מינוט. וואָס אנבאטרעפט יאקימאָווא'ן אליין, האָט זי ניט געליטען באזונדערס ניט פיזיש, ניט מאָראליש, און ניט קוקענדיג אויף די אייביגע קאטאָרגא, וואָס האָט זי ערוואַרט, איז זי אַלעמאָל רוהיג. די איבעריגע פעטערבורגער האָבען זיך גע־פיהלט אויף אזוי פיעל בעסער, אז זיי האָבען אַליין געקאָנט ארי־בערגעהן פון איין וואגאָן אין צווייטען... וואָס אנבאטרעפט מיר־סקי'ן, האָט מען אויף איהם איגנאָנצען ניט אָנגעזעהן קיין שום שפּורען פון א פיער־יאָהריגער פאַרהאַפטונג אין פעטראָפּאַוולאָוו־סקאיא קרעפּאָסט. ער איז נאָר געוואָרן א סך מענליכער*). מיר־סקי איז, איבעריגענס, אין יענער צייט אַלט געווען אינגאַנצען 23 יאָהר.

אָבער אפילו צווישען אָט די האַלבע בר־מינן'ס וויפיעל האָבען געפעהלט פון די חברים, וואָס זיינען גע'משפט געוואָרן צוזאמען מיט זיי! וויפיעל פון זיי זיינען געבליבען באגראָבען אין טרו־בעצקאָי ראַוועלין! פון זינט עס אז איבערגעריסען געוואָרן יעדער דירעקטער פאַרקעהר מיט דער פעסטונג, איז גאָר ניט באקאַנט וועגען דעם, וואָס קומט פאַר אין ראַוועלין; עס זיינען נאָר איבער פעטערבורג ארומגעגאַנגען שרעקליכע קלאַנגען וועגען א שענד־ליכער גוואַלדטאַט, און מען האָט דערביי אויף אָט די גוואַלטאַט אָנ־געוויזען, ווי אויף די אורזאך פון לודמילא טערענטיעווא'ס טויט.

מיר האָבען ניט אויסגעשעפּט אַלע שרעקען... עס בלייבט נאָך איבער צו דערצעהלען וועגען די „גריבער" פון אלעקסעיעווער ראַוועלין. מיט פיער יאָהר צוריק האָט מען א געוויסען מר. לענסדעל ערלויבט אריינצוקוקען אין צוויי קאַזעמאַטען פון טרו־בעצקאָי באַסטיאָן, און ער האָט נאָכדעם פייערליך אָפּגעלייקענט אין דער ענגלישער פּרעס די עקזיסטענץ פון די האַלב־אונטערער־דישע קאַזעמאַטען אין טרובעצקאָי ראַוועלין, וואָס זיינען באשרי־בען געוואָרן אין „טיימס"... מר. לענסדעל האָט געפרעגט: „וואו זיינען אהינגעקומען אָט די אַלע „באַהעלטענישען", „גריבער"

---

*) „וועסטניק נאַראָדנאָי וואָלי", נומער 3, 1883, זייט 180; סטיינעק, „ראָשיע אָנדער דהי צאַרס", קאַפּיטעל 19.

און פינסטערע קאזעמאַטען פון פעטראפּאוולאָווסקאיא קרעפּאָסט, וועגען וועלכע מען האָט אונז אזויפיל דערצעהלט?" אויף אָט דער ארויספאָדערונג האָב איך דעמאָלט געענטפערט אזוי:

„איך וועל ניט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון די „גריבער" אין פעסטונג, שוין צוליב דעם אליין, וואָס אין רוסלאנד ווערן נאָך איצט אפילו פארשוואונדען מענשען אזוי שפורלאָז, אז קיינער קאָן ניט אויסגעפינען, וואו זיי געפינען זיך. פאר א ביישפּיעל וועל איך אָנווייזען אויף ניעטשאיעוו'ען. ער האָט אין מאָסקווע געטויט א שפּיאָן, איז אנטלאָפען אין שווייץ און איז פון פעדע־ראלען ראט ארויסגעגעבען געוואָרן מיט'ן באדינג, אז די רוסישע רעגירונג זאָל באהאנדלען ניעטשאיעוו'ען, ווי א געוועהנליכען קרי־מינעלען פארברעכער, ניט ווי איהר פּאָליטישען שונא. א געריכט פון געשווארענע האָט איהם אין מאָסקווא פאראורטיילט אויף קאַ־טאָרזשנע ארבייט, און נאָך אלערליי מאטערנישען, — וועגען וועל־כע איך רעד אויף אַנאַנדער אָרט, — איז ער פ א ר ש וו א ו נ ־ ד ע ן. לויט'ן געזעץ האָט ער איצט געזאָלט זיין אויף קארא, אויף סאכאלין, אָדער אין איינער פון די קאטאָרזשנע קאָלאָניעס אין סיביר. אָבער מיר ווייסען, אז אין 1881 איז ער ניט געווען אין קיין איינעם ניט פון די אלע ערטער. וואו זשע איז ער? פאר־א־יאָהרען איז ארומגעגאנגען א קלאנג, אז איהם איז גע־לונגען צו אנטלויפען פון פעסטונג, אָבער דער קלאנג איז ניט באַ־שטעטיגט געוואָרן; און איך האָב אייניגע אורזאכען צו מיינען, אז מיט צוויי יאָהר צוריק איז ער געווען — און אפשר געפינט ער זיך איצט אויך דאָרטען, — אין איינעם פון די פעסטונג קאזע־מאטען. איך באהויפּט ניט, אז מען באהאנדעלט איהם דאָרטען שלעכט; פארקערט, איך מיין, אז ער, פונקט ווי אלע אנדערע פּאָליטישע ארעסטירטע, האָט באוויזען צו געווינען די סימפּאטיע פון זיינע וועכטער, און איך האָף, אז מען האָט איהם אריינגעזעצט אין א באוואוינבארן קאמער. ער האָט דאָך אָבער א רעכט צו זיין איצט אין סיביר און האָבען די פארהעלטניסמעסיגע פרייהייט אין דער קארא'ער פרייער קאָמאנדע, לעבען די מינען. ער האָט קרובים און פריינד, וואָס וואָלטען ענדליך געוואלט אויסגעפינען: צי לעבט ער נאָך? און אויב ער לעבט, וואו געפינט ער זיך? און איך פרעג מר. לענסדעל'ן: איז ער פּולקאָם זיכער אין דער

ריכטיגקייט פון דעם, וואָס עס האָבען איהם וועגען דער פעסטונג געזאָגט די מענשען, וועלכע האָבען איהם ערלויבט זי צו באטראכ־טען, און צי באפולמאכטיגט ער אָנצושרייבען ניעטשאיעוו'ס פריינד, אז אין דער פעסטונג זיינען ניטאָ קיין „גריבער", און אז זיי דאר־פען איהם זוכען ערגעץ אַנדערשוואו?"*).

עס פארשטעהט זיך, אז מיין פראגע איז, ווי מען האָט דאָס געדארפט ערווארטען, געבליבען אָהן אן ענטפער; אָבער פון זינט דאן האָט די רוסישע רעגירונג אליין מודה געווען, אז „גריבער" זיינען פאראן אין פעסטונג, איבערלאָזענדיג פאר איהרע ענגלישע לויב־זינגער זיך ארויסצופלאָנטערן פון דעם ווידערשפרוך, ווי זיי וועלען אליין וועלען. די רעגירונג האָט איבערגעגעבען צום געריכט סאָלדאטען פאר צושטעלען בריף גראד אין אָט די „גרי־בער" פון אלעקסעיעווער ראוועלין!

אין 1882 זיינען אכצעהן סאָלדאטען, וואס זיינען געשטאנען אויף קאראאול אין אלעקסעיעווער ראוועלין, איבערגעגעבען געוואָרן צום קריגס־געריכט, אינאיינעם מיט דעם סטודענט־מעדיקער דוב־ראָווי'ן **). מען האָט די סאָלדאטען באשולדיגט, אז זיי האָבען אין געהיים איבערגעגעבען בריף פון דריי ארעסטירטע אין ראַ־וועלין צום סטודענט דובראָווי'ן, און פארקערט. דער באשולדי־גונגס־אקט, וואס איז אונטערגעשריבען געווארן פון מיליטערישען פראָקוראָר, פּאָלקאָווניק מאסלאָוו, איז אינגאנצען פארעפענטליכט געוואָרן ***); דער ווערדיקט פון געריכט איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין די פּעטערבורגער צייטונגען. פון דעם באשולדיגונגס־אקט זעהט מען, אז אין 1881 זיינען אין ראוועלין געווען פאר־שפארט פיער מענשען. אין טעקסט פון דעם אקט זיינען זייערע נעמען ניט אנגעגעבען געווארען: דער פּראָקוראָר רעדט וועגען זיי, ווי וועגען די ארעסטאנטען, וואָס פארנעמען די קאמערען נומער 1, נומער 5, נומער 6 און נומער 13. ביז נאָוועמבער 1879, — ווערט דערצעהלט אין אקט, — זיינען אין ראוועלין געווען נאָר צוויי מלוכה פארברעכער: אין די קאמערען נומער 5 און נומער

---

*) „ביינטינכפּה סענטשורי", יוני, 1883.

**) זייערע נעמען ווערען דאָ געבראַכט אין דער ביילאַגע.

***) „וועסטניק נאַראָדנאָי וואָליִ", נומער 1, נאָוועמבער, 1883.

6. אין נאָוועמבער איז געבראַכט געוואָרן אַ דריטער אַרעסטאַנט, וועמען מען האָט אַריינגעזעצט אין קאַמער נומער 1, און אין אַ יאָהר אַרום (דעם 19טען נאָוועמבער 1880) איז געבראַכט געוואָרן דער פערטער, וואָס האָט פאַרנומען דעם קאַמער נומער 13. אָט דער לעצטער אַרעסטאַנט, — ווי מען קאָן דאָס זעהן פון דעם אויבענדערמאָנטען אָפּיציעלען דאָקומענט, — איז געווען שיריאַ־יעוו. די סאָלדאַטען האָט מען, צווישען אַנדערעס, באַשולדיגט אין דעם, אַז זיי האָבען געפיהרט שמועסען „פון אַ פאַרברעכערישען אינהאַלט" מיט'ן אַרעסטאַנט נומער 5; אַז זיי האָבען איבערגעגעבען בריף פון די אַרעסטאַנטען נומערן 1, 5 און 13, פון איינעם צום אַנדערן, און אַז פון זינט דער לעצטער (נומער 13) איז אָנגעקומען, האָבען זיי אָנגעהויבען טראָגען בריף פון ראַוועלין צום סטודענט דובראָווי'ן און ברענגען אין ראַוועלין פעריאָדישע אויסגאַבען, בריף און געלט, וואָס זיי האָבען איבערגעגעבען צו די דריי אַרעסטירטע אין ראַוועלין.

די שמועסען, „פון אַ פאַרברעכערישען אינהאַלט", וואָס די סאָלדאַטען האָבען געפיהרט מיט'ן אַרעסטאַנט נומער 5, ווערן געבראַכט אין באַשולדיגונגס אַקט, נאָך די אָנווייזונגען פון די סאָלדאַטען גופא אין דער צייט פון דער פרעלימינערער אויספאָרשונג; און עס ווייזט אויס, אַז אָט די שמועסען האָבען זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון פון די סאָלדאַטען. „די סאָלדאַטען און מוזשיקעס, — האָט נומער 5 גערעדט, — ווערן איצט באַליידיגט, אָבער איינגיכען וועט אָנקומען אַ נייע צייט"... א. אז. וו.

נומער 5, — ווי מיר ווייסען דאָס איצט, — איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי נעטשאַיעוו. דרוקענדיג דעם טיף אינטערעסאַנטען אָפּיציעלען דאָקומענט, פון וועלכע מיר האָבען אויבען געבראַכט אויסצוגען, ברענגט אויך דער „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" עטליכע בריף, וואָס דער אויספיר קאָמיטעט האָט באַקומען פון נעטשאַיעוו'ען. איצט, הייסט דאָס, קאָן מען מיט זיכערהייט זאָגען, אַז די רוסישע רעגירונג האָט באַוואוסטזיניג און מיט אַ כיון געזאָגט ליגען, ווען זי האָט דער שווייצער רעפּובליק ביים אַרויסגעבען נעטשאַיעוו'ען פייערליך צוגעזאָגט, אַז דער לעצטער וועט באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַ קרימינעלער פאַרברעכער. מען האָט ניעטשאַיעוו'ען קיינמאָל ניט באַהאַנדעלט, ווי אַן איינפאַכען קרי־

מינעלען פאַרברעכער. פון מאָסקווער געריכט איז ער פאַראור־טיילט געוואָרן צו קאַטאָרזשנע ארבייט, ניט צו זיין פאַרשפּאַרט אין פעסטונג. אָבער מען האָט איהם ניט געשיקט ניט אין סיביר, ניט אין איינע פון די קאַטאָרזשנע געפענגניסען. באַלד נאָכ'ן אורטייל האָט מען איהם ווי פאַרמויערט אין אַלעקסעיעווער ראַ־וועלין, און ער איז דאָרטען געבליבען פון 1874 אָן. דער אָפּי־ציעלער דאָקומענט, — דער באַשולדיגונגס אַקט, — רופט איהם אָן אָפּען „מלוכה פאַרברעכער".

וואָס איז מיט נעטשאַיעוו'ען געשעהן אין ראַוועלין? איצט ווייס מען, אַז די רעגירונג האָט צוויי מאָל פאָרגעשלאָגען נע־טשאַיעוו'ען, ער זאָל „געבען אויפריכטיגע אויסזאָגונגען". דער ערשטער פאָרשלאָג איז געמאַכט געוואָרן דורך גראַף לעוואַשאָוו, און דער צווייטער — דורך גענעראַל פּאָטאַפּאָוו. נעטשאַיעוו האָט מיט צאָרן זיך אָפּגעזאָגט. דער פאָרשלאַג, וואָס גענעראַל פּאָטאַ־פּאָוו האָט געמאַכט, האָט נעטשאַיעוו'ען אַזוי אויפגעבראַכט מיט דער פאָרם און מיט'ן אינהאַלט, אַז נעטשאַיעוו האָט אויף איהם געענטפערט מיט אַ הילכיגען פּאַטש דעם מעכטיגען סאַטראַפּ פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. מען האָט דערפאַר נעטשאַיעוו'ען שרעקליך צושלאָגען, אָנגעטאָן קייטען אויף די הענט און די פיס און מיט קייטען צוגעשמידט צו דער וואַנט פון קאַזעמאַט. סוף 1881 האָט ער אָנגעשריבען, באַנוצענדיג אַנשטאָט אַ פעדער זיין נאָ־געל און אָנשטאָט טינט — זיין אייגען בלוט, אַ בריף צו אַלעקסאַנ־דער דעם דריטען, — מיר ווילען דאָ אגב באַמערקען, אַז דער בריף איז געווען זעהר באַשיידען, — אין וועלכען ער האָט אָנגעוויזען אויף זיין אונגעזעצליכע פאַרהאַפטונג אין פעסטונג... דעם בריף (אַ קאָפּיע פון וועלכען נעטשאַיעוו האָט איבערגעגעבען דעם אויס־פיר קאָמיטעט, און וואָס איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „וועסטניק נאַראָדנאָי וואָלי") האָט נעטשאַיעוו איבערגעגעבען אַ פּערזאָן, וואָס איז צופעליג פאַרבייגעגאַנגען אונטער די פענסטער פון זיין קאַזעמאַט, אין דער צייט פון עפּעס אַ רעמאָנט אין ראַ־וועלין; דער קאָמענדאַנט פון פעסטונג איז קיינמאָל ניט אַריינ־געקומען צו נעטשאַיעוו'ען אין קאַמער, און דער אויפזעהער פון ראַוועלין וואָלט, נאַטירליך, אַזאַ בריף ניט איבערגעגעבען.

אָנהויבענדיג פון 1882 האָבען מיר ניט קיין דירעקטע ידיעות

פון נעטשאַיעװ'ען אַליין. אין דעצעמבער 1882 זיינען אַרומגע־גאַנגען קלאַנגען, אַז, ניט קאָנענדיג מעהר אַריבערטראָגען די שטענ־דיגע צודרינגליכקייטען, האָט ער געמאַכט עפּעס אַ סצענע דעם אױפזעהער, און מען האָט איהם דערפאַר שרעקליך צושלאָגען און אפשר נאָך געשמיסען אויך; נאָך דיזעלביגע קלאַנגען זאָל ער האָ־בען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין עטליכע טעג אַרום. די איינ־ציגע ריכטיגע ידיעה איז, אַז דעם 5טען אָדער 8טען דעצעמבער איז איינער פון די אַרעסטירטע אין ראַװעלין געשטאָרבען. דער אױספּיר קאָמיטעט האָט פאַררעכענט נעטשאַיעװ'ען פאַר געשטאָר־בען, און סוף 1883 האָט ער פאַרעפענטליכט אױסצוגען פון זיינע בריף. עס קאָן אָבער זיין, אַז ער לעבט נאָך ביז היינטיגען טאָג.

אַנאַנדער אַרעסטאַנט פון אַלעקסעיעװער ראַװעלין, שיריאַ־יעװ, איז געשטאָרבען דעם 16טען סעפּטעמבער 1881. װען מען האָט אױפגעהערט אַרױסצולאָזען די אַרעסטאַנטען אויף שפּאַציר, און מען האָט פאַרקלאַפּט זייערע פענסטער (אַ רעזולטאַט פון נע־טשאַיעװ'ס פאַרזוך איבערצוגעבען דעם בריף) און אפילו די לופט־ציהער, האָט ביי שיריאַיעװ'ען שנעל זיך אַנטװיקעלט טובערקולאָ־זיס. נעטשאַיעװ האָט מיטגעטיילט, אַז שיריאַיעװ איז געשטאָר־בען אין אַ צושטאַנד פון אַן אונגעװעהנליכער אױפרעגונג און האָט געמיינט, אַז מען האָט איהם פאַר'סמ'ט מיט עפּעס אַן אױפרעגענ־דען מיטעל, װאָס מען האָט איהם איינגעגעבען, כדי אַרױסצוקריגען פון איהם װעלכע עס איז ידיעות. די השערה איז גאַנץ װאַרשיינ־ליך. האָט מען דאָך איינגעגעבען עפּעס אַזעלכע שלאָף־מיטלען סאַבוראָװ'ען, מיט'ן צװעק, װי די אױסװאָרפען האָבען געזאָגט, צו „פאָטאָגראַפירן" איהם. קאָנען מיר דען זיין זיכער, און איז דען סאַבוראָװ אַליין זיכער אַז אין דער ראָל פון „פאַרשלעפּערונגס מיטעל" האָט פיגורירט נאָר כלאָראָפאָרם אָדער אָפּיום? מענשען, װאָס באַהאַלטען זייערע שענדליכע מעשים אונטער'ן צודעק פון געהיימנים, װעלען זיך דאָך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען.

װער אָבער זיינען געװען די אַרעסטאַנטען נומער 1 און נו־מער 6? נומער 1 איז װאַרשיינליך געװען אַ טעראָריסט. װאָס אָנבאַטרעפט נומער 6, האָט ער ניט געשריבען קיין בריף צו די איב־ריגע דריי אַרעסטירטע, און מיר װייסען װעגען איהם נאָר פון נעטשאַיעװ'ס בריף. דאָס איז איינער אַ שװעדיש, אַן אָפיציר, אַן

אקאדעמיקער, וועמען די פעסטונג האָט דערפיהרט ביז צו משוגעת, וועמעס געשרייען עס האָבען געהערט אַלע דורכגעהער ביי די ווענט פון ראוועלין. אין וואָס איז באשטאנען זיין שולד? ער איז ניט געוועזן קיין פּאָליטישער פארברעכער; ער האָט ניט געהערט צו קיין רעוואָלוציאָנערער אָרגאניזאציע; אפילו זיין נאָמען איז די רעוואָלוציאָנערען אונבאקאנט. אין וואָס זשע אָבער איז באשטאנען זיין שולד? — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבען וועגען דעם ניט קיין ריכטיגע ידיעות. אָבער די נע־שיכטע מיט שעוויטש'ען דארף זיין באקאנט אין פעטערבורג, און פריהער אָדער שפּעטער וועט דער אמת ארויסקומען. מיר זיינען נאָר זיכער אין איין זאך, נעמליך, אז שעוויטש איז ניט געוועזן קיין פּאָליטישער פארברעכער און איז ניט געוועזן פארמישט אין קיין פּאָליטישען פּראָצעס, אָנהויבענדיג פון 1866. ער איז דערפיהרט געוואָרען ביז צו משוגעת אין אַלעקסעיעווער ראוועלין, ווי א שטראָף פאר עפּעס אנאנדער פארברעך.

זיינען די „גריבער" פון אַלעקסעיעווער ראוועלין די איינציגע אין רוסלאנד? — געוויס ניט. ווער ווייס, וויפיעל אזעלכע „גריי־בער" געפינען זיך אפשר אין אנדערע פעסטונגען, אָבער אויף זיכער ווייסען מיר איצט וועגען די „גריבער" פון סאָלאָוועצקי מאָ־נאסטיר, וואָס ליגט אויף איינעם פון די אינזלען אויפ'ן ווייסען ים.

אין 1882 האָבען מיר מיט א געפיהל פון גרויסער פרייד איי־בערגעלייענט אין די פעטערבורגער צייטונגען, אז איינער פון די ארעסטאנטען, וואָס איז אָפּגעזעסען אין סאָלאָוועצקער קאזעמאַט פופצעהן יאָהר, איז ענדליך באפרייט געוואָרן. איך רעד דאָ וועגען פושקינ'ען. אין 1858 איז ער געקומען צום שלום, אז די לעהרע פון דער פּראוואָסלאווער קירך איז ניט אין איינ־קלאנג מיט'ן אמת. ער האָט איבערגעגעבען זיינע אידעען אין דער פאָרם פון א בוך און סכעמאטישע צייכנונגען; צוויי מאָל, אין 1861 און אין 1863, איז ער געפאָרן אין פעטערבורג, וואו ער האָט זיך געווענדט צו די קירכליכע אויטאָריטעטען מיט דער ביטע צו פארעפענטליכען זיין ארבייט. — „די וועלט, — האָט פושקין געזאָגט, — איז פארטרונקען אין זינד; קריסטוס האָט

ניט אינגאַנצען דורכגעפיהרט איהר אויסלעזונג. דעריבער מוז קאָר־
מען אַ נייער משיח״. אזעלכע גערדאַנקען האָבען אין 1866 גע־
פיהרט צו זיין אַרעסט און אַרויסשיקונג, אין דער באַגלייטונג
פון צוויי זשאַנדאַרמען, אין סאָלאָווועצקער געפענגניס, נאַטירליך,
אָהן קיין שום אויספאָרשונג און פּראָצעס. דאָרטען האָט מען
איהם אַריינגעזעצט אין אַ פינסטערען און פייכטען קאַמער, אין
וועלכען מען האָט איהם אָפּגעהאַלטען פופצעהן יאָהר. ער האָט
געהאַט אַ פרוי, אָבער אין פאַרלויף פון 14 יאָהר, דאָס הייסט, ביז
1881, איז איהר ניט געווען ערלויבט צו זעהן זיך מיט איהר מאַן.
לאָריס־מעליקאָוו, וואָס איז געוואָרן דיקטאַטאָר נאָכ׳ן אויפרייס אין
ווינטער פּאַלאַץ, האָט איהר ערלויבט צו זעהן זיך מיט׳ן מאַן, ביז
דאַן אָבער האָט מען פּושקינ׳ען געהאַלטען אין דער שטרענגסטער
געהיימקייט, ווי אַ מלוכה פאַרברעכער. די גאַנצע צייט איז קיי־
נעם ניט געווען ערלויבט אַריינצוקומען אין זיין קאַזעמאַט, אויסער
דעם אַרכימאַנדריט פון מאָנאַסטיר: נאָר ווי אַן אויסנאַם האָט מען
איינמאָל אין קאַזעמאַט אַריינגעלאָזען דעם באַוואוסטען טוריסט ג.
דיקסאָן. פּרוגאַווין, וואָס איז געווען אַ באַאמטער ביים אַרכאַנ־
געלסקער גובערנאַטאָר, האָט באַזוכט פּושקינ׳ען אין 1881. צו
דער צייט פון פּרוגאַווינ׳ס וויזיט איז ער שוין אַלט געווען 55
יאָהר, און ער האָט געזאָגט צו זיין באַזוכער: „איך ווייס ניט,
אין וואָס איך בין שולדיג, און ווייס ניט, ווי אַזוי זיך צו רעכטפאַר־
טיגען. מען זאָגט מיר: „שטעה צו צו דער קירך, זאָג זיך אָפּ פון
דיין אַפּיקורסות, און מען וועט דיך באַפרייען״. אָבער ווי אַזוי
קאָן איך דאָס טאָן? איך האָב מקריב געווען אַלץ צוליעב מיינע
איבערצייגונגען: פאַרמעגען, פאַמיליען־גליק, מיין גאַנץ לעבען...
ווי אַזוי קאָן איך זיך אָפּזאָגען פון מיינע איבערצייגונגען? נאָר
די צייט וועט, ווי איך האָף, ווייזען, צי איך בין געווען גערעכט.
און אויב איך בין געווען אומגערעכט, אויב דאָס, אין וואָס איך האָב
געגלויבט, האָט מיר נאָר אויסגעוויזען, ווי דער אמת, דאַן זאָל אָט
די געפענגניס זיין מיין קבר!״ אין 1881, ווי מיר האָבען אויבען
געזאָגט, איז פּושקינ׳ס פרוי ערלויבט געוואָרן צו זעהן זיך מיט
איהם, און זי איז גלייך נאָכדעם אַוועקגעפאָהרען אין פּעטערבורג בע־
טען, מען זאָל איהם באַפרייען. צו יענער צייט האָט שוין פּרו־
גאַווין באַוויזען צו דערצעהלען וועגען דער שרעקליכער געשיכטע

אין זיין זשורנאל און עטליכע צייטונגען. די פרעס האט גענומען רעדען וועגען „דערבארמונג", און מען האט פּושקינ'ען באפרייט; אָבער — מען האט איהם געהאלטען פּופּצעהן יאָהר אין א „גרוב".*)

איז פּושקין געוועזן די איינציגע פּערזאָן, וואָס מען האט גע־מאַטערט אויף אַזאַ אופן? איך גלויב ניט. מיט ארום 15 יאָהר צוריק האט איינער פון מיינע פריינד, דער דייטשער געאָלאָג הע־בעל, „אנטדעקט" אויף סאַלאָווקי אַן ארטילעריע אָפיציר, וואָס איז געוועזן אין פּושקינ'ס לאגע. מיר האָבען געמאַכט אַלערליי פאר־זוכען אין פּעטערבורג, האָבען זיך געווענדעט צו אַלערליי איינפלוס־רייכע פּערזאָנען, כדי אויסצואווירקען, אז מען זאָל איהם באפרייען. עס איז אפילו געלונגען צו פאראינטערעסירן אין זיין שיקזאַל איי־נע פון די גרויספירשטינס. אָבער אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען און באמיהונגען האָבען צו קיין זאַך ניט געפיהרט, און אפשר מאַ־טערט זיך דער אונגליקליכער נאָך ביז היינטיגען טאָג אין דער „געפענגניס", אויב ער איז נאָר ניט געשטאָרבען.

מען דארף, איבריגענס, באמערקען, אז די לעצטע צייט האט די רוסישע רעגירונג ניט קיין הצלחה מיט איהרע „גריבער". פריהער, ווען עמיצער איז דורכגעגאנגען די זיילען ארקע פון דע־פעסטונג אין דער באַגלייטונג פון צוויי זשאנדארמען, פלעגט ער געוועהנליך שפּורלאָז פארשווינדען. צעהן, צוואַנציג יאָהר האָבען געקאָנט פאַראיבערגעהן, און וועגען דעם פארשוואונדענעם זאָל מען גאָרנישט ניט הערן, אויסער די קלאַנגען, וואָס מען האט זעהר שטרענג־געהיים איבערגעגעבען אין דעם פאמיליען קרייז. וואָס אנבאַטרעפט די, וואָס האָבען געהאט דאָס אונגליק אריינצופאַ־לען אין אַלעקסעיעווער ראַוועלין, זיינען די רוסישע זעלבסטהער־שער געוועזן פולשטענדיג זיכער, אז קיין קלאַנג וועגען זייער מזל וועט ניט אַרויסקומען דורך די שטיינערנע ווענט פון דער פעסטונג. אָבער די לעצטע האָט זיך פון זינט דאַן שטאַרק געענדערט, און

*) די, וואָס צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דעם אויבענגע־בראַכטען, קאָנען געפינען אַ באַריכט פון דעם שענדליכען פאַל, געשריבען פון ה' פּרוגאַווין אין „רוסקאַיאַ מיסל" (1881); זיינע אַרטיקלען וועגען דעם זיינען אויך געוועזן געדרוקט אין „גאָלאָס" און אין „מאָסקאָווסקי טעלעגראַף" (דעם 15טען נאָוועמבער 1881).

אפשר ווייזט אָט די ענדערונג בעסער פון אַלץ, אויף וויפיעל דער פּרעסטיזש פון זעלבסטהערשאַפט איז געפאַלען. וואָס מעהר עס איז געוואַקסען די צאָהל שונאים פון דעם עקזיסטירענדיגען רע־זשים, אַלץ מעהר איז געוואַקסען די צאָהל פאַרשפּאַרטע אין פעס־טונג, ביז זי האָט דערגרייכט אַזאַ גרוים, אַז עס איז געוואָרן אונ־מעגליך צו באַגראָבען די אַרעסטירטע לעבעדיגערהייד, ווי מען האָט דאָס געטאָן מיט זייערע פאָרגענגער. די זעלבסטהערשאַפט האָט געמוזט איינגעהן אויף הנחות צו דער געזעלשאַפטליכער מיינונג; די רעגירונג האָט געפונען פאַר אונמעגליך צו פאַראורטיילען צום טויט אָדער אויף לעבענסלענגליכע פאַרשיקונג אין סיביר אַלעמען, ווער עס איז נאָר געווען איינגעשפּאַרט אין פעסטונג. אייניגע פון זיי האָט מען סוף כל סוף אַרויסגעשיקט אין די „ווענייגער דערוויטערטע טיילען פון דער אימפּעריע", ווי, צום ביישפּיעל, אין קאָלאַ, און זיי האָבען באַוויזען צו אַנטלויפען פון דאָרטען. איינער פון אָט די אַנטלאָפענע האָט אין דער אייראָפּעאישער פּרע־סע דערצעהלט די געשיכטע פון זיין פאַרהאַפטונג.*) און די פעס־טונג גופא האָט ביסלעכווייז פאַרלאָרען איהר געהיימניספולקייט. די רייה קאַזעמאַטען פון טרובעצקאָי באַסטיאָן איז אויסגעבויט געוואָרען אין 1873. איך בין געווען איינער פון די ערשטע איינ־וואוינער, ווייל איך בין אַהין אַריינגעפאַלען אין אָנהויב 1874. דעמאָלט איז דער באַסטיאָן ווירקליך געווען אַ קבר. אַ חוץ בריף, וואָס זיינען זעהר גרינדליך איבערגעקוקט געוואָרן, איז קיין זאַך פון איהם ניט אַרויסגעקומען. מיר, אַרעסטירטע, זיינען אינגאַנצען געווען זעקס מענשען אויף 36 קאַמערן פון דעם אויבערשטען עטאַזש, אַזוי אַז איינעם פון דעם אַנדערן האָבען אונז אָפּגעטיילט 4־5 קאַמערן. פינף סאָלדאַטען האָבען באַוואַכט דעם קאָרידאָר, דאָס הייסט, אַז אויף יעדע טיר פון אַ קאַמער איז אויסגעקומען כמעט צו איין סאָלדאַט, און אויף יעדען סאָלדאַט ווידער האָט אַכ־טונג געגעבען אַן אונטער־אָפיציר, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דער־הויבען געוואָרן צו זיין ראַנג, און ער האָט אַכטונג געגעבען מיט דעם גאַנצען אייפער פון אַ נייעם, וואָס וויל זיך אויסדינען. עס

*) א. פּאַוולאָווסקי, אין אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין פּאַריזער „טאַן", מיט אַ פאָרוואָרט פון א. ס. טורגענעוו.

פארשטעהט זיך, אז אונטער אזעלכע באדינגונגען האט קיין פאר־קער צווישען די ארעסטירטע ניט געקאנט זיין; נאך ווייניגער מעג־ליך איז געווען א פארקער מיט דער אויסערליכער וועלט. דאס סיסטעם איז ערשט דעמאלט איינגעפיהרט געווארן און האט אויס־געצייכענט געארבייט: דער געגענזייטיגער שפיאנאזש איז דער־פיהרט געווארן ביז צו אזא פולקאמענהייט, אזוי ווי דאס וואלט געווען א יעזואיטישער מאנאסטיר.

עס זיינען אבער נאך ניט פארגאנגען קיין צוויי יאהר, ווי דאס סיסטעם האט גענומען פארערגערן זיך. די באאמטע האבען זיך איבערצייגט, אז די רעוואלוציאנערען ווערן עפעס אויף אונבא־קאנטע וועגען אינפארמירט וועגען אלץ, וואס קומט פאר אין טרו־בעצקאי באסטיאן. אין דער פעסטונג האט מען מעהר ניט געקאנט איינהאלטען קיין מלוכה געהיימניסען. בעת די ווייניגע באזוכען פון קרובים האבען די באאמטע אנגענומען די שטרענגסטע פאר־זיכטיגקייטס מיטלען. אין סוף 1875 האט מען אונז אפילו ניט ערלויבט נאהנט צוצוקומען צו די קרובים, וואס זיינען געקומען אונז זעהן: צווישען זיי און אונז האט זיך אלעמאל געפונען דער פאלקאווניק פון באסטיאן און א זשאנדארמען אפיציר. שפעטער, ווי מען האט מיר דערצעהלט, זיינען איינגעפיהרט געווארן די איי־זערנע גראטעס און אנדערע „לעצטע ווערטער פון ציוויליזאציע". אבער אט די אלע פארזיכטיגקייטס מיטלען האבען גארנישט ניט געהאלפען, און מען האט פון באסטיאן, ווי מיין פריינד סטעפניאק האט מיר דערצעהלט, באקומען א מאסע בריף.

עס איז צוגעגרייט געווארן א רייהע קאזעמאטען, אין וועלכע מען האט אין פארלויף פון א סך יאהרן ניט אריינגעזעצט קיין ארעסטאנטען (די אזוי־גערופענע אויספראוואונגס קאמערן פון טרו־בעצקאי ראוועלין). די רעגירונג האט געהאפט, אז אין אט די קאמערן וועט זי קאנען באגראבען לעבעדיגערהייד איהרע שונאים, און אז איצט וועט שוין וועגען זייער שיקזאל קיינער גארנישט ניט דערוויסען זיך. אבער אויף עפעס אונגעוועהנליכע אופנים זיינען די בריף אלץ דורכגעקומען אפילו דורך די דיקע ווענט פון ראווע־לין; נאך מעהר, די בריף זיינען פארעפענטליכט געווארן אין דער רעוואלוציאנערער פרעסע. אויף אזא אופן זיינען ארויסגעקומען די סעקרעטען פון איינעם פון די געהיימסטע ווינקלען פון דער פעס־

טונג. נאָך שפּעטער זיינען איינינע פון די איינגעשפּארטע אין די אויבענדערמאָנטע קאַזעמאַטען ארויסגעקומען ענדליך אויף גאָט'ס וועלט. עס איז גאַנץ ווארשיינליך, אז אין אָנהויב האָט די רעגירונג גערעכענט צו האַלטען זיי פּארמויערטע אין ראַוועלין א צוועלף־צוואַנציג יאָהר, דאָס הייסט, דעם גאַנצען טערמין פון קאַטאָרגא, אויף וועלכע זיי זיינען געווען פאר'משפּט, און אפשר אויף זייער גאַנצען לעבען. זיינען דאָך אָבער אין שרעקליכען ראַוועלין אריינגעפאַלען אַזויפיעל מענשען, און די ארעסטאַנטען זיינען דאָ געשטאָרבען אָדער ארױס פון זינען אַזוי שנעל, אז מען האָט געמוזט אויפגעבען דעם ערשטען פּלאַן, אין פארשיקען א סך פון די ארעסטירטע אין סיביר, ווען זיי זיינען שוין געווען מיט איין פוס אין קבר.

פונדעסטוועגען זיינען אין פעסטונג געווען „גריבער", פון וועלכע עס איז ניט ארויסגעקומען קיין ידיעה, אפשר פון דער צייט אָן, ווען מען האָט זיי אויסגעבויט. איך האָב אין זינען, נאַטירליך, דעם אַלעקסעיעווער ראַוועלין, אָט די פּאָליטישע געפענגנים פאר עקסעלאַנס, דעם שטומען עדות פון אַזויפיעל פארברעכען פון דער רוסישער רעגירונג. יעדערן אין פעטערבורג איז באַקאַנט דער שרעקליכער נאָמען. די רעגירונג האָט אָט דעם ראַוועלין גערע־כענט פאר דעם זיכערסטען אָרט, און אין איהם האָבען זיך אויפ־געהאַלטען אינגאַנצען צוויי מענשען. אָבער, ווי די לעזער האָבען שוין געזעהן, ווי נאָר אין ראַוועלין האָבען זיך באַוויזען אָנשטאָט צוויי — פיער ארעסטירטע, האָט דער שטומער ראַוועלין גענומען ארויסגעבען זייערע געהיימניסען. די סאָלדאַטען אויף וואַך זיי־נען געשטעלט געוואָרן צום געריכט. אָבער ווער וועט גאַראַנטירן, אז די נייע סאָלדאַטען, וואָס מען וועט באַשטימען אויפ'ן אָרט פון די פריהערדיגע, וועלען ניט איבערגעבען קיין בריף פון ראַוועלין?

גלייך נאָכדעם האָט די רעגירונג... אויפגעשטעלט די גע־פענגנים אין שליסעלבורג *).

ארום א זעכציג וויאָרסט פון פעטערבורג, ביי נעווא'ס אויס־פלוס פון לאַדאָגער אָזערע, שטעהט אָט די פינסטערע פעסטונג אויף אַן איינזאַמען אינזעל. ארום איהר ליגט א קליין פאַרוואָר־

*) געשריבען אין יאָהר 1882.

פען שטעטעל, אויף וועמעס איינוואוינער מען קאָן זעהר לייכט אכ־טונג געבען, אזוי אז גאנצע יאָהרן קאָנען אפשר פארבייגעהן, איידער די רעוואָלוציאָנערן וועלען קאָנען געפינען וועלכע עס איז מיט־לען צו פארקערן מיט דער פעסטונג און אָנצופיהרן אין איהר פראָ־פאגאנדא. אויף אזא אופן האָט די רוסישע רעגירונג, וואָס נוי־טיגט זיך אזוי שטארק אין געלט, אז זי קאָן ניט אויסגעבען א וועלכע עס איז 10,000 רובעל אויף פאררעכטען די צופוילטע און צוזאמענגעבראָכענע געביידעס פון קארער געפענגנים, גאָר ניט לאנג געקלערט און אויסגעגעבען 150,000 רובעל, אויף צו מאכען די שליסעלבורגער פעסטונג פאר א נייע פּאָליטישע געפענגנים, וואו־הין צו שיקען די ענערגישערע רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווערן פאר־אורטיילט אויף קאטאָרזשנע ארבייטען. אורטיילענדיג נאָך די אויסגעגעבענע סומען, קאָן מען מיינען, אז די נייע געפענגנים איז, לויט איהר קאָמפאָרט און לוקסוס, עהנליך צו א פאלאץ; דער אמת אָבער איז, אז מען האָט דאָס געלט אויסגעגעבען ניט אזוי פאר די באקוועמליכקייט פון די ארעסטאנטען, ווי אויף אלערליי מיטלען פון דער שטרענגסטער אויפזיכט איבער זיי, און צו פאר־הינדערן וועלכע עס איז פארזוכען פון זייער זייט צו פארקערן מיט דער אויסערליכער וועלט.

וועמען האָט מען אהין געשיקט? מיר ווייסען ארום א טוץ נעמען, אָבער גענוי וויפיעל זיינען דאָרטען פארשפארט, דאָס ווייס קיינער ניט. וואָס וועט זיין זייער ווייטערדיגער גורל? דאָס ווייס אויך קיינער ניט. וועט מען זיי ניט פּרוּאווען דערטרינקען דאָר־טען? אפשר... אָדער מען וועט זיי דערשיסען איינעם נאָכ׳ן אנדערן, פאר „שטערן די געפענגנים דיסציפּלין”, ווי מען האָט דער־שאָסען מינאקאָוו׳ען, אָדער דעם פּאָלקאָווניק אשענברענער*), וואָס איז „באגנאדיגט” געוואָרן און איז דערנאָך פארשיקט געוואָרן אין

*) איך לאָז בכיון איבער דעם אָרט אונפארענדערט. ער ווייזט, ווי אונגוויסענד עס זיינען אלע אויסערהאלב רוסלאנד וועגען אלץ, וואָס טוט זיך אין שליסעלבורג. איצט איז באקאנט, אז מינאקאָוו איז ווירק־ליך דערשאָסען געוואָרען, אָבער אשענברענער איז געבליבען לעבען. אָבער אויך אָט די באסטיל האָט איצט געעפענט איהרע געהיימניסען. דער אלגעמיינער סטרייק פון 1905 האָט באפרייט צעהן קרבנות אפילו פון שליסעלבורג.

שליסעלבורג, כדי מען זאָל איהם דאָרטען דערשיסען אין געהיים! אָדער וועט מען זיי לאָזען צורוה, ווארטענדיג, אז זיי זאָלען, איינער נאָכ'ן אנדערן, אויסשטארבען פון סקאָרבוט און טובערקולאָזים? דאָס איז אויך מעגליך. קיינער ווייס ביז איצט ניט, וואָס עס איז ווייטער געשעהן מיט די שליסעלבורגער ארעסטאנטען. באַהאלטען הינטער די דיקע ווענט פון דער פעסטונג, קאָנען די וועכטער און הויפּלייט טאָן מיט די ארעסטירטע, וואָס זיי ווילען אליין — ביז וואנען עס וועט ניט אָנקומען דער רוסישער „14טער יולי", וואָס וועט אָפּווישען פון דער ערד סאַי די שענדליכע געפענגניסען, סאַי די געפענגנים וועכטער, וואָס זיינען א שאנד פאַר דער וועלט.

ספריה עממית

פערטער קאַפּיטעל.

דאָס פאַרשטויסענע רוסלאַנד.

אויפ'ן וועג קיין סיביר.

סיביר, דאָס לאַנד פון אויסוויזונג, איז אַלעמאָל געווען אין דער פאָרשטעלונג פון די אייראָפּעער א לאַנד פון שרעקען, א לאַנד פון קייטען און קנוט, וואו גרויזאַמע באַאמטע פאַרשמייסען די אַרעסטאַנטען אויף טויט אָדער טויטען זיי מיט אונערטרעגליכער אַרבייט אין די מינען; א לאַנד, אין וועלכען די פאָלקסמאַסען קרעכצען פון אונערטרעגליכע ליידען, און אין וועלכען די שונאים פון דער רוסישער רעגירונג ווערן שרעקליך פאַרפאָלגט. געוויס האָט יעדערער, וואָס איז אַריבערגעפאָהרן די אוראַלער בערג און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער וואַסער־צוטיילונג, וואו עס שטעהט א סלופּ, מיט דער אויפשריפט „אייראָפּא" אויף איין זייט, און „אזיען" אויף דער אַנדערער, — געוויס האָט ער ניט געקאָנט באַהערשען אין זיך א געפיהל פון עפּעס א שרעק ביים געדאַנק, אַז ער טרעט אריין אין א לאַנד פון טרויער און צער... א סך רייזענדע האָבען מסתמא געקלערט פאַר זיך, אַז א ציטאַט פון דאַנטע'ס „גיהנום" וואָלט מעהר געווען אם פּלאַץ אויף אָט דעם גרענעץ סלופּ, איידער די אויבערגעבראַכטע ווערטער, וואָס פּרעטענדירן אָפּצוגרענעצען צוויי וועלט־טיילען.

אָבער אָט לאָזט זיך דער רייזענדער אַראָפּ נידריגער צו די פּרעכטיגע סטעפּעס פון מערב סיביר. ער באָאָבאַכטעט די פאַר־העלטניסמעסיג פאַרמעגליכע און גלייכצייטיג אונאפּהענגיגע סיבי־רער פּויערים און פאַרגלייכט אָט די שטריכען פון זייער לעבען מיט דער אָרימקייט און שקלאַפישען צושטאַנד פון די פּויערים אין רוס־לאַנד, און ער הויבט אָן פאַרקלערן זיך: ער באַקאַנט זיך מיט דער גאַסט־פריינדליכקייט פון די „סיביריאַקעס", וועל־

כע ער נעמט אָן פאַר געוועזענע קאַטאָרזשאַנעס, און מיט דער אינטעליגענטער געזעלשאַפט פון די סיבירער שטעט; אין דערזעל־ביגער צייט זעהט ער נים קיין שום שפּורען פון פאַרשקלאַפונג, הערט ניט וועגען איהר קיין וואָרט אין די אַלטעגליכע שמועסען, זאָל זיין כאָטש אין דער פאָרם פון א באַריהמעריי ביים „סיביריאַק", אָט דעם יענקי פון מזרח, אז די פאַרשיקטע אין סיביר לעבט זיך בעסער, איידער די פויערים אין רוסלאַנד. און דער רייזענדער איז גענויגט צו מיינען, אז זיינע פריהערדיגע פאָרשטעלונגען וועגען דער גרויסער פאַרשיקונגס קאָלאָניע זיינען געווען אביסעל איבער־טריבען, און אז סוף כל סוף לעבט זיך די פאַרשיקטע אין סיביר גאָרנים אזוי שלעכט, ווי סענטימענטאַלע שרייבער האָבען וועגען דעם געערדט.

א סך רייזענדע איבער סיביר,—און ניט נאָר אויסלענדער,— זיינען אריינגעפאַלען אין אזא טעות. נאָר א וועלכער עס איז צו־פאַל: א באַגעגעניש מיט אַן ארעסטאַנטען־פּאַרטיע, וואָס שלעפּט זיך איבער א טיפער בלאָטע, אונטער א הערבסטיגען שלאַגס־רעגען, אָדער אַן אויפשטאַנד פון פּאָליאַקען אויפ׳ן וועג ארום באַיקאַל, אָדער א באַגעגעניש מיט א פאַרשיקטען אין די אוראַלטע יאַקוטער וועל־דער, ווי די, וואָס אדאָלף ערמאַן האָט מיט אזויפיל וואַרימקייט באַשריבען אין זיינע „רייזען", — קאָן מאַכען דעם רייזענדען נאָכ־צודענקען און קאָן איהם העלפען ענטדעקען די וואַרהייט, וועלכע איז שווער צו באַמערקען, א דאַנק די אָפיציעלע ליגענס און דער באַלעבאַטישער גלייכגילטיגקייט. איך ווידערהאָל: נאָר אזא צופאַל עפענט געוועהנליך דעם רייזענדען די אויגען, און ער הויבט אָן זעהן דעם אָפּגרונד פון ליידען, וואָס באַהאַלט זיך אונטער די דריי איינ־פאַכע ווערטער: פ א ר ש י ק ו נ ג א י ן ס י ב י ר. דעמאָלט הויבט ער אָן צו פאַרשטעהן, אז אויסער דער אָפיציעלער געשיכטע פון סיביר איז פאַראַן אַן אַנדערע, א טיף־טרויעריגע געשיכטע, וועמעס בלעטער, זינט סיביר איז איינגענומען געוואָרן, ביז אויף היינטיגען טאָג, זיינען געשריבען מיט בלוט און דערצעהלען וועגען אונענדליכע ליידען. דעמאָלט וועט ער זיך דערוויסען, אז ווי פינ־סטער עס איז ניט די פאָרשטעלונג וועגען סיביר ביים פאָלק, איז זי דאָך ליכטיגער פון דער שרעקליכער ווירקליכקייט; ער זעהט איין, אז די שרעקליכע דערצעהלונגען, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו

הערן לאנג, נאך אין זיין קינדהייט, און וועלכע ער האט געהאלטען פאר א שטיק פון דער לאנג פארגעסענער פארגאנגענהייט, זיינען נאר א שוואכע רעפראדוקציע פון דעם, וואס קומט פאר יעדען טאג, איצט, אין אונזער יאהרהונדערט, וואס רעדט אזויפיל וועגען הומאניטארע פרינציפען און ווענדט זיי אזוי ווייניג אן.

אט די געשיכטע ציהט זיך שוין אין פארלויף פון דריי יאהרהונדערטער. ווי נאר די מאסקווער צארען האבען זיך דערוואוסט, אז זייערע פרייע קאזאקען האבען איינגענומען א ניי לאנד „הינטער'ן שטיין" (ווי מען האט דעמאלט אנגערופען דעם אוראל), האבען זיי גענומען שיקען אהין פארטיעס ארעסטאנטען. די קאזאקען האבען באזעצט אט די פארשיקטע ביי די טייכען און שטעגען, וואס זיינען דורכגעלייגט געווארן צווישען די וואלד-טורעמס, וואס זיינען ביסלעכוויז, אין פארלויף פון 70 יאהר, אויסגעבויט געווארן פון דעם אויסגוס פון קאמא ביז צום אכאטסקען ים. וואו פרייע מענשען האבען ניט געוואלט זיך באזעצען, דארט האבען געשמידטע קאלאניסטען געמוזט אנהויבען א פארצווייפעלטען קאמף מיט דער ווילדער נאטור. וואס אנבאטרעפט די, וועמען די מאסקווער צארען האבען געהאלטען פאר די געפעהרליכסטע שונאים, געפינען מיר זיי צווישען די פארוואָרפענסטע קאזאקישע אפטיילונגען, וואס זיינען געשיקט געווארן „איבער בערג צו זוכען נייע ערדען". קיין מרחק איז פאר א באיארין ניט געווען גענוג צו דערווייטערן אט די שונאים פון דער צארישער הויפטשטאדט. און ווי נאר מען פלעגט אויסבויען דעם קלענסטען אסטראגעל אדער אויפשטעלען א מאנאסטיר, ערגעץ וואו אויפ'ן ברעג פון די צארישע באזיצונגען, — איבער דעם פאלארען קרייז, אין די טונדרעס פון אב, אדער אריבער די בערג פון דאאוריע, — זיינען שוין דארט געווען פארשיקטע און האבען מיט די אייגענע הענט געבויט טורמעס, וואס האבען געזאלט זיין זייערע אייגענע קברים.

אפילו איצט איז סיביר, מיט איהרע משופע'דיגע בערג, מיט איהרע אונדורכדרינגליכע וועלדער, ווילדע טייכען און שטרענגען קלימאט, געבליבען איינע פון די אונצוטריטליכסטע לענדער. עס איז לייכט זיך פארצושטעלען, וואס זי איז געווען מיט דריי יאהרהונדערטער צוריק. נאך איצט איז סיביר געבליבען דער טייל פון דער רוסלענדישער אימפעריע, וואו דער ווילקיר און די גראבקייט

פון די באַאמטע האָבען ניט קיין גרענעץ. ווי איז שוין דאָ געווען אין דעם 17טען יאָהרהונדערט? „דער טייך א פלאַכער, די פלי־טעס שווערע, די פריסטאַווען אונ׳ברחמנות׳דיגע, די שטעקענס גרויסע, די דיקע ריטער מיט סוקעס, די פייניגונגען גרויזאַמע, — פייער און קלעפּ, — די מענשען הונגעריגע: נעמט מען ווען מאַטערן, קאָן ער אָוועקשטאַרבען", — האָט געשריבען פּראָטאָ־פּאָפּ אַוואַקום, אַ פּאָפּ פון אַלטען גלויבען, וואָס איז געגאַנגען מיט איינער פון די ערשטע פּאַרטיעס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען אויפ׳ן אַמור. „לאַנג נאָך וועלען די מאַטערנישען אָנהאַלטען, פּראָ־טאָפּאָפּ?" — האָט געפרעגט זיין פרוי, פאַלענדיג אַ מאַטע אויפ׳ן אייז פון טייך נאָך אַ רייזע, וואָס האָט זיך געצויגען שוין דאָס פינפטע יאָהר. „ביז צום טויט, מאַרקאָוונאַ, ביז צום טויט", האָט געענטפערט אָט דער פאָרגענגער פון די מענשען מיט אייזערנע כאַראַקטערן פון אונזער צייט. אוןביידע, דער מאַן און זיין פרוי, זיינען ווייטער געגאַנגען אויפ׳ן וועג, צום סוף פון וועלכען מען וועט דעם פּראָטאָפּאָפּ צושמידען מיט קייטען צו דער וואַנט פון אַ פאַר־פראָרענער גרוב, וואָס ער וועט האָבען מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעגראָבען.

אָנהויבענדיג פון 17טען יאָהרהונדערט, האָט דער שטראָם פון פאַרשיקטע, וואָס זיינען געגאַנגען אין סיביר, קיינמאָל ניט אויפ־געהערט צו פליסען. שוין אין די ערשטע יאָהרען ווערן אין פעלים פאַרשיקט די איינוואוינער פון אוגליטש, צוזאַמען מיט זייער גלאָק, וואָס האָט געשלאָגען טרעוואָגע, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער פּרינץ דימיטרי איז פאַררעטעריש דער׳הרג׳עט גע־וואָרן פון באָרים גאָדונאָוו. סאַי די מענשען, סאַי דער גלאָק זיי־נען פאַרשיקט געוואָרן אין אַ פאַרוואָרפען דערפעל אויפ׳ן ברעג פון דער טונדרא. סאַי ביי די מענשען, סאַי ביים גלאָק האָט מען אַרויסגעריסען די צינגער און אָפּגעריסען די אויערן. שפּעטער געהט נאָך זיי אַן אונענדליכע רייהע ראַסקאָלניקעס, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען געגען ניקאָנ׳ס אַריסטאָקראַטישע איינפירונגען אין דער קירכליכער פאַרוואַלטונג. די פון זיי, וואָס זיינען ניט אומ־געקומען ביי דער מאַסען אויסשלאַכטונג אין רוסלאַנד, זיינען גע־גאַנגען באַזעצען די סיבירער וויסטעניִשען. נאָך זיי האָבען באַלד נאָכגעפאָלגט מאַסען לייב־אייגענע, וואָס האָבען געפּרואווט אַראָפּ־

ווארפען פון זיך דעם יאָך, וואָס מען האָט ניט לאנג צוריק אויף זיי ארויפגעלייגט; די „סטרעלצי" (שיסער), וואָס זיינען אויפגע־שטאנען געגען דעם אלץ־צושמעטערענדען דעספאָטיזם פון פעטער דעם ערשטען; די אוקראינער, וואָס האָבען געקעמפט פאר די אווי־טאָנאָמיע פון זייער פאָטערלאנד און איהרע אוראלטע איינריכטונ־גען; די פאָרשטעהער פון פארשידענע פעלקערשאפטען, וואָס האָ־בען זיך ניט געוואָלט אונטערווארפען צום יאָך פון דער נייער אימפעריע; די פאָליאקען, וואָס ווערן פארשיקט אין צעהנדליגער טויזענד אויף אמאָל נאָך יעדען אונגעלונגענעם פארזוך אויף אן אויפשטאנד, און הונדערטער־ווייז יעהרליך, פאר ארויסווייזען א ניט־פאסיגען „פאטריאָטיזם", אין דער מיינונג פון דער רוסישער רעגירונג. ענדליך קומען אהער שפעטער אלע, וועמען רוסלאנד האָט מורא צו האלטען אין איהרע שטעט און דערפער,—מערדער און איינ־פאך וואגאבונדען, ראסקאָלניקעס און אונגעהאָרכזאמע, גנבים און אָרימע, וואָס זיינען ניט אימשטאנד צו באצאָהלען פאר זייער פאס־פאָרט; לייב־אייגענע, וואָס האָבען ארויסגערופען אויף זיך די אונ־צופרידענהייט פון זייערע הארען; נאָך שפעטער, „פרייע פויערים", וואָס זיינען ניט געפעלען געוואָרן א וועלכען עס איז איספראווניק, אָדער וואָס האָבען ניט געקאָנט באצאָהלען די יעהרליך שטייגענדע שטייערען, — די אלע געהען שטארבען אין די איינגעפראָרענע זומפען, אין דער אונדורכגאנגבארער טאיגא, אין די פינסטערע מינען. און אָט דער שטראָם פליסט אונאויפהערליך ביז אונזערע טעג, פארגרעסערענדיג זיך אין א שרעקליך גרויסער פראָפאָרציע. אין אָנהויב פון איצטיגען יאָהרהונדערט האָט מען אין סיביר פאר־שיקט פון 7000 ביז 8000 מענשען; איצט, צום סוף פון יאָהרהונ־דערט, איז די פארשיקונג ארויפגעשטיגען ביז 19,000—20,000 מענשען יעהרליך, ניט רעכענענדיג אזעלכע יאָהרען, ווען די ציפער איז כמעט פארדאָפעלט געוואָרן, ווי דאָס איז געווען, צום ביישפיל, נאָכ'ן לעצטען פוילישען אויפשטאנד; אויף אזא אופן, אָנהויבענדיג פון 1823 (ווען עס איז צוערשט איינגעפיהרט געוואָרן די סטאטיס־טיק פון פארשיקטע), זיינען אין סיביר פארשיקט געוואָרן מעהר פון 700,000 מענשען.

צום באדויערן האָבען ווייניג פון די, וועמען עס איז אויסגע־קומען איבערצולעבען די שרעקען פון קאטאָרזשנע ארבייט און פאר־

שיקונג אין סיביר, פאַרצייכענט אויף פּאַפּיר די רעזולטאַטען פון זייער טרויעריגער ערפאַהרונג. דאָס האָט געטאָן, ווי מיר האָבען געזעהן, פּראָטאָפּאָפּ אוואקום, און זיינע כתבים רייצען נאָך ביז איצט אויף די פאַנטאַזיע פון די ראַסקאָלניקעס. די טרויעריגע געשיכטע פון מענשיקאָוו, די דאָלגאָרוקי׳ס, ביראָן און אַנדערע פאַרשיקטע, וואָס האָבען געהערט צום אַדעל, איז פאַר די שפּעטערדיגע דורות באַהאַלטען געוואָרן פון די וואָס עהרען זייער אַנדענק. אונזער יונגער פּאָעט־רעפּובליקאַנער, רילעיעוו, האָט, איידער מען האָט איהם אויפגעהאַנגען אין 1827, באַוויזען צו דערצעהלען אין דער ריהרענדער פּאָעמא „וואָינאַראָווסקי" וועגען די ליידען פון אָט דעם אוקראַינער פּאַטריאָט. די עראינערונגען פון אייניגע דעקאַבריסטען און נעקראַסאָוו׳ס פּאָעמען „דעדושקאַ" און „רוסקיאַ זשענשטשיני" פילען נאָך ביז איצט אָן די הערצער פון דער רוסישער יוגענד מיט ליבע צו די געדריקטע און האַס צו די דריקער. אין זיין באַריהמטען „מיאָרטווי דאָם" (דאָס טויטען־הויז), אין דער מערקווירדיגער פּסיכאָלאָגישער אויספאָרשונג פון געפעננגים לעבען, האָט דאָסטאָיעווסקי דערצעהלט וועגען זיין פאַרהאַפטונג אין אָמסקער פעסטונג נאָך 1848. עטליכע פּאָליאַקען האָבען באַשריבען דאָס מאַרטירערישע לעבען פון זייערע פריינד נאָך די רעוואָלוציעס פון 1831 און 1848. אָבער וואָס זיינען אָט די אַלע ליידען, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט יענע מאַטערנישען, וואָס עס האָבען געדאַרפט אַריבערטראָגען מעהר ווי א האַלב מיליאָן מענשען פון פאָלק, אָנהויבענדיג פון דעם טאָג, ווען זיי פלעגען, צוגעשמידעטע צו אָן אייזערנעם שטאַנג, געהן פון מאָסקוואַ אויף א צוויי אָדער דריי־יאָהריגער רייזע צו די זאַבאַיקאַלער מינען, ביז צום טאָג, ווען זיי פלעגען שטאַרבען, צובראָכענע פון שווערער מיה און נויט, אָפּגעזונדערט אויף א שטרעקע פון זיבען־אַכט טויזענט וויאָרסט פון זייערע דערפער, — שטאַרבען אין א לאַנד, וועמעס מנהגים זיינען געווען פונקט אזוי פרעמד פאַר זיי, ווי די שטענדיגע איינוואוינער פון דעם לאַנד, די סיביריאַקעס, א קרעפטיגע, אינטעליגענטע, אָבער עגאָאיסטישע ראַסע!

וואָס זיינען די ליידען פון אָט די קולטורעלע אָבער הויך־געבּאָרענע מענשען, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די מאַטערנישען פון טויזענדער, וואָס האָבען זיך איינגעדרעהט פאַר וועהטאָג אונטער

דער בייטש און קנוט פון דעם לעגענדארישען אויסוואורף, ראזניל־דעיעוו, וועמענס נאמען עס ווערט נאך ביז איצט ארויסגערעדט מיט שרעק אין די זאבאיקאלער דערפער; ווען מען פארגלייכט זיי מיט די לײדען פון די, וואס זיינען, פונקט ווי דער פוילישער דאקטאר שאקאלסקי, און זיינע חברים, געשטארבען בעת דעם ז י ב ע ט ע ן ט ו י ז ע נ ט שפיצרוטענס פאר א פארזוך צו אנט־לויפען; אדער ווען מען פארגלייכט זיי מיט די לײדען פון די טוי־זענדער פרויען, וואס האבען אין פארשיקונג נאכגעפאלגט זייערע מענער, און וועמען נאר דער טויט האט באפרייט פון א לעבען פון הונגער, צרות און באליידיגונגען; און ענדליך, ווען מען פארגלייכט זיי מיט די לײדען פון די טויזענטער וואגאבונדען, וואס פרואווען אנטלויפען פון סיביר און קלייבען זיך דורך די טיפע טאיגא, נעה־רענדיג זיך מיט שוואמען און יאגדעס, וועמען עס האלט אויף נאר די האפנונג, אז אפשר וועט זיי געלינגען א קוק צו טאן אויף זייער דארף, דערזעהן די פנים'ער פון אייגענע?

און ווער האט ענדליך דערצעהלט דער וועלט וועגען די לײדען, וואס ווארפען זיך נאך וועניגער אין די אויגען, וואס זיינען אבער ניט קלענער, פון טויזענדער מענשען, וואס פיהרן א נוצלאז לעבען אין די פארווארפענע דערפלעך פון ווייטען צפון, און וואס ענדיגען אפטמאל זייער טרויעריגע עקזיסטענץ, ווארפענדיג זיך פאר בענק־שאפט אין די קאלטע וועלען פון יעניסיי? מאקסימאוו האט אין זיין ארבייט „סיביר און קאטארגא" געפרואווט אויפהויבען אביסעל דעם פארהאנג, וואס פארדעקט אט די לײדען; אבער איהם איז נאר געלונגען צו ווייזען א קליין ווינקעל פון דעם פינסטערן בילד. די פולע געשיכטע פון אט די לײדען בלייבט נאך אונבאקאנט, און וועט נאך מסתמא אייביג אזוי בלייבען. איהרע כאראקטערים־טישע שטריכען ווערן מיט יעדען טאג אפגעריבען, איבערלאזענדיג נאך זיך נאר שוואכע שפורן אין די פאלקס לעגענדען און אין די ארעסטאנטען לידער. אבער יעדער יאהרצעהנדליג לייגט ארויף זיינע נייע שטריכען, ברייגנענדיג נייע פארמען פון לײדען דער אלץ וואקסענדער צאהל פארשיקטע.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז איך קאן אט דאס בילד ניט אנווארפען אין זיין פולקייט, אין די ענגע ראמען פון מיין איצ־טיגער ארבייט. איך וועל מיך מוזען באגרענצען מיט א בארופונג,

לאָמיר זאָגען, אויף די לעצטע צעהן יאָהר. ניט װעניגער פון 165,000 מענשען זיינען פאַרשיקט געװאָרן אין סיביר אין פאַרלויף פון אַט דער פאַרהעלטניסמעסיג קורצער צייט. אויב אַלע פאַרשיקטע װאָלטען געװען „פאַרברעכער", װאָלט אַזאַ ציפער געװען הויך פאַר אַ לאַנד מיט אַ באַפעלקערונג פון אַכציג מיליאָן מענשען. אָבער נאָר אַ העלפט פון די פאַרשיקטע, װאָס זיינען אַריבער דעם אוראַל, װערדען פאַרשיקט אין סיביר נאָך אורטיילען פון גערichט. די איבריגע העלפט װערט פאַרשיקט גאָר אָהן אַ פּראָצעס, נאָך אַן אַדמיניסטראַטיװען באַפעהל אָדער נאָכ'ן אורטייל פון „װאָלאָסטנאָי סכאָד", כמעט אַלע מאָל אונטער'ן דרוק פון די אַלמעכטיגע אָרטיגע באַאַמטע. פון 151,184 פאַרשיקטע, װאָס זיינען אַריבער דעם אוראַל אין פאַרלויף פון 1867-1876, געהערן ניט װעניגער װי 78,676 צו דער לעצטער קאַטעגאָריע. די איבריגע זיינען געגאַנגען נאָך אורטיילען פון געריכטען: 18,582 אויף קאַטאָרגע און 54,316 אויף באַזעצען זיך אין סיביר, מעהרסטענס אויף אַ גאַנץ לעבען, מיט פאַרלירען אייניגע אָדער אַלע ציװילע רעכט.*)

אין די 60־ער יאָהרן האָבען די פאַרשיקטע געמוזט דורכמאַכען צופוס דעם גאַנצען װעג פון מאָסקװאַ ביז דעם אָרט, װאָס אין

*) אונזער קרימינעלע סטאַטיסטיק איז אַזוי אונפאָלקאָם, אַז אַ מעהר אָדער װעניגער ריכטיגע קלאַסיפיקאַציע פון פאַרשיקטע איז זעהר שװער צו פיהרן. מיר װייסען נאָר פון איין גוטער אַרבייט איבער דער פראַגע, פון העררן מ. אַנוטשין. די אַרבייט איז מיט אייניגע יאָהר צוריק אַרויסגעגעבען געװאָרן פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט און איז באַלוינט געװאָרן מיט אַ גרויסען גאָלדענעם מעדאַל. אין איהר זיינען צונויפגעפיהרט די דאַטען פון קרימינעלער סטאַטיסטיק פון 1827 ביז 1846. ניט קוקענדיג אויף די אַלטקייט פון די סטאַטיסטישע דאַטען, װאָס װערן געבראַכט אין דער אַרבייט, גיבען זיי אונגעפעהר אַ באַגריף װעגען דער װירקליכער לאַגע אין דער איצטיגער צייט, װייל די מאָדערנע סטאַטיסטיק װייזט אָן, אַז הגם די ציפען־דאַטען מוזען זינט יענער צייט פ אַ ר ד אָ פ ע ל ט װערן, איז אָבער די רעלאַטיװע פּראָפּאָרציע פון די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פאַרשיקטע געבליבען כ מ ע ט ד י ז ע ל ב י ג ע. אַזוי, צום ביישפּיל, פון 159,755 פאַרשיקטע אין דער צייט פון 1827 ביז 1846 זיינען ניט װעניגער פון 79,909, דאָס הייסט, 50%, אַרויסגעשיקט געװאָרן אָהן אַ פּראָצעס, „אויף אַן אַדמיניסטראַטיװען אופן"; מיט דרייסיג יאָהר

פאַר זיי געווען באַשטימט. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי געדאַרפט אַריבערגעהן אַרום 7000 וויאָרסט, כדי צו דערגרייכען די קאַטאָרזשנע געפענגניסען פון זאַבאַיקאַלער געגענט, און אַרום 8000 וויאָרסט, כדי צו קומען אין יאַקוטער פּראָווינץ, — צוויי יאָהר אין דעם ערשטען פאַל און צוויי־אַ־האַלב יאָהר אין צווייטען. פון יענער צייט אָן זיינען געמאַכט געוואָרען איניגע אויסבעסערונגען אין דער טראַנספּאָרטירונג. איצט קלייבט מען צונויף די פאַרשיקטע פון אַלע עקען רוסלאַנד אין מאָסקווא אָדער ניזשני־נאָווגאָראָד, פון וואַנען מען שיקט זיי אויף אַ דאַמפּפער ביז פּערם, פון דאָרטען מיט׳ן אייזענבאַהן ביז יעקאַטערינבורג, דערנאָך אויף פערד ביז טיומען, און ענדליך ווידער אויף אַ דאַמפּפער ביז טאָמסק. אויף אַזאַ אופן דאַרפען די פאַרשיקטע געהן צופוס, ווי עס דריקט זיך אויס דער אויטאָר פון אַן ענגלישען ביכעל וועגען דער פאַרשיקונג אין סיביר, „נאָר דעם שטח אויף יענער זייט טאָמסק.״ אָבער איבערזעצענדיג דאָס אין דער שפּראַך פון ציפערן, וועט אַט דער נישטיגער „שטח״, צום ביישפּיל, פון טאָמסק ביז קאַראַ, זיין 3100 וויאָרסט, דאָס הייסט,

שפּעטער באַמערקט מען כמעט דיזעלביגע פּראָפּאָרציע, נעמליך, אין דער צייט פון 1867 ביז 1876 זיינען פון 151,184 פאַרשיקטען, געווען 78,871 אַזעלכע קרבנות פון ווילקיר. דאָס אייגענע קאָן מען באַמערקען אויך בשייכות צו די אַנדערע קאַטעגאָריעס פאַרשיקטע. אורטיילענדיג נאָך די דאַטען, וואָס ווערען געבראַכט אין הערר אנוטישנ׳ס ווערק, זיינען פון 79,846 פאַרשיקטע נאָכ׳ן אורטייל פון אַ געריכט, 14,531 (725 מענשען אַ יאָהר) גע׳משפט געוואָרן פאַר מאָרד; 14,248 זיינען געווען באַשולדיגט אין שוואַכערע קרימינעלע פאַרברעכען, ווי אונטערצינדען, רויב און פעלשונג; 40,666 זיינען גע׳משפט געוואָרן פאַר גנבה, און 1426 — פאַר באַשעפטיגען זיך מיט קאָנטראַבאַנד. סומירענדיג אַט די ציפערן, באקומען מיר 70,871 (אַרום 3545 מענשען אַ יאָהר) אַזעלכע פאַרברעכער, וואָס וואָלטען פאַראורטיילט געוואָרן נאָך די קאָדעקסען פון אירגענד וועלכען אייראָפּעאישען לאַנד (כאָטש, נאַטירליך, ביי געשוואָרענע ריכטער וואָלט מעגליך געווען אויך אַ באַדייטענדער פּראָצענט פון פריי־שפּרעכונגען). די איבריגע (אַרום 89,000) זיינען אין דער גרויסער מעהרהייט פאַרשיקט געוואָרן פאַר פאַרברעכען, וואָס זיינען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון רוסלאַנד׳ס פּאָליטישער אָרדנונג. נעמליך: פאַר אַ בונט קעגען די לאַנדבאַזיצער און באַאמטע — 16,456; אַדוויסווייזען סעקטאַנטישען פאַנאַטיזם — 2138 מענשען; אַנטלויפען פון מיליטער דיענסט (וואָס האָט דעמאָלט געדויערט 25 יאָהר) — 1651, און פאַר אַנטלויפען פון סי־

ארום ניין מאנאטען גאנג צופוס. און אויב דער ארעסטאנט ווערט פארשיקט אין יאקוטסק, דארף ער געהן נאר 4400 וויארסט. אבער די רוסישע רעגירונג האט אנטדעקט, אז אפילו יאקוטסק איז א צו נאהענטער ארט צו פעטערבורג פאר פאליטישע פארשיקטע, און זי שיקט זיי איצט און ווערכאיאנסק און ניזשני־קאלימסק (אין שכנות מיט נארדענשילד'ס וואסער סטאנציע), — הייסט דאס, אז צו דעם אויבענדערמאנטען „נישטיגען שטח" דארף מען נאך צוגעבען ארום צוויי און א האלב טויזענט וויארסט, און מיר וועלען ווידער באקומען די מאגישע ציפער 7,000 וויארסט, מיט אנדערע ווערטער, צוויי יאהר גאנג צופוס.

מען מוז, איבריגענס, באמערקען, אז פאר א באדייטענדער צאהל פארשיקטע איז דער גאנג צופוס פארקירצט אויף א העלפט, און זיי הויבען אן זייער רייזע איבער סיביר אין ספעציעל צוגעגרייטע

ביר, מעהרסטענטיילס פון אדמיניסטראטיווער פארשיקונג, — 18,328. ענדליך געפינען מיר א גרויסע צאהל, 48,466 מענשען, „וואגאבונדען", וועגען וועלכע הערר אנוטשין באמערקט: „וואגאבונדען זיינען מעהרסטענטיילס ניט קיין אנדערע, ווי נאר די, וואס פאהרן אוועק אין א שכנ'ישע גובערניע אהן א פאספארט"; פון דער אויבען אנגעוויזענער צאהל זיינען וועניגסטענס 40,000 מענשען „ארויסגעשיקט געווארן פאר פארברעכען קעגען פאספארטען סיסטעם" (דאס הייסט, דאס זיינען געווען מענשען, וועמענס פאמיליען האבען געהונגערט, און וואס האבען ניט געהאט קיין 5 אדער 10 רובעל צו באצאהלען פאר א פאספארט, צו געהן זוכען ארבייט, צום ביישפיל, פון קאלוגא אדער טולא אין אדעס אדער אסטראכאן). ווייטער באמערקט הערר אנוטשין: „וואס אנבאטרעפט די 80,000 מענשען, וואס זיינען פארשיקט געווארן אויף אן אדמיניסטראטיווען אופן, איז ניט נאר צווייפלען מיר אין זייער פארברעכערישקייט, נאר מיר צווייפלען אפילו אין דער עקזיסטענץ גופא פון אזעלכע פארברעכענס, וואס מען האט זיי צוגעשריבען". די צאהל פון אזעלכע „פארברעכער" האט זיך פון יענער צייט אן ניט פארקלענערט. זי האט זיך כמעט פארדאפעלט, ווי אויך די ציפערן פון אנדערע קאטעגאריעס. רוסלאנד פארשיקט יעהרליך אין סיביר, אויף א גאנץ לעבען, 4000—5000 מענער און פרויען, וואס וואלטען אין אנדערע לענדער פאראורטיילט געווארן צו באצאהלען עטליכע רובעל. צו אזעלכע „פארברעכער" דארף מען נאך צוגעבען ארום 1500 פרויען און 2000—2500 קינדער, וואס פאלגען נאך יעהרליך אין סיביר זייערע מענער און עלטערן, וואס טראגען אהן קיין שום שולד אריבער אלע שרעקען פון דער עטאפ־רייזע איבער סיביר און אלע צרות פון פארשיקונג.

פוהרן. הערר מאקסימאָוו באשרייבט זעהר קלאָר, ווי די ארעס־טאנטען אין אירקוטסק, ווען מען האָט ערלויבט ארויסצוזאָגען זייער מיינונג וועגען די מעלות פון די דאָזיגע שווערע בוידען, האָבען באלד ערקלערט, אז זי איז די אומגלומפערטסטע זאך פאר פאָהרן, וואָס איז ווען עס איז אויסגעפונען געוואָרן צו מאטערן פערד און ארעסטאנטען. אָט די פוהרן אָהן רעסאָרן שלעפען זיך איבער ניט גלייכע, גריבערדיגע וועגען, וואָס זיינען צוזאקערט געוואָרן פון די רעדער פון אן אונענדליכער צאָהל פוהרן. אין מערב סיביר, אויף די בלאָטיגע זייטען פון די מזרח־אוראלער בערג, איז די רייזע אויף אזעלכע פוהרן אן אמת׳ע מאטערניש, ווייל דער וועג איז אויסגעלעגט מיט קלעצער, און דאָס טרייסלען דערמאָנט אייך אָן דער עמפינדונג איבער׳ן גאנצען קערפער, וואָס מען שפירט בעת מען טוט א פיהר מיט׳ן פינגער איבער אלע קלאווישען פון ראָיאל, איינשליסענדיג די שווארצע. די רייזע אונטער אזעלכע אומשטענדען איז ניט באזונדערס אנגענעהם אפילו פאר דעם רייזענדען, וואָס ליגט אויף א דיקען וואָילאָק־אונטערבעט אין א באקוועמען טאראנטאס; עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען, וואָס עס טראָגען אריבער די ארעסטאנטען, ווען עס קומט אויס אָפּצוזיצען אכציג שעה אונבאוועגליך אויף א באנק, וואָס איז ערפונדען געוואָרן פון דעם באאמטען פון פוהר, קוים צוגעדעקט מיט א שמאטע אנטקעגען רעגען און שניי.

צום גליק דויערט אזא רייזע נאָר עטליכע טעג, ווייל אין טיומען זעצט מען די פארשיקטע אריבער אויף ספעציעלע שיפלעך, שווימענדיגע געפענגניסען, וואָס ווערן געשלעפט פון דאמפער, און אין א 8—10 טעג ארום קומען זיי אָן אין טאָמסק. מען דארף קוים צוגעבען, אז די גלענצענדע אידעע צו פארקירצען אויף אזא אופן דעם לאנגען וועג איבער סיביר אויף א העלפט, האָט, ווי געוועהנליך, שטארק געליטען ביי דער אָנווענדונג. די ארעסטאנטען שיפען זיינען אזוי אָנגעפילט און געפינען זיך אין אזא שמוציגען צושטאנד, אז זיי זיינען געוועהנליך נעסטען פון אָנשטעקונג. „יעדע שיפעל איז אויסגעבויט געוואָרן אריבערצופיהרען 800 ארעסטאנטען און זייער קאָנוואָי", — זאָגט דער טאָמסקער קאָרעספאָנדענט פון „מאָסקאָווסקי טעלעגראַף" (15טען נאָוועמבער 1881). „אָבער מען האָט ניט אויסגערעכענט די גרויס פון די שיפלאך אין איינ־

קלאַנג מיט די פאָדערונגען פון היגיענע; הויפּטזעכליך האָט מען גענומען אין אכט די אינטערעסען פון די דאַמפּער אייגענטימער, די הערן קוראַטאָוו און איגנאַטאָוו. אָט די הערן פאַרנעמען פאַר זייערע אייגענע צוועקען צוויי אָפּטיילונגען, וואָס זיינען אויס־גערעכענט אויף 100 מענשען יעדערע, און אויף אזא אופן דאַרפען 800 אַרעסטאַנטען זיך איינאָרדנען אויף אזא שטח, וואָס איז אין אָנהויב געווען באַשטימט נאָר פאַר 600 מענשען. די ווענטילאַציע פון די שיפען איז זעהר אַ שלעכטע; אייגענטליך איז פאַר ווענטי־לאַציע גאָרניט געזאָרגט געוואָרן, און די סאָרטירן זיינען שרעקליך". דער קאָרעספּאָנדענט גיט נאָך צו, אַז „די שטערבליכקייט אויף די שיפען איז זעהר גרויס, באַזונדערס צווישען די קינדער", און זיין מיטטיילונג ווערט פאָלשטענדיג באַשטעטיגט פון די ציפערן פון די אָפיציעלע באַריכטען פאַר פאָריגען יאָהר. פון זיי זעהט מען, אַז פון אכט ביז צעהן פראָצענט פון דער גאַנצער צאָהל אַרעסטאַנטען שטאַרבען אין דער צייט פון דער ניין־טאָגיגער רייזע אויף אָט די שיפען, דאָס הייסט, פון 60 ביז 80 אויף 800 מענשען.

„דאָ קאָנט איהר באָאָבאַכטען, — האָבען אונז געשריבען פריינד, וואָס האָבען אַליין דורכגעמאַכט די רייזע, — דאָס אמת'ע קעניגרייך פון טויט. דיפטעריט און טיפוס שניידען אָהן רחמנות דערוואַקסענע און קינדער, באַזונדערס די לעצטע. דער שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון אַן אונוויסענדען, מילי־טערישען פעלדשער, איז אַלעמאָל איבערפילט."

אין טאָמסק שטעלען זיך די פאַרשיקטע אָפּ אויף עטליכע טעג. אַ טייל פון זיי, באַזונדערס די קרימינעלע, וואָס ווערן אַרויסגע־שיקט אַדמיניסטראַטיוו, געהען אוועק ערגעץ וואו אין אַ אויעזד פון טאָמסקער גובערניע, וואָס ציהט זיך פון די בערגשפּיצען פון אַל־טאַי אין דרום ביז צום אייזמער אין צפון. די איבריגע שיקט מען ווייטער אין מערב. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, אין וואָס פאַר אַ גיהנם עס פאַרוואַנדעלט זיך די טאָמסקער געפענגניס, וואו די אַרעסטאַנטען פּאַרטיעס, וואָס קומען אָן יעדע וואָך, קאָנען באַלד ניט אַריבערגעשיקט ווערען קיין אירקוטסק, צוליב דער פאַרפליי־צונג פון טייכען אָדער אַנדערע אורזאַכען. די געפענגניס איז אויס־געבויט געוואָרן פאַר 960 מענשען, אָבער אין איהר געפינען זיך קיינמאָל ניט ווייניגער פון 13 ביז 14 הונדערט אַרעסטאַנטען, און

אמאָל דערגרייכט זייער צאָהל ביז 2200 און נאָך מעהר. כמעט אלע־מאָל זיינען ארום איין פערטעל פון זייער צאָהל קראַנק, און דער גע־פעננגים שפּיטאָל קאָן אריינגעמען ניט מעהר ווי א דריטעל פון דער גאַנצער צאָהל קראַנק געוואָרענע. צוליב דעם בלייבען די קראַנקע אין דיאַלביגע קאַמערן, וואַלגערענדיג זיך אויף די נאַרעס אָדער אונטער זיי, לעבען די געזונטע; דערביי דערגרייכט די אי־בערפילונג אַזוי ווייט, אז דריי ארעסטאַנטען דאַרפען זיך צופריי־דענשטעלען מיט א פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט פאַר איי־נעם. די קרעכצען פון קראַנקע, די געשרייען פון די, וואָס רעדען פון היץ, דאָס כריפּען פון די שטאַרבענדע מישען זיך צונויף מיט די וויצען און געלעכטער פון די געזונטע און דער זידלעריי פון די וועכטער. די אויסדאַמפונגען פון דער שמוציגער מאַסע פון מענש־ליכע קערפּער מישען זיך צונויף מיט די אויסדאַמפונגען פון זייערע שמוציגע און נאַסע קליידער און שיך און דעם געשטאַנק פון דער שרעקליכער „פּאַראַשא". — „איהר ווערט דערשטיקט, אריינקומענ־דיג אין קאַמער, און כדי ניט אריינצופאַלען אין חלשות, מוזט איהר וואָס שנעלער ארויסשפּרינגען אין די פרישע לופט; צו דער שרעק־ליכער אטמאָספּערע, וואָס הענגט איבער די קאַמערן, ווי א נעבעל איבער די טייכען, קאָן מען נאָר ביסלעכווייז זיך צוגעוואוינען," — דאָס באַשטעטיגען אַלע, וועמען עס איז אויסגעקומען צו באַ־זוכען די סיבירער געפענגניסען. די קאַמער פון „פאַמיליען־מענ־שען" איז נאָך שרעקליכער. „דאָ קאָנט איהר זעהן, — זאָגט הערר מישלאַ, א סיבירער באַאַמטער, וואָס איז געווען אַן אויפזעהר אי־בער געפענגניסען, — הונדערטער פרויען און קינדער וואָס זיינען צונויפגעשפּאַרט אויף א קליינעם שטח און טראָגען אריבער שרעק־ליכע צרות." די פרייוויליג מיטגעהענדע פאַמיליעס פון די פאַר־שיקטע באַקומען ניט קיין קאָנוואָי קליידער. אזוי ווי זייערע פרויען געהערן מעהרסטענטייל צום פויערים שטאַנד, האָבען זיי קיינמאָל ניט מעהר ווי איין פּאָר קליידער; און האָבענדיג געהונ־גערט כמעט פון דעם ערשטען טאָג אָן, ווען דער מאַן, דער ברויט־געבער פון דער פאַמיליע, איז ארעסטירט געוואָרן, טוען זיי אָן זייער איינציג קלייד און לאָזען זיך אין וועג פון אסטראַכאַן אָדער ארכאַנגעלסק. און נאָך אזא לאַנגער רייזע פון איין געפענגנים אין אַנ'אַנדערע, נאָך לאַנגע יאָהרען פון פאַרשפּאַרט זיין אין אָסטראָ־

נען און מאָנאַטען גאַנג, ווערט דאָס איינציגע קלייד פאַרוואַנדעלט אין צוריסענע שמאַטעס, וואָס האַלטען זיך קוים אויף די פּלייצעס. דער נאַקעטער, אויסגעמוטשעטער קערפּער און די צעוואונדעטע פיס קוקען אַרויס פון הינטער די שמאַטעס פון אָט די אומגליקליכע פרויען, וואָס זיצען אויפ'ן שמוציגען דיל, קייענדיג דאָס טרוקענע ברויט, וואָס גוטהערציגע פּויערים האָבען זיי געגעבען. צווישען אָט דער מאַסע מענשליכע קערפּער, וואָס באַדעקען יעדען צאָל פון די נאַרעס און האַלטען זיך אויף אונטער זיי, וועט איהר ניט זעלטען דערזעהן אַ קינד, וואָס שטאַרבט אויפ'ן שויס פון דער מוטער, און לעבען איהם — נאָך אַ קינד, וואָס איז נאָר וואָס געבאָרן געוואָרן. אָט דאָס ניי־געבאָרענע קינד איז די פרייד און טרייסט פון די פרויען, יעדע פון וועלכע איז אַ סך מענשליכער פון אירגענד וועלכען וועכטער אָדער אויפזעהער. דאָס קינד ווערט איבערגעגעבען פון איינער צו דער אַנדערער, זיין ציטערענדיג קערפּערל ווערט צוגעדעקט מיט די בעסטע שמאַטעס, ער באַקומט די צערטליכסטע לאַסקעס... וויפיל קינדער זיינען דאָס אויסגעוואַקסען אונטער אַזעלכע באַדינגונגען! איינס פון זיי שטעהט איצט לעבען מיר, בעת איך שרייב אָט די שורות, און ווידערהאָלט מיר די דערצעהלונגען, וואָס זי האָט אָפטמאָל געהערט פון דער מוטער, וועגען דער גוטסקייט פון די „רוצחים" און דער אונמענשליכקייט פון די „באַאמטע". זי דערצעהלט מיר וועגען די שפּילצייג, מיט וועלכע עס האָבען זי אַמוזירט די אַרעסטאַנטען אין דער צייט פון דער פיינליכער רייזע, — געוועהנליכע שפּילצייג, אין וועלכע עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן מעהר גוט האַרץ, איידער קונסט. זי דערצעהלט וועגען די אונטערדריקונגען, וועגען געלט־אויספּרעסונגען, וועגען דעם פייפען פון די נאַגאַיקעס, וועגען די קללות און קלעפּ, וואָס די „באַאמטע" זשאַלעווען ניט.

אָבער די געפענגנים באַפרייט זיך ביסלעכווייז פון דעם איבערפלוס פון איהר באַפעלקערונג: די אַרעסטאַנטען פּאַרטיעס ריהרען זיך אין וועג. יעדע וואָך געהען אַוועק פּאַרטיעס פון 500 מענשען יעדע, איינשליסענדיג פרויען און קינדער, אויב נאָר דער וועטער און דער צושטאַנד פון די טייכען דערלויבען דאָס, — פון דער טאָמסקער געפענגנים אין דעם לאַנגען וועג צופוס ביז אירקוטסק און זאַבאַיקאַלער פּראָווינץ. ביי די, וועמען עס קומט אויס

צו זעהן אזא פארטיע אין וועג, בלייבט די עראינערונג וועגען איהר אויף אייביג אין זכרון. דער רוסישער מאלער יאקאבי האט גע־פרואווט אויסמאלען אזא פארטיע אויפ׳ן לייוועגט; זיין בילד מאכט א שרעקליכען איינדרוק, אבער די ווירקליכקייט איז נאך שרעקליכער.

פאר אייך שפרייט זיך אויס א בלאטיגע עבענע, איבער וועלכער עס טראגט זיך א שניידיג־קאלטער ווינט, ארויפקערענדיג דעם שניי, וואס האט גענומען צודעקען די איינגעפרארענע ערד. די זומפען, וואס זיינען דא און דארט פארוואקסען מיט קליינע קוסטעס און אויסגעקרימטע בוימער, וואס האבען זיך איינגעבויגען פון ווינט און שווערען שניי, ציהען זיך ארום, אויף ווי ווייט דאס אויג קאן נאר כאפען. ביז צום נאהנטסטען דארף איז דרייסיג וויארסט. אין דער ווייט, אין דער טונקעל, טיילען זיך אויס די סילועטען פון בערגלאך, וואס זיינען באדעקט מיט א געדיכטען סאסנאווען וואלד. איבער׳ן הימעל ציהען זיך שווערע שניי וואלקענס. דער וועג, וואס האט ביי די זייטען סלופעס, כדי איהם אפצוטיילען פון דער ארומיגער עבענע, וואס איז צוגראבען פון די שפורען פון טויזענטער פוהרען און אזוי איינגעשניטען פון די שינעס, אז דער שטארקסטער ראד קאן זיך דא צוברעכען, דרעהט זיך איבער דער גאַ־קעטער בלאטיגער עבענע. איבער אט דעם וועג ציהט זיך לאנגזאם די פארטיע. פאראויס געהט א רייה סאלדאטען. נאך זיי שפרייזען שווער די קאטארזשניקעס, מיט געגאלטע קעפ, אין גרויע כאלאטען, מיט א געלער טויז אויפ׳ן רוקען, און שיך, וואס זיינען צוריסען פון לאנגען וועג, אזוי אז מען זעהט דורך די לעכער די שמאטעס, וואס וויקלען ארום די צוואוואונדעטע פיס. אויף יעדען איז אנגעטאן א קייט, וואס איז געשלאסען ביים פוס־קנאפ, און דער רינג, וואס כאפט ארום דעם פוס, איז ארומגעוויקעלט מיט א שמאטע, — אויב דעם פארשיקטען איז געלונגען צונויפצוקלייבען אויפ׳ן וועג געגוג נדבות, צו קאנען באצאהלען דעם שמיד פאר א מילדערע איינשמידונג. די קייט געהט ארויף איבער׳ן פוס און ווערט צוגעהאנגען צום גארטעל. אנאנדער קייט בינדט ענג צונויף ביידע הענט, און, ענד־ליך, א דריטע פאראייניגט פון זעקס ביז אכט ארעסטאנטען. יעדע אומגעלומפערטע באוועגונג פון איינעם אין אזא צונויפגעקייטעל־טער גרופע ווערט באלד דערפיהלט פון אלע זיינע חברים אין קייט; דעם שטארקען קומט אויס צו שלעפען נאך זיך די שוואכע: אפ־

שטעלען זיך קאָן מען ניט, ביז צום עטאַפּ איז ווייט, און די הערב־סטיגע טעג זיינען קורץ.

נאָך די קאַטאָרזשניקעס געהען די „פרייע קאָלאָניסטען", וואָס זיינען אָנגעטאָן אין דיזעלביגע גרויע כאַלאַטען און שיך. סאָלדאַטען געהען ביי די זייטען פון דער פּאַרטיע, קלערענדיג אפשר וועגען דעם באַפעהל, וואָס זיי האָבען באַקומען ביים אַרויסטרעטען: „אויב אַן אַרעסטאַנט וועט פּרואווען אַנטלויפען, שיס אין איהם. אויב דו וועסט איהם הרג'ענען — וועט דער הונט האָבען אַ הינטישען טויט, און דו וועסט באַקומען אַ באַלוינונג פון פינף רובעל!" אין עק פון דער פּאַרטיע באַוועגען זיך לאַנגזאַם עטליכע פוהרן, אין וועלכע עס זיינען איינגעשפּאַנט אויסגעמאַטערטע פּויערשע פערדלעך. די פוהרן זיינען פאַרלעגט מיט די זעק פון די אַרעסטאַנטען, און אויבען ווערן אָפטמאָל מיט שטריק צוגעבונדען קראַנקע און שטאַרבענדיגע.

הינטער די פוהרן שלעפּען זיך די ווייבער. איינינגע פון זיי געלינגט צו געפינען אַ פרייען ווינקעל אויף די פוהרן מיט די אַרעסטאַנטישע זאַכען, און זיי זיצען דאָרט איינגעדרעהט, האָבענדיג קוים אַ מעגליכקייט אַ ריהר צו טאָן זיך. אָבער די מעהרסטע שלעפּען זיך נאָך די פוהרן, פיהרענדיג די קינדער פאַר די הענט אָדער טראָגענדיג זיי אויף די אָרעמס. אָנגעטאָן אין שמאַטעס, פריהרענדיג אין דעם קאַלטען שניי־שטורעם, שפּרייזענדיג מיט כמעט נאַקעטע פיס איבער די איינגעפראָרענע רעדער־שפּורען, האָבען אַ סך פון זיי מסתמא ווידערהאָלט די פראַגע פון אַוואַקום'ס פרוי: „ווי לאַנג וועט נאָך די מאַטערניש אָנהאַלטען?" די פּאַרטיע שליסט ענדליך אַ צווייטע רייה סאָלדאַטען, וואָס טרייבען אונטער מיט די ביקסען די פרויען, וועלכע שטעלען זיך אָפּ אָפּצורוהען אַ רגע אויף דער איינפריהרענדיגער בלאָטע פון וועג. די פּראָצעסיע ענדיגט זיך מיט אַן עקיפּאַזש, אין וועלכען עס זיצט דער אָפיציר פון קאָנוואָי.*)

*) נאָך די רוסישע געזעצען ווערן די פאַמיליען פון די אַרעסטאַנטען ניט אונטערוואָרפען דעם קאָנטראָל פון קאָנוואָי. אין דער אמת'ן אָבער באַהאַנדעלט מען זיי ווי אַרעסטאַנטען. איך וועל ברענגען נאָר איין ביישפּיל: דער טאָמסקער קאָרעספּאָנדענט פון „מאָסקווער טעלעגראַף" (דעם 3טען נאָוועמבער, 1881) האָט געשריבען: „מיר האָבען באַגעגענט

ווען די פּארטיע קומט אריין אין אַ גרויסען דאָרף, הויבט זי געווערנליך אָן זינגען „דאָס דערבארמונגס־ליד." „אָט דער קרעכץ רופט זיך ביי אונז ליד..." אָט דאָס אייגענארטיגע ליד באשטעהט אייגענטליך פון א רייה אויסגעשרייען, וואָס רייסען זיך ארויס גלייכצייטיג פון הונדערטער ברוסטען. דאָס איז אַ טרויעריגע דערצעהלונג, אין וועלכער עס ווערט אין קינדערש־איינפאכע אויסדרוקען באשריבען דער ביטערער מזל פון דעם ארעסטאנט. דאָס איז אַ שרעקליכער אויפרוף פון דעם רוסישען פארשיקטען נאָך בארמהערציגקייט, אַן אויפרוף צו די פויערים, וועמעס מזל אונטערשיידעט זיך אָפּטמאָל מיט קיין זאך ניט פון זיין אייגענעם. יאָהרהונדערטער פון ליידען, צרות און נויט, פארפאָלגונגען, וואָס האָבען דערשטיקט די גרעסטע קרעפטען פון אונזער פאָלק, האָבען זיך אויסגעדריקט אין אָט דעם טרויעריגען ליד. די טענער פון טיפען טרויער דערמאָנען אָן די מאטערנישען פון די פאָריגע יאָהרהונדערטער, ווענען די האלב־דערשטיקטע געשרייען אונטער די שטעקענס און בייטשען פון אונזער צייט, ווענען דער פינסטערניש פון געפענגניסען, ווענען די ווילדע טאיגעס, ווענען די טרערן פון דער קרעכצענדיגער פרוי. די פויערים פון די ארומיגע סיבירער דערפער פארשטעהען אָט די טענער: זיי ווייסען זייער אמת'ע באדייטונג פון זייער אייגענער ערפאהרונג, און אָט דער אויפרוף פון די „אומגליקליכע", — ווי אונזער פאָלק רופט די ארעסטאנטען, — געפינט אלעמאָל אָן אָפּקלאנג אין די הערצער פון דער דאָרפישער אָרימקייט. די אָרימסטע אלמנה צלמ'ט זיך איבער און איילט זיך צו געבען די „אומגליקליכע" עטליכע גראָשענס אָדער אַ שטיקעל ברויט, פארנייגענדיג זיך נידריג פאר זיי, דאנקענדיג זיי, וואָס זיי ווייזען ניט צוריק איהר אָרימע נדבה.

צום אָוונט, האָבענדיג אָפּגעגאנגען צופוס צוואנציג אָדער דרייסיג וויאָרסט, דערגרייכט ענדליך די ארעסטאנטען פּארטיע דעם עטאפּ, אויף וועלכען זי פארברענגט די נאכט און רוהט אָפּ

אָן ארעסטאנטען פּארטיע, וואָס איז דעם 14טען סעפּטעמבער ארויסגעגאנגען פון טאָמסק. די אויסגעמאטערטע פרויען און קינדער האָבען בוכשטעבליך זיך פארלאָרען אין דער בלאָטע, און די סאָלדאָטען האָבען זיי אונטערגעטריבען מיט קלעפּ, אַז זיי זאָלען ניט אָפּשטעהן פון דער פּארטיע".

אַ גאַנצען מעת־לעת נאָך יעדע צוויי טעג וועג. ווי נאָר פון דער ווייטענס באַווייזען זיך די הויכע קלעצער פון דעם פּאַרקאַן, הינ־טער וועלכען עס געפינט זיך די אַלטע, פון קלעצער געמאַכטע געביידע פון עטאַפּ, לויפען די שטאַרקערע אַרעסטאַנטען פאָראויס, כדי צו פאַרנעמען אַפריהער די בעסטע פּלעצער אויף די נאַרעס. די מעהרסטע עטאַפּען זיינען אויסגעבויט געוואָרן מיט 50 יאָהר צוריק, און צוליב דעם שווערען קלימאַט און צוליב דעם, וואָס אין זיי געפינען זיך שטענדיג הונדערטער טויזענטער אַרעסטאַנטען, זיינען זיי שרעקליך פאַרשמוצט און איינגאַנצען דורכגעפוילט. די אַלטע קלעצערנע געביידע קאָן שוין ניט געבען קיין שוץ די גע־שמידטע איינוואוינער. ווינט און שניי דרינגען אריין פריי דורך די שפּאַרעס צווישען די קלעצער. גאַנצע קופּעס פון איינגעפראָ־רענעם שניי קלייבען זיך אויף אין די ווינקלען פון די קאַמערן, די עטאַפּען זיינען איינגעאָרדענט געוואָרן אויף 150 מענשען; דאָס איז געווען דער דורכשניט פון די אַרעסטאַנטסקע פּאַרטיעס מיט דרייסיג יאָהר צוריק. איצט אָבער דערגרייכען די פּאַרטיעס פון 450 ביז 500 מענשען, און זיי דאַרפען זיך אַלע אויפהאַלטען אויף אַ שטח, וואָס איז קאַרג אויסגערעכענט אויף 150 מענשען*).

די אַריסטאָקראַטיע פון דער געפענגנים,—די אַלטע וואַגאַבונ־דען און באַוואוסטע מערדער, — פאַרנעמען אַלע נאַרעס אין עטאַפּ. די איבעריגע אַרעסטאַנטישע מאַסע, וואָס איז צוויי־דריי מאָל אַזוי גרויס ווי די „אַריסטאָקראַטיע“, מוז זיך לעגען אויף דעם צופוילטען דיל, וואָס איז געדיכט באַדעקט מיט אַ קלעפּיגער שמוץ, אונטער די נאַרעס און אין די דורכגאַנגען צווישען זיי.

---

*) נאָך די רוסישע געזעצען, וואָס ווערן מעהרסטענס צוזאַמענ־געשטעלט ניט נעמענדיג אין אַכט די ווירקליכקייט, איז פאַרבאָטען אַרויס־צושיקען אַזעלכע גרויסע אַרעסטאַנטען פּאַרטיעס. אין דער אמת׳ען אָבער איז די געוועהנליכע אַרעסטאַנטען פּאַרטיע אַרום 480 מענשען. אין 1881, לויט די ידיעות פון „גאָלאָס“, זיינען 6607 אַרעסטאַנטען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין 16 פּאַרטיעס. אויף אַזאַ אופן איז אין דורכשניט אויף אַ פּאַרטיע אויסגעקומען 406 מענשען. נאָך אָט די פּאַרטיעס זיינען גע־גאַנגען 954 פרויען און 895 קינדער; אויף אַזאַ אופן איז אויף אַ פּאַרטיע אין דער אמת׳ען אויסגעקומען אַרום 521 מענשען. אין 1884 איז דער דורכשניט פון אַ פּאַרטיע געווען אַרום 400 מענשען (300 מענער און 100 פרויען און קינדער).

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען די אטמאָספער פון די קא־מערן, ווען זייערע טירען זיינען פארשלאָסען, און זיי זיינען אי־בערפילט מיט מענשען, וואָס ליגען נאקעטע, אונטערבעטענדיג די שמוציגע קליידער, וואָס זיינען איגנאנצען דורכגענעצט פון דעם רעגען און שניי פון וועג.

אָט די עטאפען זיינען אָבער פאלאצען אין פארגלייך מיט די האלבע עטאפען, וואו די ארעסטאנטען פארטיעס שטעלען זיך אָפּ נאָר אויף איבערנעכטיגען. די געביידען פון די האלבע עטאפען זיינען נאָך קלענער און זיינען בכלל א סך פארעלטערטער און אנטי־סאניטארישער. די שמוץ, דער געשטאנק און די שטיקעניש אין זיי ווערן אמאָל אזוי אונערטרעגליך, אז די ארעסטאנטען ציהען פאָר צו פארברענגען א קאלטע סיבירער נאכט אין די לייכטע זומער באַ־ראקען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויפ'ן הויף און אין וועלכע מען קאָן ניט מאכען קיין פייער. די האלבע עטאפען האָבען כמעט קיינמאָל ניט קיין באזונדערען קאמער פאר די פרויען, מוזען די לעצטע זיין מיט די סאלדאטען אין קאראאול קאמער (זעה מאקסי־מאָוו'ס „סיביר און קאטאָרגע"). מיט דער אונטערטעניגקייט, וואָס צייכענט אזוי אויס די רוסישע „אלץ אריבערטראָגענדיגע" מוטערס, פארקלייבען זיי זיך מיט זייערע אין שמאטעס־איינגע־וויקעלטע קינדער ערגעץ וואו אין דעם ווייטסטען ווינקעל אונטער די נארעס, אָדער זיי טוליען זיך צו ביים טיר, וואו עס שטעהען די ביקסען פון קאָנוואָי.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס, לויט דער אָפיציעלער סטאַ־טיסטיק, זיינען פון 2561 קינדער אונטער פופצעהן יאָהר, וואָס זיינען אין 1881 געשיקט געוואָרן מיט די עלטערען אין סיביר, געבליבען לעבען נאָר זעהר ווענ יג. „די מעהרסטע קינדער, — שרייבט דער „גאָלאָס", — האָבען ניט געקאָנט אריבערטראָגען די זעהר שווערע באדינגונגען פון וועג און זיינען געשטאָרבען, אָדער ניט דערגעהענדיג נאָך צום באשטימטען אָרט, אָדער באלד נאָכ'ן אָנקומען אין סיביר." „אָהן קיין שום גוזמא קאָן מען זאָגען, אז די טראנספּאָרטירונג אין סיביר, אין דער פאָרם, ווי זי ווערט איצט פּראַקטיצירט, איז אַן אמת'ע „קינדער אויסשלאַכטונג"."*)

*) די צאָהל קינדער, וואָס געהען נאָך די אַרעסטאַנטישע פּאַר־טיעס, איז איצט פון 5000 ביז 8000. אַ סך פון זיי קומט אוים צו

דאַרף מען נאָך צוגעבען, אַז אויף די עטאַפּען און האַלבע עטאַפּען זיינען ניטאָ קיין ספּעציעלע קאַמערן פאַר קראַנקע, און אַז נאָר מענשען, וואָס זיינען אויסשליסליך פעסט געבויט, קאָנען בלייבען לעבען, ווען זיי ווערען קראַנק אין וועג? אויפ'ן גאַנצען שטח צווישען טאָמסק און אירקוטסק, וואָס פאַרנעהמט אַרום 4 מאָנאַטען גאַנג, זיינען פאַראַן נאָר פינף קליינע שפּיטאָלען, און אין זיי אַלע געפינען זיך ניט מעהר ווי הונדערט בעטען. דאָס שיקזאַל פון די קראַנקע, וועמען עס איז ניט געלונגען צוצוקומען צו אַ שפּיטאָל, ווערט אויף אַזאַ אופן באַשריבען אין „גאָלאָס" (5־טען יאַנואַר 1881): „מען לאָזט זיי איבער אויף די עטאַפּען אָהן אַ וועלכער עס איז מעדיצינישער הילף. אין די קאַמערן זיינען ניטאָ קיין מאַטראַצען, ניט קיין קאָלדרעס, און, פאַרשטעהט זיך, קיין בעטגעוואַנט. די איין־און־פערציג און אַ האַלב קאָפּיקעס, וואָס די מלוכה קאַסע באַוויליגט אויף יעדען קראַנקען אַרעסטאַנט, געהט כמעט אינגאַנצען אַוועק אין די קעשענעס פון די געפענגנים בעאַמטע."

עס איז קוים נויטיג צו דערמאָנען וועגען די געלדער, וואָס די עטאַפּען וועכטער פרעסען אַרויס פון די פאַרשיקטע, וואָס זיי־נען אַזוי אויך שרעקליך אָרים. עס איז, איבעריגענס, גענוג אָנצו־ווייזען, אַז די מלוכה קאַסע באַוויליגט פאַר אָט די עטאַפּען וועכטער, אויסער זייער פּאָרציע, אינגאַנצען דריי רובעל אַ יאָהר. — „דער אויוועז איז פאַנאַנדער געפאַלען, מען קאָן ניט הייצען", — זאָגט דער וועכטער, ווען די פּאַרטיע, אַ דערפראָהרענע פון רעגען אָדער שניי, קומט אויפ'ן עטאַפּ, און די אַרעסטאַנטען מוזען באַצאָהלען פאַר דער ערלויבניש איינצוהייצען דעם אויווען. — „די ראַהם ווערט פאַרריכט," זאָגט אַ צווייטער, און די פּאַרטיע מוז ווידער צאָהלען פאַר שמאַטעס צו פאַרשטעקען די לעכער, דורך וועלכע עס בלאָזט אַ שרעקליך קאַלטער ווינט. — „וואַשט אויס דעם דיל פאַר'ן אַוועקגעהן", — זאָגט אַ דריטער, — „און ווילט איהר ניט וואַשען — באַצאָהלט", — און די פּאַרטיע צאָהלט

פאַרברענגען אין וועג צוויי יאָהר. לויט די ידיעות, וואָס זיינען פאַר־עפענטליכט געוואָרן אין „יורידיטשעסקי וועסטניק" (1883) ווערן אַלע מיידלאַך, וואָס האָבען דערגרייכט אַ 14־יאָהריגען עלטער און אפילו יונגער, אין וועג פאַרגוואַלטיגט.

ווידער, א. אז. וו., א. אז. וו. ענדליך, דארף מען נאָך דערמאָנען, ווי מען באהאנדעלט די אַרעסטאַנטען און זייערע פאמיליען אין וועג? אפילו די פּאָליטישע פארשיקטע האָבען אין 1881 געמוזט אויפהייבען א בונט געגען אַן אָפיציר, וואָס האָט אין א פינסטע־רען קאָרידאָר געוואגט צו באַליידיגען איינע פון די פּאָליטישע פארשיקטע. מיט די קרימינעלע פארברעכער צערעמאָניעט מען זיך, נאַטירליך, נאָך ווייניגער...

און דאָס אַלץ געהערט ניט צו דער ווייטער פארגאנגענהייט. צום באַדויערן, קומען עהנליכע סצענען פאָר אויך איצט, אפילו אפשר אין דעם מאָמענט, ווען איך שרייב אָט די שורות. נ. לאָ־פאַטין, וואָס האָט דורכגעמאכט אזא רייזע אין 80־טען יאָהר און וועמען איך האָב געוויזען אָט די בלעטער, האָט פון זיין זייט פאָל־שטענדיג באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון מיינע באשרייבונגען און האָט מיטגעטיילט נאָך א סך אנדערע איינצעלהייטען, וואָס דער־וועקען א גרויל. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען, — און דאָס ערשט ניט לאנג, — נאָר איין זאַך, וועלכע איך האָב אויבען דערמאָנט, נעמליך, דאָס צונויפשמידען עטליכע ארעסטאַנטען אויף איין קייט. אָט די שרעקליכע איינפיהרונג איז אָפּגעשאַפט געוואָרען אין יאַנואר 1881. איצט ווערט אויף יעדען אַרעסטאַנט אַרויפגעלייגט א באַ־זונדערע פּאָר האַנט־רינגען. דאָך איז די קייט, וואָס פארבינדט די רינגען, אזוי קורץ, אַז די הענט ווערען שרעקליך איינגעמידט אין דער צייט פון צעהן־צוועלף שטונדען, ניט רעדענדיג שוין וועגען דעם, וואָס די רינגען מוזען, צוליב די שרעקליכע סיבירער פרעסט, אַרויסרופען רעוומאַטישע וועהטאָגען. אָט די וועהטאָגען, ווי מען האָט מיר געזאָגט, צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסערגע־וועהנליכער שאַרפקייט און פאַרוואַנדלען דעם ארעסטאַנט'ס לעבען אין איין לאנגער מאַטערניש.

מען דארף קוים צוגעבען, אַז, טראָץ דער באַהויפּטונג פון הערן לענסדעל, וועלכער איז ניט לאנג צוריק דורכגעפאָהרן איבער סיביר, מאַכען די פּאָליטישע פארשיקטע דורך די רייזע קיין קאַראַ אָדער אין די פּלעצער, וואוהין זיי ווערען באַשטימט, אונטער דיזעלביגע באַדינגונגען און צוזאַמען מיט די קרימינעלע פארברע־כער. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס איזביצקי און דעבאַגאָריי־מאָקריעוויטש האָבען זיך געקאָנט „פאַרבייטען" מיט צוויי קרימי־

נעלע פאַרשיקטע און אויף אזא אופן אנטלויפען פון וועג צו דער קאַטאָרגע, — שוין דער פאַקט אליין ווייזט די אונפארלעסליכקייט פון די ידיעות פון דעם ענגלישען רייזענדען. ניקאָלאַי לאָפּאַטין, וועגען וועלכען איך האָב אויבען גערעדט, און וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן צו באַזעצען זיך אין סיביר, האָט געמאַכט די גאַנצע רייזע צופוס, צוזאַמען מיט עטליכע פון זיינע חברים. אמת, א באַדייטענדע צאָהל פוילישע פאַרשיקטע אין 1864, — וואָס האָבען מעהרסטענטייל געהערט צום אדעל און האָבען געשפּילט א גרויסע ראָל אין אויפשטאַנד, — זיינען געשיקט געוואָרן אויף פּאָסט פערד. אָבער אָנהויבענדיג מיט 1866 האָבען די פּאָליטישע (וואָס זיינען געוועזען פאַראורטיילט אויף קאַרטאָרזשנע ארבייט אָדער פאַרשיקט צו ווערן) דורכגעמאַכט דעם גאַנצען וועג צופוס, צוזאַמען מיט די קרימינעלע פאַרברעכער. אַן אויסנאַם זיינען די יאָהרען 1877-1879, ווען מען האָט אייניגע פּאָליטישע, וואָס זיינען געגאַנגען אין מזרח סיביר, געגעבען פוהרען, אָבער פון 1879 זיינען אַלע פּאָליטישע, אָהן אונטערשיד פון געשלעכט, געצוואונגען געוועזען צו מאַכען די רייזע אויף אזא אופן, ווי איך האָב אויבען באַשריבען, און דערביי ווערן א סך פון זיי געשמידט, טראָץ דעם געזעץ פון 1827. וואָס אנבאַלאַנגט די ארויסגעשיקטע אויפ'ן אדמיניסטראַטיווען אופן, גיט מען זיי איצט, פּונקט ווי פריהער, פוהרען, אָבער דעם גאַנצען וועג מאַכען זיי דורך ווי א טייל פון די קרימינעלע פאַרטיעס, אָפּשטעלענדיג זיך אויף די עטאַפּען און אין די געפענגניסען צוזאַמען מיט די קרימינעלע פאַרברעכער.

צום שלוס פון זיין בוך וועגען סיביר*) דריקט מ. מאַקסימאָוו אויס די האָפענונג, אַז די פון איהם באַשריבענע שרעקען פון צופוסינען עטאַפּ וועלען אינגיכען ווערן א שטיק געשיכטע. אָבער זיין האָפענונג איז ביז איצט ניט מקוים געוואָרן. די ליבעראַלע באַוועגונג פון 1861 איז פון דער רעגירונג דערשטיקט געוואָרן. אַלערליי פאַרזוכען אויף רעפאָרמען האָט מען גענומען באַטראַכטען, ווי „געפעהרליכע טענדענצען", און די פאַרשיקונג אין סיביר איז געבליבען אין דעמזעלביגען צושטאַנד, אין וועלכען זי איז געוועזען פריהער, — א קוואַל פון אונבאַשרייבליכע ליידען פאַר צוואַנציג טויזענט מענשען, וואָס ווערען יעדען יאָהר פאַרשיקט.

*) „סיביר און קאַטאָרגאַ", 3 בענד, סט. פּעטערבורג, 1871.

אַט דאָס שענדליכע סיסטעם, וואָס איז שוין לאַנג פאַראור־טיילט געוואָרן פון אַלעמען, ווען עס איז אויסגעקומען עס צו שטודירען, איז געבליבען אונבאריהרט. און אין דער צייט ווען די דורך־און־דורך צופוילטע געביידעס פון די עטאַפּען ווערן ביס־לעכווייז צושטערט, און דאָס גאַנצע סיסטעם ווערט אַלץ מעהר און מעהר פאַנאַנדערגעטרייסעלט, ווערן נייע טויזענטער מענער און פרויען צוגעגעבען יעדען יאָר צו די אונגליקליכע, וואָס זיינען שוין פון פריהער אין סיביר, און וועמענס צאָהל שטייגט אויף אַזאַ אופן אין אַ שרעקליכער פּראָפּאָרציע.

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TO...

פינפטער קאַפּיטעל

די פאַרשיקטע אין סיביר

ניט אומזיסט האָט דאָס וואָרט „קאַטאַרגאַ" באַקומען אַזאַ שרעקליכע באַדייטונג אין דער רוסישער שפּראַך און איז געוואָרן אַ סינאָנים פון די שווערסטע פיזישע און גייסטיגע ליידען. „איך קאָן מער ניט איבערטראָגן דאָס ק אַ ט אָ ר ז ש נ ע לעבן", דאָס הייסט, אַ לעבן, וואָס איז פול מיט ליידן, אונטערטעניקע באַליידיקונגען, אומערבאַרמלעכע פאַרפאָלגונגען, פיזישע און גייסטיגע ליידן, וואָס זיינען איבער די מענטשלעכע קרעפטן, — זאָגן מענטשן, וואָס זיינען דערפירט געוואָרן ביז צו פולשטענדיקער פאַרצווייפלונג, איידער זיי מאַכן אַ סוף צו זייער לעבן. אַזאַ זין האָט דאָס וואָרט „קאַטאַרגאַ" באַקומען ניט אומזיסט, און אַלע, וועמען עס איז אויסגעקומען ערנסט אויסצופאָרשן די לאַגע פון די קאַטאָרזשניקעס אין סיביר, זיינען געקומען צום שלוס, אַז די פאָרשטעלונג אין פאָלק וועגן קאַטאַרגאַ אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דערווירקלעכקייט. איך האָב שוין באַשריבן דעם פיינלעכן וועג, וואָס פירט צו קאַטאַרגאַ. מיר וועלן איצט איבערגיין צו די לעבנסבאַדינגונגען פון די אַרעסטאַנטן אין די קאַטאָרזשנע קאָלאָניעס און געפענגנישן פון סיביר.

אין אָנהויב פון די 60ער יאָהרן האָט מען פון די 1,500 מענטשן, וואָס ווערן יעהרלעך פאַראורטיילט אויף קאַטאָרגאַ, כמעט אַלעמען געשיקט אין מזרח סיביר. אַ טייל פון זיי האָבן געאַרבייט אין די זילבער, בליי און גאָלדמינען פון נערטשינסקער געגענט, אָדער אויף די פּעטראָווסקי (ניט ווייט פון קיאַכטאַ), און אירקוטסקי אייזען פאַבריקן, אָדער, ענדלעך, אויף די זאַלץ פאַבריקען פון אוסאָליע און אוסט־קוט. איינגע האָבן געאַרבייט אויף דער טוך פאַבריק לעבן אירקוטסק, און די אַנדערע האָט מען געשיקט אויף די קאַריער גאָלדמינען, וואו זיי זיינען מחויב געווען אויס־

צוארבייטען יעהרליך די טראַדיציאָנעלע „הונדערט פוד" גאָלד פאר „זיין מאַיעסטעט'ס קאַבינעט". די שרעקליכע דערצעהלונגען וועגען די אונטערערדישע זילבער און בליי מינען, וואו מען צווינגט דעם אַרעסטאַנט, אונטער די שוידערליכסטע באַדינגונגען און די בייטשען פון די אויפזעהער, ארויסצוגעבען צוויי מאָל אַזויפיעל אַר־בייט, וויפיעל עס איז נאָרמאַל; די דערצעהלונגען פון די קאַ־טאָרזשניקעס, וועמען עס איז אויסגעקומען צו אַרבייטען אין דער פינסטער, אין שווערע קייטען און צוגעשמידט צו די טאַטשקעס; וועגען די גיפטיגע גאַזען אין די מינען, וועגען מענשען, וואָס ווערן פארשמיסען ביז טויט פון דעם באַוואוסטען רוצח ראַזגילדעיעוו, אָדער וואָס שטאַרבען נאָך פינף־זעקס טויזענט קלעפּ פון שפּיצ־רוטען, — אָט די אַלע ווייט פארשפּרייטע דערצעהלונגען זיינען גאָר ניט געווען קיין פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע פון סענסאַציאָ־נעלע שרייבער: זיי זיינען געווען אַ ריכטיגע אָפּשפּיגלונג פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט.*)

און דאָס זיינען אַלץ ניט קיין לעגענדען פון טיפען אַלטער־טום; אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען געאַרבייט אין נער־טשינסקער בערג קרייז אין אָנהויב פון די 60־ער יאָהרן. דאָס גע־דענקען מענשען, וואָס לעבען נאָך איצט.

דאָס איז נאָך וועניג; פיעל, זעהר פיעל שטריכען פון אָט דער שרעקליכער פארגאַנגענהייט זיינען פארבליבען אונבאַריהרט ביז צו דער איצטיגער צייט. יעדערער אין מזרח סיביר וויים, כאָטש

*) די קוטאָמאַרסקער און אַלעקסאַנדראָווסקער זילבער מינען האָבען אַלעמאָל געהאַט די רעפּוטאַציע פון זעהר אונגעזונטע, צוליעב די אַמאָניאַ אויסדאַמפּונגען פון זיי; ניט נאָר מענשען, נאָר אַפילו בהמות האָבען פון זיי געליטען, און די פויערים פון דער געגענט האָבען געמוזט אויסהאָדעווען זייערע בהמות אין די שכנ'ישע דערפער. וואָס אַנבאַטרעפט די קוועק־זילבער אויסדאַמפּונגען, וויים יעדערער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער ליטעראַטור וועגען נערטשינסקער בערג קרייז, אַז די זילבער ערץ פון דעם געגענט קומט אַלעמאָל אינאיינעם מיט צינאָבאַר, באַזונ־דערס אין שאַכהאַם און קולטום, וואו קאַטאָרזשניקעס אַרבייטען אַלעמאָל. די רעגירונג האָט אַפילו עטליכע מאָל געפּרואווט באַקומען קוועקזילבער אין אָט די מינען. די אקאַטויער זילבער מינען פון דערזעלביגער גע־גענט האָט אַ שרעקליכע רעפּוטאַציע, ווי איינער פון די אונגעזונטסטע ערטער.

פון דעם, וואָס ער האָט געהערט, וועגן דער שרעקליכער סקאָרבוט עפּידעמיע, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויף די קאַריער גאָלדמינען אין 1857, ווען, לויט די אָפּיציעלע באַריכטען, וואָס מ. מאַקסימאָוו האָט געמאַכט, ניט ווייניגער פון 1,000 קאַטאָרזשניקעס זיינען גע־שטאָרבען אין פאַרלויף פון נאָר איין זומער. די אורזאַך פון דער עפּידעמיע איז אויך ניט געווען קיין סעקרעט; אַלע האָבען גוט געוואוסט, אַז די בערג באַאמטע, וואָס האָבען איינגעזעהן די אונמעגליכקייט אויסצואַרבייטען, אונטער געוועהנליכע באַ־דינגונגען, די טראַדיציאָנעלע „הונדערט פּוד" גאָלד, האָבען גע־צוואונגען צו אַרבייטען אָהן אויפהער, איבער די קרעפטען, ביז אייניגע זיינען געפאַלען טויט ביי דער אַרבייט. א סך שפּעטער, אין 1873, האָבען מיר בייגעוואוינט אַן עהנליכע עפּידעמיע, אַרויס־גערופען פון דיזעלביגע אורזאַכען, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין יעניסעיער קרייז און האָט פאַרניכטעט אין פאַרלויף פון א קורצער צייט הונדערטער לעבענס. איצט מאַטערן זיך די אַרעסטאַנטען אין אַנדערע ערטער, דער כאַראַקטער פון דער אַרבייט איז אביסעל געענדערט, אָבער דער עצם פון דער קאַטאַרזשנער אַרבייט איז געבליבען דערזעלביגער, און דאָס וואָרט „קאַטאַרגאַ" האָט נאָך ביז היינט זיין פריהערדיגע שרעקליכע באַדייטונג.

אין סוף פון די 60ער יאָהרען איז דאָס סיסטעם פון קאַטאַר־זשנער אַרבייט אביסעל געענדערט געוואָרן. די מינען פון נער־טשינסקער בערג קרייז, וואָס זיינען רייכער אין זילבער, זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרן: אָנשטאָט צו באַרייכערן, ווי פריהער, דעם אימפּעריִשען קאַבינעט יעהרליך מיט 220־280 פּוד זילבער, האָבען זיי געגומען געבען (אין 1860־1863) אינגאַנצען פון פינף ביז זיבען פּוד, און מען האָט זיי געמוזט פאַרמאַכען. וואָס אַנ־באַטרעפט די גאָלדמינען, האָבען די בערג באַאמטע איבערציינגט דעם קאַבינעט, אַז אין דער געגענט זיינען מעהר ניטאָ קיין גאָלד־קוואַלען, וואָס זאָלען ווערט זיין באַאַרבייט צו ווערן, און דער קאַבינעט האָט איבערגעגעבען די גאָלד־קוואַלען צו פּריוואַטע אונ־טערנעהמער, איבערלאָזענדיג פאַר זיך נאָר די גאָלד־קוואַלען אויף'ן טייכעל קאַראַ, וואָס פאַלט אריין אין שילקאַ. עס פאַרשטעהט זיך, אז ווי נאָר עס איז פאַרעפענטליכט געוואָרן די ערלויבניש פאַר פּריוואַטע פערזאָנען צו באַאַרבייטען די גאָלד־קוואַלען, האָבען

גאָלד־סוחרים באַלד „אנטדעקט" זעהר רייכע קוואַלען, דעם אָרט פון וועלכע מען האָט, אייגענטליך, שוין לאנג געוואוסט. צוליב דעם אַלעמען איז די רעגירונג געווען געצוואונגען צו געפינען פאַר די ארעסטאַנטען עפּעס אַנדערע באַשעפטיגונגען. און ביז אַ געוויסען גראַד ענדערן דאָס גאַנצע סיסטעם פון קאַטאָרזשנער ארבייט. מען האָט ערפונדען די „צענטראלע געפענגניסען" אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד, אַ באַשרייבונג פון וועלכע איך האָב געגעבען אין איינעם פון די פאָריגע קאַפּיטלען, און איצט דיענען אָפּ די קאַטאָרזשאַנעס ארום אַ דריטעל פון זייער שטראָף טערמין אין אָט די געפענגניסען, איידער מען שיקט זיי ארויס אין סיביר. איך האָב שוין גערעדט וועגען דעם, ווי שרעקליך מען באַהאַנדעלט זיי. די צאָהל פון אָט די אונגליקליכע, פאַר וועלכע אפילו די סיבירער קאַטאָרגאַ ווייזט אויס ווי אַן ערלייכטערונג, דערגרייכט ביז 5,000 מענשען. אויסערדעם פּרואווט מען די לעצטע יאָהרען צו באַזעצען מיט פאַרשיקטע קאַטאָרזשניקעס דעם אינזעל סאַכאַלין.

די קאַטאָרזשניקעס, וואָס ווערן יעהרליך ארויסגעשיקט אין סיביר אין צאָהל פון 1,800 ביז 1,900 ווערן אויף פאַרשידענע אופנים פאַרטיילט און באַנוצט פאַר אַלערליי ארבייטען. אַ טייל פון אזעלכע פאַרשיקטע (2,700 - 3,000) פאַלען אריין אין די קאַטאָרזשנע געפענגניסען פון מערב און מזרח סיביר; די איבעריגע פאַרשיקט מען אָדער אויף די קאריער גאָלד־קוואַלען, אָדער אויף די זאַלץ פאַבריקען פון אוסאָליע און אוסט־קוט. אָבער אזוי ווי די וועלדער, מינען און פאַבריקען אין סיביר, וואָס געהערן צו דער מלוכה, קאָנען ניט אויסנוצען די ארבייט פון כמעט 10,000 מענשען, וואָס ווערן פאַראורטיילט אויף קאַטאָרזשנע ארבייט, און וועלכע מען מוז האַלטען אין סיביר, האָט מען געפונען אזאַ אויסוועג פון דער לאַגע: מען פאַרדינגט אזעלכע ארעסטאַנטען, ווי ארבייטער, אויף פּריוואַטע גאָלד־קוואַלען. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, אַז אונטער אזעלכע באַדינגונגען קאָנען מענשען, וואָס זיינען פאַראורטיילט אויף קאַטאָרזשנע ארבייט, אריינפאַלען אין די פאַרשידענסטע אומגעבונגען. נאָכ'ן ווילען אָדער קאַפּריז פון די באַאַמטע, און אויך לויט זייערע מיטלען. אַן ארעסטאַנט קאָן שטאַרבען אונטער'ן בייטש אויף קאַראַ אָדער אין אוסט־קוט, אָבער ער קאָן אויך פירן אַ גאַנץ קאָמפאָרטאַבלען לעבען אויף פּריוואַטע

מינען פון א וועלכען עס איז גוטען ברודער, ווי אן „אויפזעהער", פיהלענדיג די אונבאקוועמליכקייט פון דער פארשיקונג אין סיביר נאר אין דעם, וואס ער מוז לאנג ווארטען אויף נייעס פון פריינד אין רוסלאנד.

די פארשיקטע קאטארזשניקעס אין סיביר קאנען אייגגעטיילט ווערן אין דריי הויפט קאטעגאריעס: די וואס ווערן אויפגעהאל־טען אין געפענגניסען; די, וואס ארבייטען אויף די גאלד־קוואלען פון קאבינעט אדער פון פריוואטע אייגענטימער, און, ענדליך, די, וואס ארבייטען אויף די זאלץ פאבריקען.

דאס שיקזאל פון די ערשטע אונטערשיידט זיך ווייניג פון דעם שיקזאל פון די ארעסטאנטען, וואס האלטען זיך אויף אין די צענטראלע געפענגניסען פון רוסלאנד. עס קאן זיין, אז דער סיבירער געפענגניס אויפזעהער רויכערט א ליולקע, ניט קיין ציגאר, ווען מען שמייסט די ארעסטאנטען; עס קאן זיין, אז ער באנוצט א בייטש, ניט קיין ריטער; עס קאן זיין, אז ער שמייסט די ארע־סטאנטען, ווייל ער איז אין כעס, וואס זיין ווייב האט איהם גע־מאכט א שלעכטען מיטאג, בעת דער רוסישער געפענגניס אויפ־זעהער שמייסט זיי דערפאר, וואס ער האט קיין גליק ניט געהאט אויף יאגד: די רעזולטאטען פאר די ארעסטאנטען זיינען דיזעל־ביגע. אין סיביר, ווי אין רוסלאנד, אויב מען אנטלאסט אן אויפזע־הער, וואס „שמייסט אהן רחמנות", קומט אויף זיין ארט איינער, וואס „שפאצירט זיך דורך מיט'ן פויסט איבער דער פיזיאנאמיע פון די ארעסטאנטען און בא'גנבעט זיי אויף דעם שענדליכסטען אופן"; אויב אבער פאר אן אויפזעהער ווערט צופעליג באשטימט אן עהרליכער מענש, געהט ער באלד ארויס אין דעמיסיע, אדער מען ווארפט איהם ארויס פון דער געפענגניס אדמיניסטראציע, וואו עהרליכע מענשען זיינען נאר „א שטערונג".

ניט בעסער איז אויך דאס שיקזאל פון די צוויי טויזענט ארעסטאנטען, וועלכע מען שיקט אויף די קארער גאלד־קוואלען. שוין אין די 60ער יאהרען האט מען אין די אפיציעלע באריכטען אנגעוויזען אויף דעם צושטאנד פון דער געפענגניס אויף דער אויבערשטער קארא: דאס איז געווען אן אלטע, פון אומוועטער געליטענע, קלעצערנע געביידע, אויפגעשטעלט אויף א זומפיגען באדען און איינגאנצען דורכגעזאפט מיט שמוץ, וואס גאנצע דורות

ארעסטאנטען, וואס האבען די געפענגנים איבערפילט, האבען אין פארלויף פון א סך יאהרען אנגעקליבען. שוין דעמאלט האט מען אין דעם אפיציעלען באריכט אנגעוויזען אויף די נויטיגקייט צו צוואווארפען באלד די פארעלטערטע געביידע; אבער נאך ביז איצט דיענט זי פאר א פארהאפטונגס פלאץ פאר די ארעסטאנטען, און אפילו ווען פאלקאוניק קאנאנאוויטש איז געווען פארוואלטער פון דער געפענגנים, האט מען איהר געוואשען די דילען פיער מאל א יאהר. זי האט אלעמאל צוויי מאל אזויפיעל ארעסטאנטען וויפיעל דער קובישער שטח ערלויבט. און די ארעסטאנטען שלאפען ניט נאר אויף די נארעס, וואס געהען אין צוויי עטאזש איינער איבער'ן אנדערן, נאר אויך אויף'ן דיל, וואס איז באדעקט מיט א דיקער שיכט פון קלעפינגען שמוץ, און זייערע נאסע און שמוציגע קליידער דיענען זיי סאי פאר בעטגעוואנט, סאי פאר א צודעק. אזוי איז געווען דעמאלט, אזוי איז אויך איצט. די הויפט געפענגנים פון די קאריער גאלד־קוואלען, ניזשנאיא קארא, איז, אורטיילענדיג נאך דער באשרייבונג, וואס מאקסימאוו האט געמאכט אין 1863, און נאך די אפיציעלע דאקומענטען, וואס איך האב געלייענט, שוין דעמאלט געווען אן אלטע, צופוילטע געביידע, אין וועלכער דער ווינט האט פריי געשפאצירט, און רעגען און שניי זיינען אריינגעדרונגען. אזא איז זי אויך איצט, ווי פריינד האבען מיר איבערגעגעבען. די מיטעל־קארא געפענגנים איז מיט עטליכע יאהר צוריק באנייט געווארן, אבער איננערכען איז זי געווארן פונקט אזא שמוציגע, ווי די צוויי אנדערע. זעקס אדער אכט מאנאטען אין יאהר טוען די ארעסטאנטען אין אט די געפענגניסען אבסאלוט גארנישט; אויך שוין דאס אליין איז גענוג פאר א פולשטענדיגער דעמאראליזאציע פון די איינוואוינער פון דער געפענגנים און אן אנטוויקלונג פון אלערליי פארברעכערישע נייגונגען צווישען זיי. די, וואס ווילען שטודירען די פראגע וועגען דער מאראלער ווירקונג פון די רוסישע געפענגניסען אויף די ארעסטאנטען, וועלען געפינען א רייכען מאטעריאל אין דער מערקווירדיגער פסיכאלאגישער ארבייט פון דאסטאיעווסקי, אין די ארבייטען פון מאקסימאוו, לוואוו און א סך אנדערע.

די ארבייט ביי די גאלד־קוואלען איז בכלל זעהר א שווערע. אמת, זי ווערט געטאן אויף דער אויבערפלאך פון דער ערד, און

דערביי ווערן אין דעם אַלואוויאַלען באָדען פון טאָל געמאכט
טיפע גרובען, כדי ארויסצוציהען דעם שטויב און זאמד, אין וועלכען
עס געפינט זיך גאָלד, און אויף פוהרען ברענגט מען דערנאָך דעם
שטויב און זאמד צו דער מאַשין, וואָס וואשט דאָס גאָלד. אָבער
בכלל איז דאָס, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זעהר א שווערע און
אונגעזונטע ארבייט. די גריבער זיינען אַלעמאָל נידריגער פון דער
אויבערפלאַך פון טייך, וואָס ווערט דורך א קינסטליכען קוואל אָפּ־
געפיהרט אויף א געוויסער הויך צו דער גאָלד־וואשענדיגער מאַשין.
צוליעב דעם ווערן די גריבער מעהר אָדער וועניגער אָנגעפילט מיט
דורכזאַפּענדיגען וואסער, שוין ניט רעדענדיג וועגען די שטראָמען
אייז־וואסער, וואָס גיסען זיך פון די ווענט פון די גריבער, ווען
די איינגעפראָרענע ערד געהט אָפּ אונטער די הייסע זונשטראַלען.
די פּלומפּען אויף אָפּצופּאָמפּען דאָס וואסער העלפען וועניג, און די
מענשען מוזען ארבייטען (איך שרייב וועגען דעם אויף'ן גרונד פון
אייגענע באָאָבאכטונגען) אין פארלויף פון א גאנצען טאָג, שטע־
הענדיג אין אייז־קאַלטען וואסער, וואָס דערגעהט ביז צו די קניה,
און אַמאָל אפילו ביז צום גארטעל. ווען דער ארעסטאנט קומט
צוריק אין געפענגנים, גיט מען איהם ניט קיין טרוקענע קליידער
אויף איבערבייטען, און ער מוז שלאָפען אין נאסע. אמת, טויי־
זענטער פרייע ארבייטער געפינען פאר מעגליך צו ארבייטען אונ־
טער דיזעלביגע באדינגונגען ביי פריוואטע גאָלד־קוואלען. אָבער
די אייגענטימער פון די גאָלד־קוואלען אין סיביר וואָלטען אפשר
נאָר קיין ארבייטער ניט געפונען, ווען זיי וואָלטען ביים אָנדינגען
זיי ניט באנוצט די מיטלען, וואָס מען האָט פּראַקטיצירט אין 17טען
יאָהרהונדערט צו דערפילען די ארמיי. מען דינגט זיי געוועהנליך,
ווען זיי זיינען אינגאנצען שיכור, מען רוקט זיי אריין גרויסע
האַנטגעלט, וואָס געהען באלד אריבער אין די קעשענעס פון די
שענקער. וואָס אנבעטרעפט די פריי־פארשיקטע, די הונגעריגע
ארמיי פון וועלכע שטעלט צו א באדייטענדען קאָנטינגענט פון
ארבייטער פאר די פריוואטע גאָלד־קוואלען, ווערן זיי געוועהנליך
אָפּגעגעבען צו דער ארבייט פון די באאמטע פון וואָלאָסט, וואָס
פארקאַפען באלד זייער האַנט־געלט פאר די שטייערן, וואָס קליי־
בען זיך אַלעמאָל אָן אויף די פריי־פארשיקטע.

צוליעב די אויבען אָנגעגעבענע אורזאכען מוז יעדען פריה־

לינג, ביים אָפּשיקען „פרייע ארבייטער" אויף די גאָלד־קוואַלען, זיך אריינמישען די באַצירקס פּאָליציי אָדער אפילו א מיליטערישער קאָנוואָי. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די אַרבייטס באַדינגונגען פון די פאַרשיקטע קאַטאָרזשניקעס זיינען נאָך שווערער. די טעגליכע אַרבייט, וואָס יעדערער פון זיי מוז דורכפיהרן, איז אי גרעסער, אי שווערער לויט די אַרבייטס באַדינגונגען, איידער אויף די פּריוואַטע גאָלד־קוואַלען. אויסערדעם אַרבייטען א סך קאַטאָרזשניקעס אין קייטען. און אויף קאַראַ מוזען זיי מאַכען 7 וויאָרסט צופוס, די דיסטאַנץ פון דער געפענגנים ביז דעם אָרט פון אַרבייט; קומט נאָך אויף אַזאַ אופן צו צו זייער טעגליכען „אוראָק" נאָך דריי שעה גאַנג. אין די פאַלען, ווען דער גאָלד שיכט איז אָרימער אין אינהאַלט פון גאָלד, איידער מען האָט ערוואַרט, און די פּאָראויס באַשטימטע קוואַנטיטעט קאָן ניט דורכגעוואַשען ווערן אונטער געוועהנליכע אַרבייטס באַדינגונגען, צווינגט מען די קאַטאָרזשניקעס צו אַרבייטען איבער די קרעפטען, ביז שפּעט ביינאַכט, און דער פּראָצענט פון שטערבליכקייט, וואָס איז אַזוי אויך גענוג גרויס, דערגרייכט צוליעב דעם אַן אונגעהייערע הויך. קורץ, אַלע, וואָס האָבען ערנסט שטודירט די קאַטאָרזשנע אַרבייטס באַדינגונגען אין סיביר, זיינען געקומען צום שלוס, אַז דער קאַטאָרזשניק, וואָס האָט אָפּגעדיענט זיין שטראָף עטליכע יאָהר אויף קאַראַ אָדער אויף די זאַלץ פאַבריקען, קומט פון זיי אַרויס אין פריי־פאַרשיקונג אינגאַנצען א צובראָכענער, האָבענדיג פאַרלאָרן זיין אַרבייטספעהיגקייט. און ביז'ן טויט איז ער נאָר א לאַסט פאַר דער געזעלשאַפט.

די שפּייז, הגם אין אַלגעמיין וועניגער נאַרהאַפטיג, איידער אויף די פּריוואַטע גאָלד־קוואַלען, קאָן באַטראַכט ווערן ווי א גאַנץ גענוגענדע, ווען די אַרעסטאַנטען וואָלטען באַקומען די פּאָרציעס, וואָס זיינען באַשטימט פאַר דער אַרבייטס צייט. פאַר יעדען אַרעסטאַנט ווערט באַשטימט טעגליך פיר פונט שוואַרצע ברויט, און יעדען מאָנאַט אַזאַ קוואַנטיטעט פלייש, קרויט, רעטשענע גרויפּען, א. אַז. וו., וואָס קאָן געקויפט ווערן פאַר איין רובעל. א גוטער עקאָנאָם וואָלט דאָ געקאָנט געבען יעדען מענשען א האַלב פונט פלייש א טאָג. אָבער צוליעב דער אָפוועזענהייט פון וועלכען עס איז קאָנטראָל ווערן די אַרעסטאַנטען אויף'ן אונברחמנות'דיגסטען אופן באַ'גנב'עט פון די באַאַמטע. אויב אין

פעטערבורגער הויז פון פרעלימינערער פאַרהאַפטונג, אונטער׳ן נאָז פון אַ טוץ אינספּעקטאָרן, איז אַזאַ גנבה פּראַקטיצירט געוואָרן אין פאַרלויף פון אַ רייה יאָהרן אויף אַ קאָלאָסאַלען מאַסשטאַב, איז וואָס קאָן מען שוין ערוואַרטען פון אַ קאַטאָרזשנער נעפּענגנים אויף עק וועלט, אין די זאַבאַיקאַלער בערג? עהרליכע עקאָנאָמען, וואָס גיבען אַוועק די אַרעסטאַנטען אינגאַנצען זייער פּאָרציע, זיינען, נאַטירליך, זעלטענע אויסנאַמען. אויסער דעם דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז די אויבענדערמאָנטע פּאָרציע ווערט געגעבען אין אַזאַ מאָס נאָר אין דער צייט פון די גאָלד־וואַשענדיגע אַרבייטען, וואָס דויערן וועניגער פון פיער מאָנאַטען אין יאָהר. אין פאַרלויף פון אַ גאַנצען ווינטער, ווען דער איינגעפראָרענער באָדען איז האַרט ווי אייזען, ווערט די אַרבייט ביי די גאָלד־קוואַלען אָפּגעשטעלט. און ווי נאָר די „יעהרליכע ערנטע" ווערט אַראָפּגענומען פון די גאָלד־קוואַלען, דערפיהרט מען דעם אַרעסטאַנט׳ס שפּייז ביז צו אַ גרויס און קוואַליטעט, וואָס זיינען קוים גענוג אויפצוהאַלטען דאָס לעבען. וואָס אַנבאַטרעפט דעם לוין פאַר דער אַרבייט, איז זי איינפאַך לעכערליך, עפּעס אַרום אָנדערהאַלבען צי צוויי רובעל אַ מאָנאַט, און פון אָט דעם בעטלערשען לוין קומט אויס דעם אַרעסטאַנט אויסצוגעבען אַ העלפט אויף קליידער, ווייל די קליידער, וואָס די מלוכה גיט, ווערן שנעל אויסגעטראָגען ביי דער אַרבייט. עס איז קיין וואונדער ניט דעריבער, וואָס סקאָרבוט, דער שרעקליכער גאַסט פון אַלע סיבירער גאָלד־קוואַלען, געפינט אַ מאַסע קרבנות צווישען אַרעסטאַנטען, און וואָס די שטערבליכקייט אויף קאַראַ וואַקעלט זיך יעהרליך צווישען 90 און 287 אויף 2,000 מענשען, דאָס הייסט, פון 1 אויף 11 ביז 1 אויף 7, וואָס איז אַ הויכער פּראָצענט פאַר אַ רערוואַקסענער באַפעלקערונג. די אָפיציעלע ציפערן אָבער שטימען ניט אינגאַנצען מיט׳ן אמת, ווייל די שווער און האָפנונגסלאָז קראַנקע שיקט מען אוועק פון די גאָלד־קוואַלען אין די מושב זקנים׳ס אָדער אַנשטאַלטען פאַר קאַליקעס, וואו זיי שטאַרבען.

די לאַגע פון די אַרעסטאַנטען וואָלט אָבער געוועז נאָך שווערער, ווען ניט דער אומשטאַנד, וואָס די איבערפילונג פון די געפענגניסען און די אינטערעסען פון די אייגענטימער פון די גאָלד־קוואַלען האָט געצוואונגען די רעגירונג צו פאַרקירצען דעם טער-

מין פון פאַרהאַפטונג. בכלל מוז דער פאַרשיקטער קאַטאָרזשניק זיך אויפהאַלטען אין דער קאַטאָרזשנער געפענגנים נאָך אַרום אַ דריטעל פון זיין גאַנצען טערמין. נאָך אָט דעם טערמין דאַרף מען איהם באַזעצען אין אַ דאָרף לעבען די גאָלד־קוואַלען, אין אַ באַזונדערן הויז, צוזאַמען מיט דער פאַמיליע, אויב די פרוי האָט איהם נאָכגעפאָלגט אין סיביר. כאָטש ער מוז אַרבייטען גלייך מיט אַנדערע אַרעסטאַנטען, נעמט מען פון איהם אַראָפּ די קייטען, ער האָט אַ הויז, האָט אַן אייגענע היים. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אָט דאָס געזעץ וואָלט נעקאָנט אונגעהויער פאַרלייכטערן די לאַגע פון די פאַרשיקטע, ווען דאָס געזעץ וואָלט, ווי געוועהנליך, ניט פאַרקריפּעלט געוואָרן ביי דער אָנווענדונג. די באַפרייאונג פון דעם אַרעסטאַנט הענגט אינגאַנצען אָפּ פון דעם קאַפּריז פון דעם פאַרוואַלטער אויף די גאָלד־קוואַלען. אויסערדעם, צוליעב דעם לעכערליך קליינעם אַרבייטסלוין, וואָס באַשטעהט פון אָנדערהאַלבען ביז צוויי רובעל אַ מאָנאַט, פאַר אַ צוגאָב צו דער פּאָרציע, איז דער באַפרייטער אַרעסטאַנט אין די מעהרסטע פאַלען שרעקליך אָרים. אַלע אויספאָרשער שילדערן אין די טונקעלסטע פאַרבען די אָרימקייט פון אָט דער קאַטעגאָריע פאַרשיקטע, און זיי באַהויפּטען, אַז די גרויסע צאָהל „ויברח׳ס” פון דער „פרייער קאָמאַנדע” ערקלערט זיך דורך די אומשטענדען פון איהר בעטלערישער עקזיסטענץ.

די שטראָפען, וואָס ווערן אַרויפגעלעגט אויף די אַרעסטאַנטען, הענגען אינגאַנצען אָפּ פון דעם ווילען פון דעם פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק און זיינען מעהרסטענטיילס גרויזאַם. צונעמען די שפּייז און קאַרצער, — און דער לעזער ווייס שוין, וואָס קאַרצער אין סיביר איז אַזוינס, — וועגען דעם רעדט מען שוין ניט. פאַר אַ שטראָף הויבט מען אָן רעכענען נאָך די בייטשען, די קלעפּ פון וועלכע ווערן פאַנאַנדערגעטיילט מיט אַ ברייטער האַנט און אין אַן אונבאַגרענעצטער צאָהל פאַר די קלענסטע זינד, לויט דעם ווילען און דער שטימונג פון דעם אויפזעהער.

בייטשען זיינען אין די אויגען פון די וועכטער אַזאַ געוועהנליכע זאַך, אַז „הונדערט בייטשען” ווערט באַשטימט פאַר דיזעלביגע זינד, פאַר וועלכע מען וואָלט אין אַן אייראָפּעאישער געפענגנים נאָר באַשטראָפט מיט קאַרצער. אָבער אויסער די בייטשען איז

פאַראַן נאָך אַ גאַנצע רייה זעהר גרויזאַמע שטראָפען: צום ביי־שפּיעל, צושמידען צו דער וואַנט אין דעם אונטערערדישען קאַרצער אויף גאַנצע יאָהרען, וואָס ווערט פּראַקטיצירט אויף אַקאַטוי; צושמידען אויף פינף־זעקס יאָהר צו דער טאַטשקע, וואָס פאַראור־זאַכט די שרעקליכסטע גייסטיגע ליידען; און, ענדליך, די „ליסאַ", דאָס הייסט, אַ שטיק האָלץ אָדער אייזען, וואָס וועגט אַנדערהאַלבען פּוד, וואָס ווערט צוגעשמידט צו די קייטען, און דער אַרעסטאַנט טראָגט דאָס אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר. די שרעקליכע באַ־שטראָפונג מיט דער „ליסאַ" ווערט אָפּגעשאַפט, אָבער דאָס צו־שמידען אויף עטליכע יאָהר צו דער טאַטשקע ווערט נאָך איצט אויך שטאַרק באַנוצט. נאָך ערשט ניט לאַנג צוריק האָט מען די פּאָ־ליטישע פּאָנקאָ, פּאָמיטשעוו און בערעזניוק פאַראורטיילט צוגע־שמידט צו ווערן צו דער טאַטשקע אויף צוויי יאָהר פּאַר אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען פון אירקוטסקער געפענגניס.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער אויפזעהער פון די גאָלד־קוואַלען איז אַ מין זעלבסטהערשערישער מאָנאַרך, און אַז באַקלאָגען זיך אויף איהם איז אַבסאָלוט נוצלאָז. ער קאָן באַרויבען די אַרעסטאַנטען, אַרויפלעגען אויף זיי די שווערסטע שטראָפען, קאָן אפילו מאַטערן זייערע קינדער, — קיין קלאַגען וועלען ניט דערגרעהן צו די באַאַמטע. און אויב עס וואָלט זיך אפילו געפונען אַן אַרעסטאַנט, וואָס וואָלט געוואַגט צו באַקלאָגען זיך, וואָלט מען איהם איינפאַך פאַרמאַטערט אויף טויט אין פינסטערן קאַרצער, אָדער ער וואָלט געשטאָרבען אונטער די בייטשען. די אַלע, וואָס שרייבען וועגען דער פאַרשיקונג אין סיביר, ראַרפען געדענקען, אַז איבער די אויפזעהער איז ניטאָ קיין שום קאָנטראָל, און אַז אַן עהרליכער מענש וועט לאַנג ניט קאָנען בלייבען פאַרוואַלטער פון אַ קאַטאָרזשנער געפענגנים אין סיביר. אויב זיין באַנעמונג מיט די אַרעסטאַנטען איז הומאַן, ווערט דאָס באַטראַכט אין פּעטערבורג ווי אַ געפעהרליכע „סענטימענטאַליטעט", און מען וועט איהם אַנטלאַסען פון דינסט. אויב ער צייכענט זיך אויס אפילו בלויז מיט פּרימיטיווער עהרליכקייט, וועט איהם אונבאַדינגט אַרויסשטויסען די חברה רויבער און אַנדערע בעלנים אויף דער קאַ־זיאָנער קאָרעטע, וואָס קלייבען זיך געוועהנליך צונויף אַרום אַזאַ גע־שמאַקען ביסען, ווי די גאָלד־קוואַלען פון דער מלוכה. אַ רוסיש

שפריכוואָרט זאָגט: „גיט מיר האָדעווען איין קאַזיאָנעם וואָראָבײ־טשיק און איך וועל דורך איהם אויסהאַלטען מיין גאַנצע פאַמיליע".
און די גאָלד־מינען זיינען אָהן צווייפעל א באַדייטענדערע זאַך, אײ־דער א קאַזיאָנער וואָראָבייטשיק. אין זיי אַרבייטען טויזענטער אַרעסטאַנטען, וועלכע מען דאַרף אויסהאַלטען און באַזאָרגען מיט אַרבייטס געצייג; דאָרט געפינען זיך מאַשינען, וואָס מען דאַרף פאַרריכטען, און, ענדליך, דאָס וויכטיגסטע, וואָס דאָרט געהט אָן א זעהר פּראָפיטאַבלער האַנדעל מיט גע׳גנבט׳ן מלוכה גאָלד. בכלל אַרבייט ביי די מלוכה גאָלד־קוואַלען פון דור צו דור א סאָליד־אָרגאַ־ניזירטע שייקע גנבים, וואָס איז אַזוי שטאַרק, אַז אפילו דער רעס־פּאָטישער, אַלמעכטיגער מוראַוויאָוו־אַמורסקי האָט זיי ניט גע־קאָנט בייקומען.

אַן עהרליכער מענש, וואָס איז צופעליג אַריינגעפאַלען אין אָט דער גנבים שייקע, ווערט פון איהר באַטראַכט, ווי אַז „אומרוהיגער"; און אויב מען וועט איהם ניט ברענגען צו דעמיסיע דורך אונטער־שטעלען א פּיסעל אויף אַלערליי אופנים, געהט ער געוועהנליך סוף כל סוף פון זיין אייגענעם ווילען אוועק פון דיענסט, מיעד ווערענדיג פון דעם פּרוכטלאָזען קאַמף מיט די גנבים. צוליעב דעם האָבען די קאַרער גאָלד־קוואַלען זעלטען געהאַט פאַר פאַרוואַלטער אַזעלכע עהרליכע מענשען, ווי באַרבאָ־דע־מאַרני אָדער קאָנאָנאָוויטש; אין זייער שפּיץ זיינען כמעט אַלעמאָל געשטאַנען גרויזאַמע אויס־וואורפען, ווי ראַזגילדעיעוו.

אָט די טראַדיציאָנעלע פּיהרונגען האַלטען אָן ביז צו אונזער צייט. שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, וואָס די שרעקליכע גרוי־זאַמקייט פון די פאַבריק פאַרוואַלטער איז געוואָרען א שפּריכוואָרט, האָט מען נאָך ערשט אין 1871 אויף קאַרא פּראַקטיצירט מיטעל־אַלטערליכע טאָרטורען. אפילו אַזא פאָרזיכטיגער שרייבער, ווי העלער יאַדרינצעוו, דערצעהלט וועגען א פאַל פון טאָרטור, וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן פון דעם פאַרוואַלטער איבער די גאָלד־קוואַלען דעמידאָוו אויף א פרייער פרוי און איהר עלף־יאָהריגער טאָכטער.

„אין 1871, — זאָגט יאַדרינצעוו, — האָט דער פאַרוואַלטער איבער די קאַרער גאָלדקוואַלען דעמידאָוו אַנטדעקט א מאָרד, וואָס א קאַטאָרזשניק איז באַגאַנגען. כדי אויפצודעקען אַלע איינ־צעלהייטען פון דעם פאַרברעכען, האָט דעמידאָוו געמאַטערט דורך

א תליון דעם מערדער׳ס ווייב, א פרייע פרוי, וואס איז געקומען מיט איהר מאן אין סיביר פון איהר פרייען ווילען און איז דעריבער געווען פריי פון קערפערליכער באשטראפונג. דערנאך האט ער געמאטערט דעם מערדער׳ס עלף־יאהריגע טאכטער. מען האט דאס מיידעל געהאלטען אין דער לופטען, און דער תליון האט זי געשמיסען מיט א בייטש פון קאפ ביז די פיאטעס. ווען מען האט שוין דעם קינד געהאט געגעבען עטליכע קלעפ מיט דער בייטש, האט זי געבעטען א טרונק. מען האט איהר געגעבען זאלץ־וואסער. מען וואלט זי נאך מעהר געשלאגען, ווען דער תליון וואלט זיך ניט אפגעזאגט פארצוזעצען דאס שלאגען".*).

מענשען ווערען ניט מיטאמאל אזעלכע חיות, און יעדער דענקענדער לעזער וועט פארשטעהן, אז דעמידאוו האט ערצויגען און אנטוויקעלט אין זיך אט די גרויזאמקייט דורך א לאנגער דויערנדיגער פראקטיק, וואס איז ווידער מעגליך געווען נאר א דאנק זיין פולשטענדיגער אונבאשטראפבארקייט. אזוי ווי די געמאטערטע פרוי איז ניט געווען קיין ארעסטאנטין, זיינען איהרע קלאגען דערגאנגען צו די העכערע באאמטע. אבער אויף איין עפיזאד, וואס איז צופעליג פארעפענטליכט געווארן, וויפיל הונדערטער עהנליכע פאלען זיינען געבליבען ניט אויפגעדעקט און וועלען קיינמאל ניט אפגעגעבען ווערן אויף דאס געריכט פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג.

מיר בלייבט איצט איבער נאר צו זאגען עטליכע ווערטער וועגען די פארשיקטע קאטארזשניקעס, וועמען די מלוכה פארדינגט צו די אייגענטימער פון די פריוואטע גאלדקוואלען. אט דאס סיסטעם איז נאך ניט געווען איינגעפיהרט, ווען איך האב זיך געפונען אין סיביר, און ידיעות וועגען דעם זיינען בכלל ניט פאראן פיל. איך וויים נאר, אז מען האט צוגעגעבען, אז דער פארזוך איז ניט געלונגען. די בעסטע פון די פריוואטע אייגענטימער מיידען אוים אנצודינגען די פארשיקטע קאטארזשניקעס, האבענדיג באלד זיך איבערצייגט פון זייער אייגענער ערפאהרונג, אז פאר יעדער באריהרונג מיט די באאמטע פון סיביר מוזען זיי טייער באצאהלען. נאר קליינע גאלד־הענדלער ארער מענשען, וואס קלייבען גאר ניט איבער, באנוצען זיך נאך אלץ מיט דער געדונגענער ארעסטאנטישער ארבייט. אויף די גאלדקוואלען פון אזעלכע גאלד־

*) „סיביר ווי א קאלאניע", סט.־פעטערבורג, 1882, זייט 207.

הענדלער ליידען די ארעסטאנטען ווענינער פון דער גרויזאמקייט פון די אויפזעהער, דערפאר אָבער ליידען זיי פון ניט גענוג נאה-רונג, פון ארבייט איבער די כחות און שלעכטע דירות, שוין ניט צו רעדען וועגען דעם פארמאטערענדיגען לאנגען וועג פון געפענג־ניס און צוריק, איבער שטעגען, וואָס שניידען דורך די ווילדע סיבירער טאיגא.

וואָס אנבאטרעפט די זאלץ־פאבריקען, אויף וועלכע עס אר־בייט נאָך איצט אויך א געוויסע צאָהל פארשיקטע קאטאָרזשניקעס, איז דאָס די ערגסטע פאָרם פון קאטאָרגא, און איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען די פארשיקטע פאָליאקען, וועלכע מיר איז אויס-געקומען צו זעהן אויף דער אוסט־קוטער זאלץ־פאבריק. דאָס וואַ־סער פון די זאלץ-קוואלען ווערט געוועהנליך אויסגעפּאָמפּט מיט דער הילף פון די פרימיטיווסטע מעכאנישע מיטלען; און די אר־בייט ביי די פּאָמפּען, וואָס געהט אויך אָן א גאנצען ווינטער, איז, נאָך דער אלגעמיינער מיינונג, זעהר אויסמאטערענד. אָבער נאָך ערגער איז די לאגע פון די ארבייטער, וואָס זיינען באשעפטיגט ביי די ריזיגע סקאָוואָראָדעס, אויף וועלכע דאָס זאלץ ווערט גע־קאָכט, און אונטער וועלכע מען מאכט פאר דעם צוועק אָן אמת׳ען גיהנום פייער. מענשען מוזען גאנצע שעה׳ן שטעהן פולשטענדיג נאקעט, משיענדיג דאָס זאלץ אויף די סקאָוואָראָדעס: איבער זייער קערפּער שטראָמט דער שוויים פון דער אונערטרעגליכער היץ, און אין דערזעלביגער צייט שטעהען זיי אויף א זעהר קאלטען צוק־ווינט, וואָס געהט דורך די געביידעס, כדי צו ברענגען א וואָס שנע־לערע אויסדאמפונג פון דעם זאלץ. מיט דער אויסנאָם פון איי־ניגע, וואָס זיינען פארנומען מיט דער אָדער יענער פאָרם פון לייכטערער ארבייט, זיינען אלע קאטאָרזשניקעס, וועלכע איך האָב געזעהן אויף אָט דער פאבריק, געוועזן עהנליך גיכער צו שאָטענס, איידער צו לעבעדיגע מענשען. אויסצעהרונג און סאָקרבוט בושעווען מורא׳דיג צווישען אָט די אומגליקליכע.

איך וועל ניט באריהרן אין דעם קאפּיטעל די לעצטע איינפיהר־רונג, — די קאטאָרזשנע ארבייט און די באזעצונג פון די פאר־שיקטע אין דער נייער, ווייטערער סיביר, אויפ׳ן אינזעל סאכאלין. דאָס שיקזאל פון די פארשיקטע אויף אָט דעם אינזעל, וואו קיי־נער וויל זיך ניט באזעצען מיט׳ן פרייען ווילען, זייער קאמף מיט

דעם פרוכטלאָזען באָדען און שטרענגען קלימאַט, — דאָס אַלץ וועט באַטראַכט ווערן פון מיר אין אַ באַזונדערן קאַפּיטעל. איך וויל אויך ניט באַריהרן אויף אָט די זייטען די לאַגע פון די פאַר־שיקטע פּאָליאַקען, וואָס זיינען אַריינגעפאַלען אין סיביר נאָכ'ן אויפשטאַנד פון 1863. זייער שיקזאַל פאַרדיענט מעהר ווי אַ ביילויפיגען נאָטיץ. איך האָב נאָך גאָרנישט ניט געזאָגט וועגען דער ריזיגער קאַטעגאָריע פאַרשיקטע, וואָס ווערן געשיקט אין סיביר, כדי זיי דאָרטען צו באַזעצען ווי ערד־אַרבייטער און בעלי־מלאכות.

אַלע די, וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אויף קאַ־טאָרזשנע אַרבייט, פאַרלירן ניט נאָר אַלע פּערזענליכע און ציווילע רעכט, נאָר אויך דאָס רעכט זיך אומצוקערן אהיים. באַלד נאָך זייער באַפרייאונג פון קאַטאָרזשנער אַרבייט ווערן זיי איינגע־שלאָסען אין דער אונגעהויער גרויסער קאַטעגאָריע פון פאַרשיקטע קאָלאָניסטען און בלייבען אין סיביר זייער גאַנץ לעבען. דער צוריק־קער אין רוסלאַנד איז פאַר זיי אָפּגעשניטען אויף אייביג. די קאַטעגאָריע פון פאַרשיקטע קאָלאָניסטען צייכענט זיך אויס מיט איהר גרויסער מאַסע אין סיביר. זי באַשטעהט ניט נאָר פון באַ־פרייטע פון קאַטאָרזשנער אַרבייט, נאָר אויך פון כמעט דריי טויזענט אַנדערע מענער און פרויען (28,382 אין פאַרלויף פון צעהן יאָהר, פון 1867 ביז 1876), וואָס ווערן יעהרליך אַרויסגע־שיקט ווי פאַרשיקטע קאָלאָניסטען, — דאָס הייסט, וואָס דאַרפען באַזעצט ווערן אין סיביר, מיט דעם פאַרלוסט פון אַלע אָדער איי־ניגע פּערזענליכע און ציווילע רעכט. צו אָט די פאַרשיקטע קאָ־לאָניסטען, אָדער איינפאַך קאָלאָניסטען, ווי מען רופט זיי געוועהנ־ליך, דאַרף מען נאָך צוגעבען 28,383, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דיזעלביגע צעהן יאָהר אויף צו באַזעצען זיי, מיט אַ פאַרלוסט פון איינעגע ציווילע רעכט; 2,551 אַרויסגעשיקטע אויף צו וואוינען דאָרט אָהן דעם פאַרלוסט פון רעכט, און 76,686 אַרויס־געשיקטע אין פאַרלויף פון דעמזעלביגען פּעריאָד אויף אַן אַדמי־ניסטראַטיווען אופן. אויף אַזאַ אופן דערגרייכט די אַלגעמיינע צאָהל פון פאַרשיקטע פון אָט דער קאַטעגאָריע פאַר דעם צעהן־יאָה־ריגען פּעריאָד כמעט 130,000 מענשען. אין פאַרלויף פון די לעצטע פינף יאָהר האָט זיך אָט די ציפער נאָך פאַרגרעסערט, וואָרים זי האָט דערגרייכט ביז 17,000 מענשען אַ יאָהר.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו רעדען אנדערשוואו אין אט דעם בוך וועגען דעם כאראקטער פון יענע „פארברעכען", פאר וועלכע אט די מאסע מענשען ווערט ארויסגעווארפען פון רוסלאנד. וואס אנבאטרעפט זייער לאגע אין דעם דאזיגען גלות־לאנד, האט זי זיך ארויסגעוויזען אזוי טרויעריג, אז אין די לעצטע יאהרען איז וועגען דער פראגע אויסגעוואקסען א גאנצע אפטיי־לונג פון דער ליטעראטור, וואס האט זיך פארנומען מיט אויפדעקען די שרעקען פון דער פארשיקונג. מען האט וועגען דעם באשטימט ספעציעלע אויספארשונגען; עס איז אפגעדרוקט געווארן א מאסע ארטיקלען וועגען דער פראגע פון די רעזולטאטען פון דער ארויס־שיקונג אין סיביר, און זיי זיינען אלע געקומען צום פאלגענדען שלום: מיט דער אויסנאם פון באזונדערע פאלען, ווי, צום ביי־שפיל, דעם אויסגעצייכענטען איינפלוס פון די פוילישע און רוסישע פאליטישע פארשיקטע אויף די אנטוויקלונג פון מלאכות אין סיביר און וועגען אן עהנליכער ווירקונג פון די סעקטאנטען און אוק־ראינער (וואס פלעגען ארויסגעשיקט ווערן אין סיביר גאנצע וואַ־לאסטען מיט אמאל) אויף די אנטוויקלונג פון ערד־ארבייט, — איבערלאזענדיג אן א זייט אט די ווייניגע אויסנאמען, זעהען מיר, אז אנשטאט צוצושטעלען אין סיביר ניצליכע קאלאניסטען און גענייטע בעלי־מלאכות, גיט אט די אונגעהויערע מאסע פארשיקטע נאר א וואנדערענדע באפעלקערונג, וואס באשטעהט מעהרסטענ־טיילס פון בעטלער און איז ניט פעהיג צו קיין שום ניצליכער אר־בייט (זעה די ווערק און ארטיקלען פון מאקסימאוו, לוואוו, זאוואלישין, ראווינסקי, יאדרינצעוו, פעיזען, דר. שפערך און א סך אנדערע, און אויך אויסצוגען פון אפיציעלע אויספארשונגען, וואס ווערן געבראכט אין יענע ווערק.)

סומירענדיג די רעזולטאטען פון די אויבענדערמאנטע אר־בייטען, געפינען מיר, אז כאטש פון 1825 ביז 1885 זיינען קיין סיביר פארשיקט געווארן מעהר פון א האלבען מיליאן מענשען, זיינען פון זייער צאהל אין 1885 איינגעשריבען געווארן אין דער ארטיגער באפעלקערונג ניט מעהר ווי 200,000. די איבעריגע זיי־נען אדער געשטארבען, ניט איבערלאזענדיג נאך זיך קיין קינדער, אדער זיי זיינען שפורלאז פארשוואונדען. און אפילו פון די 200,000, וואס פיגורירן אין די אפיציעלע ליסטען, זיינען ניט

ווייניגער פון א דריטעל, ד. ה. ארום 70,000 (און אפילו מעהר, נאך אנאנדער רעכנונג) פארשוואונדען אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר, מען ווייס ניט וואוהין. זיי זיינען פארפלויגען, ווי א וואלקען אין א הייסען זומערדיגען טאג. א טייל פון זיי זיינען אנטלאפען און צוגעשטאנען צו דעם שטראם וואגאבונדען, וואס צעהלט ארום 20,000 מענשען, וואס געהט לאנגזאם און שווייגענ־דיג דורך די סיבירער טאיגא פון מזרח אויף מערב, אין דער ריכ־טונג פון אוראל. אנדערע, — און דאס איז די מעהרהייט, — האבען מיט זייערע ביינער פארזייט די „וואגאבונדען שטעגען" אי־בער דער טאיגא און זומפען און וועגען, וואס פיהרן צו די גאלד־קוואלען און צוריק. די איבעריגע שטעלען צונויף די וואגאבונ־דען באפעלקערונג פון די גרויסע שטעדט, וואס זוכט אויסצומיידען די לעסטיגע פאליציי־אויפזיכט מיט דער הילף פון פאלשע פאס־פארטען און דערגלייכען.

וואס אנבאטרעפט די 130,000 פארשיקטע (נאך אנאנדער רעכנונג איז די ציפער א סך קלענער), וואס בלייבען אונטער דעם קאנטראל פון דער אדמיניסטראציע, זיינען זיי, לויט דעם עדות־זאגען פון אלע אויספארשער, אפיציעלע און פריוואטליגע, א לאסט פאר'ן לאנד, צוליב דער בעטלערשער לאגע, אין וועלכער זיי געפי־נען זיך. אפילו אין די פרוכטבארסטע גובערניעס פון סיביר, — ווי, צום ביישפיל, טאמסקער און דער דרום'דיגער טייל פון טא־באלסקער גובערניע, — האבען נאר א פערטעל פון דער גאנצער צאהל פארשיקטע אייגענע הייזער, און נאר איינער פון ניין בא־שעפטיגט זיך מיט ערד־ארבייט. אין די מזרח'דיגע גובערניעס איז דער פראצענט נאך קלענער. די איבעריגע פארשיקטע, וואס באשעפ־טיגען זיך ניט מיט ערד־ארבייט, — און אזעלכע צעהלען זיך אין גאנץ סיביר ארום 100,000 מענער און פרויען, — וואנדערן גע־וועהנליך פון שטאט צו שטאט אהן א שטענדיגער באשעפטיגונג, געהען אויף די גאלד־קוואלען און צוריק, אדער שלאגען זיך ווי עס איז דורך פון טאג צו טאג איבער די דערפער אין אן אומבאשרייב־ליכער ארימקייט, ליידענדיג פון אלע שלעכטע געוואוינהייטען, וואס זיינען דער אונפארמיידליכער רעזולטאט פון ארימקייט.*)

---

*) זעה ביילאגע „א".

די געצוואונגענע פוילקייט אין פארלויף פון עטליכע יאָהר אין די אָרטיגע אָסטראָגען; די געוועהנהייט צום אזוארטען קאָרטען-שפיל, וואָס אנטוויקעלט זיך אין די אָסטראָגען; די סיסטעמאטישע אונטערדריקונג פון דעם ארעסטאַנט'ס ווילען און די אנטוויקלונג פון פאסיוויטעט זיינען א דירעקטער היפוך פון דער מאָראַלער קראַפט, וואָס פאָדערט זיך פאר אַן ערפאָלגרייכע קאָלאָניזירונג פון דעם יונגען לאַנד. די מאָראַלע צופאַלונג, דער פארלוסט פון ווילען, די אנטוויקלונג פון נידעריגע ליידענשאפטען, קליינליכע פארלאַנגען און אנטי-געזעלשאפטליכע אידעען, וואָס די געפענגנים ברענגט מיט זיך, — דאָס אַלץ מוז מען נעמען אין אכט, כדי פולשטענדיג אָפּצושאַצען די גאַנצע טיפקייט פון דער פארדארבונג, וואָס אונזערע געפענגניסען פארשפרייטען, און צו פארשטעהן, פארוואָס די געוועזענע איינוואוינער פון אָט די שטראָף אינסטיטוציעס פארלירען אויף שטענדיג די פעהיגקייט אָנצופיהרן א שווערן קאַמף פאר דער עקזיסטענץ אין דער רוסישער קאָלאָניע, וואָס ליגט ביים פאָלאַרן קרייז.

אָבער די געפענגנים צושטערט ניט נאָר דעם ארעסטאַנט'ס גייסטיגע קרעפטען; זיינע פיזישע קרעפטען ווערן מעהרסטענטיילס אויך אונטערגעגראבען פון דער לאַנגער וואַנדערונג איבער עטאַפּען און פון דער קאַטאָרזשנער ארבייט. א סך ארעסטאַנטען באַקומען אונהיילבארע קראַנקהייטען, און כמעט אַלע זיינען פיזיש שוואַך. וואָס אַנבאַטרעפט די דאָזיגע, וועמען עס איז אויסגעקומען צו פארברענגען כמעט 20 יאָהר אויף קאַטאָרגאַ (א פארזוך צו אנטלויפען ברענגט ניט זעלטען דעם טערמין פון קאַטאָרגאַ ביז צו אזא הויך), זיינען זיי אין דער גרעסטער מעהרהייט אינגאַנצען ניט פעהיג צו א וועלכער עס איז ארבייט. אפילו ווען זיי זאָלען לעבען אונטער די בעסטע באַדינגונגען, וועלען זיי אַלץ זיין א לאַסט אויף דער געזעלשאַפט. אָבער די באַדינגונגען, אונטער וועלכע דעם קאָלאָניסט קומט אוים צו ארבייטען, זיינען זעהר שווער. מען שיקט איהם אין א וועלכען עס איז פארוואָרפענעם דאָרף, וואו מען טיילט איהם איין ערד, — געוועהנליך די ערגסטע אין גאַנצען דאָרף, — און ער דאַרף זיך פארוואַנדלען אין אַן ערד־ארבייטער. אין דער אמת'ען אָבער האָט גאָר אזא קאָלאָניסט קיין באַגריף ניט וועגען די באַדינגונגען פון ערד־ארבייט אין סיביר, און אָפּזייענדיג

דריי־פיער יאָהר אין געפענגניס, האָט ער אויסערדעם פאַרלאָרן יעדע ליעבע צו אזא מין אַרבייט, אויב אפילו ער האָט זיך מיט איהר פריהער באַשעפטיגט. די פויערשע געמיינדע באַנגענט איהם מיט פיינדשאַפט און פאַראַכטונג. פאַר איהר איז ער א „ראַסעיער" (רוסלענדער), דאָס הייסט, עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַראַכטליך אין א סיביריאַק'ס אויגען, און אויסערדעם איז ער א פאַרשיקטער! ער געהערט, פון דעם סיביריאַק'ס שטאַנדפּונקט צו יענער גרויסער מאסע „אומזיסטע פרעסער", וואָס אַריבערפיהרן און אויפהאַלטען זיי קאָסט דעם סיבירער פויער אזוי פיל הוצאות און זאָרג. מעהרס־טענטיילס איז א קאָלאָניסט ניט פאַרהייראַט און קאָן ניט חתונה האָבען, ווייל אויף זעקס פאַרשיקטע מענער קומט אויס נאָר איין פאַרשיקטע פרוי, און א סיביריאַק גיט איהם ניט אָפּ זיין טאָכטער, ניט קוקענדיג אויף די לאָקענדיגע פופציג רובעל, וואָס די מלוכה גיט אין אַזעלכע פאַלען אַרויס, אָבער וואָס פאַרשווינדען געוועהנ־ליך אויף א העלפט אין די קעשענעס פון די באַאַמטע, איידער דאָס געלט דערגרייכט דעם באַשטימטען אָרט. סיביר קאָן זיך ניט באַ־קלאָגען אויף די אפּוועזענהייט פון ביוראָקראַטישע טרוימער, וואָס האָבען, צום ביישפּיל, געהייסען די אָרטיגע פויערים בויען היי־זער פאַר די קאָלאָניסטען, און האָבען זיי באַזעצט אין גרופּען פון פינף־זעקס מענשען, טרוימענדיג צו באַשאַפען אויף אזא אופן א דאָרף אידיליע פון פאַרשיקטע-קאָלאָניסטען. אַלע אַזעלכע פּלענער האָבען זיך געוועהנליך געענדיגט מיט א דורכפאַל. פינף קאָלאָ־ניסטען פון זעקס, וואָס זיינען אויף אזא אופן געצוואונגען געווען צו לעבען צוזאַמען, האָבען לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטען, און נאָך א נוצלאָזען קאַמף מיט'ן הונגער, פלעגען זיי אַנטלויפען אונ־טער א פרעמדען נאָמען אין די שטעט, אָדער זיי פלעגען געהן זוכען אַרבייט אויף די גאָלד־קוואַלען. גאַנצע דערפער פון ליי־דיגע הייזער אויף דעם גרויסען סיבירער וועג דערמאָנען ביז איצט די רייזענדע וועגען דער פּרוכטלאָזיגקייט פון אָפיציעלע אוטאָפּיעס, וואָס ווערן דורכגעפיהרט מיט דער הילף פון בעריאָ־זאָווע ריטער.

דעם מזל פון די קאָלאָניסטען, וואָס אַרבייטען ביים סיבירער פויער, איז אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. דאָס גאַנצע סיסטעם פון אָנדינגען אַרבייטער אין סיביר איז געבויט אויף אַרויסגעבען

זיי האנט־געלט, כדי צו מאכען פון זיי אייביגע בעלי־חובות און האלטען זיי אויף אזא אופן אין א צושטאנד פון שטענדיגער קנעכטשאפט. די סיבירער פויערים האלטען געוועהנליך גראד פון אט דעם סיסטעם ביים אָנדינגען ארבייטער. וואָס אנבאטרעפט די פארשיקטע, וואָס שטעלען צונויף א זעהר גרויסען פראָצענט פון דער גאנצער פארשיקטער באפעלקערונג, און וואָס באַקומען זייערע לעבענסמיטלען דורך ארבייטען אויף די גאָלד־קוואַלען, פארלירן זיי אַלע זייערע פארדינסטען, ווי נאָר זיי קומען צו צום ערשטען דאָרף און ערשטען שענק, כאָטש די פארדינסטען זייַנען דער רעזולטאט פון א 4-5 מאָנאט ארבייט — באמת קאטאָרזשנער ארבייט, מיט אַלע איהרע צרות. די דערפער אויף דער לענא, יעניסעי, קאַן, א. אז. וו., וואוהין די ארבייטער קומען אין הערבסט ארוים אויף די גאלדקוואלען, האָבען אין אָט דער הינזיכט א גרויסען שם. ווער קען דאָס ניט אין מערב־סיביר צוויי מיזעראבעלע פארוואָרפענע דערפלאך אויף דער לענא, וואס טראָגען די קלינגענדע נעמען פאריז און לאָנדאָן, צוליב דער באריהמטער קונסט פון זייערע איינוואוינער אויסצולייידיגען די קעשענעס פון די ארבייטער, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון די גאָלדקוואלען? ווען אַן ארבייטער פארהוליעט אין שענק זיין פארדינסט ביז דער לעצטער קאָפיקע און לאָזט איבער דעם שענקער אפילו זיין היטעל און העמד, דינגען איהם באלד אָן די מענשען פון דעם גאָלד־הענדלער אויף דעם קומענדיגען זומער, און אנשטאט זיין פאספאָרט באקומט ער האנט־געלט פאר דעם צוקונפטיגער ארבייט, און מיט דעם געלט געהט ער אהיים, אָבער אָפט גיט ער עס אוים ביז דער לעצטער קאָפיקע אויפ׳ן וועג. ער קומט אויף אזא אופן אין דאָרף מיט ליידיגע הענט, און ניט זעלטען פארברענגט ער די לאנגע ווינטער מאָנאטען אין דעם נאָהענטסטען אָסטראָג! קורץ, אַלע אָפיציעלע אויספאָרשונגען, ביז צו דער איצטיגער צייט, ווייזען אָן, אז די ווייניגע פארשיקטע, וועמען עס איז געלונגען זיך איינצואָרדנען ווי „בעלי־בתים״, לעבען אין דער שרעקליכסטער אָרימקייט. די איבעריגע, ווארפענדיג די ערד, פארוואנדלען זיך אין קנעכט אויפ׳ן דינסט ביים שטרענגען סיבירער פויער און די גאָלד־הענדלער, אָדער, — רעדענדיג מיט די ווערטער פון אָפיציעלען באריכט, — „זיי שטארבען פון קעלט און הונגער.״

די טאיגא (אוראַלטע וועלדער, וואָס באדעקען הונדערטער טויזענדער קוואדראט ווערסט אין סיביר) איז געדיכט באפעלקערט מיט אנטלאָפענע, וואָס קלייבען זיך שטילערהייד אין דער ריכטונג פון מערב. אַט דער אונאויפהערליכער שטראָם פון מענשען ווערט באוועגט פון דער האָפנונג צו דערגרייכען די היים־דערפער, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט אוראל. ווי נאָר דער קוקו זאָגט אָן, אז די וועלדער האָבען זיך באפרייט פון זייער שנייאיגען צודעק, אז זיי וועלען איינגיכען קאָנען געבען דעם וואנדערער שוואָמען און יאַגדעס, אנטלויפען די פארשיקטע אין די טויזענטער פון די גאָלד־קוואלען און זאַלץ־פאבריקען, פון די דערפער, וואו זיי האָבען גע־הונגערט, און פון די שטעט, וואו זיי האָבען זיך באהאלטען אונ־טער פרעמדע נעמען. געפיהרט פון דעם פאָלארען שטערן, פון דעם מאָך אויף די בוימער, אָדער האָבענדיג פאר וועגווייזער אַלטע וואגאבונדען, וואָס האָבען אין די געפענגניסען גרינדליך אויסגע־שטודירט די קאָמפליצירטע און וויכטיגע וויסענשאפט פאר דעם פליכטלינג — די וויסענשאפט וועגען „וואגא־בונדען שטעגען" און „וואגאבונדען סטאנציעס", — לאָזען זיי זיך אוועק אין לאנגען און געפעהרליכען וועג צוריק. זיי געהען ארום דעם באיקאלער ים, ארויפקלייבענדיג זיך אויף הויכע און ווילדע בערג ביי זיינע ברעגען, אָדער זיי קלייבען זיך אריבער איבער'ן באיקאל אויף א פליט, אָדער אפילו, ווי עס ווערט דער־צעהלט אין א פאָלקס־ליד, אין א פיש־פעסעל. זיי מיידען אויס אויף אלערליי אופנים די גרויסע וועגען, שטעט און בוריאטישע דערפער, כאָטש ניט זעלטען מאכען זיי א לאגער אין די וועלדער, לעבען שטעט. יעדען פריהלינג קאָן מען אין טשיטא זעהן די פייערען פון די „וואגאבונדען", וואָס פלאקערן אויף ארום דער קליינער הויפטשטאָדט פון זאבאיקאלער געגענט אויף די באַ־וואלדעטע זייטען פון די ארומיגע בערג. זיי קומען אויך פריי אריין אין די רוסישע דערפער, וואו עס איז נאָך ביז היינטיגען טאָג פארבליבען דער מנהג ארויסצושטעלען אויפ'ן פענסטער ברויט און מילך פאר די „אומגליקליכע".

אויב די פליכטלינגען פארנעמען זיך ניט אין וועג מיט גנבות, שטערן זיי די פויערים ניט אין זייער וועג. אָבער ווי נאָר איינער פון די וואגאבונדען האלט נישט דעם געגענזייטיגען שטילען אָפּ־

מאך, ווערן די סיביריאקעס גרויזאם. די „אינדוסטריעלע" (יעגער), — און אזעלכע זיינען ניט ווייניג פאראן אין יעדען סי־בירער דאָרף, — צושיטען זיך איבער דער טאיגא און פארניכ־טען די וואגאבונדען אָהן רחמנות, דערגעהענדיג אמאָל ביז צו א ראפינירטער גרויזאמקייט. מיט ארום דרייסיג יאָהר צוריק איז דער געיעג אויף די רויבערס געווען א מין אינדוסטריע; איבריגענס, אזא מין געיעג אויף מענשען בלייבט נאָך ביז איצט אַן אינדוסטריע, מיט וועלכער עס פארנעמען זיך מעהרסטענטיילס די „קארימעס", א געמיש פון אייגגעבאָרענע און רוסען. „פון א הירש באקומט מען נאָר איין פעל, — זאָגען אָט די יעגער, — אָבער פון א „הויקער" ווענינגסטענס צוויי: דאָס העמד און די פעל." אַיי־ניגע וואגאבונדען געפינען ארבייט אויף די פויערשע געדונגענע פעלדער, וואָס ליגען ווייט פון די דערפער, אָבער די מעהרסטע פון זיי מיידען אוים אזא מין ארבייט, ווייל זומער איז די באקוועמסטע צייט צו געהן אין דער ריכטונג פון מערב: די טאיגא נעהרט און באהאלט די וואָגלער אין דער ווארימער צייט פון יאָהר. אמת, זי ווערט אין דער צייט אָנגעפילט מיט גאנצע וואָלקענס פון קאָ־מארעס, און די וואגאבונדען, וואס מען באגעגנט זומער, האָבען א שרעקליכען אויסזעהן: זייערע געזיכטער זיינען איין געשוואָ־לענע וואונד; די אויגען זיינען אנטצונדען און כמעט פארמאכט אונטער די אויפגעבלאָזענע, אויפגעשוואָלענע אויגען־דעקלאך; די נאָזפליגעל און ליפען זיינען באדעקט מיט אייטערענדיגע וואונדען. אין סיביר ווערען סאַי מענשען, סאַי בהמות משוגע־ווילד פון די ליידען וואָס די קאָמארעס פארשאַפען זיי. ניט קוקענדיג אויפ'ן רויך פון די פאנאנדערגעלייגטע פייערען, דרינגען די קאָמארעס דורך אומעטום. אָבער דער וואגאבונד זעצט אונערמידליך פאָר זיין וועג צו די בערגשפיצען, וואס טיילען אפּ סיביר פון רוסלאנד, און מיט פרייד קלאַפּט זיין הארץ, ווען ער דערזעהט ווידער זייערע בלויליכע קאָנטורען אויפ'ן האָריזאָנט. ארום 20,000 און אפשר 30,000 מענשען פיהרען שטענדיג אזאַ לעבען, און ניט ווייניגער פון הונדערט טויזענט האָבען אויף אזאַ אופן געפּרואווט קומען צוריק אהיים אין פארלויף פון 50 יאָהר (פון 1835 ביז 1885). וויפיל פון זיי איז געלונגען צו קומען אין רוסלאנד? קיינער האָט אפילו קיין באגריף ניט וועגען דעם. טויזענטער זיינען געשטאָר־

בען אין דער טאיגא, און גליקליך זיינען געווען די, וועמען טרייע חברים־וואָגלער האָבען פארמאכט די אויגען. אנדערע טויזענטער האָבען געמוזט זוכען שוץ אין די אָסטראָגען, ווען זיי פלעגט פאר־כאפען אין וועג הער שטרענגער סיבירער ווינטער, בעת אפילו קוועקזילבער ווערט פארפראָרן. די אויסגעמאטערטע קערפערס פון די אומגליקליכע וואגאבונדען קענען אזא קעלט ניט אריבערטראָגען. פאר דעם ניט געלונגענעם פארזוך צו אנטלויפען ווערן זיי באשטראָפט מיט די אונפארמיידליכע הונדערט שמיץ מיט דער בייטש און ווערן צוריק אומגעקערט אין זאבאיקאלער גע־גענט. דעם קומענדיגען פריהלינג, באריייכערט מיט דער ער־פאהרונג פון דעם דורכפאל, לאָזען זיי זיך ווידער אוועק אויף דעם־זעלביגען וועג. טויזענטע וואגאבונדען ווערן פארפאָלגט, גע־כאפט אָדער געטויט פון די בוריאטען, קארימעס און סיבירער אינ־דוסטריעלע יעגער. איינינגע ארעסטירט מען עטליכע טעג נאָכ־דעם, ווי זיי האָבען באטראָטען דעם באָדען פון זייער „מוטער־רוס־לאנד", ווען זיי האָבען קוים באוויזען ארומצונעמען די אַלטע על־טערן, א קוק צו טאָן אויף זייער דאָרף, וואָס זיי האָבען פארלאָ־זען מיט א סך יאָהרען צוריק, אָפטמאָל נאָר דערפאר, וואָס זיי האָבען ניט געטאָן דעם ווילען פון דעם איספראווניק, אָדער האָבען ארויסגערופען דעם צאָרן פון אן אָרטיגען „קולאק"... וואָס פאר א תהום פון ליידען באהאלט זיך אונטער די דריי ווערטער „אנט־לויפען פון סיביר"!

איך געה איצט איבער צו דער לאגע פון די פּאָליטישע פאר־שיקטע אין סיביר. עס פארשטעהט זיך, אז איך נעהם זיך ניט אונטער צו דערצעהלען אויף אָט די זייטען די געשיכטע פון דער פּאָליטישער פארשיקונג, אָנהויבענדיג פון 1607, ווען איינער פון די פּאַטערס פון דער איצטיגער קייזערליכער דינאַסטיע, וואסילי ניקיטיטש ראָמאַנאָוו, איז געווען דער ערשטער פון אן אונענדלי־כער רייה פּאָליטישע פארשיקטע (ער האָט געענדיגט זיין לעבען אין דער אונטערערדישער געפענגנים אין נירדאָב, אין קייטען, וואָס האָבען געוואויגען 64 פונט). איך וויל זיך ניט אָפּשטעלען אויף דער טראַגיישער געשיכטע פון די בארסקער קאָנפעדעראטען, וואָס זיינען אָנגעקומען אין סיביר מיט אָפּגעשניטענע נעזער און אוי־

ערען, און וואָס זיינען, ווי די לעגענדע דערצעהלט, ארונטערגע־וואָרפען געוואָרן פון דער הויכער וואַנט פון טאָבאָלסקער קרעמל, מיט קלעצער צוגעבונדען צו זיי. איך וועל ניט דערצעהלען לאַנג וועגען די פארברעכענס פון דעם משוגע'נעם טרעסקין און דעם איס־פראַווניק לאָסקוטאָוו; איך וועל נאָר דערמאָנען וועגען דער עק־זעקוציע פון 7טען מערץ 1837, ווען די פּאָליאַקען שאָקאַלסקי, סעראָטשינסקי און פיער אַנדערע זיינען געשטאָרבען אונטער די שמיץ פון שפּיצרוטענס. איך וועל ניט באַשרייבען די ליידען פון די דעקאַבריסטען און די פּאָליטישע פארשיקטע פון די ערשטע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. איך וועל דאָ ניט אויס־רעכנען די נעמען פון אַלע אונזערע פּאָעטען און פּובליציסטען, אָנהויבענדיג פון ראַדישטשעוו'ן און זיין צייט און ביז אָדאָיעווס־קי'ן און שפּעטער טשערנישעווסקי'ן און מיכאַילאָוו'ן. איך וועל דאָ זיך באַגרעניצען נאָר מיט באַשרייבען די לאַגע פון די פּאָליטישע פארשיקטע, וואָס האָבען זיך געפונען אין סיביר אין 1883.

קאַרא איז דער פארהאַפטונגס אָרט פאַר די פּאָליטישע, וואָס זיינען פאַראורטיילט אויף קאַטאָרגע, און אין הערבסט 1882 זיי־נען דאָרט געווען 150 פּאָליטישע מענער און פרויען. נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּגעווען פון צוויי ביז פיר יאָהר אונטער אויספאָר־שונג אין פּעטראָפּאַוולאָווסקאַיא קרעפּאָסט, אין דעם באַריהמטען ליטווישען שלאָס, אין פּעטערבורגער הויז פון פּרעלימינערער פארהאַפטונג און אין די פּראָווינציעלע געפענגניסען, האָט מען זיי נאָכ'ן פּראָצעס אַריינגעזעצט אין כאַרקאָווער צענטראַלע גע־פענגניס, אין וועלכער זיי זיינען אָפּגעזעסען פון דריי ביז פינף יאָהר, ווידער אין איינצעל־פאַרהאַפטונג, ניט האָבענדיג קיין מעג־ליכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ פיזישער אָדער גייסטיגער אַר־בייט. באַלד נאָכדעם האָט מען זיי אַריבערגעפיהרט אויף עטליכע מאָנאַטען אין מצענסקער איבערשיקונגס געפענגניס, וואו מען האָט זיי באַהאַנדעלט אַ סך בעסער, און ענדליך האָט מען זיי פארשיקט אין זאַבאַיקאַלער געגענט. די מעהרסטע פון זיי האָבען דורכגע־מאַכט די רייזע אויף קאַרא אונטער די באַדינגונגען, וואָס איך האָב פריהער באַשריבען, — הינטער טאָמסק האָבען זיי געמוזט געהן צופוס אין קייטען. אייניגע פון זיי האָבען פון די באַאמטע באַקומען די ערלויבניש צו באַנוצען זיך מיט פוהרען, אויף וועלכע

זיי האָבען זיך לאַנגזאַם געשלעפּט פון עטאַפּ צו עטאַפּ. אָבער אפילו אָט די, וואָס זיינען דאָך אין פאַרגלייך מיט זייערע צופּוס־געהענדע חברים געווען שוין גליקליכע, באַשרייבען די רייזע, ווי א רייה מאַטערנישען. זיי דערצעהלען: „מענשען זיינען פון זינען אַראָפּ, ניט קענענדיג אריבערטראָגען די גייסטיגע און פיזישע ליי־רען פון וועג, אַזוי איז די פרוי פון דר. ביעלאַי, וואָס האָט באַ־גלייט איהר מאַן, משוגע געוואָרען; אויסער איהר האָבען נאָך צוויי־דריי חברים גענומען ליידען פון פסיכישע קראַנקהייטען.”

די געפענגנים, אין וועלכער עס ווערן אויפגעהאַלטען די פּאָ־ליטישע אויף דער מיטעלער קאַרא, איז איינע פון יענע פּאַרעל־טערטע, דורכגעפוילטע געביידעס, וועגען וועלכע איך האָב אויי־בען גערעדט. זי איז שוין געווען איבערפילט, ווען אין איהר זיי־נען געווען נאָר 91 פּאָליטישע אַרעסטירטע. ווען עס איז אָנגע־קומען א נייע פּאַרטיע פון 60 מענשען, איז שוין די איבערפילונג, נאַטירליך, אונגעהויער געשטיגען. ווינט און שניי דרינגען פריי אריין אין די שפּאַרעס, וואָס האָבען זיך געעפענט צווישען די צו־פוילטע קלעצער. צוליב עהנליכע שפּאַרעס אין דיל, בלאָזט פון אונטער איהם שרעקליך. די הויפּט שפּייז פון די אַרעסטאַנטען איז שוואַרץ ברויט און רעטשקענע קאַשע. פלייש ווערט זיי גע־געבען נאָר דעמאָלט, ווען זיי אַרבייטען ביי באַקומען גאָלד, דאָס הייסט אינגאַנצען אין פאַרלויף פון דריי מאָנאַטען דורכ'ן יאָהר, און דעמאָלט באַקומען פלייש נאָר 50 מענשען פון 150. טראָץ דעם געזעץ און מנהג, זיינען זיי אַלע אין 1881 געשמידט געוואָרן אין קייטען און האָבען אפילו געאַרבייט אין די קייטען.

פאַר די פּאָליטישע איז ניטאָ קיין שפּיטאָל, און די ניט וועניג קראַנקע בלייבען ליגען אויף די נאַרעס, לעבען די געזונטע, אין די־זעלביגע קאַלטע קאַמערען, אין דערזעלביגער שטיקענדיגער אַט־מאָספערע. אפילו די פסיכיש קראַנקע מ. קאָוואַלעווסקאַיאַ האַלט מען נאָך ביז איצט אין געפענגניס. צום גליק האָבען די פּאָלי־טישע צווישען זיך אייגענע דאָקטוירים. וואָס אנבאַטרעפט דעם געפענגניס דאָקטאָר, איז פאַר זיין כאַראַקטעריסטיק גענוג צו זאָ־גען, אַז מ. קאָוואַלעווסקאַיאַ'ן האָט מען אין זיין אנוועזענהייט, בעת אַן אָנפאַל פון איהר משוגעת, געוואָרפען אויפ'ן דיל און שרעקליך געשלאָגען. די פרויען פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען

איז ערלויבט צו וואוינען אויף דער נידעריגער קאַרא און באַזוכען זייערע מענער צוויי מאָל א וואָך און ברענגען זיי ביכער. א באַ־דייטענדע צאָהל פון די פאַרשפּאַרטע שטאַרבען מיט א לאַנגזאַ־מען טויט, מעהרסטענטיילס פון אויסצערונג, און דער פּראָצענט פון שטערבליכקייט וואַקסט שנעל.

די שרעקליכסטע זייט פון דער קאַרער קאַטאָרגע איז דער אונבאַגרענעצטער ווילקיר פון די געפענגנים באַאַמטע. די ערעס־טאַנטען הענגען אינגאַנצען אָפּ פון די קאַפּריזען פון מענשען, וואָס די מאַכט באַשטימט ספּעציעל „צו האַלטען זיי אין דער שטרענגסטער דיסציפּלין.“ דער פאַרוואַלטער פון דער קריגס קאָ־מאַנדע אויף קאַרא זאָגט אָפען, אַז איהם וואָלט געפרעהט, ווען א „פּאָליטישער“ וואָלט איהם באַליידיגט, וויל מען וואָלט דעם באַ־ליידיגער אויפגעהאַנגען. דער געפענגנים אַרצט הייסט די אַרעס־טאַנטען מיט דער הילף פון די פויסטען. דעם גענעראַל־גובערנאַ־טאָר'ס אַדיוטאַנט, קאַפּיטאַן זאַגאַרין, האָט אויף דער דראָהונג פון די אַרעסטאַנטען, אַז זיי וועלען שיקען א קלאַגע צום יוסטיץ־מיניסטער, הויך ערקלערט: „איך בין אייער גובערנאַטאָר, אייער מיניסטער, אייער צאַר!“ עס איז גענוג צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון דעם בונט אין קראַסנאָיאַרסקער געפענגנים, וואָס דערזעלביגער קאַפּיטאַן זאַגאַרין האָט אַרויסגערופען, צו אַי־בערצייגען זיך, אַז אַנשטאַט צו געפינען זיך אין מלוכה־דינסט וואָלט אַזאַ הערר געדאַרפט זיצען אין א משוגעים־הויז. אפילו די פּאָליטישע פּרויען האָבען געמוזט ליידען פון זיין גראָבקייט: ער פלעגט אין זיי באַליידיגען אפילו דאָס געפיהל פון שעמעוו־דיגקייט. אָבער ווען שטשעדרין, פאַרטיידיגענדיג זיין כלה, האָט זאַגאַרינ'ען געגעבען א פּאַטש, האָט איהם א קריגס־געריכט פאַר־אורטיילט צום טויט. גענעראַל פּעדאַשענקאָ האָט געהאַנדעלט לויט דער הויך־אַרויסגעזאָגטער מיינונג פון דער גאַנצער איר־קוטסקער געזעלשאַפט, פאַרבייטענדיג דעם טויט־אורטייל מיט א צוויי־וואָכיגען אַרעסט אין קאַרצער, אָבער, צום באַדויערען, האָבען וועניג רוסישע באַאַמטע די דרייסטקייט פון דעם שטעל־פאַרטרע־טער פון דעם מזרח־סיבירער גענעראַל־גובערנאַטאָר. קאַרצערס, קייטען, צושמידען צו דער טאַטשקע, — דאָס זיינען די געוועהנ־ליכע שטראָפען, און דערצו נאָך די אייביגע דראָהונגען פון „א

הונדערט שמיץ מיט דער בייטש", — „איך וועל פֿאַרשמייסען ביז טויט! איהר וועט ביי מיר פֿאַרפֿוילט ווערען אין קאַרצער!" — הערן שטענדיג די אַרעסטאַנטען די געשרייען פֿון די באַאמטע. אָבער צום גליק ווערט די קערפּערליכע באַשטראָפֿונג ניט אָנגעווענדעט אויף פּאָליטישע. די פֿופֿציג־יאָהריגע ערפֿאַהרונג האָט געלערענט די באַאמטע, אַז דער טאָג, ווען זיי וואָלטען געוואָלט אָנווענדען אַזאַ באַשטראָפֿונג אויף פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, וואָלט געווען „אַ טאָג פֿון גרויסער בלוט־פֿאַרגיסונג", ווי עס דריקען זיך אויס די אַרויסגעבער פֿון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", באַשרייבענדיג דאָס לעבען פֿון זייערע פֿריינד אין סיביר.*)

די פֿאָרשריפֿטען פֿון געזעץ, אין באַצוג אויף פֿאַרשיקטע, ווערן אָפֿען איגנאָרירט ווי פֿון די העכערע, אַזוי אויך פֿון די נידעריגערע באַאמטע. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אוספּענסקי'ן, טשאַרושינ'ען, סעמענאָווסקי'ן און שישקאָ'ן אַרויסגעלאָזען אין די פֿרייע קאָמאַנדעס אין דאָרף קאַראַ, פֿאַר אַן „אויספּראַווו", לויט'ן געזעץ. אָבער אין 1881, נאָך אַ מיניסטערישען באַפֿעהל, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרן צוליב אונבאַקאַנטע אורזאַכען, האָט מען באַשלאָסען זיי אַריינצוזעצען צוריק אין געפֿענגניס.

האָבענדיג זיך איבערצייגט אויף אַזאַ אופֿן, אַז די פּאָליטישע קאַטאָרזשאַנעס זיינען אויסער דעם געזעץ, און אַז די האָפֿנונגען אויף אַ בעסערע לאַגע זיינען אומזיסט, האָבען צוויי קאַרער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אוספּענסקי, וואָס האָט זיך געמאַטערט אויף קאַטאָרזשנע אַרבייטען פֿון 1872 אָן, וואָס האָט פֿעסט אַריבערגעטראָגען אַלע צרות פֿון קאַטאָרגאַ, וועמעס ווילענסקראַפֿט קיין זאַך האָט ביז דאַן ניט געקאָנט ברעכען, האָט נאָכגעפֿאָלגט דעם ביישפּיל פֿון זיינע צוויי חברים. ווען די פּאָליטישע אויף קאַראַ וואָלטען געווען געוועהנליכע קרימינעלע מערדער, וואָלטען זיי פֿאָרט געהאַט די האָפֿנונג, אַז נאָך זיבען — צעהן — צוועלף יאָהר קאַטאָרזשנע אַרבייט וועט מען זיי סוף כל סוף אַרויסלאָזען פֿריי און אַריבערפֿיהרן אין אַ וועלכע עס איז גובערניע פֿון דרום סיביר, און זיי וועלען אויף אַזאַ אופֿן ווערן, לויט'ן געזעץ, קאָלאָניסטען. אָבער געזעצען זיינען געשריבען געוואָרן ניט פֿאַר פּאָליי־

*) דאָס איז געשריבען געוואָרן פֿאַר דעם באַקאַנטען פֿאַל מיט סיגידאַ'ן.

טישע... נ. ג. טשערנישעווסקי האָט שוין אין 1871 געהאַט אָפּ־געוועזן 7 יאָהר אויף קאַטאָרגע, לויט׳ן ווערדיקט פון געריכט. ווען ער וואָלט ערמאָרדעט זיין פאָטער און מוטער, אָדער ער וואָלט אונטערגעצונדען א הויז מיט א האַלבען טוץ קינדער, וואָלט מען איהם נאָך דער קאַטאָרגע באַזעצט אין א וועלכען עס איז דערפעל אין אירקוטסקער גובערניע. אָבער ער האָט געשריבען ארטיקלען אויף עקאָנאָמישע פראגען; ער האָט זיי געדרוקט... מיט דער ער־לויבניש פון דער צענזור; די רעגירונג האָט איהם גערעכענט פאר א מעגליכען פיהרער פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער פּארטיי אין רוס־לאנד: האָט מען איהם צוליב אָט די אַלע אורזאכען באַגראָבען לעבעדיגערהייד אין א קליינינקען שטעטעל ווילויסק, וואָס גע־פינט זיך צווישען בלאָטעס און וועלדער 750 וויאָרסט הינטער יאַ־קוטסק. דאָרטען, איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט, שטענדיג אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון צוויי זשאַנדארמען, וואָס וואוינען אין איין שטיבעל מיט איהם, איז ער שוין אָפּגעוועזן גאַנצע יאָהרען, און ניט די אגיטאציע פון דער רוסישער פּרעס און ניט די רעזאָלוציעס פון די אינטערנאציאָנאַלע ליטעראַרישע קאָנגרעסען האָבען איהם ניט געקאָנט ארויסרייסען פון די הענט פון דער פאַרדעכטיגענדיגער רעגירונג. דאָס זעלביגע שיקזאַל ער־ווארט מסתמא אויך די „פּאָליטישע“, וואָס געפינען זיך איצט אויף קאַרא. ווען עס וועט פאר זיי אָנקומען די געזעצליכע צייט צו ווערן קאָלאָניסטען, וועט מען, אנשטאט באַפרייען זיי, אריבער־פיהרען זיי פון דער זאַבאַיקאַלער געגענט, וואָס האָט א ווייכע־רען קלימאַט, ערגעץ וואו אין די טונדרעס פון פּאָלארען קרייז.

ווי שווער עס איז די לאַגע פון די קרימינעלע פארשיקטע קאַטאָרזשניקעס אין סיביר, דאָך האָט די רעגירונג געפונען פאר מעג־ליך צו באַשטראַפען אזוי, אָדער נאָך ערגער די דאָזיגע פון איהרע פּאָליטישע שונאים, וועלכע זי האָט ניט געקאָנט, אפילו מיט דער הילף פון פאַלשע געריכטען, פארשיקען אויף קאַטאָרגע אָדער אין סיביר. זי דערגרייכט אָט דעם רעזולטאַט מיט דער הילף פון „אדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג אָדער ארויסשיקונג“ אין די מעהר אָדער ווענינער דערוויטערטע גובערניעס פון דער אימפּעריע אָהן אן אורטייל, אפילו אָהן א סימן פון א וועלכען עס איז געריכט, פּשוט אויפ׳ן באַפעהל פון דעם אַלמעכטיגען זשאַנדאַרמען שעף.

יעדעס יאָהר ווערן פון 500 ביז 600 בחורים און מיידלעך ארעסטירט אויף א פאַרדאַכט אין רעוואָלוציאָנערער אגיטאציע. די אויספאָרשונג דויערט פון זעקס מאָנאטען ביז צוויי יאָהר און נאָך מעהר, לויט דער צאָהל ארעסטירטע אין דעם פּראָצעס און דער וויכטיגקייט פון דער באשולדיגונג. ניט מעהר ווי א צעהנטעל פון דער גאנצער צאָהל ארעסטירטע ווערט איבערגעגעבען צום גע־ריכט. די איבעריגע, אנטקעגען וועלכע מען קאָן ניט ארויסשטע־לען קיין באגרינדעטע באשולדיגונג, אָבער וועמען די שפּיאָנען האָבען ארעסטירט ווי מענשען „געפעהרליכע", די אלע, וואָס קאָנען מיט זייער שכל, ענערגיע און „ראדיקאלע אנזיכטען" ווערן „געפעהרליך", און באזונדערס די, וואָס האָבען אין געפענגנים, אין דער צייט פון דער אונטערזוכונג, ארויסגעוויזען א „גייסט פון אונאכטונג", אָט די אלע ווערן ארויסגעשיקט אין א וועלכען עס איז מעהר אָדער ווייניגער דערווייטערטען, פארוואָרפענעם אָרט, וואָס ליגט אויף'ן שטח צווישען קאלא און קאמטשאטקא. ניקאָ־לאי דער ערשטער האָט זיך ניט דערנידעריגט מיט אזעלכע פּאריזער סעאישע מיטלען פון פאַרפאָלגונג, און אין דער גאנצער צייט פון דער הערשאַפט פון דעם „אייזערנעם דעספּאָט" איז די אדמיניס־טראַטיווע פאַרשיקונג פון א „פּאָליטישען" כאראקטער ווייניג וואָס פּראַקטיצירט געוואָרן. אָבער אין דער צייט פון אלעקסאנדער דעם צווייטענס הערשאַפט האָט מען זיך מיט איהר באנוצט אזוי שטארק, אז עס וועט זיך איצט קוים געפינען א וועלכע עס איז שטאָט אָדער דאָרף העכער פון 55 גראַד געאָגראפישער ברייט, אָנ־הויבענדיג פון די נאָרוועגישע גרענעצען און ביז די ברעגען פון אָכאָטסקען ים, וואו עס זאָלען ניט זיין קיין פינף, צעהן, צוואנ־ציג אדמיניסטראַטיווע פאַרשיקטע. אין יאנואר 1881 האָבען זיי זיך געצעהלט 29 מענשען אין פּינעגא, א דערפעל מיט 750 איינ־וואוינער, 55 אין מענזען (1800 איינוואוינער), 11 אין קאלא (740 איינוואוינער), 47 אין כאָלמאָגאָר, א דערפעל, וואָס האָט אינגאנצען 90 הייזער, 160 אין זאראיסק (פינף טויזענט איינ־וואוינער), 19 אין יעניסעיסק, א. אז. וו.

דער באשטאנד פון די פאַרשיקטע פון אָט דער קאטעגאָריע איז אלעמאָל דערזעלבער: סטודענטען און מיידלאך מיט א „פאַרדאָר־בענער געזינונג", שרייבער, וועמען מען האָט אויף א געזעצליכען

וועג ניט געקאָנט פאַרפאָלגען פאַר זייער ליטעראַרישע טעטיגקייט, וואָס זיינען אָבער, אין דער מיינונג פון די באַאמטע, געווען אָנגעשטעקט מיט׳ן „געפעהרליכען גייסט”; אַרבייטער, וואָס האָבען געוואַגט צו „רעדען העזה׳דיג” מיט די באַאמטע; פערזאָנען, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען „אונאַכטונג” צום גובערנאַטאָר, א. אַז. וו.,— אָט די אַלע ווערן יעהרליך פאַרשיקט אין די הונדערטער אין די פאַרוואָרפענע שטעטלאַך און דערפלאַך פון די „מעהר אָדער וועניגער דערווייטערטע גובערניעס פון דער אימפעריע”. וואָס אַנבאַטרעפט מענשען פון א קלאָר־ראַדיקאַלער געזינונג, וואָס ווערן פאַרדעכטיגט אין „געפעהרליכע טענדענצען”, איז גענוג די אונזיניגסטע מסירה, דער אונבאַרעכטיגטסטער פאַרדאַכט, אַז מען זאָל זיי פאַרשיקען. מיידלאַך (ווי, צום ביישפיל, באַרדינא, סובאָטינאַ, ליובאַטאָוויטש, און א סך אַנדערע) זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אויף זעקס־אַכט יאָהר קאַטאָרזשנע אַרבייט מעהר ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבען געוואַגט צו פאַרשפרייטען סאָציאַליסטישע בראָשורען צווישען אַרבייטער. עס איז אַפילו געווען אַזאַ פאַל, ווען די פערצעהן־יאָהריגע גוקאָווסקאַיאַ איז פאַרשיקט געוואָרן דערפאַר, וואָס זי האָט צווישען עולם פראָטעסטירט געגען דער הינריכטונג פון קאָוואַלסקי. אויב קאַטאָרגאַ און פאַרשיקונג ווערן פון געריכטען באַשטימט פאַר אַזעלכע האַנדלונגען, איז דאָך נאַטירליך, וואָס מען באַנוצט זיך מיט אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג בעת מען קאָן ניט, טראָץ אַלע אנשטרענגונגען, אַרויסברענגען א וועלכע עס איז מעהר אָדער ווייניגער באַגרינדעטע באַשולדיגונג*). קורץ, אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס

---

*) פון די אונצעהליגע מוסטערען פון אַזאַ מין אַדמיניסטראַטיווען ווילקיר, וואָס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרן אין 1881, ווען די פרעסע האָט אַ קורצע צייט געהאַט פאַרהעלטניסמעסיגע פרייהייט, וועל איך נאָר ברענגען איין ביישפיל.

אין 1872 האָט דער קורסקער אַדעל געעהרט דעם אָרטיגען גובערנאַטאָר מיט א מיטאָג. דעם גרויסען לאנדבאַזיצער מ. אנענקאָוו האָט מען באַפולמעכטיגט צו זאָגען א טאָסט לכבוד דעם גובערנאַטאָר. ער האָט דעם טאָסט געזאָגט, אָבער צום סוף האָט ער צוגעגעבען: „אַייער עקסעלענץ, איך טרינק פאַר אייער געזונט, אָבער איך דריק אויך אויס מיין האַרציגסטען וואונש, אַז איהר זאָלט אָפּגעבען מעהר צייט פאַר די געשעפטען פון דער

הערשאַפט האָט מען די אדמיניסטראַטיווע פאַרשיקונג אַזוי ברייט אָנגעווענדט און מיט אַזאַ פאַראַכטונג צום געזעץ, אַז ווי נאָר די גובערניע „זעמסטוואָס״ האָבען אין דער צייט פון לאָריס־מעלי־קאָוו׳ס קורצער דיקטאַטור באַקומען אַביסעל פרייהייט, האָבען זיי באַלד אָוועקגעשיקט צום אימפּעראַטאָר אַ מאַסע צושריפטען, אין וועלכע זיי האָבען געבעטען, מען זאָל באַלד אָפּשאַפען דעם דאָ־זיגען מין פאַרשיקונג, אָנווייזענדיג קלאָר אויף דער שרעקליכ־קייט פון דעם אדמיניסטראַטיווען ווילקיר*). ווי באַקאַנט, האָבען די אַלע פּראָטעסטען אייגענטליך ניט געפיהרט צו גאָר־נישט; די רעגירונג האָט הויך ערקלערט איהר אַבזיכט צו אַמניס־טירען די פאַרשיקטע, האָט זיך אָבער באַגרענעצט מיט באַשטימען אַ קאָמיסיע צו רעווידירען זייערע פּראָצעסן. די רעגירונג האָט אַמניסטירט זעהר, זעהר ווענינ, און פאַר דער גרויסער מעהרהייט איז באַשטימט געוואָרן אַ פאַרשיקונגס טערמין פון פינף־זעקס יאָהר, נאָך וועלכען מען האָט געזאָלט ווידער רעווידירען זייערע פּראָצעסען**). די פּראָצעסען זיינען ווירקליך רעווידירט געוואָרן, און אין רעזולטאַט האָט מען אַ סך פון זיי נאָך פאַרלענגערט דעם טערמין, מיט דעם תנאי אָבער, אַז נאָך אָט דעם טערמין זאָל מען זייערע פּראָצעסען ווידער רעווידירן. אַ סך פון די פאַרשיקטע האָ־

גובערניע, וואָס איז אייך אָנגעטרויט געוואָרן.״

אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם עפּיזאָד האָט זיך ביי די טירען פון זיין הויז אָפּגעשטעלט אַ פּאָסט קאַרעטע מיט צוויי זשאַנדאַרמען. ניט ער־לויבענדיג איהם צו זעגענען זיך ניט נאָר מיט זיינע פריינד, נאָר אפילו מיט זיין פרוי, האָט מען איהם אָפּגעפיהרט אין וויאַטקאַ. זיין פרוי און די אַדעל־אָנפיהרער פון קורסקער און פּאַטישער קרייזען האָבען געמוזט אין פאַרלויף פון זעקס מאָנאַטען אויף דעם דרינגענדסטען אופן בעטען ביי פאַרשידענע זעהר איינפלוסרייכע פּערזאָנען אין פּעטערבורג, אַז מען זאָל אומקערן אַנענקאָוו׳ען פון פאַרשיקונג. („גאַלאָס״, „פּאָ־ריאַדאָק״, און אַנדערע צייטונגען, פּעב. 21־20, 1881).

*) אין דער ביילאַגע ווערט געבראַכט אַן אויסצוג פון שאַקעיעוו׳ס רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטען אויף דער פּעטערבורגער „פּאַרזאַמ־לונג פון לאַנדבאַזיצער״.

**) אין פאַרלויף פון 1881 האָט מען רעווידירט 2837 פּראָצעסען וועגען אדמיניסטראַטיוו פאַרשיקטע פּאָליטישע; 1950 פון זיי האָבען זיך דעמאָלט געפונען אין סיביר („פּאָריאַדאָק״, 17טען סעפּטעמבער, 1881).

בען ניט גענוואָלט ווארטען אויף נייע רעווידירונגען, און אין 1883 האָט זיך אָנגעהויבען אין סיביר אַן עפּידעמיע פון זעלבסטמאָרדען.

עס איז לייכט צו באגרייפען די געפיהלען פון אָט די פארשיקטע. שטעלט זיך פאָר די לאַגע פון א סטודענט, אָדער א מיידעל פון א גוטער פאמיליע, אָדער א געניטען ארבייטער, וועמען די זשאַנדארמען ברענגען ערגעץ־וואו אין א שטעטעל, וואָס צעהלט אינגאנצען א 100 הייזער, און די איינוואוינער זיינען עטליכע צעהנדליג זיריאַנער און רוסישע יעגער, צוויי־דריי פעל־סוחרים, א פּאָפּ און אַן איספּראַווניק! ברויט איז שרעקליך טייער; אלערליי פּראָדוקטען, ווי צוקער, טיי, ליכט, ווערן פארקויפט כמעט אויף'ן געוויכט פון גאָלד; וועגען פארדינען עפּעס אין שטעטעל קאָן גאָר קיין רעד ניט זיין. די רעגירונג גיט ארוים אזעלכע פארשיקטע פון פיער ביז אכט רובעל א מאָנאט, און אפילו אָט די בעטלערשע סומע ווערט אָפּגעשטעלט, אויב דער פארשיקטער באקומט פון קרובים אָדער פריינד די נישטיגסטע סומע געלט, צום ביישפּיעל, צעהן רובעל אין פארלויף פון א יאָהר. געבען לעקציעס איז שטרענג פארבאָטען, אפילו ווען די שילער זאָלען זיין די קינדער פון סטאַנאָוואָי, אָדער איספּראַווניק. די מעהרסטע פארשיקטע פון די קולטורעלע קלאסען ווייסען ניט קיין מלאכה, און געפינען באשעפטיגונג אין א וועלכער עס איז קאנטאָר אָדער אין א פּריוואטען געשעפט, אויב אזעלכע זיינען פאראַן אין שטעטעל, איז אינגאנצען אונמעגליך.

„מיר האָבען מורא צו געבען זיי באשעפטיגונג, — האָט געשריבען דער יעניסעיסקער קאָרעספּאָנדענט פון „רוסקי קוריער", — ווייל מיר קאָנען צוליב דעם אליין ארונטערפאלען אונטער פּאָליציי אויפזיכט... עס איז גענוג צו טרעפען זיך מיט אן אדמיניסטראטיוו־פארשיקטען אָדער זאָגען איהם עטליכע ווערטער, אז מען זאָל אליין אריינפאלען אין די צאָהל פון פארדעכטיגע... דער הויפט פון איין האנדעלס פירמא האָט ניט לאנג צוריק געצוואונגען זיינע אָנגעשטעלטע אונטערצושרייבען א באדינגונג, וואָס פארפליכטעט זיי ניט צו פיהרן קיין באקאנטשאפט מיט „פּאָליטישע", און אפילו ניט צו גריסען זיך מיט זיי ביי א צופעליגער באגעגעניש אויף דער גאס".

נאָך מעהר, אין 1880 איז אונז אויסגעקומען צו לייענען אין די רוסישע צייטונגען, אז דער פינאנץ־מיניסטער האָט געמאכט א

פאַרשלאַג „צו ערלויבען די קרימינעלע און פּאָליטישע אדמיניסט־ ראַטיוו־פארשיקטע צו באשעפטיגען זיך מיט אלערליי מלאכות, מיט דער ערלויבניש פון גענעראל־גובערנאטאָר, אבער אזא ערלויב־ ניש מוז אויסגעבעטען ווערן אין יעדען איינצעלנעם פאל". איך ווייס ניט, צי אַט דער פּלאַן איז דורכגעפיהרט געוואָרן, אָבער מיר איז באקאנט, אז נאָך ערשט ניט לאַנג איז געווען פארבאָטען די אדמיניסטראַטיוו־פארשיקטע צו באשעפטיגען זיך מיט כמעט אלע מינים מלאכות, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, אז אין א סך פאלען איז פשוט געווען אונמעגליך צו פארנעהמען זיך מיט געוויסע מלאכות, צוליעב דעם, וואָס די אדמיניסטראַטיוו-פארשיקטע איז פארבאָטען ארויסצוגעהן פון שטאָט אפילו אויף עטליכע שעה. נאָך דעם אויבען געזאָגטען איז שוין איבעריג צו רעדען וועגען דער שרעקליכער, אונבאשרייבליכער אָרימקייט, אין וועלכער עס קומט אוים די פארשיקטע צו עקזיסטירן. — „אָהן קליידער, אָהן שטיוועל, אָהן וועלכע עס איז באשעפטיגונגען, ליגענדיג אין קליינינקע, אומ־ געזונטע שטיבלאך, שטארבען זיי מעהרסטענטיילס פון אויסצע־ רונג", — איז באשריבען געוואָרן אין „גאָלאָס" (2טען פעברואר 1881). „אונזערע אדמיניסטראַטיוו־פארשיקטע הונגערן בוכ־ שטעבליך. אייניגע פון זיי, ניט האָבענדיג קיין דירות, האָבען זיך איינגעאָרדענט אין קעלער אונטער דעם גלאָקען־טורעם", — האָט אנאנדער קאָרעספּאָנדענט געשריבען. „די אדמיניסטראַטיווע פארשיקונג מיינט, איינפאכער גערעדט, ערמאָרדונג דורך הונגער", —דאָס איז געווען די מיינונג פון דער רוסישער פּרעסע, ווען זי האָט געהאַט די מעגליכקייט ארויסצוזאגען זיך אין דער פראגע. „דאָס מיינט פאראורטיילט ווערן צו א לאנגזאמען, אָבער זיכערן טויט", — האָט וועגען דעמזעלביגען ענין געשריבען די צייטונג „גאָלאָס".

און דאָך איז די אָרימקייט ניט דאָס שווערסטע פון די אונ־ גליקען, וואָס פאלען אויס אויף'ן גורל פון די אדמיניסטראַטיוו־ פארשיקטע. די אָרטיגע באאמטע באהאנדלען זיי אויף'ן שוידער־ ליכסטען אופן. פאר ארייננעבען ידיעות אין די צייטונגען וועגען זייער לאגע פיהרט מען אריבער די פארשיקטע אין די ווייטסטע ערטער פון מזרח סיביר. יונגע מיידלאך, וואָס זיינען פארשיקט געוואָרען אין קארגאָפּאָל, מוזען אָננעמען ביינאכטיגע וויזיטען פון די שיכור'ע אָרטיגע באאמטע, וואָס רייסען זיך איבערגעוואלט

אריין אין זייערע צימערן מיט'ן אויסרעד, אז באאמטע האָבען דאָס רעכט צו באזוכען די פארשיקטע צו יעדער צייט פון טאָג און נאכט. אין אנאנדער געגענט פאָדערט א פאָליציי באאמטער פון די פאָליטישע פארשיקטע מיידלען, אז זיי זאָלען קומען יעדע וואָך אין פאָליציי באצירק „פאר אן אונטערזוכונג, צוזאמען מיט די פראָסטיטוטקעס”, א.א.וו., א.אז.וו.*)

אויב דאָס איז די לאגע פון די פארשיקטע אין די וועניגער דערווייטערטע טיילען פון רוסלאנד און סיביר, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי זי איז אין אזעלכע ערטער, ווי אָלעקמיעסק, ווער־כאיאנסק אָדער ניזשנע־קאָלימסק ,א דערפעל, וואָס ליגט ביים אויס־גוס פון קאָלימאַ איבער 68 גראד געאָגראפישער ברייט, און וואָס האָט נאָר 190 איינוואוינער. אין אָט די אַלע דערפלאך, וואָס באַ־שטעהן אָפטמאָל אינגאנצען פון עטליכע הייזער, וואוינען די פאר־שיקטע, מארטירער, לעבעדיג־באגראָבענע דאָ דערפאר נאָר, ווייל די רעגירונג האָט ניט געקאָנט ארויסשטעלען קעגען זיי קיין ערנסטע באשולדיגונג. נאָך א וואנדערונג פון גאנצע מאָנאטען איבער מיט שניי באדעקטע בערג, איבער פארפראָרענע טייכען, איבער טונדרעס, ווערן זיי פארשפארט אין אָט די דערפלאך, וואו עס לעבען קוים עטליכע האלב־הונגעריגע מענשען, וואָס פאר־נעמען זיך מיט יאגד. אָבער די רעגירונג באשרענקט זיך ניט מיט פארשיקען אין אזעלכע, דוכט זיך, גענוג פארוואָרפענע און אונ־היימליכע ערטער. ווי שווער דאָס איז ניט צו גלויבען, פארשיקט די רעגירונג אייניגע אויף אן אדמיניסטראטיווען אופן אין די יאַקוטער אולוסען, וואו זיי מוזען וואוינען אין יורטעס, צוזאמען מיט די יאקוטען, וואָס ליידען אָפטמאָל פון די אָפשטויסענדסטע הויט־קראנקהייטען. „מיר לעבען אין דער פינסטער, — האָט איינער פון זיי געשריבען צו זיינע פריינד, באנוצענדיג זיך מיט דער רייזע פון א יעגער אין ווערכאָיאנסק, פון וואנען א בריף האָט געמוזט געהן 10 מאָנאטען, ביז ער האָט דערגרייכט אָלעקמינסק, —

---

*) „גאָלאָס”, פון 12טען פעברואר 1881. אָנהויבענדיג פון אפריל, 1881, איז די צייטונגען שטרענג פארבאָטען געוואָרן צו דרוקען וועלכע עס איז ידיעות וועגען די אַדמיניסטראַטיוו־פאַרשיקטע, און בכלל זיינען אַלע צייטונגען, וואָס זיינען געווען מעהר אָדער ווייניגער אומאָפהענגיג, פאַרמאַכט געוואָרן.

מיר לעבען אין דער פינסטער און צינדען אָן ליכט נאָר אויף אַנ־דערהאַלבען שעה דורכ'ן טאָג: זיי קאָסטען צו טייער. ברויט איז אינגאַנצען ניטאָ, און מיר דערנעהרן זיך מיט פיש. פליישׁ קאָן מען פאר קיין פרייז ניט קריגען". אַנאַנדערער האָט געשריבען: „איך שרייב צו אייך, ליידענדיג פון שרעקליכע וועהטאָגען, צוליעב אַן אַנטצינדונג פון דער הייטעל איבער די ביינער... איך האָב זיך געבעטען אין שפיטאָל, אָבער אָהן רעזולטאַטען. איך ווייס ניט, צי מיינע ליידען וועלען לאַנג אָנהאַלטען. מיין איינציגער פאַר־לאַנג איצט איז צו באַפרייען זיך ווי עס איז פון אַט דעם וועהטאָג. מען ערלויבט אונז ניט צו זעהן זיך איינער מיט'ן אַנדערן, כאָטש מיר וואוינען אינגאַנצען פינף וויאָרסט איינער פון דעם אַנדערן. די מלוכה קאַסע באַווילינגט אונז פיער רובעל און פופציג קאָפּיקעס — אַ חודש." אַ דריטער פאַרשיקטער האָט אַרום דערזעלביגער צייט געשריבען: „אַ דאַנק אייך, טייערע פריינד, פאַר די צייטונגען, אָבער, צום באַדויערן, קאָן איך זיי ניט לייענען: עס זיינען ניטאָ קיין ליכט, און עס איז ניטאָ וואו זיי צו קויפען. מיין סקאָרבוט פּראָגרעסירט, און אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין האָפנונג צו ווערן אַריבערגעפיהרט, האָף איך, אַז איך וועל דאָ שטאַרבען אין פאַר־לויף פון דעם ווינטער".

„איך האָף, אַז איך וועל דאָ שטאַרבען אין פאַרלויף פון דעם ווינטער!" — דאָס איז די איינציגע האָפענונג, וואָס עס קאָן האָבען אַ פאַרשיקטער אין אַ יאַקוטער אולוס אונטער 68 גראַד געאָגראַ־פישער ברייט!

לייענענדיג אַזעלכע בריף, ווערן מיר ווידער אַריבערגעטראָגען אין זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט, און אונז דוכט זיך, אַז מיר הערן ווידער די ווערטער פון פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום: „און איך בין דאָ געבליבען אין דער קאַלטער כאַטע, און שפּעטער מיט די שמוציגע מונגוזען, ווי אַ גוטער הונט, ליגענדיג אויפ'ן שטרוי; אַמאָל גיט מען מיר עסען, אַמאָל פאַרגעסט מען". און ווי אַוואַקום'ס פרוי פרעגען מיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: „לאַנג וועלען די מאַ־טערנישען דויערן?" פון דער צייט פון יענעם עפּיזאָד מיט אַוואַקום זיינען אַוועק יאָהרהונדערטער. אין פאַרלויף פון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט האָבען מיר געהערט פאַטעטישע דעקלאַ־מאַציעס וועגען פּראָגרעס און הומאַניטאַרע פרינציפּען, און דאָס

אלץ נאָר צוליעב דעם, אז מען זאָל זיך אומקערן צו דעמזעלבינגען פונקט, צו דערזעלביגער צייט, ווען די מאָסקווער צארען, אויף די שטילע מסירות פון די מקורבים־באַיארן, פלעגען פארשיקען זייערע שונאים צו שטארבען אין די טונדרעס.

און אויף דער פראגע פון אוואקום׳ס פרוי, וואָס ווערט כסדר ווידערהאָלט איבער דעם גאנצען שטח פון סיביר, האָבען מיר נאָר איין ענטפער: קיין טיילווייזע רעפאָרם, קיין פארבייטונג פון מענשען וועלען די שרעקליכע לאגע ניט קאָנען פארבעסערן; די לאגע וועט ענדערן נאָר א פולשטענדיגע ענדערונג פון אלע גרונד־יסודות פון רוסישען לעבען.

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

זעקסטער קאפּיטעל.

די פאַרשיקונג אויף סאַכאַלין.

אויפ׳ן צפונ׳דיגען טייל פון שטילען אָקעאַן, לעבען די ברעגען פון רוסישער מאַנדזשוריען, ליגט א גרויסער אינזעל, איינער פון די גאָר גרעסטע אינזלען פון דער וועלט. אָבער זיין דערוויייטערט־קייט פון די וואסער-וועגען, די ווילדקייט פון זיין נאַטור, די פּרוכט־לאָזיגקייט פון זיין באָדען און די שווערקייט צוצוקומען צו איהם, זיינען געווען די אורזאַכען פון דעם, וואָס ביז צום פאָריגען יאָהר־הונדערט האָט מען זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט, באַטראַכטענדיג איהם ווי א האַלב־אינזעל. ווענינ ערטער זיינען פאַראַן אויף דער גאַנצער גרויס פון דער רוסלענדישער אימפּעריע, וואָס זיינען ערגער פון אינזעל סאַכאַלין; און דעריבער פאַרשיקט איצט אַהין די רוסישע רעגירונג די קרימינעלע קאַטאָרזשניקעס.

ביים פאַרשיקען אויף סאַכאַלין האָט מען אַלעמאָל געהאַט אין זינען א דרייפאַכען ציעל: באַפרייען זיך פון דער אָנזאַמלונג פון פאַרברעכערישע עלעמענטען אין רוסלאַנד, ביי די מינימאַלסטע הוצאות מצד דער רעגירונג; באַזאָרגען די מינען מיט ביליגע אַר־בייטער, און, ענדליך, קאָלאָניזירן סיביר. אין פאַרלויף פון א סך יאָהרען האָט מען געמיינט, אַז דער אויבענדערמאָנטער ציעל ווערט דערגרייכט. אָט די אילוזיע האָט זיך געקאָנט האַלטען נאָר, ווי לאַנג די מיינונג פון די סיביריאַקעס גופא איז דערגאַנגען ביז פּע-טערבורג דורך די גובערנאַטאָרען, וואָס זיינען אין דעמזעלביגען פּעטערבורג באַשטימט געוואָרן. אָבער אין פאַרלויף פון די לעצטע צוואַנציג יאָהר איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער צו פאַר־שטיקען די אונאָפּהענגיגע מיינונגען, ווי פון די סיביריאַקעס גופא, אַזוי אויך בכלל פון מענשען, וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער אמת׳ער

לאגע פון דער פארשיקונגס פראגע. עס איז אנטשטאנען א גאנצע ליטעראטור, וואס צושטערט אהן רחמנות די ביוראקראטישע אי־לוזיעס. די פעטערבורגער רעגירונג איז געצוואונגען געוועזן צו פארנעהמען זיך מיט דער אויספארשונג פון דער פראגע וועגען פארשיקונג און וועגען איהרע ענדליכע רעזולטאטען, און אט די אויספארשונג האט פולשטענדיג באשטעטיגט די מיינונג פון מענ־שען, וואס האבען זיך אויף זייער אייגענער איניציאטיווע פארנו־מען מיט א שטודיום פון דער פראגע.

עס האט זיך קודם כל ארויסגעשטעלט, אז אויב דער קאבינעט האט ווירקליך ביליגע ארבייטער אין די פארשיקטע קא־טארזשניקעס וואס באקומען גאלד און זילבער פון די מינען, ווערט אזא ביליגקייט דערגרייכט דורך א פולשטענדיגער פאר־אכטונג צום ווערט פון מענשליכען לעבען. אן אונגעהויער הויכער פראצענט פון שטערבליכקייט צווישען קאטארזשניקעס, וואס האבען געארבייט אין אט די מינען, האט אויפגעבראכט דאס געזעלשאפט־ליכע געוויסען. אויב עס איז מעגליך געוועזן מיט צוואנציג יאהר צוריק צו פארמאטערן מיט ארבייט ביז טויט, כדי צו באקומען אזוי פיעל גאלד, וויפיעל עס איז פארגעשריבען געווארן אין פע־טערבורג; אויב מען האט געקאנט צווינגען די קאטארזשניקעס צו ארבייטען איבער די כחות און אין דערזעלביגער צייט הונגערן, פון וואס זיי פלעגען שטארבען הונדערטערוייז אין פארלויף פון איין זומער, און קיינער, קיינער האט וועגען די גרויליטאטען ניט געוואגט א פיפס צו טאן, — איז דאס געווארן אונמעגליך, ווען אזעלכע פאקטען זיינען געווארן אלגעמיין באקאנט. פון דער צייט, ווען עס איז אנטדעקט געווארן דער וואסער־וועג איבער'ן אמור, זיי־נען שוין די קייזערליכע גאלד־מינען אויף קארא און די זילבער־מינען אויף גאזימור ניט מעהר געוועזן אין עק וועלט. ביי א גרינדליכער אויספארשונג האט מען אויך אויסגעפונען, אז מען האט זיך אפ־גענארט אין דער ביליגקייט פון דער ארבייט. הגם דער קא־בינעט האט געצאהלט די קאטארזשניקעס גראשענס פאר זייער ארבייט, אבער די טראנספארטירונג פון ארעסטאנטען פון רוסלאנד, די שרעקליכע שטערבליכקייט, וואס האט געהערשט צווישען זיי. די מאסע פליכטלינגען, וואס האבען געוואנדערט איבער גאנץ סי־ביר, די נויטיגקייט אויפצוהאלטען אן אונגעהויערע אדמיניסט-

ראַציע, און דערצו נאָך די אויפהאַלטונג פון סאָלדאַטען און קאָנאָ־קען איז געפאַלען ווי אַ שווערע לאַסט אויף רוסלאַנד און סי־ביר. און כדי פּטור צו ווערן פון אָט דער לאַסט, וואָלט דאָס לאַנד גערן געגעבען דעם קאַבינעט צוויי מאָל אַזויפיל ווי די סומע וואָס מען האָט באַקומען אין זיינע מינען דורך „ביליגע" אַרעסטאַנטישע אַרבייט.

די אַנדער אילוזיע, אַז סיביר ווערט גליקליך דורך דעם, וואָס מען קאָלאָניזירט זי מיט פאַרשיקטע, איז שוין געווען שווערער צו צושטערן. די סטאַטיסטיק האָט אָנגעוויזען, אַז פון דעם יאָהר 1754 ביז 1885 זיינען אין סיביר פאַרשיקט געוואָרן אַרום 1,200,000 מענשען; און ווי גרויס עס זאָל ניט האָבען געווען די צאָהל פון אַנטלאָפענע און פריהצייטיג געשטאָרבענע, זיינען דאָך אַ סך הונדערטער טויזענטער איינוואוינער אויף אַזאַ אופן צוגעגע־בען געוואָרן צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג פון לאַנד. מען האָט אויך געפּרואווט באַווייזען, אַז אויב סיביר האָט איצט אַ באַ־פעלקערונג פון 4,100,000 מענשען, באַשטעהט אָט די באַפעלקע-רונג הויפּטזעכליך פון די פאַרשיקטע און זייערע קינדער.

אָבער די ציפער, וואָס מיר האָבען געבראַכט אין פאָריגען קאַפּיטעל, און אויך אַ סך אַנדערע סטאַטיסטישע דאַטען, האָבען אין אַ געוויסער מאָס צושטערט אויך אָט די אילוזיע. די אָפּי־ציעלע אויספאָרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין 1875, האָט אָנגעוויזען, אַז כאָטש אין דער פיער־מיליאָנענדיגער באַפעלקערונג פון סיביר איז פאַראַן אַ באַדייטענדער פּראָצענט פון מענשען, וואָס שטאַמען אָפּ פון די פאַרשיקטע, איז דאָך דאָס לאַנד קאָלאָ־ניזירט געוואָרן הויפּטזעכליך דורך פרייע איינוואַנדערונגען, וואָס האָבען געגעבען דעם לאַנד אַ סך בעסערע עלעמענטען, אין פאַרגלייך מיט די מאַסען פאַרשיקטע אַרעסטאַנטען, וואָס זיינען דעמאָראַ-ליזירט געוואָרן פון אַ לאַנגען זיצען אין געפענגניסען, אויסגעצערט פון דער אַרבייט אויף קאַטאָרגאַ, און וואָס באַזעצען זיך אין סיביר נאָר אָהן דער אַבזיכט אָנצוהויבען דאָ אַ ניי לעבען. אויב די סטאַ־טיסטישע דאַטען שטימען ניט אינגאַנצען מיט די עקסטרעמע אָנזיכטען פון אייניגע סיביריאַקעס, וואָס זיינען גרייט צו באַהויפּ־טען, אַז די פאַרשיקונג האָט ניט געשפּיעלט קיין ראָל אין דעם וואוקס פון דער סיבירער באַפעלקערונג, באַווייזען דאָך אָט די

דאטען, אז דער צואוואוקס פון דער באפעלקערונג דורך א צופלוס פון פארשיקטע האט געקאסט אונגעהויערע מענשליכע ליידען, נאך מעהר צוליב דעם, וואר נאר ווענינער פון א העלפט פון די פארשיקטע ווערן שטענדיגע קאלאניסטען. די אנדער העלפט איז נאר א שווערע לאסט פאר דער קאלאניע.*)

די אונבאדייטענדע רעזולטאטען פון קאלאניזירן סיביר דורך דער פארשיקונג האבען געדארפט אפהאלטען דער רעגירונג פון ווייטערדינע פארזוכען אין אט דער ריכטונג, באזונדערס ווען מען וואלט גענומען אין אכט די ליידען, וואס די פארשיקטע מוזען אויסשטעהן. אבער דער פארלאנג צו האבען א שטענדיגע רוסישע באפעלקערונג אויפ'ן אינזעל סאכאלין, און אויך די שטרעבונג פון די סיבירער גענעראל-גובערנאטארען צו באפרייען זיך פון דעם יעהרליך וואקסענדיגען צופלוס פון קאטארזשניקעס, וואס ווערן געשיקט אויף די נערטשינסקער פאבריקען, האט געצוואונגען די רעגירונג אויפצונעמען א נייעם פארזוך: קאלאניזירן דעם ווילדען אינזעל דורך פארשיקען אהין די קאטארזשניקעס. אט די אידעע האט נושא חן געווען אין פעטערבורג, און דעריבער האבען די סיבירער גענעראל-גובערנאטארען לייכט געפונען די באטרעפענדע באאמטע, וואס האבען באשריבען דעם אינזעל, ווי דעם פאסיגסטען ארט פאר אזא עקספערימענט, און האבען אין די העלסטע פארבען באשריבען די מינעראלע רייכטימער פון דעם אינזעל, זיינע אוצרות פון שטיינקוילען, א. אז. וו. די רעגירונג האט ניט געוואלט זיך צוהערן צו די שטימען פון פריוואטע אויספארשער, מענער פון וויסענשאפט, בערג אינזשענערען און ים אפיצירען, וואס האבען כאראקטעריזירט סאכאלין, ווי ער איז טאקי אין דער אמת'ען. אנהויבענדיג פון 1869, געהט דער שטראם פון פארשיקטע קאטארזשניקעס אויפ'ן אונגליקליכען אינזעל.

אין פארלויף פון עטליכע יאהר זיינען אין די צייטונגען ניט אריינגעדרונגען קיין ידיעות וועגען דעם אונזיניגען עקספערימענט; אבער סוף כל סוף האט דער אמת גענומען ארויסקומען, און מיר האבען איצט גענוג דאטען צו מאכען זיך אן אלגעמיינעם באגריף וועגען די רעזולטאטען פון אט דעם ביוראקראטישען פלאן.

כאטש לויט דער גרוים פארנעמט סאכאלין איינעם פון די

*) זעה ביילאגע „א".

ערשטע ערטער צווישען די אינזלען אויף דער וועלט, דארף מען איהם צורעכענען צו די ערטער, וואס טויגען ווייניגער פון אלץ פאר קאלאניזאציע. אין אט דער הינזיכט קאנען אפשר נאך ניי־לאנד און ניי־סיביר געשטעלט ווערן נידריגער פון סאכאלין. אייגענטליך איז ער א פארבינדונגס רינג צווישען דעם יאפאנעזישען ארכיפעלאג און די קורילער אינזלען, אזוי אז יאפאן האט באטראכט סאכאלין, ווי א טייל פון איהר טעריטאריע, ביז דעם מאמענט, ווען די רוסען האבען אין 1853 אויפגעשטעלט דעם ערשטען מיליטערישען פאסט אין דעם דרום'דיגען טייל פון אינזעל. מיט דריי יאהר שפעטער איז אויפגעשטעלט געווארן אנאנדער פאסט ביי די שטיינקויל־מינען פון דוע, אנטקעגען דעם אויסגוס פון אמור. רוסלאנד האט אויף אזא אופן עראבערט דעם אינזעל, און אין פארלויף פון 1860—1867 האבען עטליכע וויסענשאפטליכע עקס־פעדיציעס איהם אויסגעפארשט. די מיליטערישע פאסטען זיינען פארשטארקט געווארן, מען האט אנגעהויבען אויסצואַרבייטען די יורער שטיינקויל רעזערוועז אין דוע, און אין 1875 האט יאפאן, וואס האט נאך אלץ באטראכט דרום סאכאלין, ווי א טייל פון איהר טעריטאריע, דעם אינזעל אפגעטראטען רוסלאנד, אין אויסטויש פאר די קורילער אינזלען.

אייגענטליך איז דער אינזעל אין קיין הינזיכט ניט אנציהענד, און ניט קוקענדיג אויף זיין אונגעהויערע גרויס (1000 ווערסט לאנג און פון 30 ביז 220 ווערסט ברייט). דערגרייכט זיין באַ־פעלקערונג קוים 5000 נפשות. ארום 2000 גיליאקען ציהען א מיזעראבעלע עקזיסטענץ אויפ'ן צפונ'דיגען טייל אינזעל, פאר־נעמענדיג זיך מיט יאגד; ארום 2500 אינאס, — א באַרדיגער שבט פון איין אפשטאמונג מיט די קורילער, — וואוינען אין די ווייניגע דערפלעך, וואס זיינען צוואווארפען איבער'ן דרום'דיגען טייל; און, ענדליך, עטליכע הונדערט אראטשעס, דאס הייסט, טונגוסען, פיהרען א וואנדער לעבען אין דעם בערגיגען טייל פון אינזעל. די אינאס געפינען זיך אין דירעקטער שקלאפעריי ביי עטליכע יאפא־נעזישע סוחרים, וואס גיבען זיי תבואה, זאלץ און אנדערע נויטיגע פראדוקטען, אין אויסטויש פאר וועלכע דער אונגליקליכער שבט'ל איז געצוואונגען צו באצאהלען מיט שווערער ארבייט: די יאפא־נעזישע סוחרים נעמען צו ביי די אינאס גאר די פיש, וואס די לעצ־

טע באוויזען צו פאנגען אין די ים־בוזעמס און ביי די אויסגוסען פון די ווייניגע טייכען, איבערלאזענדיג פאר די אינאס נאר אזוי פיעל פיש, וויפיעל עס איז נויטיג פאר זייער קארגער דערנעהרונג. אין דער גאנצער צייט פון סאכאלין׳ס היסטארישער עקזיסטענץ, צוערשט אונטער דער הערשאפט פון כינא, און דערנאך פון יאפאן, האט דער אינזעל קיינמאל ניט געהאט קיין באזעסענע באפעלקערונג; אויף איהם האבען געלעבט נאר הייפלאך בעטלערשע יעגער און פיש-פאנגער.

יע, אייגענטליך, האבען דא נאר יעגער און פיש־פאנגער געקאנט געפינען וועלכע עס איז לעבענס־מיטלען.

דער אינזעל ליגט ניט אזוי ווייט צו צפון: זיין דרום עק דערגעהט ביז 46 גראד, און דער צפונ׳דיגער געהט ניט אריבער דעם 54טען גראד, אבער דער ווארימער ים-שטראם, וואס וואלט געקאנט ברענגען צום אינזעל די ווארימקייט פון די כינעזישע וואסערען, דערגרייכט איהם ניט; אין דער צייט, ווען דער אייז־קאלטער שטראם, וואס קומט ארויס פון דעם „גרויסען אייז־קאסטען” פון שטילען אקעאן, — דעם אבאטסקען ים, — באוואשט די מזרח׳דיגע ברעגען פון דעם אינזעל. אינמיטען זומער האבען רוסישע אויספארשער געפונען די מזרח׳דיגע ברעגען באדעקט מיט אייז-פעלדער און הויפענס אייז, וואס די צפון־מזרח׳דיגע ווינטען האבען אנגעטראגען. און אויף מערב האט דער שמאלער, לאנגליכער אינזעל אן אונגעהויער גרויסען אפקיהלער, — די קאלטע און הויכע בערגקייטען פון סיביר, פון וועלכע דער אינזעל איז אפגעטיילט נאר מיט א שמאלען און פלאכען ים-אויסגוס. די זונשטראלען באהאלטען זיך הינטער שווערע וואלקענס און גערדיכטע נעבלען. ווען איוואן סעמיאנאוויטש פאליאקאוו האט סוף יוני זיך ארויסגעזעצט אין דוע (אין מיטעלסטען סאכאלין), האט ער געפונען די בערג באדעקט מיט שניי און דעם באדען איינגעפרארען ביז 21 צאל טיף. די זומערדיגע שפראצונגען האבען קוים גענומען ארויסקומען, און פארזעצען גארטען־גרינסען האט מען ניט געקאנט אנהויבען פריהער פון דעם 20טען יוני. יולי האט זיך גענעהענטערט צום סוף, אבער דער טערמאמעטער איז אין דער גאנצער צייט ניט געשטיגען העכער פון 18 גראד צעלזיוס. אין פארלויף פון דער גאנצער צייט איז ניט געוועזען קיין איין קלארער טאג; א גערדיכטער נעבעל האט

איינגעהילט דעם ברעג און די אַרומיגע בערג גאַנצע אַכט טעג אין פאַרלויף פון יוני.

עטליכע בערג־קייטען (פון 2000 ביז 5000 פוס הויך) שניידען דורך דעם אינזעל. זייערע זומפיגע אָדער שטייניגע זייטען זיינען פון אויבען ביז אונטען באַדעקט מיט קלענליכע וועלדער, וואָס באַשטעהען פון בוימער, וואָס וואַקסען אין די סובאַרקטישע געגענ־טען. און צווישען די בערג געהען דורך נאָר שמאָלע, נאַסע, זומ־פיגע טאָלען, וואָס טויגען לחלוטין ניט פאַר ערד־אַרבייט. די שטיילע זייטען פון די בערג לאָזען זיך אַראָפּ דירעקט צום טאָ־טערשען ים־אויסגוס, אזוי אַז מען קאָן ניט דורכלעגען אַ וועג איבער'ן ברעג, ניט דורכהאַקענדיג די פעלזען.

אייגענטליך שניידען נאָר צוויי טאָלען דורך די בערג, וואָס פּילען אָן דעם אינזעל: דער טאָל פון טייך דוע, וואָס ווערט אין צפון־מזרח פאַרטגעזעצט פון דעם טאָל פון טימיא, און דער טאָל פון פאָראָנא, אין דרום'דיגען טייל פון אינזעל. אין דעם ערשטען טאָל, אין דעם פונקט, וואו מען באַארבייט שטיינקוילען, האָט מען דאָס געגומען שיקען די קאַטאָרזשניקעס.

א. ס. פּאָליאַקאָוו, וואָס האָט באַזוכט סאַכאַלין אין 1881-82, אויף דעם אויפטראַג פון דער פעטערבורגער וויסענשאַפטליכער אקאַ־דעמיע, באַשרייבט אזוי דעם טאָג, וואָס האָט אין דער פאַנטאַזיע פון די רוסישע ביוראָקראַטען געזאָלט ווערן דער צענטער פון רוסישער ציוויליזאַציע אויפ'ן אינזעל. די בערג, וואָס רינגלען אַרום דעם שמאָלען טאָל, זיינען מעהרסטענס נאַקעט, אָהן קיין שום פּלאַנצען, און זייערע זייטען זיינען צו משופּע'דיג, אַז מען זאָל אויף זיי קאָנען פאַרזייהען תבואה. דער דעק פון טאָל באַשטעהט פון אַ שיכט פון שווערען ליים, וואָס איז אויבען באַדעקט נאָר מיט אַ דינעם שיכט פון ערד, וואָס מען קאָן אַקערן און פאַרזייהען. דער גאַנצער טאָל איז זעהר זומפּיג: „מען קאָן געהן, ניט אַריינגע־הענדיג זעהר טיף אין בלאָטע, — זאָגט פּאָליאַקאָוו, — אָבער דער גאַנצער טאָל איז באַדעקט מיט טאָרף און טיפע זומפּען... דער באָדען טויג אין ערגעץ ניט פאַר ערד־אַרבייט... די געגענט דער־מאָנט שטאַרק אָן די ערגסטע טיילען פון אָלאָנעצער גובערניע, מיט דעם איין אונטערשיד, וואָס די געגענט דאָ איז אָפט באַדעקט מיט וואַסער, אפילו אין די וועלדער, און דאָס מאַכט אונמעגליך

אַנצואווענדען דעם מעטאָד פון אויסברענען די וועלדער און דער־נאָך אַרויסרייסען די וואָרצלען, ווי דאָס ווערט פּראַקטיצירט אין אָלאָנעצקער גובערניע". „אונטער אַזעלכע באַדינגונגען איז ערד־אַרבייט און גערטנערייִ אונמעגליך אין דער געגענד פון דוע. נאָר עטליכע פּאַסען אין דעם אויבערשטען טייל פון טאָל און אויף דער אויבערשטער טימיא (אַ טייך) קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר אָט דעם צוועק. אָבער אָט די ווניגע פּאַסען, וואָס מען באַגעגענט זעל־טען, זיינען שוין מעהרסטענטיילס באַארבייט"*).

אָבער גראַד דאָ, אין דער אומגעגענט פון דוע, ווערן קאָנצענט־רירט די קאַטאָרזשניקעס־קאָלאָניסטען, נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּ־געווען זייער קאַטאָרגא אין דער אַלעקסאַנדראָווסקער געפענגניס. דער דאָרף אַרום אָט דער געפענגניס איז אַן אויסערגעוועהנליך אומהיימליכער. עס זיינען פאַראַן צוויי גרויסע קאַטאָרגאס־גע־פענגניסען, לעבען זיי זיינען צוואַוואָרפען עטליכע הייזער, און הינטער זיי הויבט זיך אָן די טאַיגא. נאָר אויבער־אַלעקסאַנד־ראָווסק, וואָס ליגט אַביסעל העכער אין טאָל, און קאָרסאַקאָווא מיט זיינען עטליכע הייזער האָבען נאָך דעם אויסזעהן פון אַ ישוב: אָבער אויך דאָרטען ווערט שוין באַארבייט די גאַנצע ערד, וואָס טויג פאַר גערטנערייִ. און סאַכאַלין איז דאָך אויסגע־קליבען געוואָרן פאַר אַ פאַרשיקונגס אָרט פון קאַטאָרזשניקעס גראַד מיט דעם צוועק צו מאַכען פון זיי שטענדיגע אָדער אַרבייטער קאָ־לאָניעס. מען האָט געמיינט, אַז נאָך'ן טערמין אין די שטיינ־קוילען מינען וועט מען זיי באַזעצען אין דער נאָכבאַרשאַפט, און זיי וועלען אויפברענגען גענוג תבואה צו דערנעהרען זיך אַליין און פאַרזאָרגען די געפענגניס.

אין דעם אויבערשטען טייל פון טאָל, וואָס האָט, לויט די איבערטריבענע באַריכטען פון דער אַדמיניסטראַציע, געדאַרפט ווערן דער שפּייזער פון סאַכאַלין, האָט דער באָדען דיזעלביגע אייגענשאַפטען, און די קליינע דערפער, ריקאָוו און מאַלאָ־טימאָווסק, „וואָס זיינען די באַקוועמסטע ערטער פאַר ערד־אַרבייט אויף'ן גאַנצען אינזעל", מוזען אָנפיהרען דעמזעלביגען פאַר'עקשנ'טען קאַמף

*) איוואַן פּאָליאַקאָוו, „אַ רייזע אויף'ן אינזעל סאַכאַלין אין יאָהר 1881—2". דאָס ווערק איז געווען געדרוקט אין די באַריכטען פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט (1883).

מיט דער נאטור. האָבער ווערט ניט צייטיג, פארזייהט מען דאָ נאָר גערשטען. וואָס אָנבאטרעפט די וועגען, וואָס פארבינדען די דערפער, איז דער פארקער אויף זיי זעהר א שוואכער. אין די וועלדער זיינען פאראן אויסגעהאקטע ערטער, אָבער די פערד ווערן פארזונקען אין דעם זומפּינען באָדען. א סך האָפנונגען האָט מען ארויפגעלעגט אויף דעם טימא טאָל, וואָס איז א פאָרטזעצונג פון דעם אלעקסאנדראָווסקער טאָל צו צפון־מזרח און דערגעהט ביז צום אָכאָטסקער ים. אָבער זיין זומפּיגער באָדען, און נאָך מעהר די קעלט און נעבלען פון אָכאָטסקער ים, מאכען אינגאנצען אונמעגליך צו פארנעמען זיך מיט ערד־ארבייט אין דעם טאָל, אויסער אין דעם צפונ'דיגען טייל. זיינע פלאנצען זיינען פון א סוב־פּאָלארען כאראקטער, און דער ים־ברעג צייכענט זיך מיט קיין זאך ניט אויס פון דער סיבירער טונדרא. „אויב מען וועט שפּעטער, — זאָגט פּאָליאקאָוו אין דעם אָפּיציעלען באריכט, — נאָך גרינדליכע אונטערזוכונגען שוין געפינען עטליכע ערטער אין דעם טימער טאָל, וואָס טויגען פאר גערטנעריי און פאר אויפברייינגען תבואות, וואָלט מען צוערשט געדארפט ווארטען אויף די רעזולטאטען פון די עקספּערימענטען אין די שוין עקזיסטירענדיגע דערפער, איידער מען וועט מאכען נייע; נאָך מעהר צוליב דעם, וואָס עס איז שוין איצט אפילו אונגעהויער שווער צו באזאָרגען אָט די דערפער מיט שפּייז־פּראָדוקטען, און די קאָלאָניע ליידט ערנסט פון א מאנגעל אין שפּייז. וואָס אָנבאטרעפט די האָפנונג איינצואָרדנען דערפער ביים אויסגוס פון טימאָ, איז זי אינגאנצען א טעות, ווייל דאָס איז א געגענט פון טונדרא און פּאָלארער בעריאָזע.” אָט די שלוסען פון דעם רוסישען רייזענדען, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין אן איינגעהאלטענער, — אפשר צו איינגעהאלטענער, — פאָרם, ווערן פולשטענדיג באשטעטיגט פון די באאָבאכטונגען פון דר. פּעטרי אין 1883, מיט דעם איינציגען אונטערשיד, וואָס דער איטאליענישער דאָקטאָר האָט ניט די איינגעהאלטענקייט פון דעם רוסישען געלעהרטען. „אלע מעשיות וועגען דער קאָלאָניזאציע פון סאכאלין”, — האָט ער געשריבען אין „יאָהרבאריכט” פון בערנער געאָגראפישער געזעלשאפט פאר די יאָהרען 1883 און 1884, — זיינען ניט מעהר, ווי דער אונפארשעמסטער ליגען, וואָס די אדמיניסטראציע פון אינזעל פארשפּרייט. אין דער צייט, וואָס

די אָרטיגע אדמיניסטראציע באווייזט אויפ'ן פאפיר טויזענד דעס־יאטין, וואָס ווערען שוין כלומר'שט באארבייט, גיט אָן די אויס־מעסטונג פון העררן קאראאולאָווסקי איינגאנצען 510 דעסיאטין, וואָס ווערען באמת באארבייט. קומט אויס, אז 700 פאמיליעס פון פארשיקטע קאטאָרזשאנעס, ווען מען האָט צוגעזאָגט חלקים פון 13 דעסיאטין גוטער ערד אויף יעדען פערזאָן פון מעגליכען געשלעכט, האָבען אין דער אמת'ן געקאָנט אפּריינינגען ניט מעהר ווי צוויי דריטעל דעסיאטין אויף א פאמיליע*). דר. פעטרי קומט צום שלום, אז דער אינזעל טויג איינגאנצען ניט פאר ערד־ארבייט, און אז די רעגירונג האָט זיך אנטשלאָסען אויף אזא עקספּערימענט נאָר צוליב די ליגנערישע באריכטען פון מענשען, וואָס זיינען אויף א וועלכער עס איז אָרט פאראינטערעסירט אין דער אונטערנעמונג.

אויף וויפיל מען קאָן אורטיילען נאָך די פארעפענטליכטע פאקטען, האָט די ערפאהרונג פולשטענדיג באשטעטיגט די פינס־טערע נביאות פון פּאָליאקאָוו און דר. פעטרי. דאָס אויפברענגען תבואות אויפ'ן אינזעל איז אזוי שווער און אזוי אונזיכער, אז די נייע קאָלאָניסטען דארפען זיך דערנעהרן מיט פּראָדוקטען, וואָס מען ברענגט צופיהרן פון רוסלאנד; און דערביי איז ניטאָ קיין שום האָפנונג אויסצובעסערן די געגענט. די שפּייז פּראָדוקטען מוז מען אריבערטראָגען פון דעם דועָ טאָל אין טימער טאָל (אין דאָרף דערבינסקאָיע) דורך א קייט פון בערג, אויף די רוקענס פון ארעסטאנטען, אויף א שטרעקע פון 90 וויאָרסט**). איצט קאָן שוין דער לעזער פארשטעהן, וואָס, אייגענטליך, עס האָבען גע־מיינט פּאָליאקאָוו'ס איינינגע האלבע ווערטער וועגען א „מאנגעל אין שפּייז". וואָס אָנבאטרעפט די וויניגע פרייע קאָלאָניסטען, וואָס האָבען געגלויבט די פאלשע צוזאָגען, האָבען געוואָרפען זייערע הייזער אין טאָבאָלסקער גובערניע און האָבען זיך באזעצט אין טאנאַ, גרינדענדיג דאָ א דאָרף פון 25 הייזער— זיינען זיי גע־צוואונגען געווען צו פארלאָזען סאכאלין נאָך א דריי־יאָהריגען

---

*) „יאָהרבאריכט דער געאָגראפישען געזעלשאפט פאָן בערן", 1883־84, זעה זייטען 129 און 39. זעה אויך „סט.־פּעטערבורג'ס הער־ראַלד", נומערען 353—356, יאָהר 1884.

**) דר. פּעטרי, אין דער אויבענדערמאָנטער אַרבייט.

פארצווייפעלטען סאמף מיט דעם אונגאסטפריינדליכען קלימאט און דעם פרוכטלאזען באדען. ניט קוקענדיג אויף די סובסידיעס פון דער מלוכה, האבען זיי ניט געוואלט בלייבען אויפ'ן אינזעל און האבען זיך באזעצט אויפ'ן קאנטינענט, אויפ'ן ברעג פון שטילען אקעאן.

עס איז קיין ספק ניט, אז סאכאלין וועט קיינמאל ניט ווערן קיין ערד־ארבייטער קאלאניע. אויב מען וועט שוין איינפיהרן דא קאלאניסטען, וועלען זיי, פונקט ווי די קאלאניסטען פון נידעריגען אמור, זיין א שטענדינגע לאסט פאר דער מלוכה, און די רעגירונג וועט סוף כל סוף זיין געצוואונגען צו ערלויבען זיי צו באזעצען זיך אין אנאנדער געגענט, ווייל אנדערש וועט איהר אויסקומען אויסצוהאלטען זיי לאנגע יאהרען. אפשר וואלט מען אויפ'ן אינזעל געקאסט מיט א געוויסען ערפאלג אנפיהרן פיה־צוכט. אבער יעדענפאלס קאן סאכאלין רעכענען אויף א גאנץ אונבאדייטענדע צאהל קאלאניסטען, וואס זאלען זיך קאנען דערנעהרן מיט די פראדוקטען פון פיה-צוכט און פיש־פאנג.

מען האט אין רוסלאנד א סך גערעדט וועגען די סאכאלינער שטיינקוילען. אבער אפילו אין אט דעם פרט האט מען זיך ערלויבט גרויסע גוזמאות. אמת, די סאכאלינער שטיינקוילען ווערען אין מזרח פארגעצויגען צו די אויסטראליער, אבער זיי זיינען א סך ערגער פון די ניו-קעסלער אדער קארדיפער קוילען.*)

די אויסגראבונג פון שטיינקוילען אויף סאכאלין איז אנגעהויבען געווארן נאך אין 1858, און אין פארלויף פון די ערשטע צעהן יאהר האט מען באקומען 30,000 טאן. אבער די קוילען זיינען געווען שלעכטע און די אויסארבייטונג (וואס פלעגט געמאכט ווערען פאר סטעארין ליכט! **) האט אפגעקאסט פאבעלהאפט גרויסע סומען. דאך איז דער רעזערוו פון שטיינקוילען שנעל געוואקסען, וואס מעהר עס זיינען יעדען יאהר, א פארטיע נאך א

---

*) נאך די ידיעות, וואס דר. פעטרי ברענגט, צאהלט מען פאר סאכאלינער קוילען פון זיבען ביז זיבען און א האלב דאלאר א טאן, בעת די יאפאנעזישע און אויסטראלישע קוילען קאסטען 5 דאלאר.

**) קעפען, „סאכאלין, זיינע שטיינקוילען-מינען און שטיינקוילען-אינדוסטריע." פעטערבורג, 1875. (א זעהר ווערטפולע ארבייט, אויף וועלכע מען קאן זיך פארלאזען.)

פּאַרטיע, אָנגעקומען נייע פאַרשיקטע קאַטאָרזשניקעס, אַזוי, אַז איצט איז א טייל פון זיי באַשעפטיגט מיט דורכפיהרן א וועג ביים ים־ברעג, מיט'ן צוועק צו פאַרלייכטערן דעם פאַרקעהר צווי־שען דועּ און אַלעקסאַנדראָווסק. אגב אורחא, אין די פעלזען האָט מען יאָ דורכגעמאַכט א טונעל, אָבער אָט דער באַריהמטער טונעל, וואָס האָט באַדאַרפט באַריהמט מאַכען סאַכאַלין, און וועגען וועל־כען מען האָט פייערליך מודיע געווען אין די רוסישע צייטונגען, אַז די אַרבייטען אין איהם זיינען געענדיגט, איז נאָך אין 1886 גאָר ניט געווען פאַרטיג. דאָס איז דעמאָלט געווען נאָר א רונדע לאָך, דורך וועלכע מענשען האָבען געקאָנט דורכקריכען נאָר אויף אַלע פיער.

ערגער פון אַלץ איז אפשר דאָס, וואָס אויף דער גאַנצער ברעג לענג פון סאַכאַלין איז ניטאָ קיין איין נאַטירליכער האַפען, און צוקומען צו זיינע ברעגען איז אונגעהויער שווער, צוליב די נעב־לען, דעם שפּעטען אָנקומען פון זומער און דער אָפּוועזענהייט פון ליכט־טורעמס אין טאָטערשען ים־אויסגוס. דער אַנקער־פּלאַץ אין דועּ איז גאָר ניט באַשיצט פון ווינטען. דער גרויסער אויסגוס פון „געדולד" איז צו פלאַך, זיין טיפקייט איבערשטייגט ניט 24 פוס אויף א שטח פון א האַלבען מייל פון ברעג. דער בעסטער אויסגוס דער אַניווער, וואָס פאַרפריהרט נאָר אויף עטליכע וואָכען, איז אויך אינגאַנצען ניט באַשיצט פון ווינטען און האָט ניט קיין האַ־פענס, נאָר דער אויסגוס מאָרדווינאָוואַ גיט א גוטע אַנקער סטאַנציע.

עס וועלען מסתמא אריבערגעהן ניט ווייניג יאָהרען, ביז די סאַכאַלינער שטיינקוילען וועלען קאָנען קאָנקורירן מיט די איי־ראָפּעאישע אין די כינעזער פּאָרטען. און ביז דאָס וועט געשעהן, וואָלט געווען גענוג די אַרבייט פון 120 מענשען צו באַקומען די פינף טויזענט טאָן קוילען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם טייל פון דעם רוסישען פלאָט, וואָס געפינט זיך אין יענע וואַסערן. טוי־זענטער אַרעסטאַנטען האָבען אויף אַזאַ אופן אייגענטליך גאָרנישט וואָס צו טאָן אויף סאַכאַלין, און די קוילען, וואָס זיי באַקומען, וועלען מסתמא אָפּליגען צעהנדליגער יאָהרען אָהן געברויך.

די ערשטע פּאַרטיע אַרעסטאַנטען, וואָס איז באַשטאַנען פון 800 מענשען, איז געשיקט געוואָרן אויף סאַכאַלין אין יאָהר 1869. פאָלגענדיג די איינגעשטעלטע טראַדיציעס, האָט די אַדמיניסטראַ־

ציע נים נעקאָנט אָויסטראַכטען קיין בעסערע זאַך, ווי צו שיקען זיי דורך סיביר. אויף אַזאַ אופן האָבען די דאָזיגע, וואָס זיינען נעגאַנגען פון די קאַריער קאַטאָרזשנער געפענגניסען, נעמוזט מאַ־כען א רייזע פון דריי טויזענט וויאָרסט אראָפּ דעם אמור, און די, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד, האָבען געמוזט געהן נים ווענינער פון זיבען טויזענט וויאָרסט, איידער זיי זיינען צו־געקומען צו ניקאָלאַיעווסק, ביים אויסגוס פון אמור.

די רעזולטאַטען פון אָט דער רייזע זיינען געוועזען באמת שרעקליכע. ווען די ערשטע פּאַרטיע, וואָס איז ביים ערשטען ארויסטרים באַשטאַנען פון 250 מענשען, האָט ענדליך דערגרייכט ניקאָלאַיעווסק, האָבען אַלע אַרעסטאַנטען (ניט רעדענדיג שוין וועגען די, וואָס זיינען געשטאָרבען אין וועג) געליטען פון סקאָרבוט; פּופציג פון זיי האָבען זיך ניט געקאָנט ריהרען...*) און אָט די אונגליקליכע מענשען האָט מען באַשטימט צו ווערן די פּיאָנערן פון קאָלאָניזאַציע אויף סאַכאַלין! עס איז דעריבער קיין וואונ־דער נים, וואָס אין פאַרלויף פון די ערשטע יאָהרען האָט די שטערבליכקייט אויף סאַכאַלין דערגרייכט ביז 117 מענשען אויף יעדע 1000, און אז יעדער פאַרשיקטער האָט די ערשטע צייט גע־מוזט זיין אין שפּיטאָל דריי מאָל אין פאַרלויף פון איין יאָהר.**)

ערשט נאָך א לאַנגער רייה פון עהנליכע „טעות׳ן", ווענען וועלכע מען האָט נערעדט אפילו אין אונזער צענזורירטער פּרעסע, האָט מען אָפּגעשטעלט די טראַנספּאָרטירונג דורך סיביר פון די פאַרשיקטע אויף סאַכאַלין, און מען האָט זיי נענומען ארויסשיקען מיט׳ן ים, דורך אָדעס און דעם סועץ קאַנאַל. די ענגלענדער גע־דענקען נאָך מסתמא, אין וואָס פאַר א שרעקליכען צושטאַנד מען האָט די קאַטאָרזשניקעס געבראַכט אין סועץ, און וואָס פאַר צאָרן עס האָט זיך אויפגעהויבען ווענען דעם אין דער ענגלישער פּרעסע. די לאַגע האָט זיך אביסעל פאַרבעסערט אין די לעצטע יאָהרען, אורטיילענדיג נאָך די מעדיצינישע באַריכטען, וואָס באַהויפּטען, אז די טראַנספּאָרטירונג פון אַרעסטאַנטען אויף דאַמפּפערס, וואָס

*) טאַלבערג. „די פאַרשיקונג אויף סאַכאַלין." „וויעסטניק יעווראָפּי", מאַי 1879.

**) קעפּען, אין דער אויבענדערמאָנטער אַרבייט.

געהן פון אַדעס, געהט אַן אונטער פאַרהעלטניסמעסיג ערטרעגליכע באדינגונגען. אָבער נאָך ערשט ניט לאַנג איז אין די צייטונגען ערשינען אַ מעלדונג, אַז דער לעצטער טראַנספּאָרט (אין 1886) האָט געליטען פון אַ פּאָקען עפּידעמיע, און אַז די שטערבליכקייט האָט ווידער דערגרייכט אַ שרעקליכע הויך. באַלד נאָך אָט דער ציימונגס ידיעה וועט מסתמא קומען אַן אָפּיציעלע אַפּלייקענונג, אָבער ווער וועט איהר גלויבען?

וועגען דער לאַגע פון די פּאַרשיקטע קאַטאָרזשניקעס אויף סאַכאַלין ווייס מען אייגענטליך זעהר ווייניג*). אין 1879 איז אין די רוסישע צייטונגען ערשינען אַן ערקלערונג, אונטערגעשריבען פון אַ רוסישען סוחר, וועגען דעם אונבאַגרעניצטען ווילקיר פון דעם הויפּט פּאַרוואַלטער פון אינזעל. מען האָט באַשולדיגט די געפענגנים אַדמיניסטראַציע אין דעם, אַז זי באַ'גנב'עט די אָרימע אַרעסטאַנטען. דאָקטאָר א. א. האָט געשריבען פון אַלעקסאַנד־ראָווסק אין אָקטאָבער 1880: „מען האָט מיך באַשטימט אין קאָרסאַקאָווער שפּיטאָל (אין דעם דרום'דיגען טייל פון אינזעל), אָבער איך וועל צו איהם ניט קאָנען צוקומען פאַר דעם קומענדיגען יוני . . . מיין חבר איז אוועק פון דינסט . . . ער האָט מעהר ניט געקאָנט צוזעהן די לומפּערייען, וואָס ווערן אָפּגעטאָן!**) דאָס זיינען פּילבאַדייטענדע ווערטער, וואָס גיבען דעם רוסישען לעזער אַ מעגליכקייט אָנצוהויבען באַגרייפען דעם אמת, באַזונדערס ווען מען שטעלט דאָס צונויף מיט דעם פאָלגענדען: „דער פאַרוואַלטער פון דער קאָלאָניע באַזוכט זעלטען די קאַזאַרמעס און דאָס אויך נאָר אין באַגלייטונג פון באַוואָפּענטע וועכטער. דער פאַר־וואַלטער פון געפענגנים וואַגט ניט צו באַווייזען זיך צווישען די אַרעסטאַנטען.“ שפּעטער איז אין דער פּעטערבורגער צייטונג „סטראַנאַ“ געוועזן געדרוקט אַ מעלדונג וועגען די מעשים פון דער אַדמיניסטראַציע פון אינזעל, וואָס דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער רוסישער פּאַסיפישער עקספּעדיציע האָט אויפגעדעקט. עס האָט

*) געשריבען אין 1886. פון יענער צייט אָן האָבען די אַרביי־טען פון טשערנאָוו'ן און דאָראָשעוויטש'ן פולשטענדיג באַלויכטען די סאַכאַלינער פיהרונגען.

**) „פּאָריאַדאָק“, 8טען סעפּטעמבער, 1881.

זיך ארויסגעשטעלט, אז בעת די קאטאָרזשניקעס פון די אָרימע קלאַסען פלעגט מען שיקען אויף די שווערסטע ארבייטען, געשמידטע אין קייטען, האָבען די רייכע אויסוואורפען צווישען זיי פארנומען א פריווילעגירטע לאגע: מען האָט זיי געגעבען אויפ'ן אינזעל פולשטענדיגע פרייהייט, און זיי האָבען געוואָרפען מיט געלט און געמאכט באנקעטען פאר די באאמטע.

די אויבענגעבראכטע אויפדעקונגען האָבען ארויסגערופען אן אָפיציעלע אויספאָרשונג. די צייטונגען האָבען וועגען דעם גע-יובעלט, אָבער וואָס די רעזולטאטען פון דער אויספאָרשונג זיינען געוועזן, דאָס איז געבליבען אונבאקאנט. פון דעמאָלט אָן זיינען אין דער פרעסע ניט געוועזן קיין שום ידיעות וועגען סאכאלין, אויסער דער אויבענדערמאָהנטער ארבייט פון דר. פעטרי. די אי-בערפילונג פון דער אלעקסאנדראָווסקער געפענגניס איז מסתמא אונגעהויער גרויס. זי איז געוועזן אויפגעבויט איינגאנצען פאר 600 מענשען, אָבער אין 1881 זיינען אין איהר געוועזן 1103 מענשען, און אין 1882 — 2230 מענשען. מען האָט מסתמא אויפגעשטעלט וועלכע עס איז צייטווייליגע קאזארמעס. מען קאָן באגרייפען, וואָס אזוינס עס דארפען זיין „צייטווייליגע קאזארמעס“ אויף סאכאלין!

פון דעם, וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט, זעהט מען, אז די גרעסטע שווערקייט האָט די סאכאלינער אדמיניסטראציע מיט פא-נאנדערטיילען די קאטאָרזשניקעס און געפינען א וועלכע עס איז בא-שעפטיגונג פאר די דאָזיגע, וואס ווערן באפרייט פון קאטאָרזשנער ארבייט. אזוי ווי ניט אין רוסלאנד, ניט אין סיביר איז ניטאָ קיין פאסיגער אָרט אויף אויפצוהאלטען די קאטאָרזשניקעס, שיקט מען זיי אָרוים אויף סאכאלין אין א פראָפּאָרציע, וואָס פארגרעסערט זיך מיט יעדען יאָהר. אין סיביר, נאָך דער באפרייאונג, באקומען זיי א טייל לאנד און אייניגע אגריקולטורעלע אינסטרומענטען; נאָך צוויי יאָהר נעהמט די רעגירונג אראפ פון זיך יעדע זארג וועגען זיי. אָבער וואס טוט מען מיט זיי אויף סאכאלין? ערד־ארבייט אויפ'ן אינזעל איז, ווי מיר האָבען געזעהן, כמעט אונמעגליך, די קאָלאָ-ניסטען קומט אוים בוכשטעבליך צו הונגערן, און די אדמיניסטרא-ציע איז געצוואונגען צו ברענגען פאר זיי שפייז פראָדוקטען פון רוסלאנד, וואָס איז אונטערוואָרפען אלע געוועהנליכע ריזיקעס. אזוי,

צום ביישפיל, אורטיילענדיג נאָך א נאָטיץ אין דער האלב־אָפיצי־עלער צייטונג, וואָס געהט ארוים אין וולאדיוואָסטאָק, איז א לאָ־דונג מעהל, וואָס איז געווען באשטימט פאר סאכאלין, אָנגעקומען אהין דורכגענעצט און ווערימדיג. מען האָט ווענען דעם, ווי גע־וועהנליך, באשטימט אן „אויספאָרשונג“; אָבער אָט די „אויס־פאָרשונג“ וועט ווענינ העלפען די סאכאלינער, וואָס זיינען גע־בליבען אָהן מעהל.

די געשיכטע פון סאכאלינער „קאָלאָניזאציע“ איז א ווידער־האָלונג פון דעם, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באָאבאכטען אין די זעכצינער יאָהרען אויפ׳ן אמור און אוסורי; דער אונטערשיד באשטעהט אפשר אין דעם, וואָס אויף סאכאלין זיינען ערגערע באדינגונגען. אויף סאכאלין קאָסט א פוד מעהל פון דעם ערגסטען מין 4 רובעל; דער פרייז ווערט פארדאָפעלט אין פאל פון א מאנגעל אין די רעגירונגס וועהרהייזער, צוליב דעם, וואָס עס ווערט ניט צוגעשטעלט אין צייט אָדער צוליב אנאנדער צופעליגער אור־זאך. און די פראָספעקטיווע ערד־ארבייטער, וואָס וואָלטען אינגי־כען געדארפט באזאָרגען די געפעננגים מיט אגריקולטור פראָדוק־טען און וואָס וואָלטען, אונטער פאסיגערע אומשטענדען, אָט דעם ציעל אפשר דערגרייכט, מוזען אויף אזא אופן, אונטער די איצ־טינע באדינגונגען, אליין געראטעוועט ווערן פון הונגער. און דאָס איז פארשטענדליך, ווען יעדע פאמיליע האָט געקאנט אפרייניגען דורכשניטליך נאָר צוויי דריטעל דעסיאטין פון די זומפיגע וועלדער.

איינער פון די גרויסע פאָרצוגען פון סאכאלין, פון דעם שטאנדפונקט פון דער געפעננגים ארמיניסטראציע, איז געווען דאָס, וואָס אנטלויפען פון איהם איז געווען אונגעהויער שווער. אָט דעם פאָרצוג האָט ווירקליך סאכאלין. אייגענטליך איז אנט־לויפען אליין ניט אונמעגליך. אין 1870 האָבען ניט ווענינער פון זעכצעהן פראָצענט פון דער גאנצער ארעסטאנטען באפעלקערונג געפרואווט אנטלויפען. אָבער א גרויסע מעהרהייט פון זיי זיינען געכאפט געוואָרן פון די איינגעבאָרענע, וואָס האָבען זיי אָדער גע־טויט, אויב זיי האָבען זיי געכאפט ווייט פון א מיליטערישען פאָסטען אָדער געבראכט צום פאָסטען, אויב זיי האָבען געמיינט, אז זיי ווע־לען פאר דעם באקומען א פאסיגע באלוינונג. פאר יעדען אנט־לאָפענעם, וואָס מען האָט געכאפט אין סיביר, האָט די מלוכה גע־

צאָהלט די איינגעבאָרענע צו צעהן רובעל, אויב זיי האָבען איהם געבראַכט אַ לעבעדיגען, און צו פינף רובעל, אויב זיי האָבען איהם געטויט. אויף סאַכאַלין שאַצט מען די אַרעסטאַנטען בילינער, און אין ערשטען פאַל צאָהלט מען זעקס רובעל, און אין צווייטען — דריי רובעל, מיינענדיג אַז אַזאַ נידריגע טאַקסע וועט נאָך אַלץ באַווענען די אָרימע גיליאַקעס אָנצופיהרען אַ יאַגד אויף די אַנט־לאָפענע. זיי פיהרען אָן אָט די „יאַגד" אויף דעם באַרבאַרישסטען אופן, באַזונדערס פון זינט די סאַכאַלינער באַאַמטע האָבען צווישען זיי פאַנאַנדערגעטיילט ביקסען. דר. פעטרי דערצעהלט, אַז איינ־מאָל האָבען די גיליאַקעס באַגעגענט אַ פּאַרטיע סעקטאַנטען, פון דער סעקטע „לויפער". זייער רעליגיעזע לעהרע צווינגט זיי אָפּ־צורייסען אַלע פאַרבינדונגען מיט דער זינדיגער וועלט, וואָס גע־פינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון אַנטיכריסט, און פיהרען אַ לעבען פון אייביגע וואַנדערער, וואָס פאַרמאָגען ניט נאָר קיין היימען, נאָר אויך ניט קיין שום אייגענטום. זיי זיינען געוועזען צוועלף פערזאָן, אייניגע פון זיי האָבען געהאַלטען קינדער אויף די הענט, און די גיליאַקעס האָבען זיי אַלעמען ערמאָרדעט. דער מערקווירדיגסטער כאַראַקטערשטריך ביי אָט די אונגליקליכע איינ־געבאָרענע איז די אָפּוועזענקייט פון וועלכער עס איז בייזקייט צו די אַנטלויפענדיגע: זיי ווילען דעם פליכטלינג באַהאַנדלען אויף דעם בעסטען אופן, אויב ער וועט זיי געבען דריי רובעל, אָדער עפּעס פון גלייכער ווערט. אויב אָבער דער פליכטלינג קאָן ניט באַצאָהלען די געפאָדערטע אויסלייז־סומע, ווילען איהם די גיליאַ־קעס אָהן רחמנות דער׳הרג׳ענען, כדי צו באַקומען „דעם פרייז פון בלוט", די דריי רובעל, וואָס די געפענגנים אַדמיניסטראַציע באַ־צאָהלט. ווען די אויסצאָהלונג פון דעם פּרעמיום פאַר מענשליכע לעבענס איז צייטווייליג אָפּגעשטעלט געוואָרען, האָבען די גיליאַ־קעס אַליין געהאָלפען די אַנטרינער. — „נו וואָס קאָן מען טאָן? — זאָגען די סאַכאַלינער פאַרשיקטע, — זיי הונגערן אַליין, און דריי רובעל און דערצו נאָך די קליידער פון דעם דער׳הרג׳עטען זיינען ניט קיין קליינער נסיון פאַר אַ הונגעריגען מענשען".

און דאָך זיינען די אַנטרינונגען צאָהלרייך. די אַנטלויפער געהען ווי עס איז דורך צו דרום־מזרח, כאָטש דער וועג איבער בערג און וועלדער איז אונגעהויער שווער, און דערקלייבענדיג זיך

צום ים-ברעג, װאַרטען זײ דאָרטען, ביז זײ װעלען דערזעהן אַן אַמעריקאַנער װאַלפיש־שיף. אײניגע קלײבען זיך אַריבער איבער דעם טאַטערשען ים־אויסגוס, װאָס איז אינגאַנצען ניין װיאָרסט ברײט ביים לאַנד־שפּיץ פּאָגאָבי, װאו מען קאָן װינטער־צײט אַרי־בערגעהן איבער'ן אײז אויפ'ן קאָנטינענט; אַנדערע מאַכען אַ פּליט פון דרײ־פיר בוימער און לאָזען זיך אַװעק אין ים. דאָס שיפעל „װאָסטאָק" האָט ניט לאַנג צוריק באַגעגענט אין דעם ים־אויסגוס אַזאַ פּליט. פון שיפעל האָט מען באַמערקט עפּעס אַ שװאַרץ פּינטעל, װאָס האָט זיך באַװעגט; צוקומענדיג נאָהנטער, האָט מען דערזעהן צװײ פּליכטלינגען אויף אַ פּליט פון פיער קלע־צער. זײ האָבען געהאַט מיט זיך אַן עמער זיסען װאַסער, אַביסעל ברויט, סוכאַרעס און צװײ ציגעל טײ. זײ האָבען זיך געטראָגען איבער'ן ים, ניט האָבענדיג קײן שום פאָרשטעלונג װעגען דעם, װאוהין דער שטראָם װעט זײ פאַרטראָגען. אויף דער פראַגע: װאוהין שװימען זײ? האָבען די אַנטרינער געענטפערט: „אַהין, אין רוסלאַנד!" — אָנװײזענדיג דערבײ ערגעץ װאו אין מערב. די מעהרסטע פון זײ שטאַרבען אין װעג, װערענדיג דערטרונקען אין אַן אָנלויפענדיגער כװאַליע, אָדער אַרײנפאַלענדיג אונטער דעם בוראַן, — דעם שרעקליכען אַמורער בוראַן (אַ שטורעם), — װאָס באַגראָבט אַמאָל ניקאָלאַיעװסק אויף עטליכע טעג אונטער'ן שנײ. און אויב זײ געלינגט שוין ענדליך צו דערקלײבען זיך צום קאָנטי־נענט, דאַרפען זײ אַריבערטראָגען אַ מאַסע לײדען, אײדער זײ דערשלאָגען זיך צו די באַפעלקערטע טײלען פון אַמור. מען דער־צעהלט, אַז עס זײנען אַפילו געװען פאַלען פון מענשענפרעסערײ. און דאָך געלינגט אײניגע זיך אומצוקעהרען אין רוסלאַנד. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אײנער פון זײ, קאַמאַלאָװ, װאָס האָט זיך שוין דערקליבען צוריק צום היימישען דאָרף, אָבער איז אַרוים־געגעבען געװאָרן פון עפּעס אַ פּערזענליכען שונא, געשטעלט גע־װאָרן צום געריכט פאַר אַנטלויפען, און זײן אײנפאַכע דערצעה־לונג האָט געריהרט די הערצער פון אַ סך מענשען אין רוסלאַנד. ער האָט געװאַנדערט צװײ יאָהר, אַריבערשװימענדיג אָזיערעס און טײכען, דורכקריכענדיג װעלדער און סטעפּעס, ביז ער האָט זיך דערקליבען אַהיים. זײן פרוי האָט געװאַרט, ער זאָל זיך אומקעה־רען. אין פאַרלויף פון עטליכע װאָכען איז ער געװען גליקליך.

„טייכען, בערג, דער שטורמיגער באיקאַל, די שרעקליכע שניי-שטורמס האָבען מיר ניט געטאָן קיין שלעכטס, — האָט ער דער־צעהלט ביים פּראָצעס, — חיות האָבען רחמנות געהאַט אויף מיר. אָבער מענשען, ברידער פון אייגענעם דאָרף, זיינען געווען אונ־דערבאַרעמליך: זיי האָבען מיך ארויסגעגעבען!"

„צוריק אין רוסלאַנד!" — דאָס איז דער חלום, וואָס פאַר־פאָלגט אָהן אויפהער יעדען פאַרשיקטען. מען קאָן איהם פאַר־שיקען אויף סאַכאַלין, אָבער זיינע געדאַנקען זיינען שטענדיג גע־ווענדעט צו מערב, און אפילו פון סאַכאַלין וועט ער אויף אַלערליי אופנים פּרואווען זיך אומקערן אין זיין היימישען דאָרף, דערזעהן זיין פאַרוואָרפענע כאטע. דאָס סיסטעם פון פאַרשיקונג האָט, ווייזט אויס, אָפּגעלעבט זיין צייט, אויב מען מוז באַזעצען די פאַר־שיקטע אויף אַן איינזאַמען אינזעל כדי צו פאַרהינדערן אַנטרי־נונגען.

מיר האָפען, אַז אין דער מעהר אָדער ווייניגער נאָהנטער צוקונפט וועט די פאַרשיקונג אין סיביר אָפּגעשטעלט ווערן. און וואָס שנעלער, אַלץ בעסער, ווייל סיביר איז גרויס, און די ביוראָ־קראַטישע פאַנטאַזיע איז גרענעצלאָז. ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז מאָרגען וועט די ביוראָקראַטישע באַאַמטע ניט איינפאַלען איינ־צופיהרן נייע אגריקולטורעלע קאָלאָניעס אין לאַנד פון די טשוק־טשעס, אָדער אויף „ניילאַנד" און מאַכען נייע העקאַטאָמבען פון מאַרטירער, מיט דעם איינציגען ציעל, — צו געבען עטליכע באַ־אַמטע פּראָפּיטאַבעלע שטעלען?

יעדענפאַלס האָבען די ביוראָקראַטישע איגנאָראַמוסעס אין פּעטערבורג, דוכט זיך, באַשלאָסען אָפּצוזאָגען זיך פון אויספיהרן דעם פאַנטאַסטישען פּלאַן, וואָס האָט געהאַט דעם ציעל צו פאַר־וואַנדלען סאַכאַלין אין אַ קרימינעלע קאָלאָניע.*) אורטיילענדיג נאָך די לעצטע נאַכריכטען, פּלאַנט מען אויסצוברייטען די קאַריער געפענגניסען און צו פאַרגרעסערן די צאָהל קאַטאָרזשניקעס, וואָס מען פאַרשיקט אַהין, אויף טויזענט מענשען; מען פּלאַנט אויך ווידער אָנצוהויבען די אויסאַרבייטונג פון די נערטשינסקער זיל-

---

*) אַלץ איז פאַרבליבען ווי געווען, ביז די יאַפּאַנעזער האָבען פאַרנומען סאַכאַלין.

בער מינען, וואו די ארבייט איז אפגעשטעלט נעוואָרן מיט עטליכע יאָהר צוריק. ווי איהר זעהט, קערן מיר זיך אום, אין דער פאָר־שיקונג, ווי אין א סך אנדערע פּרטים, צו דער לאגע, וואָס האָט עקזיסטירט מיט פינף און דרייסיג יאָהר צוריק, ערב דער קרימער מלחמה.

ספריה עממית בטורונטו
יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

זיבעטער קאַפּיטעל.

וואָס אויסלענדער זאָגען וועגען די רוסישע געפענגניסען.

אויסלענדער, וואָס האָבען באַזוכט רוסלאַנד, אויב זיי האָבען געהאַט געגוג באַאָבאַכטונגס־ פעהיגקייט, האָבען באַמערקט דעם פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען שטריך פון דער רוסישער ביוראָ־קראַטיע. די רוסישע באַאַמטע ווייסען גוט די פעהלערען פון זייער ביוראָקראַטישען סיסטעם, ווייסען זיינע ערגסטע זייטען; און דאָס איז קיין וואונדער ניט: זיי זיינען דאָך אַליין א באַשטאַנד־טייל פון אָט דער ביוראָקראַטיע. אייניגע פון זיי באַהאַלטען אפילו ניט אָט די חסרונות און ווייזען אָפען אָן אין געשפּרעכען, אין דעם קרייז פון פריינד, אויף די פאַרשידענע חסרונות פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע. אפילו אין די אָפיציעלע באַריכטען באַהאַלטען ניט די פאַרוואַלטער פון די באַזונדערע דעפּאַרטאַמענטען די חסרונות, וואָס זיי האָבען באַמערקט צווישען זייערע אונטערגעאָרדענטע. אָבער ווי נאָר עס קומט אריין אַן אויסלענדער אין גאַסט-צימער, וואו מיט עטליכע מינוטען צוריק איז די רוסישע אדמיניסטראַציע אויף אַזא אומערבאַרעמליכען אופן פאַראורטיילט געוואָרן, נע־מען דיזעלביגע קריטיקער אין איין קול פאַרזיכערן דעם אויסלענדער, אַז „נאַטירליך איז אונזער אדמיניסטראַציע ניט פריי פון איי־נינע קליינע פעהלערען, זיינען דאָך אָבער אויף דער זון אויך פאַראַן פלעקען; דערצו נאָך נעמט שוין זיין עקסעלענץ נ. נ. אָן די ענער־נישסטע מיטלען אָפּצואווישען די לעצטע שפּורען פון די פעה־לערען, וואָס האָבען זיך, צום באַדויערן, אריינגעגנב'עט אין די אדמיניסטראַציע פון זיין פאָרגענגער, דעם גענעראַל מ. מ.״ אויב אָבער דער אויסלענדער איז א קאָרעספּאָנדענט פון א וועלכער עס איז צייטונג און ווייזט אַרויס א נייגונג צו טיילען זיך מיט דעם לעזענדען עולם פון זיין לאַנד מיט די ידיעות, וואָס ער נעמט

ארויס פון פריוואטע געשפרעכען, וועלען דיזעלביגע, וואָס האָבען „אונערבארעמליך קריטיקירט” אין דעם אייגענעם קרייז, זעהן פאַרצושטעלען פאר דעם אויסלענדער די גאנצע רוסישע אדמיניסטראציע אין דעם העלסטען ליכט. אויף אזא אופן וועלען זיי פרואווען פארניכטען די „נקמה נעמענדיגע פובליציסטען”, וואָס צוקלינגען אין אויסלאנד דאָס, וואָס דיזעלביגע באאמטע האָבען געשריבען אין רוסלאנד, אָבער בלויז פאר'ן היימישען געברויך. מיר איז גוט באקאנט געווען אזא באציהונג אין דער מאנדזשורישער אדמיניסטראציע, ווי אויך אין דער רוסישער, — אין אירקוטסק אזוי גוט ווי אין פעטערבורג. עס איז באמת שווער צו געבען א שטארקערע באשרייבונג פון דער אלגעמיינער גנבה וגזלה אין די רייהען פון דער גאנצער העכערער אדמיניסטראציע פון רוסלאנד, איידער די, וואס פלעגט געגעבען ווערן אין די באריכטען פון דעם מלוכה קאָנטראָליאָר צו אלעקסאנדער דעם צווייטען, ווען דער קאָנטראָל איז צוערשט איינגעפיהרט געוואָרן אין רוסלאנד. אָבער וואָס פאר א שטורעם פון צאָרן וואָלט זיך דאָס אויפגעהויבען אנמקעגען דעם רוס, וואָס וואָלט איבערזעצט אָט די באריכטען און איבערגעגעבען זייער אינהאלט אין דער אויסלענדישער פרעסע! — „דערצעהלט ניט פון חדר!” — וואָלטען געשריען אלע די, וואָס האָבען א וועלכע עס איז שיבות צו די ביוראָקראטישע ספערען.

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי שווער עס איז פאר דעם אויסלענדער, אונטער אזעלכע באדינגונגען, צו באקאנען זיך מיט דעם אמת'ען צושטאנד פון אזא צווייג פון דער אדמיניסטראציע, ווי די רוסישע געפענגניסען, באזונדערס אויב איהם קומט אויס צו פארקערן אויסשליסליך אין די אדמיניסטראטיווע קרייזען, אויב ער איז נאָך דערצו ניט באקאנט מיט דער רוסישער שפראך, און אויב ער האָט ניט שטודירט די רוסישע ליטעראטור אין דער פראגע. אויב ער וואָלט אפילו געהאט דעם אויפריכטיגסטען פארלאנג צו דערגעהן דעם אמת און ניט ווערן א שפיעלצייג אין די הענט פון דער ביוראָקראטיע, וואָס איז שטענדיג גרייט זיך אָנצוכאפען אָן א באקוועמער געלעגענהייט רייןגעוואשען צו ווערן אין דער אויסלענדישער פרעסע, וואָלט אויך דעמאָלט זיין וועג געווען פול מיט אלערליי שווערקייטען.

צום באדויערן, איז אָט דער איינפאכער אמת ניט אַלעמאָל פֿארשטאַנען געוואָרן פון אויסלענדער, וואָס האָבען באזוכט רוס-לאַנד, און אין דער צייט, ווען סטעפניאק (קראַוטשינסקי) און איך האָבען געפּרואווט צוציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער ענגלישער געזעלשאפטליכער מיינונג אויף די שרעקען, וואָס קומען פאָר אין די רוסישע געפענגניסען, האָט זיך געפונען אן ענגלענ־דער, דער גייסטליכער לענסדייל, וואָס האָט זיך אונטערגענומען ריינצוּוואשען די רוסישע אדמיניסטראציע. האָבענדיג דורכגע-פאָהרען סיביר מיט אן אונגעהויערער שנעלקייט, האָט ער פארעפענט־ליכט צוערשט א רייהע ארטיקלען, און דערנאָך א גאנץ בוך, אין וועלכען ער האָט דערצעהלט נסים, אפילו וועגען אזעלכע שרעק-ליכע געפענגניסען, ווי די טומענער און טאָמסקער איבערשיקונגס-געפענגניסען.

אזוי ווי זיינע באשרייבונגען האָבען ניט געשטימט מיט מיינע, און מען האָט איהם אויף דעם אָנגעוויזען אין דער פּרעסע, האָט ער געפּרואווט ערקלערן די ווידערשפּרוכען אין אן ארטי־קעל, וואָס ער האָט געדרוקט אין דעם ענגלישען זשורנאַל „קאָנ-טעמפּאָרערי ריוויו", פעברואר 1883, און איך האָב איהם גענענט־פערט, שוין פון דער ליאָנער געפענגניס. מיר איז ניט שווער גע-ווען אָנצואווייזען דעם ענגלישען גייסטליכען, אז ער הויבט ניט אָן צו וויסען גאָרנישט וועגען די רוסישע געפענגניסען, ניט פון איינענע באָאָבאכטונגען, ניט פון דער רוסישער ליטעראטור אין דער פּראגע. אזוי, צום ביישפּיעל, האָט זיך ארויסגעשטעלט פון לענסדעל'ס אייגענעם בוך (זעה זיינע קאפּיטלען 5, 9, 21, 36 און 37), אז, האָבענדיג דורכגעפלויגען סיביר מיט דער שנעלקייט פון א קוריער, האָט ער אָפּגעגעבען ווייניגער פון פער-צעהן שעה אויף א שטודיום פון די וויכטיגסטע שטראָף איינריכטונגען פון סיביר; נעמליך, ארום צוויי שעה אויף די טאָבאָלסקער געפענגניס, צוויי שעה אויף דער אלעקסאנדראָווסקער פאבריק, ארום אירקוטסק, און ווייניגער פון צעהן שעה אויף קאַרא, ווייל אין איין טאָג האָט ער ניט נאָר באזוכט די געפענגניסען פון דער אונטערשטער קאַרא, נאָר האָט נאָך באוויזען אָפּצופאָהרן דרייסיג ווערסט און זיך באנוצען מיט דער סיבירער גאסטפריינד-ליכקייט, אין דער פאָרם פון פרישטיקען און א מיטאָג, וועלכע ער

האָט אויספיהרליך באשריבען אין זיין בוך. וואָס אנבאטרעפט דעם צווייטען טאָג פון לענסדעל׳ס זיין אויף קארא, ווען ער האָט נעדארפט באזוכען די געפענגניסען אויף דער אונטערשטער קארא, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאלטען די פאָליטישע, איז אין יענעם טאָג גראָד געווען אויסגעפאלען דער געבורטסטאָג פון דעם גע־פענגנים-פארוואלטער, פאָלקאָווניק קאָנאָנאָוויטש. איך אווענט ווידער האָט לענסדעל געדארפט כאפען דעם דאמפער אויף שילקא. „ווען מיר זיינען אָנגעקומען, — שרייבט ער, — אין די ערשטע גע-פענגנים, וואו אַן אָפיצער האָט געוואָרט אויף אונז, האָב איך גענומען מורא האָבען, אז אונז וועט ניט בלייבען קיין צייט, און איך וועל פארשפעטיגען דעם דאמפער. איך האָב דעריבער גע-בעטען, אז מיר זאָלען באלד פאָהרן ווייטער, און מיר זיינען אָפּ־געפאָהרן צו אוסט־קארא״.

מיט איין וואָרט, עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז ווען ל. נ. טאָל-סטאָי האָט אין זיין ראָמאַן „וואָסקרעסעניע״ באשריבען אַן ענג-לענדער, וואָס באזוכט פארבייפליהענדיג די סיבירער געפענגני־סען, האָט ער געהאט אין זינען לענסדעל׳ען.

עס איז אויך געווען קאָמיש צו באמערקען, אז, ציטירענדיג די מאטעריאלען, וואָס לענסדעל האָט דורכגעקוקט פאר דעם שטו-דיום פון רוסישע געפענגניסען, דערמאָנט ער ניט נאָר די אנטערינונג פון פיאָטרקאָווסקי׳ן, וואָס איז געשעהן אין די פער-ציגער יאָהרן, נאָר אפילו דעם צווייטען באנד פון „ראָבינזאָן קרוזאָ״!

אָבער אינטערעסאנטער פון אלץ איז דאָס, וואָס מיר האָבען זיך איינגיכען דערוואוסט, אז דער עצם פון לענסדעל׳ס ענטפער אויף מיין קריטיק איז אָנגעשריבען געוואָרן אין פעטערבורג, אין דעם געפענגניס דעפּארטאמענט, וואָס איז דעמאָלט געווען אונטער הערן גאלקין-וורָאסקי. מיט אָט דעם צוועק האָט מען דעם הערן לענסדעל אפילו ערלויבט דורכצושפא־צירן זיך איבער די קאָרידאָרען פון טרובעצקאָי באסטיאָן פון פעטראָפּאוולאָווסקער פעסטונג און אריינקוקען אין צוויי קאזעמא-טען, דורך שפּארונעס אין די טירען. נאָכדעם האָט לענסדעל מודיע געווען דער וועלט, דיקטירט פון די רוסישע אגענטען אין לאָנדאָן, אז אלץ, וואָס מיר האָבען געדרוקט וועגען די שרעקען

פון פארהאַפטונג אין אַלעקסעיעווער ראַוועלין, איז דורכאויס לי־גען! די עראינערונגען פון פּאָליוואַנאָוו און אַנדערע, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן די לעצטע יאָהרען, באַווייזען איצט, ווי ווייט עס איז דעמאָלט געגאַנגען די חוצפּה פון די פּעטערבורגער באַאַמטע.

דאָס אַלץ איז שוין איצט געוואָרן אַ ווייטע פאַרגאַנגענהייט, און עס וואָלט ניט געלוינט צו דערמאָנען וועגען דעם, ווען די רוסישע געפענגניס אדמיניסטראַציע, וואָס האָט ערמוטיגט לענס־דעל'ען, וואָלט אַליין ניט אַריינגעפאַלען. קענאַנ'ען און דעם מאַלער פראָסט'ען, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון אַן אַמעריקאַנער אי־לוסטרירטען זשורנאַל, האָט מען, ווי באַקאַנט, אין פּעטערבורג אויפגענומען מיט אָפענע אַרעמס. מען האָט זיי געגעבען אַלע פולמאַכטען, האָפענדיג, אַז זיי, פּונקט ווי לענסדעל, וועלען זיך דורכפאָהרען איבער סיביר און וועלען אָנשרייבען וועגען די סיבי־רער געפענגניסען אַלץ, וואָס די פּעטערבורגער ביוראָקראַטען ווי־לען; אָבער, ווי אַלע ווייסען, האָבען קענאַן און פראָסט זיך אויס־געלערענט רוסיש, באַזונדערס קענאַן, האָבען זיך באַקאַנט מיט אַ מאַסע פאַרשיקטע, און סוף כל סוף האָט קענאַן אָנגעשריבען וועגען סיביר אַ בוך, וואָס האָט אויפגעדעקט דאָס גאַנצע שרעקליכע בילד פון פאַרשיקונג.

פון דאַן אָן האָט מיין פּאָלעמיק מיט לענסדעל'ען, — דאָס הייסט, אייגענטליך, מיט הערן גאַלקין־וראַסקי'ן, — פאַרלאָרן אויף אַזאַ אופן יעדען אינטערעס, און דעריבער וואַרף איך זי אַרויס פון אָט דעם בוך און לאָז נאָר איבער די פאָלגענדע דאַטען וועגען די רוסישע געפענגניסען, וואָס זיינען אַרויסגענומען פון אָפי־ציעלע אָנגאַבען און פון מאַטעריאַלען פון יענער צייט.

אָט איז, צום ביישפּיעל, וואָס אַן אויספאָרשער פון די פּע־טערבורגער געפענגניסען, הערר ניקיטין, האָט געשריבען וועגען דעם ליטווישען שלאָס, אין פּעטערבורג:

„אין אָט דער געפענגניס זיינען פאַראַן 103 קאַמערען, אין וועלכע עס ווערן אויפגעהאַלטען 801 אַרעסטאַנטען... די קאַמערען זיינען שרעקליך שמוציג; שוין אויף די טרעפּ באַגעגענט אייך אַ שטיקענדיגער גערוך. די קאַרצערען מאַכען אַ שוידערליכען איינדרוק; זיי זיינען כמעט אינגאַנצען אָהן ליכט. צוקומען צו זיי מוז מען דורך עפּעס פינסטערע לאַבירינטען, און די קאַרצערען

גופא זיינען שרעקליך נאַס: עס איז אין זיי גאָרנישט ניטאָ, אויסער א צופוילטען דיל און נאַסע ווענט. א מענש, וואָס קומט אריין פון פרישער לופט אין אַזא קאַרצער, מוז באַלד אנטלויפען, מורא האָבענדיג דערשטיקט צו ווערן... ספּעציאַליסטען זאָגען, אז דער געזונטסטער מענש מוז שטאַרבען, ווען מען האַלט איהם אָפּ אין אַזא קאַרצער דריי אָדער פיער וואָכען. די אַרעסטאַנטען, וואָס זיינען אָפּגעווען אין זיי א געוויסע צייט, זיינען ארויסגעקומען פון דאָרטען אינגאַנצען אָהן כחות; איי-ניגע האָבען זיך קוים געקאָנט האַלטען אויף די פיס. נאָך איי-ניגע, וואָס נעהערען צו די וועניגער וויכטיגע קאטעגאָריעס, איז ערלויבט צו ארבייטען. די איבעריגע זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענט מאָנאַטען לאַנג, אמאָל יאָהרען לאַנג". ווען הערר ניקיטין האָט זיך פאַראינטערעסירט און געוואָלט דורכקוקען די באַריכ-טען וועגען די סומען געלט, וואָס די קרובים ברענגען צו די אַרעס-טאַנטען, אָדער וואָס די לעצטע פאַרדינען אין געפענגנים, האָבען סאַי די העכערע, סאַי די נידריגערע געפענגנים באַאַמטע איהם אויפ'ן אנטשידענסטען אופן אָנטזאָגט.

דערזעלביגער אויטאָר באַשרייבט אויפ'ן פאָלגענדען אופן ד' פאַרהאַפטונגס-פּלעצער ביי די פּאָליציייאישע באַצירקען פון דער הויפּט-שטאָט:

„אין די קאַמערען פאַר'ן איינפאַכען פאָלק איז שרעקליך שמו-ציג; די אַרעסטאַנטען מוזען שלאָפען אויף די הוילע הילצערנע נאַרעס, אָדער, ווען עס איז א מאַנגעל אין פּלאַץ, שלאָפט ניט זעלטען א העלפט פון זיי אונטער די נאַרעס אויפ'ן דיל, ביי יעדער געפענגנים אַזא זיינען פאַראַן קאַרצערן: דאָס זיינען פשוט זעהר קליינע קאַמערלאַך, וואוהין שניי און רעגען דרינגען אריין גאַנץ פריי. עס איז אין זיי גאָרנישט ניטאָ, שלאָ-פען מוז מען אויפ'ן דיל; די ווענט און דער דיל זיינען אינגאַנצען נאַס. די פּריווילעגירטע אַרעסטאַנטען, וועלכע מען האַלט אין איינצעל-קאַמערן, פאַלען באַלד אַריין אין מעלאַנכאָליע; איינינע פון זיי זיינען געווען נאָהענט צו משוגעת... אין די אַלגעמיינע קאַמערן גיט מען ניט קיין ביכער צום לייענען, אויסער רעלי-גיעזע, וועלכע מען באַנוצט אויף צונויפדרעהען פּאַפּיראָסען". (די באַצירק געפענגניסען אין פּעטערבורג).

דער אָפּיציעלער באריכט פון פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער „געזעלשאַפט צו העלפען די פארשפּארטע אין געפענגניסען", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פּעטערבורג, אין 1880, באשרייבט די געפענגניסען פון דער רוסישער הויפּטשטאָט אזוי:

„דער ליטווישער שלאָס איז אויסגעבויט געוואָרן פאר 700 ארעסטאַנטען, און די איבערשיקונגס געפענגנים — פאר 200, אָבער אָפטמאָל געפינען זיך אין זיי: אין שלאָס — פון 900 ביז 1000 מענשען, און אין דער איבערשיקונגס געפענגנים — פון 350 ביז 400 און אפילו מעהר. אויסערדעם אנטשפּרעכען שוין לאנג ניט די געביידען פון אָט די געפענגניסען ניט די סאַניטארע פאָדערונגען, ניט זייער באשטימונג, ווי פארהאַפטונגס פּלעצער".

קאַטקאָוו'ס זשורנאַל „רוסקי וויעסטניק" איז אויך ווייט פון לויבען די רוסישע געפענגניסען. נאָך א באשרייבונג פון די פארהאַפטונגס פּלעצער ביי די פּאָליציי באצירקען, באמערקט הערר מוראַוויאָוו (דער אויטאָר פון ארטיקלען, וואָס זיינען פארעפענט־ליכט געוואָרן אין „רוסקי וויעסטניק"), אז די א ס ט ר אָ ג ע ן זיינען ניט בעסער. געוועהנליך איז דאָס אן אַלטע, שמוציגע גע־ביידע, אָדער א רייהע פון אזעלכע געביידען, וואָס זיינען ארום־גערינגעלט מיט א וואנט. ניט אָנציהענד אויסערליך, זיינען די אָסטראָגען אינוועניג אויך ניט בעסער: נאַסקייט, שמוץ, אי־בערפילונג און געשטאנק — דאָס זיינען די טיפּישע שטריכען פון די אָסטראָגען, ווי אין די הויפּט שטעדט, אזוי אויך אויף דער פּראָווינץ.

„קליידער אין די אָסטראָגען, — זאָגט הערר מוראַוויאָוו, — זיינען פאראַן פון צוויי סאָרטען: אַלטע, ניט געניגענדע קליידער, וואָס די ארעסטאַנטען טראָגען געוועהנליך, און בעסערע, וואָס ווערען זיי פאנאנדערגעטיילט, ווען באאמטע דארפען באזוכען די גע־פענגנים; אין אנאנדער צייט ווערען אָט די קליידער געהאַלטען אין צעכהויז... קיין שולען, קיין ביבליאָטעקען זיינען ניטאָ... די איבערשיקונגס געפענגניסען זיינען נאָך ערגער... מיר וועלען זיך אויף עטליכע מינוט אָפּשטעלען אויף איין קאַמער אזא. דאָס איז א גרויסער צימער, מיט נארעס ביי די ווענט און שמאָלע דורכגאַנגען צווישען זיי. הונדערטער פרויען און קינדער זיינען דאָ צונויפגעקליבען. דאָס איז דער אזוי־גערופענער „פאמיליען־

קאַמער", פאר די פאמיליען פון די ארעסטאַנטען. אין אַט דער שטיקענדיגער אטמאָספער געפינט איהר קינדער פון יעדען על־טער, אין דער שרעקליכסטער אָרימקייט; קיין קליידער פון דער רעגירונג גיט מען זיי ניט, און דעריבער זיינען זיי אָנגעטאָן אין שמאַטעס, וואָס הענגען אויף זיי שטיקערווייז און באשיצען זיי ניט ניט פון קעלט, ניט פון נאַסקייט. און דאָך וועלען די קינדער אין אַט די שמאַטעס געהן אין פארשיקונג אין סיביר". („רוסקי וויעסטניק", 1878).

רעדענדיג וועגען די סיבירער געפענגניסען, שרייבט יאַדרינ־צעוו דאָס פאָלגענדע (איך וועל פארקירצען זיין דערצעהלונג): „כמעט אין יעדען אָסטראָג איז פאראן עפּעס אַן אונטעראירדישער קאָרידאָר, א נאַסער און שטינקענדיגער, — אַן אמת׳ער סבר. אין איהם געפינען זיך עטליכע קאמערען, וואו־הין מען פארזעצט די געפעהרליכע ארעסטאַנטען, וואָס וואַרטען אויף זייער פּראָצעס. די קאַמערען זיינען אויף א העלפט אונטער דער ערד. די דילען אין זיי זיינען אַלעמאָל נאַס און צופוילט, שימעל און שוועמלאַך באדעקען די ווענט; וואַסער רינט שטענ־דיג דורך פון אונטער דעם דיל. א קליין, באַפּאַרבט פענסטער לאָזט כמעט איינגאַנצען ניט דורך קיין ליכט. די ארעסטאַנטען ווערן דאָ געהאַלטען אין קייטען. קיין בעטען און קיין בעט-גע־וואַנט זיינען ניט ערלויבט: מען שלאָפט אויפ׳ן דיל, וואָס איז באדעקט מיט ווערים און מיריאַדען פליי; אָנשטאָט בעט-געוואַנט בעט מען זיי אונטער שטרוי, און פאר קאָלדרעס באַנוצען די ארעסטאַנטען זייערע אויף שטיקער צוריסענע כאַלאַטען. פון נאַסקייט און קעלט ציטערט מען דאָ אפילו זומער-צייט. די וועב־טער מוזען פון צייט צו צייט ארויסלויפען, כדי אריינצואָטעמען פרישע לופט. און אין אַזעלכע קאַמערען פארברענגען די ארעס־טאַנטען גאַנצע יאָהרען, וואַרטענדיג אויף זייער פּראָצעס! קיין וואונדער ניט, וואָס אפילו די געזונטסטע פון זיי פאַלען אריין אין משוגעת. „איך האָב איינמאָל ביינאַכט געהערט שרעקליכע גע־שרייען, — דערצעהלט איין ארעסטאַנט אין זיינע עראינערונגען, — דאָס זיינען געווען געשרייען פון א ריז, וואָס איז אַראָפּ פון זינען".

א. אז: וו„ א. אז. וו. איך וואָלט נעקאָנט אָנפילען צעהנד־

ליגער בלעטער מיט אזעלכע באשרייבונגען. האָט מען די אויס־לענדער, וואָס האָבען באזוכט די רוסישע געפענגניסען, געוויזען אָט די ערטער? — געוויס ניט.

וואָס אנבאטרעפט די איבערפילונג פון די רוסישע געפענג־ניסען, איז אָט זיינען נאָך עטליכע כאראקטעריסטישע דאטען:

„די טאָמסקער איבערשיקונגס געפענגניס (טיילט מיט דער קאָרעספאָנדענט פון „סיבירסקאיא גאזעטא") איז איבערפילט. צו די 1520 ארעסטאנטען, וואָס זיינען שוין דאָרט געווען, זיינען צוגעקומען נאָך 700 מענשען, און אויף אזא אופן געפינען זיך איצט אין דער געפענגניס, וואס איז אויסגעבויט געוועזן נאָר פאר 900 מענשען, — 2220; פון זיי זיינען 207 קראנק („סיבי־סקאיא גאזעטא" און „מאָסקאָווסקי טעלעגראף" פון 28טען אוי־גוסט 1881).

אין סאמארא: „די דורכשניטליכע צאָהל ארעסטאנטען אין אונזערע געפענגניסען צום 1טען פון יעדען מאָנאט איז היי־יאָהר געווען 1147 מענשען; די אלגעמיינע קובישע אויסמעסטונג פון אלע אונזערע געפענגניסען איז אויסגערעכענט אויף 552 („גאָלאָס" פון 13טען מאי, 1882).

אין ניזשני נאָווגאָראָד: „די געפענגניס, וואָס איז אויסגע־בויט געווען פאר 300 מענשען, האָט אין צייט פון נאָווינאציע 700, און אמאָל אפילו 800 ארעסטאנטען (אָפיציעלער באריכט, וואָס ווערט געבראכט אין „גאָלאָס", מערץ 1882).

אין פוילען: „אין יעדער געפענגניס אין פוילען פארנעמען פיער מענשען דעם אָרט, וואָס איז באשטימט פאר איין ארעס־טאנט. מען פלאנט אויפצובויען נאָך א רייהע נייע געפענגניסען". זיי זיינען אבער נאָך ביז איצט ניט אויפגעבויט געוואָרן. („מאָס־קאָווסקי טעלעגראף", נאָוועמבער 1881).

מיט אזעלכע אויסצוגען וואָלט מען געקאָנט אָנפילען גאנצע זייטען; אָבער אָט זיינען די מיינונגען פון די באמטע גופא, וועמען עס איז אנפארטרויט געוואָרן די אויפזיכט איבער די גע־פענגניסען.

הערר מוראוויאָוו, א מיטארבייטער פון קאטקאָוו'ס זשור־נאל, זאָגט דאָס פאָלגענדע אין א זאָרגפעלטיג צונויפגעשטעלטען ארטיקעל (וואָס איז נאָך דערצו אָנגעשריבען געוואָרן אין א

נייסט, וואָס איז באַליבט און ווערט ערמוטיגט פון דער רוסישער רעגירונג): „כמעט אין אַלע אונזערע געפענגניסען געפינען זיך אַנדערהאַלבען אָדער צוויי מאָל אַזוי פיעל אַרעסטאַנטען, ווי די צאָהל, אויף וועלכע מען האָט אויסגערעכענט ביי זייער אויפבוי־אונג" („געפענגניסען און די געפענגנים פראגע", „רוסקי וויעסט־ניק", 1878). און אָט וואָס עס טיילט מיט אַ סיבירער באַאמטער, הערר מישלאַ, וועגען די ס י ב י ר ע ר געפענגניסען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער זיין אויפזיכט: „דער וועכטער האָט מיך אריינגעפיהרט אין די קאַמערן. אומעטום איז שמוץ, איבער־פילונג, נאַסקייט, מאַנגעל אין לופט און ליכט. ארומגעקוקט די קאַמערן, בין איך אַוועק אין שפּיטאָל. אריינקומענדיג אין ערשטען קאַמער פון שפּיטאָל, האָב איך ניט ווילענדיג אַ שפּרונג געטאָן צוריק, ערשטווינט פון אַן אונגלויבליכען געשטאַנק... סאַר־טירן זיינען אַ קאָמפּאָרטאַבעלע לוקסוס וואוינונג, אין פאַרגלייך מיט אָט דעם שפּיטאָל... א ו מ ע ט ו ם א י ב ע ר ש ט י י ג ט די צ אָ ה ל א ר ע ס ט א נ ט ע ן ד ר י י מ אָ ל ד י צ אָ ה ל, ו ו אָ ס א י ז ע ר ל ו י ב ט נ אָ כ'ן נ ע ז ע ץ. אין ווערכניע־אודינסק, צום ביישפּיעל, איז דער אָסטראָג אויפ־געבויט געוואָרן פאר 240 מענשען, און מען האַלט אין איהם גע־וועהנליך 800" („אָטעטשעסטווענניא זאפּיסקי", 1881).

און טאַקי מחמת אזא איבערפילונג און דער פּענאָמענאַלער שמוץ האָט זיך אָנגעהויבען אין דער קיעווער געפענגנים די באַ־ריהמטע טיפוס־עפּידעמיע. עס קאָן זיין, אַן אמת, אז זי איז אין די געפענגנים פּאַרטראָגען געוואָרן, ווי די געפענגנים באַ־אַמטע האָבען באַהויפּטעט, פון געפאַנגענע טערקען, אָבער עס איז קיין ספק ניט, אז זי האָט זיך אַזוי שרעקליך אַנטוויקעלט צוליעב דער איבערפילונג פון די געפענגניסען און דער שרעקליכער שמוץ. „געביידען, וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן פאר 550 מענשען, האָבען געהאַט אין זיך צוויי מאָל אַזוי פיעל", — דערצעהלט דער קאָרעספּאָנדענט פון „גאָלאָס", אין אַ בריף פון 30טען אָקטאָ־בער 1880; ער גיט דערביי צו: „ווי באַקאַנט, זיינען די פּראָ־פעסאָרען פון אוניווערזיטעט, וואָס האָבען די געפענגנים באַ־זוכט, געקומען צום שלוס, אז די איבערפילונג איז געווען די הויפּט אורזאַך פון דער עפּידעמיע". דער צירקולאַר פון דעם הויפּט

אינספעקטאָר פון געפענגניסען (וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אַין צווייטען קאַפּיטעל) באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון אָט דעם שלום. קיין וואונדער ניט, וואָס אפילו נאָך דעם, ווי א טייל ארעסטאנטען זיינען ארויסגעפיהרט געווארן, זיינען פון די 750 מענשען, וואָס האָבען זיך געפונען אין געפענגניס, 200 נאָך אלץ גע־לעגען אין א טיפוס פיבער. עס איז אויך קיין וואונדער ניט, וואָס די שטערבליכקייט אין דער כארקאָווער געפענגניס האָט דערגרייכט אזא אונגעהייערע הויך, — עס זיינען, נעמליך, געשטאָרבען 200 מענשען פון 500, ווי דאָס האָט אָנגעוויזען דער געפענגניס גייסט־ליכער אין א דרשה, וואָס איז אפּגעדרוקט געווארן אין דער אָרטיגער „יעפּארכיאלנאיא גאזעטא", וואָס ווערט, ווי באקאנט, ארויסגעגעבען אונטער דער צענזור פון דעם אָרטיגען ערץ־בישאָף.

איך פארשטעהע גוט די שווערקייטען, וואָס עס באגעגענט אן אויסלענדער, וואָס וויל זיך באַקאַנען מיט דער אמת'ער לאגע פון רוסלאנד. אָבער וואָס גרעסער עס זיינען די שווערקייטען, אלץ גרעסערע אָנשטרענגונגען וואָלט מען, דוכט זיך, געדאַרפט מאכען צו דערגעהן דעם אמת. איינציגע אויסלענדער האָבען טאקי אזוי געטאָן. אנדערע אָבער האָבען זיך באצווינגען צו זייער אויפ־גאבע מיט אן אונפארצייהליכער לייכטזיניגקייט. און דאָך, אויב לייכטזיניגקייט איז בכלל ניט לויבענסווערט, ווערט זי כמעט פארברעכעריש, ווען זי ווייזט זיך ארוים ביים באטראכטען אזעלכע ערנסטע פראגען, און וועגען אזא לאנד, ווי רוסלאנד. אין פאר־לויף פון צוואנציג יאָהר האָט די עפענטליכע מיינונג אין רוס־לאנד אומזיסט געפאָדערט א פולשטענדיגע רעוויזירונג פון דעם גאנצען געפענגניס סיסטעם. אָבער זי האָט דאָס ניט אויסגע־פיהרט. און אונזער רעגירונג, וואָס בלייבט טויב צו אָט די אלע פאָדערונגען, דערפרעהט זיך, נאטירליך, זעהר שטארק יעדעס מאָל, ווען זי האָט א מעגליכקייט צו ענטפערן די אונצופרידענע אונ־געפעהר אזוי: „אָט האָט איהר די מיינונג פון אן אויסלענדער, וואָס וויים אלץ וועגען די געפענגניסען פון דער גאנצער וועלט! ער געפינט, אז איהר איבערטרייבט אלץ אין אייערע קלאגען: ער זאָגט, אז אונזערע געפענגניסען זיינען מיט קיין זאך ניט ערגער פון די געפענגניסען אין אנדערע מלוכות".

ווען הונדערטער טויזענטער מענשען, — מענער, פרויען און

קינדער, — קרעכצען אונטער'ן יאָך פון אונזערע געפענגנים אָרד־נונגען, מוז מען צוטרעטען צו אַזעלכע פראגען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט. און איך בעט אויפריכטיג די אויסלענדער, וואָס וועלען זיך פארנעמען מיט'ן שטודיום פון אָט די פראגען, ניט צו פארגעסען קיינמאָל, אַז יעדער פארזוך פאָרצושטעלען אין אַ מעהר-ווייניגער גינסטיגען ליכט אונזערע געפענגניסען, וועט נאָר העלפען לענגער אויפהאלטען די העסליכע פיהרונגען, וואָס ווערן איצט פראקטיצירט.

אכטער קאפיטעל.

אין די פראַנצויזישע געפענגניסען.

די געפענגנים פון סט. פאול אין ליאָן, אין וועלכער איך האָב פארבראכט די ערשטע דריי מאָנאטען פון מיין פארהאפטונג, גע־הערט ניט צו דער צאָהל פון יענע אלטע, האלב-צושטערטע און דומפיגע שלאָסען, מיט וועלכע מען באנוצט זיך נאָך אלץ אין א סך פראָווינציעלע פראנצויזישע שטעדט, צו האלטען אין זיי ארעס־טאנטען. דאָס איז א מאָדערנע געפענגניס, וואָס פרעטענדירט אויף איינעם פון די ערשטע ערטער אין דער רייה פון די דעפאר־טאמענטאלע געפענגניסען. זי פארנעמט א גרויסען שטח און איז ארומגערינגעלט מיט א טאָפּעלטען גורט פון הויכע ווענט; די געביידען פון דער געפענגנים זיינען געראם, פון מאָדערנער ארכיטעקטור און קוקען אוים ריין. ביי איהר אויסבויאונג האָט מען, ווייזט אוים, געהאט אין זינען די מאָדערנע אידעען אין דער געפענגנים פראגע; דעריבער האָט מען אויך אָנגענומען מיט־לען, אז מען זאָל זי קאָנען פארוואנדלען אין א פאָרט, אין פאל פון א בונט אין ליאָן. פונקט ווי אנדערע דעפארטאמענטאלע גע־פענגניסען, איז זי באשטימט פאר ארעסטאנטען, וואָס ווארטען אויף זייער פּראָצעס, און אויך די שוין פאראורטיילטע, וועמענס פארהאפטונגס טערמין איבערשטייגט ניט איין יאָהר. אן אונ־טערערדישע גאלעריע פארבינדט זי מיט אנאנדער גרויסער גע־פענגנים — סען זשאָזעף — אין וועלכע עס ווערן געהאלטען פרויען.

איך בין אהער אָנגעקומען אין א דעצעמבער נאכט פון טאָ־נאָן, באגלייט פון דריי זשאנדארמען. נאָך די געוועהנליכע פרא־גען האָט מען מיך אריינגעזעצט אין א צימער (פּיסטאָל), וואס

איז ספעציעל אויפגעראמט און אויסגעהייצט געווארן פאר מיר; דאָ בין איך געבליבן ביז דעם פאָלגענדיגען מערץ. פאר זעקס פראנק א מאָנאט און דריי פראנק דעם באדינער, קאָן יעדער ארעסטירטער, וואָס איז אין געפענגניס צום ערשטען מאָל, זיך דינגען א פיסטאָל פאר די גאנצע צייט פון זיין זיצען אין דער ערווארטונג פון פראָצעס און אויף אזא אופן אויסמיידען די איינצעל-קאמער. א פיסטאָל איז געוועהנליך גראמער און ריינער פון די געוועהנליכע איינצעל-קאמערן. א טיף פענסטער אונטער'ן סופית גיט גענוג ליכט; פון איין ווינקעל פון קאמער ביז'ן צווייטען, איבער'ן שטיינערנעם דיל, קאָן מען מאכען זעקס-זיבען טריט. עס איז אין איהר פאראן א בעט מיט ריינעם בעט-געוואנט און א קליין אייזערן אויוועלע, וואָס ווערט באהייצט מיט קאָקס; פאר א מענשען, וואָס איז פארנומען מיט א וועלכער עס איז ארבייט און איז געוואוינט צו איינזאמקייט, איז די פיסטאָל א גאנץ קאָמפאָרטאבלער אָרט, אויב נאָר די פארהאפטונג פארציהט זיך ניט צו לאנג.

די געוועהנליכע איינצעל-קאמערען, וואָס פארנעמען א באזונדערן פליגעל פון געפענגניס, זיינען א סך ערגער. זיי זיינען אויסגעבויט נאָכ'ן מוסטער, וואָס איז איצט אָנגענומען אומעטום אין איירָאפּא: איהר געהט אריין אין א ברייטע און הויכע גאלעריע, און פון ביידע זייטען זעהט איהר צוויי אָדער דריי עטאזשען אייזערנע באלקאָנען; אויף דער גאנצער לענג פון אָט די באלקאָנען זיינען פאראן טירען, וואָס פיהרען אין די איינצעל-קאמערען. די קאמערען זיינען צעהן פוס לאנג און פון זעקס ביז זיבען פוס ברייט און זיינען יעדערער באזאָרגט מיט אן אייזערנער בעט, א קליינעם טישעל און א קליינעם ביינקעל, — אלע פעסט צוגעשמידעטע צו די ווענט. אין דער ליאָנער געפענגניס זיינען אָט די איינצעל-קאמערען זעהר שמוציג, איבערפילט מיט וואנצען און ווערן קיינמאָל ניט באהייצט, ניט קוקענדיג אויפ'ן פייכטען קלימאט און די נעבלען, וואָס קאָנען קאָנקורירן מיט די לאָנדאָנער, אויב ניט אין קאָליר, איז אין געדיכטקייט. גאז ווערט קיינמאָל ניט אָנגעצונדען, און אויף אזא אופן איז דער ארעסטאנט פאר'משפט אויף פולשטענדיגע פינסטערניש און אונטעטיגקייט פון פינף, און אין די ווינטער אוונטען אפילו פון פיער אזיי-

גער ביז דעם קומענדיגען מאָרגען. יעדער ארעסטאַנט דאַרף אליין רייניגען זיין איינצעל־קאַמער; דאָס הייסט, אין דער פריה לאָזט ער זיך אראָפּ אין געפענגנים-הויף, וואו ער גיסט אויס און וואַשט זיין פּאַראַשאַ, מיט די אויסדאַמפונגען פון וועלכער ער אָטעמט אין פאַרלויף פון אַ גאַנצען טאָג. אפילו די איינפאַכסטע אויסבעסערונגען אויסצומיידען אָט די אונבאַקוועמליכקייט, — אויסבעסערונגען, וואָס מיר האָבען שפּעטער געפונען אין קלערוואָ (וואו די פּאַראַשאַ געפינט זיך אין וואַנט אין אַ לאָך, וואָס האָט אַ טיר אין קאָרידאָר און אַ טיר אין קאַמער), — אפילו דאָס איז נאָך ניט געווען איינגעפיהרט אין ליאָן. געוויס גיט מען די ארעס־טאַנטען ניט קיין ארבייט אין דער צייט פון פּרעלימינערער פאַר־האַפטונג, און זיי פאַרברענגען געוועהנליך גאַנצע טעג אין פול־שטענדיגער אונטעטיגקייט. דער פאַרדאַרבענדיגער איינפלוס פון דער געפענגנים הויבט זיך אָן אויף אַזאַ אופן באַלד, ווי נאָר דער ארעסטאַנט טרעט אריבער איהר שוועל.

צום גליק ווערט די פּרעלימינערע פאַרהאַפטונג אין פראַנק־רייך ניט פאַרצויגען אויף אַזאַ שרעקליך-לאַנגע צייט, ווי ביי אונז אין רוסלאַנד. אויב דער פּראָצעס איז ניט קיין קאָמפּליצירטער, באַטראַכט מען איהם געוועהנליך אין דער צייט פון די קומענדיגע אַסיזען, וואָס האָבען זייערע זיצונגען יעדע דריי חדשים. די פּראָצעסען, אין וועלכע די פּרעלימינערע פאַרהאַפטונג דויערט מעהר ווי צעהן־צוועלף מאָנאַטען, זיינען אַן אויסנאַם. וואָס אַנבאַ־טרעפט די פּראָצעסען, וואָס ווערן באַטראַכט פון די געריכטען פון דער „קאָרעקציאָנעלער פּאָליציי", ענדיגען זיי זיך געוועהנליך אַלעמאָל מיט אַ פאַראורטיילונג אין פאַרלויף פון אַ מאָנאַט אָדער אפילו צוויי וואָכען. אייניגע ארעסטאַנטען, פון צווישען די שוין פאַראורטיילטע, ווערן אויך אויפגעהאַלטען אין אָט די קאַמערען. ניט לאַנג צוריק איז דורכגעפיהרט געוואָרן אַ געזעץ, לויט וועלכען ארעסטאַנטען האָבען דאָס רעכט אָפּצוזיין זייער טערמין אין איינ־צעל־פאַרהאַפטונג, און דריי מאָנאַטען ווערן דערביי פאַררעכענט פאַר פיער. איבריגענס, איז אָט די קאַטעגאָריע פון ארעסטאַנטען זעהר קליין, ווייל פאַר יעדען באַזונדערן פאַל פאָדערט זיך אַ ספּע־ציעלע ערלויבניש פון מיניסטער.

צווישען די הויכע פליגלען פון דער שטערנפאָרמיגער גע־

פענגנים געפינען זיך קליינע הויפען, אויסגעברוקירט מיט אס־פאלט, און איינער פון זיי איז איינגעטיילט אין דריי שמאלע פא־סען פאר די איינצעל־פארשפארטע. דא שפאצירן די ארעסטאנ־טען אדער פארנעמען זיך מיט אזא ארבייט, וואס איז מעגליך אויף דער אפענער לופט. יעדען פריהמארגען האב איך געזעהן פון מיין פענסטער, ווי א פופציג ארעסטאנטען האבען זיך ארא־געלאזען אין הויף; דא האבען זיי זיך געזעצט אויפ'ן אספאל־טענעם ברוק און האבען געריבען די פאנאנדערגעוויקעלטע זייד־קאקאנעס, פון וועלכע מען באקומט שטיקלאך זייד. פון מיין פענסטער, אדער ווען איך פלעג צופעליג פארבייגעהן, האב איך אויך געזען א סך ארעסטירטע אינגלאך, וואס האבען אנגעפילט איי־נעם פון די הויפען; און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ס'זיינען שוין פון דעמאלט אן פארבייגעגאנגען עטליכע יאהר, קאן איך נאך ביז איצט ניט דערמאנען זיך וועגען אט די אינגלאך אהן א גע־פיהל פון טיפען טרויער.

די אורטיילען, וואס קינדער באקומען פון די געריכטען פון קארעקציאנעלער פאליציי (און איך וויל דא אויך באמערקען, אז זיי גיבען קיינמאל ניט ארויס קיין פריישפרעכונגען), צייכענען זיך אויס מיט מעהר גרויזאמקייט, איידער די אורטיילען פאר די דערוואקסענע. די דערוואקסענע קאנען אפקומען מיט עטליכע חדשים אדער עטליכע יאהרען פארהאפטונג; א אינגעל אבער ווערט מען פאר דעמזעלביגען פארברעך דורכאויס שיקען אין „קא־רעקציאנס הויז", וואו ער מוז זיין, ביז וואנען ער וועט ניט ווערן 18 אדער 21 יאהר אלט. ווען די פארפאלגונג פון די ליאנער אנארכיסטען האט דערגרייכט דעם קולמינאציאנס־פונקט, האט דאס ליאנער אפעלאציאנס געריכט פאראורטיילט דעם 15 יעה־ריגען אינגעל סיריע צו פארהאפטונג אין געפענגנים, ביז וואנען ער וועט ניט אלט ווערן 21 יאהר, — פאר באליידיגען די פאליציי אין א רעדע, וואס ער האט געהאלטען אויף א מיטינג. דער פאר־זיצער פון דעמזעלביגען מיטינג איז פאר דעמזעלביגען פאר־ברעך פאראורטיילט געווארן צו א יאהר געפענגנים, און איצט איז ער שוין לאנג אויף דער פריי, בעת סיריע מוז נאך אפזיצען עטליכע יאהר. אזעלכע אורטיילען זיינען גאר ניט קיין זעלטענ־הייט אין די פראנצויזישע געריכטען.

איך בין ווייניג באַקאַנט מיט די פּראָווינציעלע קאָרעקציאָנס איינריכטונגען און קאָלאָניעס פאַר מינדעריאָהריגע פאַרברעכער, און מיר קומט אויס צו הערען וועגען זיי די ווידערשפּרעכענ-דיגסטע מיינונגען. אזוי האָבען מיר איינינגע דערצעהלט, אז מען לערנט דאָרט די קינדער ערד-אַרבייט, און בכלל איז דאָרט די באהאַנדלונג נישקשה, באזונדערס פון זינט מען האָט איינגעפיהרט איינינגע רעפאָרמען. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז מיר אויס-געקומען צו הערען, אז מיט עטליכע יאָהר צוריק, אין אַ קאָרעק-ציאָנס קאָלאָניע אין דער אומגעבונג פון קלערוואָ, האָט אַ פּערזאָן, וועמען די מלוכה האָט אָפּגעגעבען קינדער אין אַרענדע, געצוואונ-גען זיי צו אַרבייטען איבער די כחות*) און האָט בכלל זיי באַ-האַנדעלט זעהר שלעכט. יעדענפאַלס איז מיר אויסגעקומען צו זעהן אין ליאָנער געפענגנים אַ באַדייטענדיגע צאָהל אינגלאַך, — דער גרעסטער טייל פון זיי „אונקאָרעגירבאַרע“ און אַנטלאָפענע פון קאָרעקציאָנס אַנשטאַלטען—און די דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט צווישען אָט די קינדער, איז געוועזען באמת שרעק-ליך. אונטער דעם יאָך פון גראָבע וועכטער, איבערגעלאָזען אָהן קיין שום מאָראַלען איינפלוס, ווערען זיי שפּעטער שטענדיגע איינ-וואוינער פון געפענגניסען, און דערגרייכענדיג די עלטערע יאָהרען, מוזען זיי אַלעמאָל ענדיגען זייער לעבען ערגעץ וואו אין אַ צענ-טראַלער געפענגנים אָדער אין ניי-קאַלעדאָניען. נאָך דעם איינ-שטימיגען עדות זאָגען פון די וועכטער און דעם גייסטליכען פון דער סט. פּאָול געפענגנים, גיבען זיך אָט די קינדער שטענדיג אָפּ מיט אַ געוויסער זינד, — אין די שלאָפצימערען, אין קירך, אין די הויפלאַך, און זעהענדיג די ערשטוינענדע צאָהל פאַרברעכען נעגען מאָראַליטעט, וואָס ווערען יעהרליך פאַרהאַנדעלט אין די פראַנצויזישע גערינכטען, מוז מען דעריבער געדענקען, אז די מלוכה אַליין האַלט אויף אין ליאָן און אין אַנדערע געפענגניסען ספּעציעלע פאַרשפּרייטער פון אַזעלכע פאַרברעכען. צוליב דעם ראַט איך ערנסט אַלע די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אויסאַרבייטען פּלענער, ווי גענזעצליך אויסצוראָטען די רעצידיוויסטען אויף ניי-גווינעיא, צו דינגען קודם כל פאַר זיך אַ פּיסטאָל אין ליאָן אויף אַ וואָך-צוויי

*) זעהט ביילאַגע ג.

און דאָרטען רעווידירען פון דאָס ניי זייערע אונזיניגע פּלענער.*) זיי וועלען זיך דעמאָלט איבערציייגען, אַז מען קאָן ניט אָנהויבען רעפארמירען דעם מענשליכען כאראקטער, ווען ער האָט זיך שוין פאָרמירט, און אַז די אמת'ע אורזאַך פון רעצידיוויזם ליגט אין די פּערוועדזיטעטען, וועמעס פארשפרייטער עס זיינען געפעננגניסען ווי די ליאָנער. פון מיין אייגענעם שטאַנדפּונקט הייסט פארשפּארען הונדערטער איינגלאַך אין אזעלכע נעסטען פון מאָראלישער אָנשטעקונג — באגעהן אַ פארברעך, וואָס איז אַ סך גרעסער, איידער וועלכער עס איז פון די, וואָס אָט די אונגליקליכע קינדער זיינען באגאנגען.

בכלל לערנען די געפעננגניסען ניט אויס די מענשען קיין עהרליכקייט, און די סט. פּאָול געפעננגנים איז ניט קיין אויסנאַהם פון דעם אַלגעמיינעם כלל. די לעקציעס פון עהרליכקייט, וואָס ווערן געגעבען פון אויבען, אונטערשיידען זיך, ווי די לעזער וועלען זעהן, וועניג וואָס פון די באַגריפען וועגען עהרליכקייט, וואָס הערשען אונטען, אין דער ארעסטאַנטען מאַסע. אין די פראנצויזישע געפעננגניסען ווערן פּראַקטיצירט צוויי פאַרשידענע סיסטעמען פון באַזאָרגען די אַרעסטאַנטען מיט שפּייז, קליידער און אַנדערע זאַכען. אין איינִיגע געפעננגניסען טרעט די מלוכה אַליין ארויס אין דער ראָל פון אַ צושטעלער פון שפּייז, קליידער און די זאכען, וואָס דער אַרעסטאַנט קאָן באַקומען פאַר אייגענע געלט אין דער געפעננגנים קראָם (ברויט, קעז, פלייש, וויין און אויך טאַבאַק פאַר די, וואָס וואַרטען אויפ'ן פּראָצעס; מעסערלאַך, קעמלאַך, בערשטלאַך, לייב יאַקלאַך, פּאַפּיר, א. אז. וו.). אין אַזאַ פּאַל האַלט די מלוכה אַליין אַיין אַ געוויסען טייל (פון דריי צעהנטעל ביז ניין צעהנטעל) פון דעם אַרעסטאַנט'ס פאַרדינסט, וואָס ער האָט פאַר זיין אַרבייט אין געפעננגנים אויף דער באַשטעלונג פון דער מלוכה אָדער פון אַ פּריוואַטען צושטעלער. דריי-צענטלאַך פון אָט דעם אַרבייטס-לוין האַלט אַיין די רעגירונגס קאַסע, אויב דער אַרעס־

---

*) דאָס גענזעץ וועגען רעצידיוויסטען, וואָס וואַלדעק־רוסאָ'ס מיניסטעריום האָט דורכגעפיהרט, איז באמת שרעקליך. און די שטערבליכקייט אין ניי־גווינעיאַ, וואוהין מען פאַרשיקט די רעצידיוויסטען, איז אַזוי גרויס, אַז יעדעס יאָהר שטאַרבט אַ ד ר י ט ע ל פון די פאַרשיקטע. אַזוי לויטעט איין אָפיציעלער באַריכט.

טאַנט געפינט זיך אין פּרעלימינערער פאַרהאַפטונג ; פינף צענט-לאַך — אויב ער איז פאַראורטיילט צום ערשטען מאָל, און זעקס, זיבען, אַכט און ניין צענטלאַך — אויב ער איז שוין געווען אין געפענגנים צוויי מאָל, דריי מאָל, א. אז. וו. אָבער איין צענטעל פון דעם אַרבייטס־לוין ווערט אַלע מאָל איבערגעלאָזען פאַר דעם אַרעסטירטען, וויפיל מאָל ער זאָל ניט האָבען אָפּגעווען אין גע־פענגנים. אין אַנדערע געפענגניסען ווערט די באַזאָרגונג פון די אַרעסטאַנטען איבערגעגעבען צו א פּריוואַטען אונטערנעמער, וואָס מוז צושטעלען אַלץ, לויט די רעגלען. דער צושטעלער באַקומט אין אַזאַ פאַל די אויבענדערמאָנטע טיילען פון אַרבייטסלוין, און אויסערדעם צאָהלט איהם נאָך די רעגירונג עטליכע סאַנטים פאַר יעדען אַרעסטאַנט. וואָס אַנבאַטרעפט יענע אַרעסטאַנטען, וואָס אַרבייטען אויף פּריוואַטע באַשטעלער פון דער פריי (באַזונדערס געניטע שוסטער, שניידער און איבערשרייבער), זיינען זיי פאַר-פליכטעט צו צאָהלען דעם געפענגנים צושטעלער א געוויסע "אויס־לייז סומע", מעהרסטענטיילס איין פראַנק (פערציג קאָפּיקעס) א טאָג, און אויף אַזאַ אופן באַפרייען זיי זיך פון דער צוואַנגס־אַרבייט אין געפענגנים.*)

די סט. פּאָל געפענגנים האַלט זיך ביים צווייטען סיסטעם: אין איהר ווערט אַלצדינג צוגעשטעלט פון דעם געפענגנים צו־שטעלער, און דערביי זיינען אַלע צוגעשטעלטע פּראָדוקטען פון דער ערגסטער קוואַליטעט. דער צושטעלער באַרויבט די אַרעס־טאַנטען אויף דעם געוויסענלאָזסטען אופן. געוויס, די שפּייז איז ניט אַזוי שלעכט, ווי זי איז אין די רוסישע געפענגניסען, דאָך איז זי גענוג שלעכט, באַזונדערס אין פאַרגלייך מיט דער, וואָס מען גיט אין קלערוואָ. דאָס ברויט איז פון א זעהר שלעכטען סאָרט, און זופּ און קאַשע פון דייז אָדער באָב זיינען אָפּטמאָל שוידערליך. אין דער געפענגנים קראָם איז אַלץ טייער און שלעכט ; בעת אין קלערוואָ האָט אונז די אַדמיניסטראַציע פון געפענגנים געגעבען

*) אַזוי ווי דאָס פאָלק אין פראַנקרייך ברעכט קיינמאָל ניט אָפּ דאָס ברויט, נאָר שניידט עס אין קליינע שטיקלאַך, מאַכט מען פאַר די אַרעס־טאַנטען באַזונדערע קליינע זיך־צונויפלייגענדע מעסערלאַך, טעמפּע, מיט פאַררונדעטע שפּיצען און אָהן אַ פּרוזשינע, וואָס זאָל אויפהאַלטען דעם געעפענטען שאַרף.

פאר דרייסיג סאנטים (12 קאפיקעס) א שטיק גוטען ביפשטעקס מיט קארטאפעל, האבען מיר אין ליאנער געפעננגים געצאהלט צוויי מאל אזוי פיל פאר א שטיקעל שלעכט געקאכטען פלייש, און אזוי איז אין אלץ.

איך קאן ניט אורטיילען פון מיינע פערזענליכע באאבאכטונ־גען, ווי ארבייט באצאהלט זיך אין דער ליאנער געפעננגים; אבער דאס וואס איך האב אויבען דערצעהלט, גיט ניט צו קיין באזונ־דערען צוטרוי צו דער עהרליכקייט פון דער גאנצער אונטערנעמונג. וואס אנבאטרעפט די קליידער, זיינען זיי זעהר שלעכט און א סך ערגער אין קוואליטעט פון די, וואס איך האב געזעהן אין קלערוואַ, כאטש דארטען זיינען זיי אויך גענוג שלעכט. מאכענדיג דעם טעגליכען שפאציר אין איינעם פון די הויפען פון דער ליאנער גע־פעננגים, איז מיר אפטמאל אויסגעקומען צו זעהן, ווי די נאר וואס פאראורטיילטע זיינען געגאנגען איבערבייטען זייערע אייגענע קליידער אויף ארעסטאנטישע, וואס דער צושטעלער האט געשיקט. דאס זיינען געווען מעהרסטענטיילס ארבייטער, ארעם, אבער דאך אנשטענדיג געקליידט, ווי עס קליידען זיך בכלל אפילו די ארימס־טע פראנצויזישע ארבייטער. אבער ווען זיי האבען זיך אנגעטאן אין דעם געפעננגים קאסטיום: א ברוינעם רעקעל, באדעקט מיט פארשידענפארביגע לאטעס, און פונקט אזעלכע פארלאטעטע הויזען, וואס זיינען זעקס צאל ווייט פון די ריעזיגע הילצערנע שיך, — האבען די ארעסטאנטען אין אט דער לעכערליכער און שענד־ליכער קליידונג געפיהלט א טיפע אינערליכע צוטומלונג. אויף אזא אופן איז דער ערשטער שריט פון דעם ארעסטאנט אין גע־פעננגים — זיך אנצוטאן אין קליידער, וואס זיינען שוין אליין פאר זיך א שטעמפעל פון ערנידריגונג.

מיר איז ניט אויסגעקומען צו באקאנען זיך נאהנטער מיט די באציהונגען צווישען דער געפעננגים אדמיניסטראציע און די קרי־מינעלע ארעסטאנטען אין די ליאנער געפעננגיסען. אבער שוין דאס אליין, וואס איך האב געזעהן, איז געווען פולשטענדיג גענוג צו איבערצייגען זיך. אז די געפעננגים וועכטער, — מעהרסטענ־טיילס אלטע פאליציי־אישע סערזשאנטען, — האבען נאך אין זיך אלע כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון דער פריהערדיגער נאפאלעאנישער פאליציי, וואס האט זיך אלע מאל אויסגעצייכענט

מיט א גראבער גרויזאמקייט. וואס אנבאטרעפט די העכערע גע־פענגנים אדמיניסטראציע, איז זי דורכגעדרונגען מיט דער פאלש־קייט, וואס כאראקטעריזירט די הערשענדיגע קלאסען פון ליאן. איך וועל דא ברענגען איין ביישפיל. דער געפענגנים דירעקטאר האט מיר א סך מאל געגעבען א פארמאלען צוזאג ניט צו קאנפיס־קירן מיינע בריף, ניט לאזענדיג מיר וויסען יעדעס מאל וועגען דעם פאקט פון קאנפיסקירונג. דאס איז געווען אלץ, וואס איך האב געפאדערט אין דער הינזיכט. אבער ניט קוקענדיג אויף די אלע צוזאגען, זיינען אייניגע בריף מיינע קאנפיסקירט געווארן, און דערביי האט מען ניט געפונען פאר נויטיג מיר צו לאזען וויסען וועגען דעם, און מיין פרוי, וואס איז דאמאלט געווען קראנק, האט זיך זעהר באאונרוהיגט, ניט באקומענדיג פון מיר קיין ידיעות. איינעם פון מיינע בריף, וואס זיינען אויף אזא אופן גע׳גנב׳עט געווארן, האט מען אפילו איבערגעגעבען דעם פראקוראר פאברי־געט, וואס האט איהם פארגעלייענט אויף דער זיצונג פון אפעלא־ציאנס געריכט.

אין יעדען געפענגניס סיסטעם איז פאראן איין באזונדער־הייט, אויף וועלכע מען האט שוין לאנג געדארפט אויפמערקזאם מאכען, אבער וועלכע מען לאזט געוועהנליך איינגאנצען אויס פון זינען. די גרונד־אידעע פון אונזער שטראף סיסטעם איז אהן צווייפעל צו באשטראפען דעם מענשען, וואס איז אנערקענט גע־ווארן פאר א „פארברעכער״; אבער אין דער אמת׳ן ווערט די בא־שטראפונג מיט עטליכע יאהר געפענגניס מיט דער גאנצער לאסט ארויפגעווארפען ניט אזוי פיל אויפ׳ן „פארברעכער“, וויפיל אויף מענשען, וואס זיינען איינגאנצען אונשולדיג, דאס הייסט, אויף זיין ווייב און קינדער. ווי שווער עס זיינען ניט די באדינגונגען פון געפענגניס לעבען, איז דער מענש אזוי געמאכט, אז ער פאסט זיך סוף כל סוף צו צו זיי, און אזוי ווי ער איז ניט אימשטאנד זיי צו ענדערן, באציהט ער זיך צו זיי, ווי צו אן אונפארמיידליכע צרה. אבער עס זיינען דערביי פאראן מענשען, — דעם ארעסטירטען׳ס ווייב און קינדער, — וואס קאנען קיינמאל ניט מאכען שלום מיט דעם פארלוסט פון דעם מענשען, וואס איז גע־ווען זייער איינציגער שטיצער אין לעבען. די ריכטער און די אלערליי יוריסטען, וואס פאראורטיילען מענשען מיט אזא לייכטען

הארצען צו צוויי, דריי, פינף יאָהר געפענגניס, פארטראכטען זיי זיך דען ווען עס איז וועגען דעם שיקזאל פון דעם פראאורטייל־טענ'ס פרוי? ווייסען זיי דען, ווי קליין עס איז די פּראָפּאָרציע פון פרויען, וואָס וואָלטען געקאָנט פארדינען מעהר פון דריי אָדער פיער רובעל א וואָך? און ווייסען זיי דען, אז לעבען מיט א פאַמיליע אויף אזא פארדינסט הייסט ליידען די שווערסטע נויט מיט אלע איהרע שרעקליכע פאָלגען? האָבען זיי זיך דען פארטראכט וועגען די גייסטיגע ליידען, וואָס זיי פארשאפען דעם ארעסטאַנט'ס ווייב: די פאראכטונג פון שכנים און באקאנטע, די ליידען פון דער פרוי, וואָס פארגרעסערט נאַטירליך אין איהר פאָרשטעלונג די שווערקייטען פון דעם מאַנ'ס געפענגניס לעבען, און ווען עס קומט אויס צו קלערן ניט נאָר וועגען דעם היינטיגען טאָג, נאָר אויך אריינקוקען שטענדיג אין די פינסטערע, האָפנונגסלאָזע צוקונפט?... ווער האָט אויסגעמאָסטען אָט די אלע ליידען, און ווער האָט איבערגעצעהלט די טרערען, וואָס די פרויען פון די ארעסטאַנטען האָבען פארגאָסען?

ווען מען וואָלט כאָטש וויפיל ניט איז גענומען אין אכט די ליידען פון דעם ארעסטאַנט'ס קרובים, וואָלטען די אויטאָרען פון פלענער פון די מייסטע געפענגניסען מסתמא איינגעאָרדענט אנדערש די ערטער פאר באזוכער. זיי וואָלטען פארשטאַנען, אז די איינציגע טרייסט פון דער פרוי איז די מעגליכקייט צו זעהן כאָטש פון צייט צו צייט איהר מאַן, זיי וואָלטען איהר ניט פארשאפט קיין נייע און אינגאַנצען נוצלאָזע מאַטערניש מיט זייערע קונציגע איינפיהרונגען. ביים בויען אָט די אויפנאַמס זאַלען האָט מען, דוכט זיך, אלץ גענומען אין אכט, אויסער די געפיהלען פון דער פרוי, וועמען מען ערלויבט איינמאָל א וואָך א קוק צו טאָן אויפ'ן מאַן און זיך איבערוואַרפען מיט איהם מיט א פּאָר ווערטער.

שטעלט אייך פאָר א רונדען — געוועלבטען זאַל, וואָס איז שוואַך באלויכטען פון אויבען. אריינקומענדיג אין איהם, אין די אויפנאַמס שטונדען, וועט איהר זיך דערפיהלען בוכשטעבליך באַטויבט. די קולות פון עטליכע הונדערט מענשען, וואָס רעדען, אָדער ריכטיגער, וואָס שרייען גלייכצייטיג, הויבען זיך אויף פון אלע ווינקלען פון זאַל, אָפּשלאָגענדיג זיך אין געוועלבטען סופיט,

וואָס וואַרפט אָפּ די קלאַנגען צוריק, און זיי מישען זיך צונויף מיט דער שאַרפער פייפעריי פון די וועכטער, דעם קריצען פון די שלעס־סער און קלינגען פון שליסלען, מאַכענדיג אין אַלגעמיין אַ גיהנם׳־דיגען טומעל. אייערע אויגען דאַרפען צוערשט צוגעוואוינט ווערן צו דער האַלבער פינסטערניש, איידער איהר וועט אונטערשיידען, אַז די שטימען געהערן צו זעקס פאַרשידענע גרופּען פרויען, מענער און קינדער, וואָס שרייען גלייכצייטיג מיט אַלע כחות, כדי צו ווערן דערהערט פון די, צו וועמען זיי ווערן געווענדט. הינטער אָט די גרופּען קאָנט איהר קוים באַמערקען ביי די ווענט זעקס אַנדערע גרופּען פון מענשליכע פּנים׳ער, וועלכע עס איז זעהר שווער צו זעהן צוליב דער דראָטענער נעץ און אייזערנער גראַטע, וואָס פאַרשטעלען זיי. צוערשט קאָנט איהר ניט פאַרשטעהן, וואָס אייגענטליך דאָ קומט פאָר. דעם אַרעסטאַנט פיהרט מען אַריין, אינאיינעם מיט נאָך פיער חברים־אַרעסטאַנטען, אין אַ קליינע פינסטערע קאַנורע, וואָס איז פון פאָרענט פאַרשטעלט מיט אַן אייזערנער גראַטע און געדיכטער דראָטענער נעץ. זיינע קרובים ווערן אַריינגעפיהרט אין אַנאַנדערן עהנליכען אָרט, וואָס איז אויך פאַרצאַמט מיט אַן אייזערנער גראַטע און איז אָפּגעטיילט פון דעם אָרט אַנטקעגען מיט אַ דורכגאַנג פון אַרום דריי פוס ברייט, אין וועלכען דער וועכטער האַלט וואַך. אויף אַזאַ אופן געפינען זיך אין יעדען אָרט גלייכצייטיג פינף אַרעסטאַנטען, און אין דאָס אַנטקעגענדיגע קעמערעל ווערן אַריינגעשפּאַרט אַרום 15 מענער, פרויען און קינדער, — זייערע קרובים. די זעהונגען דויערען ניט מעהר ווי פופצעהן־צוואַנציג מינוט. אַלע רעדען מיטאַמאָל, אַלע איילען זיך צו זאָגען, וואָס זיי דאַרפען, און צווישען אָט די אַלע קולות פון וועלכע יעדער קול קלינגט אַלץ העכער און העכער, קומט אויס צו שרייען מיט אַלע קרעפטען, אויב איהר ווילט, מען זאָל אייך דערהערן. נאָך עטליכע מינוט פון אַזאַ איבונג פלעגען איך און מיין פרוי פאַרלירען די שטים, און מיר זיינען געווען געצוואונ־גען פשוט צו קוקען איינער אויפ׳ן אַנדערען שווייגענדיג; דערביי פלעג איך אַרויפקריכען איבער דער גראַטע נאָהנטער צום קליינינ־קען פענסטערעל, וואָס האָט באַלויכטעו די קאַנורע פון הינטען, כדי מיין פרוי זאָל וועניגסטענס קאָנען דערזעהן מיין פּראָפיל, וואָס האָט זיך שוואַך אויסגעטיילט אויפ׳ן גרויען פאָן פון דעם פענס־

טערעל. ארויסגעהענדיג פון דעם אויפנאמס־צימער, פלעגט זי געוועהנליך זאָגען, אז אזא זעהן זיך איז נאָר א מאטערניש.

איך וואָלט געדארפט זאָגען עטליכע ווערטער וועגען „פּאלאץ פון גערעכטיגקייט" (פּאלעי דע דזשוסטיס) אין ליאָן, וואו מען האָט אונז געהאלטען צעהן טעג אין פארלויף פון אונזער פּראָצעס. עס וואָלט אָבער דערביי אויסגעקומען צו באריהרען אזעלכע אָפּ־שטויסענדע איינצעלהייטען, אז איך האלט פאר גלייכער איבער־צוגעהן צו אנאנדער געגענשטאנד. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אז די צימערען, אין וועלכע די ארעסט רטע ווארטען אויף זייער רייהע צו ערשיינען פאר דעם געריכטס־אויספאָרשער, זיינען באַ־דעקט מיט לוזשעס פון אלערליי עקעלהאפטע פליסיגקייטען, און אז אין ליאָנער „פּאלאץ" זיינען פאראן עטליכע פינסטערע קאמע־רען, וואָס דינען א דאָפּעלטען צוועק, איינער נאָך דעם אנדערען: אמאָל דינען זיי פאר א סאָרטיר, און באלד נאָכדעם, נאָך א גאנץ לייכטער רייניגונג, זעצט מען אין זיי ווידער אריין ארעסטאנטען. קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט געזעהן אזא שמוציגע זאך, ווי אָט דער „פּאלאץ", וואָס וועט אויף אייביג בלייבען אין מיין זכרון, ווי דער פּאלאץ פון אלערליי שמוץ. מיט א געפיהל פון אמת'ער ערלייכטערונג האָב איך זיך אומגעקעהרט פון איהם צוריק אין מיין פיסטאָל, וואו איך האָב אָפּגעלעבט נאָך צוויי מאָנאטען. אזוי לאנג, ווי מיינע חברים זיינען געגאנגען אין אפּעלאציאָנס-געריכט. אָט דאָס געריכט, ווי מען האָט געקאָנט ערווארטען, האָט באשטעטיגט די אורטיילען, וואָס דאָס געריכט פון דער קאָרעקציאָ־נעלער פּאָליציי האָט ארויסגעגעבען נאָך דער אָנווייזונג פון דער רעגירונג; און אין עטליכע טעג ארום, דאָס הייסט, דעם 17־טען מערץ 1883, ביינאכט, מיט א גרויסער געהיימניספולקייט און מיט א קאָמיש גרויסען קאָרטעזש פון פּאָליציי, האָט מען אונז אָפּגע־שיקט צו דער אייזענבאהן סטאנציע. דאָ האָט מען אונז פאר־שפּארט אין איינצעל-וואגאָנען און אוועקגעשיקט אין „מעזאָן סענ־טראל" אין קלערוואָ.

עס איז נאָך צום שטוינען, ווי אלע אויסבעסערונגען אין דעם געפענגנים סיסטעם, וואָס זיינען אָהן צווייפעל אויסגעקלערט גע־וואָרן מיט'ן צוועק צו פארקלענערן א וועלכען עס איז עקזיסטי־

רענדען איבעל, באַשאַפען אַליין אַ נייע צרה און זיינען אַ קוואַל פון נייע מאַטערנישען פאַר די אַרעסטאַנטען. אַזעלכע געדאַנקען האָב איך געהאַט ווען מען האָט מיך פאַרשפּאַרט אין אַ קאַנורע פון דעם איינצעל־וואַגאָן, וואָס האָט לאַנגזאַם געצויגען אין דער ריכ־טונג פון קלערוואָ. כדי צו מאַכען אַזאַ וואַגאָן, נעמט מען אַ געוועהנ־ליכען וואַגאָן און מען בויט אין איהם פון לייכטע ווענטלאַך צוויי רייהען שאַפקעס, מיט אַ דורכגאַנג אינמיטען. איך זאָג „צוויי רייהען שאַפקעס", ווייל אַנדערש קאָן מען ניט אָנרופען אָט די קעמערלאַך, אין וועלכע אַ מענש מוז זיצען אויף אַ שמאָלען ביינ־קעל, באַריהרענדיג מיט די קניה די טיר, און מיט די עלענבויגענס די זייטיגע ווענט. מען דאַרף ניט זיין קיין באַזונדערס דיקער מענש, אַז עס זאָל זיין שווער זיך צו ריהרען אין דעם ענגען שטח, און אָטעמען אין איהם איז בוכשטעבליך ניטאָ מיט וואָס. כאָטש אין די טירען זיינען אויסגעשניטען קליינע פענסטערלאַך, וואָס זיינען פאַרקלאַפּט מיט אַן אייזערנער גראַטע, אָבער כדי די אַרעס־טאַנטען זאָלען ניט קאָנען זעהן איינער דעם צווייטען, איז דאָ פאַראַן אַ קליין טאָרטור־געצייג, אין דער פאָרם פון אַ פאַרשטעלער, וועלכען די וועכטער פאַרמאַכען, ווי נאָר זיי האָבען עמיצען פאַר־שלאָסען אין קעמערעל. אַנאַנדער אינסטרומענט צו מאַטערען איז אַן אייזערנער אויוועז, וואָס שטעהט אין דורכגאַנג צווישען די שאַפקעס, — באַזונדערס ווען די וועכטער הייצען איהם שטאַרק אָן, כדי צו קאָכען אויף איהם זייער מיטאָג. מיינע חברים-אַרעס־טירטע זיינען כמעט אַלע געווען אַרבייטער פון דער גרויסער שטאָט, וואָס זיינען געוועהנט געווען צו אַ מאַנגעל אין פרישער לופט אין די ענגע וואַרשטאַטען, האָבען זיי נאָך ווי עס איז געקאָנט דערליידען; אָבער צוויי פון אונז האָבען ניט נע'חלש'ט נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט זיי ערלויבט אַרויסצוגעהן פון אונזערע שאַפקעס און שטעהן אין דורכגאַנג. צום גליק האָט אונ־זער רייזע געדויערט אינגאַנצען ־פופצעהן שעה; אָבער איינינע פון מיינע רוסישע פריינד, וואָס זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרן פון פראַנקרייך, האָבען געמוזט פאַרברענגען מעהר פון 48 שעה אין דעם איינצעל־וואַגאָן, פאָהרענדיג פון פּאַריז צו דער שווייצער גרענעץ, ווייל מען האָט די וואַגאָנען אָפּגעטיילט פון צוג אויף אַ גאַנצע נאַכט אויף איינינע סטאַנציעס, ווען די וועכטער האָבען

געמוזט באזוכען די מאקאָנער און אנדערע געפענגניסען אויפ'ן וועג.

אָבער דאָס אונאנגענעמסטע איז דאָס, וואָס די ארעסטאנטען ווערן איינגאנצען איבערגעלאָזען אין רשות פון צוויי וועכטער; אויב די וועכטער ווילען, קאָנען זיי אויף די ארעסטאנטען אָנטאָן האנט־קייטען, בעת זיי זיינען שוין פארשלאָסען אין די שאפּקעס, און זיי טוען דאָס אָפטמאָל אָהן א פארנינפטיגער אורזאך; נאָך מעהר, זיי קאָנען נאָך שמידען די פיס פון די ארעסטאנטען מיט קייטען, וואָס זיינען צוגעשמידט צום דיל פון די שאפּקעס. אלץ העננט אָפּ פון דער גוטער אָדער שלעכטער שטימונג ביי די וועכטער, און ווי טיף זייערע פּסיכאָלאָגישע שלוסען זיינען. אין אַל־געמיין זיינען די פופצעהן שעה, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פארברענגען אין איינצעל־וואגאָן, איינע פון די ערגסטע ערא־נערונגען, סאי ביי מיר אליין, סאי ביי מיינע חברים, און מיר זיי־נען אלע געוועזן זעהר צופרידען, ווען מיר האָבען זיך ענדליך דער־זעהן אין די איינצעל־קאמערען פון דער געפענגנים אין קלערוואָ.

די צענטראלע געפענגנים אין קלערוואָ שטעהט אויף אַן אָרט, וואו עס האָט זיך אמאָל דערהויבען דער סען־בערנארדער קלויס־טער. דער גרויסער מאָנאך פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, ווע־מעס סטאטוע, אויסגעהאקט פון שטיין, זעהט זיך נאָך ביז איצט אויף איינעם פון די ארומיגע בערגלאך, מיט הענט, וואָס זיינען אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג פון דער געפענגנים, — אָט דער מאָנאך האָט עס אויסגעקליבען דעם אָרט פאר'ן קלויסטער; דער לעצטער איז געשטאנען אין א שעהנעם קליינעם טאָל, וואָס האָט געהאט אויסגעצייכענטען קוואל־וואסער, ביים ארויסגאנג פון טאָל צו דער עבענע, וואָס ווערט איריגירט פון טייך אָב. אונגעהויערע וועלדער באדעקען נאָך ביז איצט די נידריגע זייטען פון בערגלאך. פון וועלכע מען באקומט גוטע בוי־שטיינער. עטליכע קאלך־אויוענס און שמידערייען געפינען זיך ארום, און אן אייזענבאהן פון פאריז אין בעלפאָר געהט איצט דורך צוויי וויאָרסט ווייט פון געפענגנים.

אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע האָט די מלוכה קאָנפיסקירט דעם קלויסטער, און זיינע גרויסע און סאָלידע גע־ביידעס זיינען פארוואנדעלט געוואָרן, אין די ערשטע יאָהרען

פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, אין א דעפּאָ פאַר אָרימע לײַט. שפּעטער האָבען זיי באַקומען אַנאַנדער באַשטימונג, און איצט האָט מען ענדליך דעם גרויסען קלויסטער פאַרוואַנדעלט אין א „הויז פון פאַרהאַפטונג און אויסבעסערונג" („מעזאָן דע דעטענ־סיאָן ע דע קאָרעקסיאָן"), וואָס נעמט אריין ארום 1400, און אמאָל אפילו 2000 אַרעסטאַנטען. דאָס איז איינע פון די גרעסטע געפענגניסען אין פראַנקרייך, איהר אויסערליכער צאָם (מור ד'אַנסאַנט), אַן אונגעהויערע גרויסע שטיינערנע וואַנט, וואָס איז ארום 20 פוס הויך, ציהט זיך אויף פינף וויאָרסט. אינווענ־יג זיינען ניט נאָר די געפענגניס געביידען און די הייזער פאַר דער אַדמיניסטראַציע, נאָר אויך די קאַזאַרמעס פאַר די סאָלדאַטען, די גערטנער און אפילו די תבואה פעלדער. די געביידעס פון דער אייגענטליכער געפענגניס מיט איהרע צאָהלרייכע וואַרשטאַטען פאַרנעמען א קוואַדראַט פון 1200 פוס אין יעדער זייט און זיינען ארומגערינגעלט פון א צווייטער, נאָך א העכערער טאָפּל־וואַנט, וואו עס שטעהען די וואַך־היטער.

די הויכע קוימענס, פון וועלכע עס געהט טאָג און נאַכט א סך רויך, דער ריטמישער גערויש פון די מאַשינען, וואָס הערט זיך ביז שפּעט ביינאַכט, גיבען צו דער געפענגניס דעם אויסזעהן פון א קליינעם מאַנופאַקטור שטעטעל. און ווירקליך, הינטער די גע־פענגניס וועגט געפינען זיך מעהר וואַרשטאַטען, איידער אין אַנ־דערע קליינע שטעט. אזוי איז אין דער געפענגניס פאַראַן אַן אונגעהויער גרויסער וואַרשטאַט אויף צו מאַכען אייזערנע בעטען און אייזערנע מעבעל ; דער וואַרשטאַט איז באַלויכטען מיט עלעק־טריציטעט, און אין איהם אַרבייטען מעהר ווי 400 מענשען. עס זיינען פאַראַן וואַרשטאַטען אויף אויסמאַכען סאַמעט, טוך און לייוועגט ; אויף אויסמאַכען בילדער־ראַהמען, שפּיגלען און היל־צערנע מאָסען ; אויף שלייפען גלאָז און אויסאַרבייטען אַלערליי פּערלמוטערנע קלייניגקייטען פאַר פּרויען ; א שטיינהאַקונגס הויף, א דאַמף מיהל און א סך קליינע וואַרשטאַטען. אַלע קליי־דער פון די אַרעסטאַנטען ווערען פון זיי אַליין געמאַכט. די מע־כאַניזמען ווערען באַוועגט פון פיער מעכטיגע דאַמף מאַשינען און א טורבין. אַן אונגעהויער גרויסער גאַרטען און א תבואה פעלד, און אויך די קליינע גאָרטענדלאַך, וואָס געהערען צו יעדען וועכטער

און באדינער פון געפענגנים, געפינען זיך אינערהאלב איהרע ווענט און ווערן באארבייט פון די ארעסטאנטען.

ווען מען האָט דאָס אליין ניט געזעהן, איז שווער זיך פאָר־צושטעלען, וואָס פאר א מאסע צוגרייטונגען און הוצאות עס איז נויטיג אויפצוהאלטען און באשעפטיגען 1400 ארעסטאנטען. עס איז קיין ספק ניט, אז די מלוכה וואָלט קיינמאָל זיך ניט אנט־שלאָסען אויף אזעלכע אונגעהויערע הוצאות, ווען עס וואָלטען ניט געווען קיין גרייטע געביידעס אין די אלטע קלויסטערס, אין קלערוואָ, אין סען-מישעל און אנדערע ערטער. און דאָך וואָלט דער מלוכה קוים געלונגען צו אָרגאניזירן אזא גרויסע סיסטעם פון פראָדוקטיווער ארבייט, ווען זי וואָלט ניט צוגעצויגען קיין פרי־וואטע צושטעלער, אָפגעבענדיג זיי די ארבייט פון די ארעסטאנ־טען צו א זעהר נידריגען פרייז, צום פארלוסט פאר דער פרייער פריוואטער אינדוסטריע. און דאָך מוזען די לויפענדיגע הוצאות פון דער מלוכה אויפצוהאלטען די קלערוואָ׳ער און אנדערע עהנ־ליכע געפענגניסען זיין גרויס. די צאָהלרייכע און קאָסטבארע אד־מיניסטראציע (70 וועכטער, וואָס באקומען עסען און א דירה, מיט א געהאלט פון 450 ביז 650 רובעל א יאָהר; אויסערדעם איז אין דער געפענגנים אלעמאָל פאראן א ראָטע סאָלדאטען), וואָס מוז פאלען ווי א שווערע לאסט אויף דעם געפענגנים בודזשעט, שוין ניט רעדענדיג וועגען די הוצאות אויף די צענטראלע אד־מיניסטראציע, אויף איבערפיהרן ארעסטאנטען, אויף שפיטאָלען, א. אז. וו. עס ווייזט אויס, אז די אויבענדערמאָנטע אראָפרעכנונג פון א געוויסען טייל פון דעם ארעסטאנט׳ס לוין, וואָס איז אין אלגעמיין ניט העכער פון דרייסיג קאָפיקעס א טאָג אויף א מענשען, דעקט קוים אָט די אלע אונגעהֶויערע הוצאות.

ניט רעכענענדיג די פּאָליטישע, וועלכע מען שיקט אמאָל אין קלעוורא, זיינען דאָ פאראן צוויי פארשידענע קאטעגאָריעס ארעסטירטע. די מעהרהייט באשטעהט פון קרימינעלע, וואָס זיינען פאראורטיילט געוואָרן אויף מעהר ווי א יאָהר געפענגנים, נאָר אָהן קאטאָרזשנע ארבייט (די פאראורטיילטע אויף קאטאָרגא ווערן פארשיקט אין ניי־קאלעדאָניען); אָבער אויסער די קרי־מינעלע, ווערן אין קלערוואָ געוועהנליך אויפגעהאלטען עטליכע צעהנדליג סאָלדאטען, די אזוי גערופענע „דעטענסיאָנער׳ען“, וואָס

זיינען פאר'משפט פון קריגסגעריכטען. אט די ארעסטאנטען זיי־נען א טרויעריגער פראדוקט פון אונזער מיליטאריסטישען סיס־טעם. א סאלדאט, וואס האט באליידיגט אן אונטער־אפיציר אדער אן אפיציר, ווערט געוועהנליך פאר'משפט צו טויט־שטראף. אבער אויב עס ווערט באוויזען, אז ער איז פראוואצירט געווארן צו דער באליידיגונג, ווי דאס איז מעהרסטענטיילס דער פאל, פארבייט מען איהם די טויט־שטראף אויף צוואנציג יאהר געפענגניס, און מען שיקט איהם אין קלערוואַ. איך ווייס ניט, ווי אזוי דאס געשעהט, אבער עס זיינען פאראן אזעלכע „רעטענסיאנערען", וועמען עס קומט אוים אפצוזיצען צווייפאכע און דרייפאכע שטראף־טערמינען, ווארשיינליך פאר באליידיגען די באאמטע שוין זייענדיג אין געפענג־ניס. אין משך פון אונזער זיצען אין קלערוואַ האט מען א סך גערעדט וועגען איין ארעסטאנט אזא, וואס איז אלט געוועזען פערציג יאהר און האט ארום און ארום גערארפט אפזיצען נאך פינף און זעכ־ציג יאהר; ער וואלט גערארפט אפלעבען איבער הונדערט יאהר, כדי אפצוזיין זיין גאנצען טערמין. אין דעם נאציאנאלען יום־טוב, דעם 14טען יולי, האט מען איהם, לויט דעם פרעזידענט'ס א דעקרעט, אראפגענומען מיט אמאל 5 יאהר; דאך איז איהם נאך געבליבען צו זיצען פערציג יאהר. דאס קאן אויסווייזען אונוואַרשיינליך, אבער דאס איז א פאקט.

יעדערער פארשטעהט די אונזיניגקייט פון אזעלכע אורטיי־לען, און דעריבער ווערן די מיליטערישע ארעסטאנטען באפרייט פון יענע שטרענגקייטען, צו וועלכע עס זיינען אונטערווארפען די איבריגע ארעסטאנטען. זיי זיינען פריי פון צוואנג־ארבייט, און זיי ארבייטען אין די ווארשטאטען נאר דעמאלט, ווען זיי ווילען דאס אליין. מען גיט זיי גרויע קליידער, וואס זיינען פאר־העלטניסמעסיג בעסער ווי די ארעסטאנטישע, און מען ערלויבט זיי צו קויפען וויין פון דעם געפענגניס וועהרהויז. די פון זיי, וואס נעהען ניט אויף ארבייט, זיצען באזונדער און פארברענגען גאנצע יאהרען אין פולשטענדיגער אונטעטיגקייט. מען קאן זיך לייכט פארשטעלען, מיט וואס עס קאנען זיך באשעפטיגען דריי־סיג סאלדאטען, וואס האבען פארבראכט עטליכע יאהר אין די קאזארמען און זיינען איצט פארשפארט אויף צוואנציג יאהר אין געפענגניס, וואו זיי זיינען ניט פארנומען מיט קיין גייסטיגער

אָדער פיזישער ארבייט. האָבען זייערע קאַמערען דעריבער אזא רעפּוטאַציע, אז די געפענגנים באַמטע וואָלטען געוועהן צופרידען, ווען אויף זיי וואָלט געקומען עפּעס א „הימעלשע שטראָף", ווי די, וואָס האָט פארניכט די ביבלישע שטעט.

וואָס אנבאטרעפט די קרימינעלע, זיינען זיי אונטערוואָרפען א סיסטעם פון צוואַנגס־ארבייט און אבסאָלוטען שווייגען. דאָס לעצטע איז, איבריגענס, אויף אזוי ווייט אוננאַטירליך, אז מען האָט פון דעם געמוזט מעהר־וועניגער זיך אָפּזאָגען. איינגאנצען פארהינדערן געשפּרעכען צווישען זיך, בעת דער ארבייט אין די ווארשטאַטען, איז פּאקטיש אונמעגליך. און אויב די אדמיני־סטראַציע וואָלט געוואָלט ניט דערלאָזען קיין געשפּרעכען אין דער צייט, ווען מען רוהט פון דער ארבייט, אָדער דאָס פּלוידערן אין די שלאָפצימערען, וואָלט זי געמוזט איינפיהרן גאנצע שטאַטען וועכ־טער און אָנווענדען די שטרענגסטע שטראַפען. דעריבער איז, אין דער צייט, ווען מיר זיינען געוועהן אין קלערוואָ, דאָס סיסטעם פון אבסאָלוטען שווייגען ביסלאַכווייז געפאַלען, און איצט, אויף וויפיעל מיר איז באַקאַנט, ווערן פארבאָטען נאָר הויכע געשפּרע־כען און קריגערייען צווישען ארעסטאַנטען.

גאַנץ פריה, — אזייגער פינף אין זומער און זעקס אין ווינ־טער, — קלינגט דער גלאָק. די ארעסטאַנטען מוזען באַלד אויפ־שטעהן פון די בעטען, צונויפוויקלען זייערע מאַטראַצען און אראָפּ־געהן אין הויף, וואו זיי שטעלען זיך אוים אין רייהען, איינטיי־לענדיג זיך אויף אָפּטיילונגען, נאָך זייערע ווארשטאַטען, מיט אן אויפזעהער אין דער שפּיץ פון יעדער אָפּטיילונג. אויף דעם באַפעהל פון דעם אויפזעהער, מאַרשירן זיי צוזאַמען, מיט לאַנג־זאַמע טריט, אין דער ריכטונג פון די ווארשטאַטען; דער אויפ־זעהער שרייט הויך אוים: „איינס, צוויי! איינס, צוויי!" און דאָס קלאַפּען פון די שווערע הילצערנע שיך קלינגט רעגעל־מעסיג אָפּ אין איינקלאַנג מיט דער קאָמאַנדע. אין עטליכע מי־נוט ארום דערהערט זיך דאָס פייפען פון די דאַמף־מאַשינען, און אין די ווארשטאַטען הויבט זיך אָן די ארבייט. ניין אזייגער (זו־מער — האַלב ניין) שטעלט די ארבייט זיך אָפּ אויף א שעה, און די ארעסטירטע מאַרשירן אין די עסצימערען. דאָ זעצען זיי זיך אויף בענקלאַך, וואָס זיינען אזוי צושטעלט, אז די ארעסטאַנ־

מען זאָלען קאָנען זעהן נאָר די רוקענס פון די, וואָס זיצען פאַר זיי, און זיי באַקומען דעם פריהשטיק. צעהן אזייגער קערן זיי זיך אום אין די וואַרשטאַטען און אַרבייטען ביז צוועלף, ווען זיי באַקומען אַן אָפּרוה אויף צעהן מינוט; דערנאָך אַרבייטען זיי ווי־דער ביז האַלב דריי, ווען אַלע אַרעסטאַנטען, וואָס זיינען איינגער פון פינף און דרייסיג יאָהר און האָבען ניט באַקומען קיין בילדונג, ווערען אויף איין שעה געשיקט אין שול.

פיער אזייגער באַקומען די אַרעסטאַנטען מיטאָג; ער פאַר־נעמט אַ האַלבע שעה, און נאָך איהם הויבט זיך אָן דער שפּאַציר אין הויף. מען שטעלט ווידער אויס די אַרעסטאַנטען א י ן ר י י ה ע ן, און זיי מאַרשירן לאַנגזאַם ארום הויף, אונטער דעם אייביגען אויסגעשריי פון די וועכטער: „איינס, צוויי!“ אָט די שפּאַצירען רופט מען אויף דער געפענגנים שפּראַך: „פּער לאַגיס דע סאָסיסאָן“. פינף אזייגער הויבט זיך ווידער אָן די אַר־בייט און דויערט ביז אכט אזייגער אין אווענט זומער, און ביז נאַכט אין די אַנדערע צייטען פון יאָהר.

ווי נאָר מען שטעלט אָפּ די מאַשינען, — געוועהנליך, זעקס אזייגער אין אווענט, און אַפילו נאָך פריהער, פון סעפּטעמבער ביז מערץ, — פאַרשליסט מען די אַרעסטאַנטען אין שלאָפצימערן. זיי קומט דעמאָלט אויס צו ליגען אין די בעטען פון האַלב זיבען אין אווענט ביז זעקס אזייגער אין דער פריה; און מיר דוכט, אַז אָט די שעה'ן פון צוואַנגס רוה זיינען פאַר דעם אַרעסטאַנט די שווערסטע צייט. אמת, מען ערלויבט זיי צו לייענען אין די בעטען ביז צוויי אזייגער, אָבער מיט אָט דער ערלויבניש קאָנען זיך באַנוצען נאָר די, וועמעס בעטען עס שטע־הען לעבען די גאַז־רעהרען. ניין אזייגער אין אווענט פאַרקלע־נערט מען דאָס ליכט. אין פאַרלויף פון דער נאַכט ווערט יעדער שלאָפצימער באַוואַכט פון אַן „ערשטען“, וואָס ווערט באַשטימט פון צווישען די אַרעסטאַנטען גופא, און וואָס מעהר אַזאַ „ער־שטער“ שפּיאָנירט און דערצעהלט אויף זיינע חברים, אַלץ מעהר רויטע בענדלאַך באַקומט ער אויף די אַרבעל פון זיין רעקעל.

זונטאָגס ווערט די אַרבייט אָפּגעשטעלט. די אַרעסטאַנטען פאַרברענגען דעם גאַנצען טאָג אין די הויפען פון דער געפענגנים, אויב דאָס וועטער ערלויבט, אָדער אין די וואַרשטאַטען, וואו זיי

קאָנען לייענען און רעדען, — נאָר ניט הויך, — אָדער אין די שול־צימערען, וואו זיי שרייבען בריוו. אן אָרקעסטער, וואָס באַשטעהט פון דרייסיג מענשען, שפּילט אויפ׳ן הויף און געהט ארויס פון דער געפענגנים וואנט אין „קור ד׳אָנער״, דאָס הייסט, אין הויף, וואו עס געפינען זיך די געביידעס פון דער אדמיניסטראציע; אין דערזעלבינער צייט מאכט די פייער־קאָמאנדע איהרע איבונגען. זעקס אזיינער מוזען אלע זיין אין בעט.

אויסער די אַרעסטירטע, וואָס זיינען פארנומען מיט ארבייטען אין די ווארשטאטען, איז נאָך פאראן די אזוי גערופענע פרייע ברינגאַדע, — דאָס הייסט, די אַרעסטאַנטען וואָס טוען פארשידענע ארבייטען הינטער די ווענט פון דער געפענגנים גופא, אָבער דאָך אינערהאלב דעם הויפּט צאַם; זיי פארנעמען זיך מיט פאַרריכטונגען, מאלער ארבייט, זעגען האָלץ, א. אז. וו. זיי באַארבייטען אויך די גערטנער פון דער געפענגנים און פון די וועכטער, באַקומענדיג פאַר דעם א לוין, וואָס איבערשטייגט ניט א פראנק א טאָג. איינינגע פון זיי ווערן אויך געשיקט אין וואלד האקען האָלץ, אָדער אָפּצוריינינגען א קאנאל, און עהנליכע ארבייטען. אין אזעלכע פאַלען האָט מען ניט מורא פאַר אנטרינונגען, ווייל אין די אויסערליכע בריגאַדע באַשטימט מען נאָר די, וועמען עס בלייבט איבער צו זיין אין קלערוואָ איינגאַנצען א מאָנאַט אָדער צוויי.

דאָס איז דאָס געוועהנליכע לעבען פון דער געפענגנים, וואָס ציהט זיך יאָהרענלאַנג אָהן דער קלענסטער ענדערונג און האָט א דערדריקענדיגע ווירקונג אויף די אַרעסטאַנטען, טאָקע מיט דער איינטאָניגקייט און דער אָפּוועזענהייט פון נייע איינדרוקען. דאָס איז א לעבען, וואָס א מענש קאָן איבערטראָגען גאַנצע יאָהרען, אָבער וואָס פארוואַנדעלט איהם, — אויב דער מענש האָט ניט קיין אנדער ציעל, אויסער דעם פּראָצעס פון לעבען, — אין א געהאָרכזאַמע מאַשין, אָהן אַן אייגענעם ווילען; א לעבען, וואָס ענדיגט זיך מיט דער אָפּטעמפּונג פון די בעסטע אייגענשאַפטען פון דער מענשליכער נאַטור און מיט דער אַנטוויקלונג פון איהרע ערגסטע זייטען; א לעבען, וואָס, אויב עס דויערט לאַנגע יאָהרען, מאַכט עס דעם געוועזענעם אַרעסטאַנט פאַר פולשטענדיג אונפעהיג צו לעבען אין א געזעלשאַפט פון פרייע מענשען.

וואָס אַנבאַטרעפט אונז, פּאָליטישע, זיינען מיר געוועזן און-

טערוואָרפען צו ספּעציעלע רעגלען: מיר זיינען געשטעלט גע־וואָרן אין די לאַגע פון די אַרעסטאַנטען, וואָס געפינען זיך אין פּרעלימינערער פאַרהאַפטונג; און פון דעמאָלט אָן איז אָט דער רעגעל אָנגעווענדעט געוואָרן אין קלערוואָ אויף די אַנאַרכיסטען פון דעם פּראָצעס פון דרייסיג, אויף דעם הערצאָג פון אָרלעאַן און אויף די סאָציאַליסטען, וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן פאַר אַנטי־מיליטערישע פּראָפּאַגאַנדאַ. מיר זיינען געגאַנגען אין די אייגענע קליידער; מען האָט אונז ניט געצוואונגען צו גאָלען זיך, און עס איז אונז געווען ערלויבט צו רויכערן. מען האָט אונז אָפּגעגעבען דריי גראַמע זאַלען און איין באַזונדערן צימער, אַבי־סעל קלענער, פאַר מיר. מען האָט אין אונזער רשות אויך אָפּגעגע־בען א קליינעם גאָרטען, א צוואַנציג קלאַפטער לאַנג און פיר קלאַפ־טער ברייט, אין וועלכען מיר האָבען זיך פאַרנומען מיט גערט־נעריי אויף א שמאָלען פּאַס ערד ביי דער וואַנט, און איך האָב זיך דאָ פון מיין אייגענער ערפאַהרונג געקאָנט איבערצייגען, ווי גוט דאָס איז צו באַאַרבייטען אינטענסיוו די ערד. ווען איך וואָלט גע־קאָנט אויסרעכענען די גאַנצע מאַסע גרינסען, וואָס מיר האָבען אַרויסגעבראַכט פון יאָהר צו יאָהר אין אונזער גאַרטען, וועלכער האָט פאַרנומען ווייניגער פון זעכציג קוואַדראַט אַרשין, וואָלט מען מיך מסתמא פאַרגעוואָרפען, אַז איך איבערטרייב.

מען האָט אונז ניט געצוואונגען צו אַרבייטען, אָבער מיינע חברים, — אַלע אַרבייטער, וואָס האָבען אין דער היים איבער־געלאָזען פאַמיליען אָהן קיין שום מיטלען צום לעבען, — זיינען געווען זעהר צופרידען מיט יעדער האַנט-אַרבייט. זיי האָבען גע־פּרואווט נייהען דאַמען־קאָרסעטען פאַר א צושטעלער אין קלערוואָ, אָבער באַלד האָבען זיי די אַרבייט געוואָרפען, זעהענדיג, אַז זיי וועלען ניט קאָנען אויסאַרבייטען מעהר פון צעהן־צוועלף קאָפּי־קעס א טאָג, נאָכדעם ווי מען וועט אַראָפּרעכענען דריי-צעהנטעל פון זייער פאַרדינסט פאַר דער מלוכה. גלייך נאָכדעם האָבען זיי זיך גענומען פאַר אַרבייט פון פּערעלמוטער; כאָטש דאָס האָט זיך באַצאָהלט אביסעל בעסער פון דער פריהערדיגער אַרבייט, אָבער די באַשטעלונגען זיינען געווען צופעליגע און זיינען געווען גענוג איינגאַנצען אויף עטליכע טעג א וואָך. די איבערפּראָדוקציע האָט אַרויסגערופען א שטיל-שטאַנד אין אָט דער מלאכה, און מיט

אַנדערע אַרבייטען האָט מען אין אונזערע קאַמערען ניט געקאָנט זיך פאַרנעמען, ווייל אַ וועלכער עס איז פאַרקער מיט די קרימי־נעלע איז געווען שטרענג פאַרבאָטען.

אויף אַזאַ אופן זיינען די הויפּט באַשעפטיגונגען פון מיינע חברים געווען לייענען און שטודירן אויסלענדישע שפּראַכען. אַר־בייטער קאָנען זיך לערנען נאָר דעמאָלט, ווען זיי פאַלען אַריין אין געפענגנים, און מיינע חברים האָבען זיך געלערענט זעהר ערנסט. דאָס שטודירן שפּראַכען האָט געהאַט אַ גרויסען ער־פאָלג, און איך האָב מיט פרייד זיך איבערצייגט אויף דעם פּראַק־טישען ביישפּיל אין קלערוואָ אין דער ריכטיגקייט פון מיין באַ־הויפּטונג, וואָס איז פריהער געווען באַגרינדעט אויף טעאָרעטישע שלוסען, — נעמליך, אַז די רוסען זיינען גאָר ניט דאָס איינציגע פאָלק, וואָס קאָן לייכט זיך אויסלערנען אויסלענדישע שפּראַכען. מיינע פראַנצויזישע חברים האָבען זעהר לייכט שטודירט די ענג־לישע, דייטשע, איטאַליענישע און שפּאַנישע שפּראַכען; איי־ניגע פון זיי האָבען באַוויזען צו באַהערשען אין דער צייט פון אַ צוויי־יאָהריגער פאַרהאַפטונג אין קלערוואָ צוויי אויסלענדישע שפּראַכען. בוכבינדעריי איז געווען אונזער באַליבטע באַשעפטי־גונג. צוערשט האָבען מיר באַנוצט אינסטרומענטען, וואָס מיר האָבען אַליין געמאַכט פון שטיקער אייזען און האָלץ, און אָנשטאָט פּרעסען האָבען מיר באַנוצט שווערע שטיינער און קליינע סטאָ־לערשע דרוקען. ווען אָבער, צום סוף פון אנזער צווייטען יאָהר אין געפענגנים, האָט מען אונז ערלויבט איינצופיהרן ביי אונז אמת'ע אינסטרומענטען, האָבען אַלע חברים זיך אויסגעלערענט בוכבינדעריי מיט יענער לייכטקייט, מיט וועלכער אינטעליגענטע אַרבייטער לערנען זיך אויס אַ נייע מלאכה, און די מעהרסטע פון אונז האָבען דערגרייכט אַ פולקאָמענהייט אין אָט דער קונסט.

אין אונזערע קאַמערען איז אַלעמאָל געווען אַ ספּעציעלער וועכטער, און ווי נאָר מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין הויף, האָט ער זיך באַלד געזעצט אויף די טרעפּ ביים טיר. ביינאַכט האָט מען אונז פאַרשלאָסען וועניגסטענס אויף זעקס אָדער זיבען שלע־סער, און פונדעסטוועגען זיינען אַלע צוויי שעה געקומען צו אונז עטליכע וועכטער, און זיי זיינען צוגעקומען צו יעדען בעט, באַ־לויכטענדיג מיט אַ לאַנטערן דעם פּנים פון דעם שלאָפענדיגען,

צו איבערצייגען זיך, אז קיינער פון אונז איז ניט פארשוואונדען. ווי נאָר די ארעסטאַנטען געהען ארויס פון די שלאָפצימערען, זיינען זיי אונטער דער שטרענגסטער, קיינמאָל ניט שוואכער ווערענדינער, אויפזיכט, און דאָס איז מעגליך נאָר דערפאר, וואָס די וועכטער האלטען איינער פאר'ן אנדערן. אין פארלויף פון צוויי יאָהר האָב איך זיך געזעהן מיט מיין פרוי אין א קליינעם צימערל, אין די ווענט פון דער געפענגנים, לעבען דער וואך-בודקע, און מיטנעמענדיג עמיצען פון די קראנקע חברים, פלעגען מיר זאלבע־דריט ארויסגעהן אויף א שפאציר אין דעם איינזאמען קליינעם פארק פון דעם דירעקטאָר, אָדער אין דעם גרויסען גאָרטען; און קיינ־מאָל, אין פארלויף פון אָט די צוויי יאָהר, האָט דער וועכטער, וואָס האָט אונז באגלייט אויף אָט די שפאצירען, ניט אראָפגענומען פון מיר קיין אויג, כאָטש נאָר אויף פינף מינוט. אזוי האָט מען באוואכט אלעמען אין אָט דער גרויסער געפענגנים.

קיין צייטונגען האָט מען אין אונזערע קאמערען ניט אריינגעלאָזען, אויסער די פעריאָדישע וויסענשאפטליכע אויסגאבען און אילוסטרירטע וואָכענבלעטער. ערשט אויפ'ן צווייטען יאָהר פון אונזער פארהאפטונג האָט מען אונז ערלויבט צו באקומען דעם פארבלאָזען „פטי זשורנאל" און די רעגירונגס צייטונג, וואָס פלעגט ארויסגעהן אין ליאָן. קיין סאָציאליסטישע ליטעראטור האָט מען, נאטירליך, ניט צוגעלאָזען, און איך האָב ניט געקאָנט באקומען אפילו קיין איין בוך פון די, וואָס איך האָב אליין אָנגעשריבען. וואָס אנבאטרעפט ליטערארישע ארבייטען, זיינען אלע מאנוסקריפטען, וואָס איך האָב געשיקט פון געפענגנים, אויפ'ן שטרענגסטען אופן קאָנטראָלירט געוואָרן. ארטיקלען איבער סאָציאלע פראגען, באזונדערס וועגען רוסישע ענינים, האָט מען ניט ארויסגעלאָזען פון די געפענגנים ווענט. קרימינעלע פארברעכער ווערט ערלויבט צו שרייבען בריף איין מאָל א מאָנאט, און דאָס נאָר צו די נאָ־הענטסטע קרובים, אָבער אונז האָט מען ערלויבט צו קאָרעספאָנדירן מיט אונזערע פריינד, וויפיעל מיר האָבען געוואָלט; אָבער אלע בריף, ווי די ארויסגעשיקטע, אזוי אויך די באקומענע, זיינען געווען אונטער דער שטרענגסטער צענזור, און דאָס האָט פאר־אורזאכט שטענדיגע קאָנפליקטען מיט דער געפענגנים אדמיני־סטראציע.

שפייז האָט מען, אין מיין מיינונג, געגעבען ניט גענוג. די טעגליכע פּאָרציע איז באשטאנען הויפּטזעכליך פון ברויט, וועלכען מען האָט ארויסגעגעבען צו 850 גראם (א פונט און דריי פערטעל) א טאָג אויף א מענשען. דאָס ברויט איז פון גרויען קאָליר (פון קאָרן און ווייץ), פון א זעהר גוטען סאָרט; און אויב דער ערעסטאנט באקלאָגט זיך, אז די געוועהנליכע פּאָרציע איז פאר איהם ניט גענוג, דערלעגט מען איהם נאָך איינס אָדער צוויי אזעלכע לעבלאך א וואָך. דער פריהשטיק באשטעהט פון זופּ, וואָס איז געקאָכט פון א קליין ביסעל גרינס, וואסער און אמעריקאנער חזירפעטס, — דאָס לעצטע איז אָפּטמאָל ניט פריש און ביטערלאך. אויף מיטאָג ווערט געגעבען דער זעלביגער זופּ, צוזאמען מיט א טעלער (צוויי אונץ) געקאָכטע פאסאָלעס, רייז, לינזען אָדער קארטאָפעל. צוויי מאָל א וואָך גיט מען פליישיגען זופּ; און אזעלכע פאלען ווערט צו פריהשטיק געגעבען בוליאָן, און צו מיטאָג באקומען די ערעסטאנטען, אנשטאָט זופּ, צוויי אונץ געקאָכטע פלייש. צוליב אזא מאָגערער דיעטע זיינען די ערעסטאנטען געצוואונגען צו צוקויפען זיך שפּייז אין דער געפענגנים קראָם, וואו זיי קאָנען באקומען פאר א זעהר מעסיגען פּרייז (פון דריי ביז אכט קאָפּיקעס) קליינע פּאָרציעס קעז, ווארשטלאך, חזיר פלייש, און אויך מילך, פייגען, איינגעמאכטס, און זומער אויך פרוכטען. אָט די צוגעגעבענע שפּייז איז איינפאך נויטיג אויפצוהאלטען די כחות; אָבער א סך פון די ערעסטאנטען, באזונדערס די עלטערע מענשען, פארדינען אזוי ווייניג, אז נאָכדעם, ווי מען רעכענט אראָפּ א געוויסען פּראָצענט פון פאדדינסט פאר דער מלוכה, קאָנען זיי ניט אויסגעבען אפילו קיין פינף קאָפּיקעס א טאָג אויף איינקויפען אין קרעמעל. איך וואונדער זיך איינפאך, ווי אזוי זיי קאָנען עקזיסטירן.

אין קלערוואָ זיינען די ערעסטאנטען פארנומען מיט צוויי מינים ארבייט. איינינע פון זיי ארבייטען פאר דער מלוכה, פארנעמענדיג זיך מיט אויסארבייטען לייווענט, טוך און קליידער פאר די ערעסטאנטען, אָדער זיי דיענען אין דער געפענגנים גופא, ווי סטאָלארעס, מאליארעס, בוכהאלטערס, שפּיטאָל באדינער, א. אז. וו. זיי אלע פאדינען פון דרייסיג ביז פערציג קאָפּיקעס א טאָג. אָבער די מעהרסטע פון זיי ארבייטען פאר פּריוואטע אונטערנעמער אין די אויבענדערמאָנטע ווארשטאטען. זייער ארבייטסלוין, וואָס

ווערט באשטימט פון דער קאַמערץ פּאַלאַטע אין טרוא, האַלט אין איין ענדערען זיך און איז בכלל זעהר נידעריג, באַזונדערס אין די מלאכות, וואו עס איז אוממעגליך איינצושטעלען אַ באשטימטע ראַטע פון ארבייטסלוין, צוליב דער גרויסער פארשידענקייט פון אויסגעאַרבייטע מוסטערען און דער גרויסער צוטיילונג פון ארבייט. זעהר פיל פארדינען איינגאַנצען פון 35 ביז 40 קאַפּיקעס אַ טאָג; נאָר ביי דער אויסאַרבייטונג פון אייזערנע בעטען דערגרייכט דער פארדינסט ביז 80 קאַפּיקעס אַ טאָג, און אמאָל נאָך מעהר. איך האָב אויסגערעכענט, אַז דער דורכשניטליכער פארדינסט פון 125 ארעסטאַנטען, וואָס זיינען פארנומען אין פארשידענע מלאכות, איבערשטייגט ניט 44 קאַפּיקעס אַ טאָג. אָבער אָט די ציפער איז ראָך העכער פון דער דורכשניטליכער, ווייל אַ באַדייטענדע צאָהל ארעסטאַנטען פארדינען ניט מעהר פון 28 אָדער אפילו 20 קאַפּיקעס אַ טאָג, באַזונדערס אין די זאַקען ווארשטאַטען, וואוהין מען שיקט די שלאַפּע זקנים צו שטאַרבען פון אויסצערונג, וואָס אנטוויקעלט זיך שנעל פון דעם שטויב.

געווים, מען קאָן אָנווייזען אויף פארשידענע אורזאַכען, צו ערקלערען אַזאַ נידעריגען ארבייטסלוין; אַזוי, צום ביישפּיל, איז נויטיג צו נעמען אין אכט די נידעריגע קוואַליטעט פון דער גע־פענגנים ארבייט, די פאַרענדערונגען אין די מאַרק פּרייזען, א. א. וו. אָבער מען דאַרף אויך ניט פארגעסען דעם פאַקט, אַז צושטעלער, וואָס זאַמלען צונויף גרויסע פארמעגענס פון ארעסטאַנטישער אר־בייט, זיינען גאָר ניט קיין זעלטענהייט; און דאַריבער זיינען די ארעסטאַנטען פון זייער זייט גערעכט, ווען זיי באַהויפּטען, אַז מען באַרויבט זיי, ווען מען צאָהלט זיי איינגאַנצען עטליכע קאַפּיקעס פאַר אַ צוועלף־שעה'דיגען ארבייטס־טאָג. נאָך מעהר איז אַזאַ לוין ניט גענוג, ווייל אַ העלפט, און אמאָל מעהר ווי אַ העלפט, ווערט צוגענומען פון דער מלוכה, בעת די שפּייז, וואָס די מלוכה גיט די ארעסטאַנטען, ווערט זיי געגעבען אין אַ צו קליינער מאָס, באַזונ־דערס ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די ארעסטאַנטען מוזען שווער ארבייטען.

אויב דער ארעסטאַנט איז שוין איינמאָל געווען פאַר'משפּט, איידער ער איז אריינגעפאַלען אין די צענטראַלע געפענגנים, — און דאָס געשעהט זעהר אָפט, — און אויב זיין לוין איז 40 קאַפּיקעס

א טאָג, נעמט די מלוכה אראָפּ זעקס צעהנטלאך, דאָס הייסט, 24 קאָפּיקעס, און די איבעריגע 16 קאָפּיקעס ווערן איינגעטיילט אין צוויי גלייכע טיילען, פון וועלכע איינער ווערט אראָפּגערעכענט אין דעם ארעסטאַנט׳ס רעזערוו־פאָנד און ווערט איהם ארויסגעגעבען אין דעם טאָג פון זיין באפרייאונג, און דער אנדערער טייל, דאָס הייסט, 8 קאָפּיקעס, ווערט פארשריבען אויף זיין לויפענדיגען חשבון און קאָן אויסגעגעבען ווערען אויף איינקויפען אין דער געפענגנים קראָם. עס ווייזט אָבער אויס, אז אן ארבייטער קאָן ניט לעבען און ארבייטען, אויסגעבענדיג נאָר 8 קאָפּיקעס אויף נאָך שפּייז. צוליב דעם האָט מען איינגעפיהרט א סיסטעם פון „באלוינונגען״, צווישען א רובעל און דריי א מאָנאט, און אָט די באלוינונגען ווערן אינגאנצען ארויפגעטראָגען אויף דעם ארעס־טאנט׳ס לויפענדיגען חשבון. דאָס סיסטעם פון באלוינונגען האָט, ווייזט אויס, באלד געבראכט צו אלערליי מיסברויכונגען. מיר וועלען נעמען פאר א ביישפּיל אן ערפאהרענעם ארבייטער, וואָס ווערט פאר׳משפט צום דריטען מאָל, און פון וועמעס ארבייטסלוין די מלוכה פארהאלט זיבען צעהנטלאך. מיר וועלען ווייטער אָנ־נעמען, אז זיין ארבייטסלוין דערגרייכט אין פארלויף פון א מאָנאט ביז צוואנציג רובעל. די מלוכה נעמט פון אָט דעם לוין אראָפּ פערצעהן רובעל, און אויף אזא אופן ווערט אויף זיין לויפענדיגען חשבון פארשריבען נאָר דריי רובעל. צוליב דעם ווענדט זיך דער ארעסטאנט צום צושטעלער, אז ער זאָל פרייזען זיין ארבייט נאָר אין צעהן רובעל, זאָל איהם דערפאר ארייננשרייבען פינף רובעל „באלוינונג״. דער צושטעלער נעמט אָן דעם פאָרשלאָג, און די מלוכה באקומט פון דעם ארעסטאנט׳ס ארבייט אינגאנצען זיבען רובעל; דער צושטעלער צאָהלט פאר די ארבייט, אָנשטאָט צוואנ־ציג, נאָר פופצעהן רובעל; און דער ארעסטאנט באקומט נאָך פינף רובעל באלוינונג, אויסער די אָנדערהאלבען רובעל, וואָס זיינען פארשריבען אויף זיין לויפענדיגען חשבון, אזוי, אז זיין איינקונפט אויפ׳ן לויפענדיגען חשבון דערגרייכט ביז זעקס און א האלב רובעל, אָנשטאָט דריי. אויף אזא אופן זיינען אלע צופרידענגעשטעלט און אויב די מלוכה פארלירט אויף אָט דער אָפּעראציע זיבען רובעל, איז אלץ ערגער פאר איהר!

דעם ארעסטאנט׳ס לעבען ווערט נאָך ערגער, ווען מען נעמט

אין אַכט דעם גרויסען פארפיהרער פון דעם מענשליכען מין, טאַבאַק. רויכערן איז שטרענג פארבאָטען אין געפענגניס, און די רויכערער ווערן באשטראָפט מיט א פארלוסט פון 20 קאָפּיקעס ביז צוויי רובעל יעדעס מאָל, ווען מען כאַפּט זיי ביים פארברעכען. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, רויכערן אָדער קייען טאַבאַק כמעט אַלע אין געפענגניס. טאַבאַק איז אַ טויש־ווערט, און דערצו נאָך אַזא הויכער, אז איין פּאַפּיראָס, דאָס הייסט, עטליכע ציהען, ווערט אָפּגעשאַצט אין 8 קאָפּיקעס, און פּאַר א פּאַקעט טאַבאַק, וואָס קאָסט אויף דער פריי 20 קאָפּיקעס, צאָהלט מען צוויי רובעל און אפילו מעהר, אויב עס איז פאראַן אַ מאַנגעל. אַט דער טייערער פּראָדוקט האָט אַזא הויכען ווערט אין געפענגניס, אז א קליין ביסעל טאַבאַק קייט מען צוערשט, דערנאָך טריקענט מען דאָס אויס און מען רויכערט, און ענדליך ווערט דער אש פארברויכט ווי שמעק־טאַבאַק. עס פארשטעהט זיך, אז עס זיינען פאראַן צושטעלער פון ארבייט, וואָס עקספּלואַטירען אַט די מענשליכע שוואַכקייט און צאָהלען פּאַר א העלפט ארבייט מיט טאַבאַק נאָך די אויבען אָנגעוויזענע פּרייזען. עס געפינען זיך אויך צווישען די וועכטער מענשען, וואָס מיאוסען זיך ניט מיט אַט דעם פּראָפּיטאַבעלען האַנדעל. בכלל איז דער פארבאָט צו רויכערן א קוואַל פון אַזוי פיל שלעכטס, אז די פראַנצויזישע געפענגניס אדמיניסטראַציע וועט מסתמא אינ־גיכען נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון דער דייטשער און וועט ערלויבען צו פארקויפען טאַבאַק אין די געפענגניס קרעמלעך. אַזא מיטעל וועט אָהן צווייפעל אויך פיהרען צו א פארקלענערונג פון דער צאָהל רויכערער צווישען די ארעסטאַנטען.

מיר זיינען אָנגעקומען אין קלערוואָ אין א גאַנץ גינסטיגען מאָמענט. די גאַנצע אַלטע געפענגניס אדמיניסטראַציע איז ניט לאַנג צוריק אָנטלאָסען געוואָרן, און די באהאַנדלונג פון די ארעסטאַנטען איז געווארן וועניגער גרויזאַם. מיט א יאָהר אָדער צוויי פאַר אונזער אָנקומען איז איין ארעסטאַנט ערמאָרדעט גע־וואָרן אין אַן איינצעל־קאַמער. די וועכטער האָבען איהם ער־מאָרדעט מיט די שליסלען. לויט דעם אָפיציעלען באריכט, איז דער ארעסטאַנט באַנאַנגען זעלבסטמאָרד, אויפהענגענדיג זיך; אָבער דער געפענגניס ארצט האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבען דעם באריכט און האָט אָנגעגעבען א באַזונדערע ערקלערונג, אין וועלכער

ער האָט אָנגעוויזען, אז נאָך זיין מיינונג האָט מען דעם ארעסטאַנט ערמאָרדעט. אָט דער פאַקט האָט געפיהרט צו א ראדיקאלער רעפאָרם אין דער באהאנדלונג פון די ארעסטאַנטען, און איך באַשטעטיג מיט צופרידענהייט, אז אין קלערוואָ זיינען די באציהונגען צווישען די ארעסטאַנטען און וועכטער א סך בעסער, איידער אין ליאָן. עס איז דאָ געווען וועניגער גראָבקייט און מעהר מענשליכקייט, איידער איך האָב ערווארט צו געפינען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס סיסטעם איז אליין פאר זיך שלעכט און מוז אומפארמיידליך פיהרן צו די פאַטאלסטע רעזולטאַטען.

עס פארשטעהט זיך, אז דער פארהעלטניסמעסיג גינסטיגער ווינט, וואָס האָט אין דער צייט געוועהט איבער קלערוואָ, קאָן זעהר שנעל זיך ענדערן צום ערגערן. דער קלענסטער סימן פון א בונט קאָן ארויסרופען א שארפע איבערקערעניש, באזונדערס נאָך דערפאר, וואָס עס זיינען פאראן ניט וועניגער וועכטער און געפענגנים אינספעקטאָרען, וואָס בענקען נאָכן „אלטען סיסטעם”, וועלכע בלייבט נאָך אין קראַפט אין די אנדערע פראנצויזישע געפענגניסען. אזוי, צום ביישפיל, ווען מיר זיינען שוין געווען אין קלערוואָ, איז אהין צוגעשיקט געווארן אן ארעסטאַנט פון פואסי, דער צענטראלער געפענגנים, וואָס געפינט זיך לעבען פאריז. ער האָט געהאלטען דעם ווערדיקט פון געריכט פאר ניט גערעכט און האָט גאַנצע טעג געשריען אין זיין צעל. אייגענטליך זיינען ביי איהם געווען אלע סימנים פון אן אָנהויב פון משוגעת. אָבער די געפענגנים באַאַמטע אין פואסי, כדי צו צווינגען איהם אנשוויגען צו ווערן, האָבען ניט געפונען קיין בעסערן מיטעל, ווי צו שטעלען ביי די טירן פון זיין קאַמער א פייער לעש־מאשין און באגיסען איהם מיט וואסער; דערנאָך האָט מען איהם איבערגעלאָזען, אינגאַנצען א נאַסען, אין זיין צעל, ניט קוקענדיג אויף דעם ווינטערדיגען פראָסט. די פרעסע האָט זיך געמוזט אריינמישען, אז דער דירעקטאָר פון דער געפענגנים אין פואסי, וואָס איז שולדיג געווען אין דעם בארבאריזם, זאָל אנטלאסען ווערן. די צאָהלרייכע בונטען, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען אין די יאָהרען 1883—1885 כמעט אין אלע פראנצויזישע געפענגניסען, ווייזען, איבריגענס, אז דאָס „אלטע סיסטעם” איז נאָך ביז איצט אין פולען גאַנג.

איך האָב אויבען געזאָגט, אז די באַציהונגען צווישען די ארעס־

טאנטען און וועכטער אין קלערוואַ זיינען געוועזן בעסער, איידער אין ליאָן. א סך קאפּיטלען וואָלט מען געקאָנט ווידמען אָט דער פראגע, אָבער איך וועל פּרואוון זיך פּאסען אזוי קורץ ווי מעגליך און וועל נאָר אָנווייזען אויף די הויפּט שטריכען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דאָס לאנגע צוזאמענלעבען פון די וועכטער און דער כאראקטער גופא פון זייער דינסט האָבען אנטוויקעלט צווישען זיי א געוויסען קאָאָפּעראטיווען גייסט, צוליב וועלכען זיי האנדלען מיט א מערקווירדיגער אייניגקייט אין באצוג צו די ארעסטאנטען. ווי נאָר מען ברענגט צופיהרן א מענשען אין קלערוואָ, פרעגען באלד די אָרטיגע וועכטער ביי די, וואס האָבען געבראכט צופיהרן דעם נייעם: „סומי או ענסומי?" דאָס הייסט, איז דער נייער א געהאָרכזאמער, אָדער, פארקערט, א פּראָטעסטאנט? אויב דער ענטפער איז א גינסטיגער, קאָן דעם געפאנגענעמ'ס לעבען זיין פאר־העלטניסמעסיג דערטרעגליך; אין דעם פארקערטען פאל וועט ער ניט גיך זיך צושיידען מיט דער געפענגניס, און אפילו ווען מען לאָזט איהם ארויס אויף דער פריי, קומט ער געוועהנליך ארויס מיט א צושטערטען געזונט און מיט אזא האַס קעגען דער געזעלשאפט, אז ער פאלט באלד ווידער אריין אין געפענגנים, וואו ער ענדיגט זיינע טעג, — אויב נאָר מען פארשיקט איהם ניט אין ניי־קאלעדאָניען.

אויב דער ארעסטאנט ווערט פון די וועכטער אַטעסטירט ווי א „ניט געהאָרכזאמער", שיט זיך אויף איהם א האָגעל פון שטראָפען. אויב ער רעדט אין די רייהען, מעג ער רעדען ניט העכער פון אנ־דערע, וועט מען איהם אויסרעדען אין אזא פאָרם, אז ער וועט ענט־פערן און וועט דערפאר באשטראָפט ווערן; און יעדע באשטראָ־פונג וועט מיט איהר שווערקייט אזוי ניט אנטשפּרעכען דעם פאר־פארברעך, אז ער וועט פּראָטעסטירן יעדעס מאָל, און פאר דעם וועט מען איהם טאָפּעלט באשטראָפען. — „ביי אונז, ווען עמיצער פאלט איין מאָל אריין אין קאָרעקציאָנס אָפּטיילונג, איז ווי נאָר מען וועט איהם פון דאָרטען ארויסלאָזען, וועט ער ווידער אריינ־פאלען אין עטליכע טעג ארום". אזוי רעדען די וועכטער, אפילו די נוטמוטיגסטע צווישען זיי. און די באשטראָפונג מיט דער קאָרעק־ציאָנס אָפּטיילונג איז ווייט ניט פון די לייכטסטע.

מען שלאָגט דאָרט ניט די מענשען; מען וואַרפט זיי ניט אום מיט קלעפּ אויף דער ערד. מיר זיינען צופיל ציוויליזירט פאר

זעלבע גרויזאמקייטען. דעם באשטראפטען פיהרט מען איינפאך אין איינצעלנעם קאמער און מען פארשפארט איהם דארטען. אין דער צעל איז ניטא גארנישט: ניט קיין בעט, ניט קיין בענקעל. אויף דער נאכט גיט מען א מאטראץ, און זיינע קליידער מוז דער ארעסטאנט איבערלאזען הינטער די טירען פון דער צעל. די שפייז באשטעהט נאר פון ברויט מיט וואסער. ווי נאר עס קלינגט אין דער פריה דער געפענגנים־גלאק, פיהרט מען ארויס דעם ארעסטאנט אין א באזונדערע שטאל, און דארטען מוז ער — ארומגעהן. מעהר גארנישט! אבער אונזער ראפינירטע ציוויליזאציע האט געקאנט מאכען א מאטערניש אפילו פון אט דער נאטירליכער באוועגונג. מיט שטילע, געמאסטענע טריט, אונטער די אייביגע אויסגעשרייען: „איינס—צוויי! איינס—צוויי!" מוזען די אומגליקליכע געהן א גאנצען טאג, אין דער לענג פון די ווענט פון שטאל. זיי שפרייזען אזוי ארום צוואנציג מינוט. דערנאך קומט אן איבעררייס, אין פארלויף פון וועלכען זיי מוזען אפזיצען צעהן מינוט אומבאוועגליך, יעדערער אויף זיין נומערירטען פלאץ; נאכדעם נעמען זיי ווידער געהן צוואנציג מינוט. און אזא מאַטערניש דויערט א גאנצען טאג, אזוי לאנג ווי עס רוישען די מאשינען פון די ווארשטאטען. און די באשטראפונג דויערט ניט איין טאג און ניט צוויי: זי דויערט גאנצע מאנאטען, אמאל יאהרען. זי איז אזוי שרעקליך, אז די אומגליקליכע בעטען נאר איינס: „ערלויבט אונז זיך אומצוקערן אין די ווארשטאטען".— „גוט, מיר וועלען דאס זעהן אין א צוויי וואכען אדער אין א מאנאט ארום", — דאס איז דער געוועהנליכער ענטפער. אבער עס געהען אריבער צוויי וואכען, דערנאך נאך צוויי וואכען, און דער אומגליקליכער ארעסטאנט האלט אלץ אין איין שפאַצירען צו צוועלף און דרייצעהן שעה א טאג. ענדליך האלט ער ניט אויס און נעמט הויך שרייען אין זיין קאמער און באליידיגען די וועכטער. דעמאלט דערהויבט מען איהם צום ראנג פון א „בונטאווטשיק", — א טיטעל, וואס איז זעהר געפעהרליך פאר יעדען איינעם, וואס איז נאר אריינגעפאלען אין די הענט פון די וועכטער: ער וועט פארפוילט ווערען אין איינצעלנעם קאמער און וועט אומגעהן גאנצע יאהרען. פאר ניט פאלגען וועט מען איהם פארטאפלען און פארדרייפאכען דעם געפענגנים טער־

מין אין קלערוואַ, און אויב ער וועט זיך אַ ווארף טאָן אויפן וועכטער, כדי איהם צו ערמאָרדען, וועט מען איהם פאר׳משפט׳ן צו קאטאָרגא, אָבער אין ניי־קאַלעדאָניען וועט מען איהם ניט שיקען: ער וועט דאָך מוזען צוערשט אָפּזיין דעם גאַנצען טער־מין אין קלערוואַ. ער וועט בלייבען אין זיין איינצעל־קאַמער און וועט ווי פריהער געהן ארום די נומערירטע פּלעצער... אין פארלויף פון אונזער זיין אין קלערוואַ האָט איין ארעסטאַנט, אַ פּויער, ניט זעהענדיג קיין אויסגאַנג פון דער שרעקליכער לאַגע, באַשלאָסען בעסער צו פאר׳סם׳ען זיך: ער האָט אויפגעגעסען אַלע זיינע עקסקרעמענטען און איז אינגיכען געשטאָרבען אין שרעקליכע מאַטערנישען.

ווען איך פלעג מיט מיין פרוי ארויסגעהן אויף אַ שפּאַציר אין גאָרטען, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דער אָפּטיילונג פון די איינצעל קאַמערען, פלעגען זיך אַמאָל דערטראָגען צו אונז פון דאָרטען שרעקליכע, פארצווייפעלטע געשרייען. מיין פרוי, דערהערענדיג זיי צום ערשטען מאָל, האָט זיך דערשראָקען און צי־טערנדיג מיך אָנגעכאַפּט פאר דער האַנט, און איך האָב איהר דערצעהלט, אַז דאָס זיינען געשרייען פון אַן ארעסטאַנט, וועמען מען פלעגט אָפּגיסען מיט וואַסער פון דער לעש־מאַשין אין פּואַסי, און וועמען מען האָט איצט, טראָץ דעם געזעץ, אריבערגעפיהרט אהער אין קלערוואַ. אַמאָל פלעגט ער שרייען אָהן אויפהער צוויי־דריי טעג נאָכאַנאַנד: „וואַשע, גרעדען, אַסאַסען!” (וואַ־שע — קיה, אַזוי רופט מען אויף דעם געפענגניש זשאַרגאָן די וועכטער), אָדער ער פלעגט הויך אויסשרייען די געשיכטע פון זיין פאר׳משפט׳ונג, ביז וואַנען ער פלעגט אַנידערפאַלען אויף דער ערד אַ מידער. ער האָט, פארשטעהט זיך, פּראָטעסטירט גע־גען דער פארשפּארונג אין דער קאָרעקציאָנעלער אָפּטיילונג אין קלערוואַ און האָט הויך ערקלערט, אַז ער וועט טויטען דעם וועכטער, אבי ניט בלייבען דאָס גאַנצע לעבען אין איינצעל־קאַמער. דערנאָך איז ער אַנשווינגען געוואָרן אויף צוויי מאָ־נאַטען. דער געפענגנים אינספּעקטאָר האָט איהם אָנגעטייט, אַז מען וועט איהם אפשר ערלויבען געהן אין די ווארשטאַטען נאָך דעם 14טען יולי. אָבער אָט איז אריבערגעגאַנגען אויך דער נאַ־ציאָנאַלער יום טוב פון 14טען יולי, און דעם אומגליקליכען האָט

מען דאָך ניט באפרייט. דעמאָלט איז ער דערגאנגען ביז פאר־צווייפלונג: ער האָט געיאָמערט, געשימפט און אויף אלערליי אופנים באליידיגט די וועכטער, צושטערט די הילצערנע טיילען פון זיין קאמער און איז ענדליך ארייננגעזעצט געוואָרן אין קארצער, וואו מען האָט איהם אָנגעטאָן שווערע קייטען אויף די הענט און פיס. איך אליין האָב די קייטען ניט געזעהן, אָבער ווען ער איז ווידער ערשינען אין דער אָפטיילונג פון איינצעל־קאמערען, האָט ער הויך אויסגעשריען, אז מען האָט איהם געהאלטען צוויי מאָנאטען אין אזעלכע שווערע הענט און פיס קייטען, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט באוועגען. ער איז שוין דעמאָלט געווען האלב־משוגע, און מען וועט איהם האלטען אין איינצעל־קאמער, ביז וואנען ער וועט אינגאנצען ניט משוגע ווערן... דעמאָלט וועט מען איהם פייניגען מיט די אלע מאטערנישען, וועלכע עס מוזען אריבערטראגען די משוגעים אין די געפענגנישען און אין די דול־הייזער...

און אָט שטעהט פאר אונז אין איהר גאנצער גרויס אן אומ־געהויערע אויפגאבע — ווי אזוי מאכט מען א סוף צו אלע אזעל־כע גרויזאמקייטען? די באציהונגען צווישען דער געפענגנים אדמיניסטראציע און די ארעסטאנטען אין קלערוואָ זיינען ניט דורכגעדרונגען מיט דער גראָבקייט, וואָס כאראקטעריזירט די רוסישע געפענגניסען.

און דאָך דערפיהרט דאָס אלגעמיין אנגענומענע סיסטעם פון געפענגנים פאַרהאפטונג צו אזעלכע רעזולטאטען. זיי זיינען דער אומפארמיידליכער פועל יוצא פון דעם סיסטעם גופא. אָבער צוליב וואָס אונטערוואַרפט מען מענשען צו אזעלכע מא־טערנישען? וואָס ווערט דערגרייכט דורך אזעלכע ליידען? אין וואָס פאר א ריכטונג דאַרף מען זוכען די לייזונג פון דעם אונגע־הויערן פּראָבלעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאר אונזער סיסטעם פון שטראָפען און געפענגניסען? דאָס זיינען די פראגען, וואָס אנטשטעהען אליין פון זיך ביי יעדען געוויסענהאפטיגען באָ־אָבאכטער.

עממית בטורונטו
יידישע

ניינטער קאַפּיטעל.

וועגען דער מאָראַלער ווירקונג פון געפענגניסען אויף די אַרעסטאַנטען.

די צענטראַלע געפענגנים אין קלערוואָ, וואָס איז באַשריבען געוואָרן אין פאָריגען קאַפּיטעל, קאָן באַטראַכט ווערן ווי איינער פון די טיפּישע פאַרהאַפטונגס פּלעצער. אין פראַנקרייך איז זי איינע פון די בעסטע געפענגניסען, — איך וואָלט געזאָגט, די בעסטע, ווען איך וואָלט פון עליזע רעקליו ניט געוואוסט, אַז די מיליטערישע געפענגנים אין ברעסט איז מיט קיין זאַך ניט ערגער פון דעם „צענטראַל” אין קלערוואָ. און באמת, די פאַרהאַנדלונגען אין דעם פראַנצויזישען דעפּוטאַטען־קאַמער דאָ ניט לאַנג וועגען דעם צושטאַנד פון די פאַרהאַפטונגס פּלעצער, און אויך די בונטען, וואָס זיינען אויסגעבראָכען אין 1886 כמעט אין אַלע גרויסע פראַנצויזישע געפענגניסען, באַווייזען, אַז די מעהרהייט פון אָט די איינריכטונגען זיינען אַ סך ערגער פון דער, מיט וועלכער אונז איז אויסגעקומען צו באַקענען זיך אויפ'ן גרונט פון דער אייגענער ערפאַהרונג אין קלערוואָ.

אויב מיר וועלען פאַרגלייכען די געפענגנים דיסציפּלין אין קלערוואָ מיט דער דיסציפּלין פון די ענגלישע געפענגניסען (אויף וויפיעל מען קאָן וועגען די לעצטע אורטיילען פון די באַריכטען פון דער געפענגנים קאָמיסיע פון 1863, און אויך פון דעם אויסגעצייכענטען בוך פון דעם אירלענדישען פּאַטריאָט מייקעל דאַוויט*), און פון די אַרבייטער פון דזשאָן קעמפּבעל**), פון אַ דאמע, וואָס שרייבט אונטער'ן פּסעוודאָנים „אַ געפענגנים אויפזועהע־

---

*) *Michael Davitt*, “Leaves from a Prison Diary,” London, 1885.
**) *John Campbell*, “Thirty Years' Experiences of a Medical Officer in the English Convict Service,” London, 1884.

רין",*) פון סער עדמונד דיו־קען,**) פון א בוך: „פינף יאָהר געפענגנים פארהאפטונג",***) און פון בריף, וואָס זיינען פאָ־ריגען יאָהר פארעפענטליכט געוואָרן אין „דיילי ניוס", אונטערגע־שריעבען „געוועזענער B. 24")‚—ויען מיר זאָלען אורטהיילען פון אָט די מאטעריאלען, וועלען מיר מוזען אָנערקענען, אז די פראנצוי־זישע צענטראלע געפענגניסען זיינען מיט קיין זאך ניט ערגער, און אין איינינע פּרטים מענשליכער פון די ענגלישע. און וואָס אָנבאטרעפט די דייטשע געפענגניסען, איז אויף וויפיעל מען קאָן אורטיילען וועגען זיי פון דער ליטעראטור און פון די דערצעה־לונגען פון מיינע דייטשע פריינד, וואָס האָבען די געפענגניסען געפיהלט אויף זיך, קאָן די באהאנדלונג פון ארעסטאנטען אין דייטשלאנד ניט פארגליכען ווערן מיט דעם רעזשים אין קלערוואָ און צייכענט זיך אוים מיט איהר גראָבקייט. וועגען די עסטריי־כישע געפענגנישען קאָן מען זאָגען, אז זיי געפינען זיך איצט אין דעם צושטאנד, אין וועלכען געפענגניסען זיינען געווען אין ענג־לאנד, פאר דער רעפאָרם פון 1863. אויף אזא אופן קאָנען מיר פריי זאָגען, אז די געפענגנים, וואָס איז באשריבען געוואָרן אין פאָריגען קאפיטעל, איז ניט נאָר ניט ערגער פון טויזענטער עהנ־ליכע איינריכטונגען, וואָס זיינען פארשפרייט איבער גאַנץ איי־ראָפּא, נאָר פארקערט, זי קאָן זיך רעכענען פאר איינע פון די בעסטע.

אויב מען וואָלט מיך געפרעגט, וועלכע רעפאָרמען מען קאָן איינפיהרען אין אָט דער געפענגנים און עהנליכע צו איהר, מיט דעם תנאי, אז זיי זאָלען פונדעסטוועגען ב ל י י ב ע ן ג ע פ ע נ ג־נ י ס ע ן, וואָלט איך געקאָנט אָנווייזען נאָר אויף איינינע טייל־ווייזע אויסבעסערונגען, וואָס וואָלטען אין אלגעמיין פיל־ווינציג פארבעסערט די לאגע פון די ארעסטאַנטען; אָבער אין דערזעל־ביגער צייט וואָלט איך געמוזט אָפען אָנערקענען, ווי שווער עס איז צו מאכען וועלכע עס איז אויסבעסערונגען, אפילו די אומבאדיי־

---

*) "Prison Characters," by a *Prison Matron*. London, 1866.

**) *Sir Edmund Du Cane,* The Punishment and Prevention of Crime.—"English Citizen" Series. London, 1885.

***) "Five Years' Penal Servitude," by *One Who Has Endured It*. London, George Rutledge and Sons.

טענדינסטע, ווען עס האנדעלט זיך וועגען איינריכטונגען, וואָס זיינען באַזירט אויף אַ פאַלשען פּרינציפּ.

מען וואָלט, צום ביישפּיעל, געקאָנט פאַרלאַנגען, אַז די ארעסטאַנטען זאָלען פאַר זייער ארבייט באַקומען אַ העכערן לוין. די געפענגנים אדמיניסטראַציע וואָלט אויף דעם מסתמא געענטפערט, אַז עס איז שווער צו געפינען פּריוואַטע אונטערנעמער, וואָס זאָלען גרייט זיין איינצואָרדנען די קאָסטבאַרע ווארשטאַטען אין געפענגנים, און צוליב דעם, וואָלט זי אַנגעוויזען, איז נויטיג ביליגע אַרבייט. פון דער אנדער זייט, וואָלט איך ניט פאַרגעשלאָגען, אַז די ארעסטאַנטען זאָלען ארבייטען אויסשליסליך פאַר דער מלוכה, ווייל איך ווייס, אַז די מלוכה וואָלט די ארעסטאַנטען ניט געצאָהלט מעהר, אויב ניט ווענינגער, ווי איינינגע צושטעלער אין קלערוואָ. די מלוכה וועט קיינמאָל ניט ריזיקירן אויסצוגעבען מיליאָנען אויף ווארשטאַטען און אויף דאַמף־מאַשינען; און אויב זי וועט זיך אָפּזאָגען פון דער באַנוצונג פון פאַרפולקאָמטע מאַשינען, וועט זי ניט זיין אימשטאַנד צו באַצאָהלען פאַר די ארעסטאַנטישע אַרבייט בעסער, איידער איצט. דאָס הייסט, אַז מען וועט דאָך מוזען קומען צו דיזעלבינגע דרייסיג אָדער פערציג קאָפּיקעס אַ טאָג. אויסער דעם, וועט די מלוכה קוים קאָנען באַשעפטיגען די ארעסטאַנטען מיט די פארשידענע מלאכות, וועלכע איך האָב אויסגערעכענט אין פאָריגען קאַפּיטעל, און אָט די פארשידענקייט פון מלאכות איז איינע פון די נויטיגע באַדינגונגען צו געפינען שטענדיגע באַשעפטיגונג פאַר די ארעסטאַנטען. אין ענגלאַנד, וואו פּריוואַט־אונטערנעמונג ווערט ניט ערלויבט אין די ווענט פון געפענגנים, איז די דורכשניטליכע פּראָדוקטיוויטעט פון יעדען ארעסטאַנט אין 1877 ניט געווען העכער פון ניין־און־צוואַנציג רובעל, און דער מאַקסימום פון פּראָדוקטיוויטעט האָט נאָר דערגרייכט ביז צוויי הונדערט רובעל.*)

---

*) ער האָט דערגרייכט זיבעציג פונט סטערלינג (זיבען הונדערט רובעל) אויף דער לוקער געפענגנים פאַרם, וואו עס זיינען געווען איינגאַנצען 42 אַרעסטאַנטען (זעה עד. דיו־קען, „באַשטראָפונג און פאַרהיטונג פון פאַרברעכען"). פון זינט אָט די שורות זיינען אָנגעשריבען געוואָרן, האָט מען אין פראַנקרייך, כמעט אומעטום, אָפּגעשאַפט די ארבייט פאַר פּריוואַטע אונטערנעמער אין די

דערנאָך וואָלט איך, פאַרשטעהט זיך, פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל אראפּנעמען דעם פאַרבאָט צו ריידען צווישען די ארעסטאנטען, ווייל אָט דער פאַרבאָט, וואָס עקזיסטירט סאי אין פראנקרייך, סאי אין ענגלאנד*), סאי אין אמעריקע, בלייבט אייגענטליך א טויט בוכשטאַב און קאָן נאָר פירן צו דעם, אז די לאַגע זאָל ווערן שווערער. איך וואָלט אויך פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל ערלויבען צו רויכערן אין געפענגנים, ווייל דאָס איז דער איינציגער מיטעל אָפּצושטעלען דעם געמיינעם געהיימען פארקויף פון אָט דעם פּראָדוקט, וואָס איז פאַרבאָטען אין די געפענגניסען, א האנדעל, וואָס ווערט פּראקטיצירט פון די וועכטער אין ענגלאנד**), אזוי גוט ווי אין פראנקרייך. אָט די רעפאָרם איז שוין איינגעפיהרט געוואָרן אין דייטשלאנד, וואו טאבאק ווערט פארקויפט אין די געפענגנים קראָמען. און אָט די רעפארם וועט געוויס פיהרן צו א פארקלענערונג פון דער צאָהל רויבערער צווישען די ארעסטאנטען. אָבער אזעלכע רעפאָרמען זיינען, נאטירליך, נאָר קליינינקייטען, וואס קאָנען ניט פאַרבעסערן אין א באדייטענדיגער מאָס אונזערע שטראָף איינריכטונגען.

כדי אויסצובעסערן זיי אויף א גרינדליכען אופן, וואָלט מען געוויס געקאָנט פאָרשלאָגען, אז אין דער שפּיץ פון יעדער געפענגנים זאָל שטעהן א פעסטאלאָצי, און זעכציג אנדערע פעסטאלאָצים זאָלען פארנעמען די ערטער פון וועכטער. איך האָב נאָר מורא, אז די געפענגנים אדמיניסטראציע קאָן מיר אויף דעם ענטפערן,ווי אלעקסאנדער דער צווייטער, וואָס האָט אנגעשריבען

געפענגניסען. די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען האַבען אויפגעהויבען די פראַגע וועגען קאָנקורענץ מצד די געפענגנים אונטערנעמער צו דער אַרבייט פון פרייע ארבייטער, און בעת די דעבאַטען האַבען די מיטגלידער פון פראנצויזישען פּאַרלאַמענט זיך ברייט באנוצט מיט אַט דעם קאַפּיטעל פון מיין בוך, צו קריטיקירן די אָרגאַניזאַציע פון פּריוואַטע ווארשטאַטען אין די געפענגניסען. אויף וויפיל מיר איז באקאנט, זיינען איצט פּריוואטע אונטערנעמער פארטריבען פון קלערוואָ; אַבער איך צווייפעל זעהר, צי די לאַגע פון די אַרעסטאַנטען האַט זיך צוליעב דעם פאַרבעסערט.

---

*) M. Davitt's “Leaves”.

**) “Five Years' Penal Servitude,” p. 61.

איינמאָל אויף אן אדמיניסטראטיווען באריכט: „וואו זאָל איך נעמען מענשען?" ווייל עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ביז וואַנען אונזערע געפענגניסען וועלען בלייבען געפענגניסען, וועט אַ פּעסטאַלאָצי זיין אַ זעלטענע אויסנאַם צווישען געפענגניס פאַרוואַלטער און וועכטער, וועמעס שטעלען וועלען, ווי פריהער, פאַרנומען ווערן פון דעמיסירטע סאָלדאַטען.

וואָס מעהר מען טראַכט וועגען טיילווייזע אויסבעסערונגען, וואָס קאָנען איינגעפיהרט ווערן, וואָס מעהר מען באַטראַכט זייער רעאַלען, פּראַקטישען ווערט, אַלץ מעהר איבערצייגט מען זיך, אז די ווייניגע פון זיי, וואָס קאָנען איינגעפיהרט ווערן, האָבען ניט קיין גרויסע באַדייטונג, און גרויסע פאַרבעסערונגען זיינען איינגאַנצען אונמעגליך ביי דעם איצטיגען סיסטעם. הייסט דאָס, אז מען מוז זוכען אַ וועלכען עס איז אַנדערן אויסוועג. דאָס איצטיגע סיסטעם איז פעהלערהאַפט אין עצם.

איינע פון די מערקווירדיגסטע זאַכען אין דעם סיסטעם פון אונזערע שטראָף איינריכטונגען איז דאָס, וואָס קוים איז אַ מענש איינמאָל געווען אין געפענגניס, זיינען פאַראַן דריי שאַנסען קעגען איינעם, אז באַלד נאָך דער באַפרייאונג וועט ער אהין ווידער אריינפאַלען. עס פאַרשטעהט זיך, אז עס זיינען פאַראַן איינציגע אויסנאַמען פון דעם כלל. אין יעדער געפענגניס וועט איהר געפינען מענשען, וואָס זיינען אהין אריינגעפאַלען צופעליג, און זייער לעבען איז געווען אַזאַ פאַטאַלע צוזאַמענטרעפונג פון אומשטענדען, וואָס האָט ארויסגערופען אַ שטורמיגע אויסערונג פון ליידענשאַפט אָדער שוואַכקייט, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זיי זיינען אריינגעפאַלען אין געפענגניס. מיר דוכט זיך, אַז יעדערער וועט איינשטימען, וועגען אַזעלכע פּערזאָנען, אַז אויב מען וואָלט זיי אינגאַנצען ניט פאַרשפּאַרט אין געפענגניסען, וואָלט די געזעלשאַפט דערפון גאַר ניט געליטען. און פונדעסטוועגען מאַטערט מען זיי אין געפענגניסען, און קיינער וועט ניט קאָנען ענטפערען אויף דער פראַגע: „צו וואָס?" זיי פאַרשטעהען אַליין די שעדליכקייט פון זייערע טאַטען, און אָט דאָס געפיהל וואָלט אָהן צווייפעל געווען אין זיי אַ סך טיפער, ווען מען וואָלט זיי אינגאַנצען ניט געהאַלטען אין געפענגניס.

די צאָהל פון אַזעלכע פּערזאָנען איז גאַר ניט אַזוי קליין, ווי

מען מיינט געוועהנליך, און די אומגערעכטיגקייט פון זייער פאר־האפטונג איז אזוי אויבענאויף, אז אין דער לעצטער צייט קערן זיך א סך אויטאָריטעטישע שטימען, צווישען זיי אויך פון ענגלישע ריכטער*), וואָס שטרייכען אונטער די נויטיגקייט צו געבען די ריכטער דאָס רעכט צו באפרייען אזעלכע פערזאָנען, ניט באַ־שטראָפענדיג זיי איינגאנצען.

אָבער די קרימינאַליסטען ווען געווים זאָגען, אז עס איז פאראן נאָך א צאָהלרייכער קלאַס פון געפענגנים באוואוינער, פאר וועלכע אונזערע שטראָף איינריכטונגען זיינען אייגענטליך באַ־שטימט. און דאָ אנשטעהט די פראַגע: אויף וויפיל אנטשפּרע־כען די געפענגניסען זייער ציל? אויף וויפיל פארבעסערן זיי? און אויף וויפיל שרעקען זיי אָן, פארהיטענדיג אויף אזא אופן די ווייטערדיגע פארלעצונג פון געזעץ**).

אויף אָט די פראַגען קאָנען ניט געגעבען ווערן קיין צוויי ענטפערס. די ציפערן באווייזען אונז גאנץ קלאָר, אז דער כלומרש'טער טאָפּעלטער איינפלוס פון די געפענגניסען, — דער איינהאלטענדיגער און דער מאָראַליש־געזונט־מאַכענדיגער, — עקזיסטירט נאָר אין דער פאַנטאַזיע פון די יוריסטען. אין פראַנקרייך זעהען מיר, אז פון צוויי פינפטעל ביז א העלפט פון אלע געשטעלטע צו א קרימינאַלען געריכט פון געשווארענע און צוויי פינפטעל פון אלע פראָצעסירטע פון דער קאָרעקציאָנעלער פּאָליציי זיינען שוין פריהער געווען אין געפענגניסען. יעדעס יאָהר ווערן ארעסטירט ניט ווייניגער פון זיבעציג ביז צוויי און זיבעציג טויזענט רעצידיוויסטען. פון 42 ביז 45 פראָצענט פון אלע מערדער, און פון 70 ביז 72 פראָצענט פון אלע גנבים, וואָס ווערן יעדעס יאָהר פארמשפּט, זיינען רעצידיוויסטען. אין די גרויסע שטעט איז אָט די פּראָפּאָרציע נאָך העכער. פון אלע

*) ווי באַקאַנט, זיינען שוין דורכגעפיהרט געוואָרן געזעצען, אין פראנקרייך (דאָס געזעץ פון בעראַנזשע) און אין ענגלאַנד, וואָס גיבען דעם ריכטער דאָס רעכט צו באפרייען דעם באשולדיגטען פון זיין שטראָף.

**) Compte Rendu Général de L'Administration de la Justice Criminelle en France en 1878 et 1879; Reinach, Les Récidivistes. Paris, 1882.

אַרעסטירטע אין פּאַריז אין 1880 זיינען מעהר ווי א פערטעל שוין מעהר ווי פיער מאָל געווען פאראורטיילט אין פארלויף פון די פריהערדיגע צעהן יאָהר. וואס אנבאטרעפט די צענטראלע געפענגניסען, איז פון אלע זייערע יעהרליך באפרייטע ארעסטאנטען פאלען פון 20 ביז 40 פּראָצענט צוריק אריין אין צענטראלע געפענגניסען שוין אין פארלויף פון דעם ערשטען יאָהר נאָך זייער באפרייאונג, — מעהרסטענטיילס, שוין אין די ערשטע מאָנאטען. די צאָהל רעצידיוויסטען וואָלט געווען נאָך גרעסער, ווען ניט דער פאקט, אז א סך באפרייטע מיידען אויס די אויפמערקזאמקייט פון דער פּאָליציי, בייטענדיג זייערע נעמען און פּראָפעסיעס; אויסערדעם, עמיגרירן א סך פון זיי אדער שטארבען באלד נאָך זייער באפרייאונג*).

די אומקערונג פון די באפרייטע צוריק אין געפענגניס איז אזא געוועהנליכע ערשיינונג אין די פראנצויזישע צענטראלע געפענגניסען, אז איהר קאָנט אָפט הערן, ווי די וועכטער ריידען צווישען זיך: „א מערקווירדיגע זאך! נ. איז נאָך ביז איצט ניט געקומען צוריק אין געפענגניס! צי דען האָט ער שוין באוויזען אריבערצוגעהן אין אנאנדער געריכטליכען באצירק?" אייניגע ארעסטאנטען, ארויסקומענדיג פון געפענגניס, וואו זיי האָבען צוליעב זייער גוטער אויפפיהרונג געהאט א וועלכע עס איז פּריווילעגירטע שטעל, — צוםביישפּיעל, אין שפּיטאָל, — בעטען געוועהנליך, מען זאָל אָט די שטעל האלטען פאר זיי ביז זייער נעקסטען צוריקקער אין געפענגניס! די אָרימע וועיסען זעהר גוט, אז זיי וועלען ניט קאָנעןביישטעהן די נסיונות, וואָס וועלען זיי באגעגענען אויף דער פריי; זיי ווייסען, אז זעהר גיך וועלען זיי צוריק אריינפאלען אין געפענגניס, וואו זיי וועלען ענדיגען זייער לעבען.

אין ענגלאנד, אויף וויפיעל מיר איז באקאנט, איז די לאגע ניט בעסער, ניט קוקענדיג אויף די אָנשטרענגונגען פון 63 „געזעלשאפטען צו העלפען די באפרייטע ארעסטאנטען". ארום 40% פון

*) „אויב מיר וועלען נעמען אין באַטראַכט די, וואָס שטאַרבען נאָך דער באפרייאונג, און די, וועמענס פארברעכען נאָכ'ן ארויסגעהן פון געפענגניס בלייבען ניט אויפגעדעקט, בלייבט אָפען די פראַגע — צי די צאָהל רעצידיוויסטען איז ניט די צאָהל פון אַלע באפרייטע פון געפענגניס?" — לאָמבראָזאָ, "L'Home Delinquente."

אַלע פאַראורטיילטע פּערזאָנען זיינען רעצידיוויסטען, און, לויט דעם עדות זאָגען פון מר. דייוויט, האָבען 95% פון אַלע קאַטאָרזש־נע אַרעסטאַנטען שוין פריהער באַקומען אַ געפענגניס בילדונג, האָ־בענדיג געווען שוין איינמאָל, און אַמאָל צוויי מאָל, אין געפענג־ניס.

נאָך מעהר, אין גאַנץ אייראָפּאַ האָט מען באַמערקט, אַז אויב אַ מענש איז אריינגעפאַלען אין געפענגניס פאַר אַ וועלכען עס איז פאַרהעלטניסמעסיג קליינעם פאַרברעך, קומט ער געוועהנליך צו־ריק, שוין אַ פאַראורטיילטער פאַר אַ פיעל וויכטיגערע זאַך. אויב דאָס איז געווען גנבה, וועט זי זיין אַ סך ראַפינירטער אין פאַר־גלייך מיט דער פריהערדיגער; אויב ער איז פריהער געווען פאַר־אורטיילט פאַר קליינע גוואַלדטאַטען, זיינען פאַראַן אַ סך שאַנ־סען, אַז נעקסטען מאָל וועט ער אריינפאַלען אין געפענגניס ווי אַ מערדער. מיט איין וואָרט, דער רעצידיוויזם איז אויסגעוואַקסען אין אַזאַ ריזינע פּראָבלעם, אַז איבער איהם ברעכען זיך דעם קאָפּ אָהן ערפאָלג די שרייבער־קרימינאַליסטען אין אייראָפּאַ; און מיר זעהען, אַז אין פראַנקרייך, אונטער דעם איינדרוק פון דער אומאוי־בערוועלטיגענדער קאָמפּליצירטקייט פון אָט דעם פּראָבלעם, ווערן ערפונדען פּלענער, וואָס האָבען אין עצם דעם צוועק צו פאַראור־טיילען אַלע רעצידיוויסטען צום טויט, דורך אויסשטאַרבען אין איינער פון די אומגעזונטסטע קאָלאָניעס פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.*)

גראַד אין דער צייט, ווען איך האָב געשריבען אָט דעם קאַפּיטעל, האָט זיך אין די פּאַריזער צייטונגען געדרוקט אַ דער־צעהלונג וועגען אַ מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פון אַ פּער־זאָן, וועלכע איז מיט אַ טאָג צוריק ארויסגעלאָזען געוואָרן פון געפענגניס. איידער אָט דער מענש איז אַרעסטירט געוואָרן צום ערשטען מאָל און איז פאַראורטיילט געוואָרן צו דרייצעהן מאָ־נאַטען געפענגניס (פאַר אַ פאַרהעלטניסמעסיג ניט וויכטיגען

*) פאַרגלייך די מערקווירדיגע ביכער פון ליאַר־קורטואַ: „סוא־ווניר פון פאַרשיקונג" און „נאָך דער פאַרשיקונג" (Liard-Curtois, "Souvenir du Bagne" et "Après le Bagne," Paris, Tosquelle, 1904-5), וואָס זיינען באַגרינדעט אויף דעם אויטאָר'ס פּערזענליכער ערפאַהרונג.

פאַרברעך), האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ פרוי, וואָס האָט גע־האַלטען אַ קליין קרעמעל. ער האָט גוט געוואוסט איהר אַרט לעבען, און באַלד נאָך זיין באַפרייאונג פון געפענגניס איז ער צו איהר אוועק אין אָוונט, פונקט ווען זי האָט פאַרמאַכט דאָס קרעמעל, האָט זי געקוילעט און געוואַלט פאַרכאַפּען די קאַסע. דער גאַנצער פּלאַן, ביז צו די קלענסטע איינצעלהייטען, איז פון דעם אַרעסטאַנט אויסגעאַרבייט געוואָרן אין געפענגניס.

אַזעלכע עפּיזאָדען זיינען ווייט ניט קיין זעלטענהייט אין דער קרימינעלער פּראַקטיק, כאָטש, נאַטירליך, ניט אַלעמאָל האָ־בען זיי אַזאַ סענסאַציאָנעלען כאַראַקטער, ווי אין דעם געגעבענעם פאַל. די שרעקליכסטע פּלענער פון די ברוטאַלסטע מאָרדען ווערן מעהרסטענטיילס ערפונדען אין די געפענגניסען, און אויב די געזעלשאַפטליכע מיינונג ווערט אויפגעבראַכט פון אַ וועלכען עס איז באַזונדערס ברוטאַלער טאַט, איז די לעצטע כמעט אַלעמאָל אַ דירעקטער אָדער אינדירעקטער רעזולטאַט פון געפענגניס ערציהונג: זי איז די אַרבייט פון אַ מענשען, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון געפענגניס, אָדער זי ווערט באַגאַנגען אונטער דער ווירקונג פון אַ וועלכען עס איז געוועזענעם אַרעסטאַנט.

ניט קוקענדיג אויף אַלע פאַרזוכען צו איזאָלירען די אַרעס־טאַנטען אָדער פאַרבאָטען געשפּרעכען צווישען זיי, בלייבען די געפענגניסען ביז איצט שולען פון פאַרברעכערישקייט. די פּלע־נער פון וואוילמיינענדיגע פילאַנטראָפּען, וואָס האָבען גע'חלומ'ט צו פאַרוואַנדלען אונזערע שטראָף איינריכטונגען אין קאַרעקציאָ־נעלע, זיינען פולשטענדיג דורכגעפאַלען. און כאָטש די אָפּי־ציעלע ליטעראַטור מיידט אויס אָט דעם געגענשטאַנד, ווערט צו־געגעבען פון יענע געפענגניס דירעקטאָרען, וואָס האָבען באַ־טראַכט דאָס געפענגניס לעבען אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, און וואָס ציהען פאָר דעם אמת צום אָפּיציעלען ליגען, אַז די גע־פענגניסען בעסערן קיינעם ניט אויס, און אַז, פאַרקערט, זיי ווירקען מעהר אָדער ווייניגער פאַרדאַרבענדיג אויף די אַלע, ווע־מען עס קומט אויס צו פאַרברענגען אין זיי עטליכע יאָהר.

און אַנדערש קאָן גאָר ניט זיין. מיר מוזען צוגעבען, אַז די רעזולטאַטען מוזען זיין פונקט אַזעלכע, אויב נאָר מיר ווע‏לען

אויפמערקזאם אנאליזירן דעם איינפלוס פון דער געפענגנים אויפ׳ן ארעסטאנט.

פריהער פון אלץ אנערקענט ניט קיינער פון די ארעסטאנטען, מיט ווייניגע אויסנאמען, די גערעכטיגקייט פון זיין פאר׳משפט׳ונג. אלע ווייסען דאס, אבער אלע באציהען זיך עפעס צו דעם צו לייכט, בעת אין אזא ניט אנערקענען ליגט א פאראורטיילונג פון אונזער גאנצער געריכטליכער סיסטעם. דער בינעזער, וואס ווערט פאראורטיילט פון דעם פאמיליען געריכט פון דער „ניט צוטיילטער משפחה" ארויסגעטריבען צו ווערן,*) אדער א טשוקטשא, וואס ווערט באיקאטירט פון זיין שטאם, אדער א פויער, וואס ווערט פאראורטיילט פון „וואסער געריכט" (א געריכט, וואס האט צו זאגען איבער איריגאציע) אין וואלענציע אדער אין טורקעסטאן, אנערקענט כמעט אלע מאל די גערעכטיגקייט פון דעם ווערדיקט, וואס זייערע ריכטער טראגען אויף זיי ארויס. אבער מען טרעפט ניט אזא זאך צווישען די איינוואוינער פון אונזערע מאדערנע געפענגניסען.

נעמט, צום ביישפיל, איינעם פון די „אריסטאקראטען" פון דער געפענגנים, וואס איז פאראורטיילט געווארן פאר א „פינאנציעלע אפעראציע", דאס הייסט, פאר אזא מין אונטערנעמונג, וואס איז אינגאנצען אויסגערעכנט געוועזן אויף די „געלטגייציגקייט און אונוויסענהייט פון דעם עולם", ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון די העלדען פון די מערקווירדיגע באשרייבונגען פון געפענגנים לעבען, וואס געהערן דער פעדער פון מייקעל דייוויט. פרואווט איבערצייגען אזא מענשען, אז ער האט געהאנדעלט ניט גערעכט, באשעפטיגענדיג זיך מיט אזעלכע אפעראציעס. ער וועט אייך מסתמא ענטפערן: „מיין הער, קליינע גנבים׳לעך פאלען ווירקליך אריין, אבער גרויסע, ווי אייך איז באקאנט, זיינען פריי און ווערן געאכטעט פון דיזעלביגע ריכטער, וואס האבען מיך פאראורטיילט". און באלד נאכדעם וועט ער אייך אנווייזען אויף א וועלכע עס איז קאמפאניע, וואס איז געגרינדעט געווארן אין „סיטי אוו לאנדאן" מיט דעם ספעציעלען צוועק צו בארויבען נאאיווע מענשען, וואס האבען גע׳חלומ׳ט וועגען רייך ווערן פון

*) פארגלייך אייזשען סימאן, „לא סיטע שינואז".

עפּעס גאָלדגרובען אין דעוואָנשיר, בליי־קוואַלען אונטער דער טעמזע, א. א. וו. אונז אַלעמען זיינען באַקאַנט אַזעלכע קאָמפּאַניעס, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס שטעהט אַלעמאָל אין ענגלאַנד א לאָרד, א גייסטליכער און אן מ. פּ. (פּאַרלאַמענט מיטגליד); מיר אַלע באַקומען זייערע פּאַרפּירערישע צירקולאַרן; מיר אַלע ווייסען, ווי אַזוי עס ווערן ארויסגעפּישט די לעצטע גראָשענס פון די קעשענעס ביי די אָרימעלייט... וואָס־זשע קאָנען מיר זאָגען, צו ענטעפערן דעם „געפענגנים אריסטאָקראַט״? אָדער מיר וועלען נעמען פאר א ביישפּיל אן אנדערן, וואס איז פאַראורטיילט געוואָרן פאר א זאך, וואס רופט זיך אויפ׳ן פראנצויזישען זשאַרגאָן „מאנזשע לאַ גרענואיל״, און וואס מיר, רוסען, רופען אָן „פאַרליבע צום קהל׳שען ביסען״, — מיט אנדערע ווערטער, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן פאַר פאַרשווענדען קהל׳שע געלט. אַזא הערר וועט אייך זאָגען: „איך בין ניט געוועזן גענוג פלינק, מיין הערר, אין דעם באַשטעהט מיין שולד.״ וואָס קאָנט איהר איהם ענטפערן, ווען איהר ווייסט גוט, וואָס פאַר ריזיגע ביסענס עס פאַרשווינדען שפּורלאָז אין די מיילער פון די יענער נאָך אַזעלכע זאכען און דערביי ווערן אָט די גאַסטראַנאָמען ניט נאָר ניט געבראַכט אין געריכט, נאָר זיי ווערן נאָך געאַכט פון דער געזעלשאַפט. „איך בין ניט געוועזן גענוג פלינק״, — וועט ער ווידערהאָלען, אַזוי לאַנג ווי ער וועט טראָגען דאָס ארעסטאַנטען־רעקעל; און צי ער וועט זיך מאַטערן אין איינצעל־קאַמער, אָדער ער וועט אויסטריקענען די דאַרטמוטער זומפּען, וועט זיין מוח אָהן אויפהער אַרבייטען אין איין און דערזעלביגער ריכטונג: ער וועט אַלץ מעהר און מעהר דערצאָרענט ווערן קעגען דער אונגערעכטיגקייט פון דער געזעלשאַפט, וואָס שפּרייט רויזען אויפ׳ן וועג פון די גענוג פלינקע און זעצט אין געפענגנים די שלימזל׳ס. און ווי נאָר ער וועט ארויסגעלאָזען ווערן פון געפענגניס, וועט ער פּרואווען ארויפקריכען אויפ׳ן העכסטען שטאַפּעל פון לייטער; ער וועט אָנווענדען אַלע גייסטיגע קרעפטען, כדי צו זיין „גענוג פלינק״, און דאָס מאָל וועט ער אַזוי איינשלינגען דעם קהל׳שען ביסען, אז מען זאָל איהם ניט כאַפּען.

איך וועל ניט באַהויפּטען, אז יעדער ארעסטאַנט קוקט אויף די פאַרברעכען, וואָס האָבען איהם געבראַכט אין געפענגנים, ווי

אויף ‏עפּעס, וואָס איז לויבענסווערט; אָבער עס איז קיין ספק ניט, אז ער רעכענט, אז ער איז מיט גאָרניט ניט ערגער פון יענע פאַב־ריקאַנטען, וואָס מאַכען אַפּעלסין זאַפט פון רעטאַך און פאַברי־צירען ויין פון וואַסער, וואָס איז געפאַרבט מיט פוקסין און גע־מישט מיט אַלקאָהאָל; אז ער איז מיט גאָרניט ניט ערגער פון יענע אונטערנעמער, וואָס באַרויבען דעם לייכטגלויביגען עולם, וואָס ספּעקולירן אויף די פארשידענסטע אופנים אויף די „געלטגיי־ציגקייט און אונוויסענהייט" פון דעם עולם, און וואס ווערט פונ־דעסטוועגען פון אַלעמען געאַכט. „גנב'ע, אָבער פאַל ניט אריין!" — דאָס איז דאָס געוועהנליכע שפּריכוואָרט אין די געפענגניסען פון דער גאַנצער וועלט, און אומזיסט וועלען מיר באַשטרייטען די ווייזהייט פון דעם שפּריכוואָרט, אַזוי לאַנג ווי אין דער וועלט פון געשעפטליכע פאַרהעלטניסען וועלען די באַגריפען וועגען עהר־ליכקייט און אונעהרליכקייט זיין אַזוי וואַקעלדיג, ווי זיי זיינען איצט.

די לעהרע, וואָס די אַרעסטאַנטען באַקומען אין געפענגנים, איז מיט גאָרנישט ניט ערגער פון דער, וואָס זיי באַקומען אין דער אויסערליכער וועלט. איך האָב שוין דערמאָנט אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל וועגען דעם סקאַנדאַליעזען האַנדעל מיט טאַבאַק, וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין די פראַנצויזישע געפענגניסען, אָבער ביז דער גאַר לעצטער צייט האָב איך געמיינט, אז די דאָזיגע צרה איז אין ענגלאַנד גאָר אומבאַקאַנט; איך האָב אָבער ערפאַהרן פון איין בוך,*) אז דאָס איז ניט אַזוי. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז אפילו די ציפערן זיינען כמעט דיזעלביגע. אַזוי מוזען פון יעדע צוואַנציג שילינג, וואָס ווערן איבערגעגעבען דעם אַרעס־טאַנט, צעהן אַפּגעגעבען ווערן דעם וועכטער, און אויף די איבע־ריגע צעהן שטעלט ער צו טאַבאַק און די איבעריגע קאָנטראַבאַנד לויט א פאַנטאַסטישען טאַריף. אָט אַזוי פיהרט זיך אין מיל־באַנק. דער פראַנצויזישער טאַריף ווידער איז: פון פופציג פראַנק פינף און צוואַנציג דעם וועכטער, און אויף די איבעריגע פינף און צוואַנציג ווערט צוגעשטעלט טאַבאַק, א. א. וו., נאָך די אויבענדערמאָנטע פרייזען. וואָס אַנבאַטרעפט די אַרבייטען, ווע־

*) "Five Years Penal Servitude," by *One Who has Endured It*, p. 61.

רען סאַי ביי דעם שטאַטליכען, סאַי ביי דעם צושטעלערישען סיס־
טעם, וואָס ווערן פּראַקציטירט אין די גרויסע געפענגניסען, באַ־
גאַנגען אַזוי פיל פאַרשידענע קליינע גנבות, אַז מיר איז ניט איינ־
מאָל אויסגעקומען צו הערן אין קלערוואַ פון די אַרעסטאַנטען:
„אמת'ע גנבים, מיין הערר, זיינען ניט מיר, נאָר די, וואָס האַלטען
אונז דאָ." מען וועט מיר געוויס זאָגען, אַז די אַדמיניסטראַציע
דאַרף שטרענג אויסוואָרצלען אָט דאָס שלעכטס, און אַז אַ סך
איז שוין אין אָט דער ריכטונג געטאָן געוואָרן. איך בין אפילו
גרייט צו אַנערקענען, אַז אָט די באַמערקונג איז אַ גערעכטע.
אָבער די פראַגע איז: צי קאָן אַזאַ שלעכטס איינגאַנצען
אויסגעוואָרצעלט ווערן? שוין דאָס אליין, וואָס דאָס שלעכטס
עקזיסטירט אין די מעהרסטע געפענגניסען פון אייראָפּאַ, באַווייזט,
ווי שווער עס איז צו געפינען אַ געפענגנים אַדמיניסטראַציע, וואָס
מען זאָל ניט קאָנען אונטערקויפען.

איבריגענס, דערמאָנענדיג וועגען אָט דער אורזאַך פון דעמאָ־
ראַליזאַציע, וועל איך זי ניט אונטערשטרייכען; ניט דערפאַר, ווייל
איך אַנערקען ניט איהר אונגעהויער שעדליכען איינפלוס, נאָר איינ־
פאַך דערפאַר, ווייל אויב די אויבענדערמאָנטע אורזאַך וואָלט איינ־
גאַנצען פאַרשוואונדען פון געפענגנים לעבען, וואָלטען אויך דע־
מאָלט געבליבען אין אונזערע שטראָף איינריכטונגען אַ סך אַנדערע
פאַרדאַרבענדיגע אורזאַכען, פון וועלכע מען קאָן זיך ניט באַ־
פרייען, אַזוי לאַנג ווי די געפענגנים וועט בלייבען אַ געפענגנים.
צו זיי וועל איך איצט איבערגעהן.

אַ סך איז אָנגעשריבען געוואָרן וועגען דעם געזונט־מאַכענ־
דיגען איינפלוס פון אַרבייט, — באַזונדערס פון פיזישער אַרבייט,
— און איך וועל, נאַטירליך, אָט דעם איינפלוס באַשטרייטען ווע־
ניגער פון אַלץ. ניט געבען די אַרעסטאַנטען קיין שום באַשעפטי־
גונג, ווי דאָס ווערט פּראַקטיצירט אין רוסלאַנד, הייסט — איינ־
גאַנצען זיי דעמאָראַליזירן, אַרויפלעגען אויף זיי אַ נוצלאָזע
שטראָף און אָפּטויטען אין זיי יעדען פונק פון ענערגיע, וואָס
מאַכט זיי אינגאַנצען אונפעהיג צו אַן אַרבייטס לעבען נאָך דער
געפענגנים. אָבער עס איז פאַראַן אַרבייט און אַרבייט. עס איז
פאַראַן פרייע אַרבייט, וואָס דערהויבט אַ מענשען, באַפרייט זיין
מאָרך פון טרויעריגע געדאַנקען און קראַנקהאַפטיגע אידעען, —

אַן ארבייט, וואָס צווינגט אַ מענשען צו פיהלען זיך ווי אַ טייל פון דעם אַלוועלטליכען לעבען. עס איז אָבער אויך פאַראַן צוואַנגס ארבייט, ארבייט פון אַ קנעכט, וואָס דערנידעריגט אַ מענשען, — אַן ארבייט, מיט וועלכער מען באַשעפטיגט זיך מיט עקעל, אויס מורא פאַר שטראָף, און אַזאַ איז די געפענגנים ארבייט. דערביי האָב איך, נאַטירליך, ניט אין זינען אַזאַ געמיינע ערפינדונג, ווי דאָס דרעהענדיגע ראָד אין די ענגלישע געפענגניסען, וואָס אַ מענש מוז דרעהען, ווי אַ וועווערקע, כאָטש מען וואָלט די באַוועגונגס קראַפט געקאָנט באַקומען אויך אויף אַנ'אַנדער אופן, אַ סך אַ ביליגערן. איך האָב אויך ניט אין זינען דאָס קנעטען קיט, ביי וועלכען אַ מענש קאָן פּראָדוצירן אין אַ טאָג פונקט דעם ווערט פון איין קאָפּיקע.*) די ארעסטאַנטען האָבען אַ רעכט צו באַטראַכטען אַזאַ מין ארבייט, ווי אַ געמיינע נקמה מצד דער געזעלשאַפט, וואָס האָט ניט געזאָרגט, אין די טעג פון זייער קינדהייט, אָנצואווייזען זיי בעסערע וועגען צו אַ העכערען לעבען, וואָס איז ווירדיגער פאַר אַ מענשען, און איצט איז די געזעלשאַפט זיך נוקם אָן זיי דערפאַר. איך רעכען, אַז עס איז ניטאָ קיין געמיינערע זאַך, ווי צו פיהלען, אַז מען צווינגט דיך צו ארבייטען, ניט דערפאַר, ווייל דיין ארבייט איז עמיצען נויטיג, נאָר פאַר אַ שטראָף. אין דער צייט ווען די גאַנצע מענשהייט ארבייט אויפצוהאַלטען דאָס לעבען, איז דער ארעסטאַנט, וואָס קנעט קיט אָדער פלאָנטערט פאַנאַנדער פּאָדים, באַשעפטיגט מיט אַן ארבייט, וואָס איז קיינעם ניט נויטיג. ער איז ארויסגעוואָרפען פון דער געזעלשאַפט. און אויב ער וועט, ארויסקומענדיג פון דער געפענגנים, ווידער זיך באַנעמען מיט דער געזעלשאַפט, ווי אַן ארויסגעוואָרפענער, קאָנען מיר קיינעם ניט באַשולדיגען, אויסער זיך אַליין.

אָבער ניט בעסער איז אויך די לאַגע מיט דער פּראָדוקטיווער ארבייט אין די געפענגניסען. די מלוכה קאָן זעלטען ארויסטרעטען

---

*) דיו קען, זייט 176. אנאנדער מין ארבייט, וואָס איז אויסגעטראַכט געוואָרן אין ענגלאַנד, באַשטעהט אין דעם פאָלגענדען: מען גיט דעם ארעסטאַנט אַ צונויפגעפלאָנטערטען בינטעל פּאָדעם. ער מוז אין אַ טאָג צייט דאָס פאַנאַנדערקלייבען נאָך די פאַרבען. ווען די אַרבייט איז פאַרטיג, קומט אריין אין צעל דער וועכטער, פאַרפלאָנטערט ווידער אַלע פעדים און זאָגט: „דאָס וועט זיין די ארבייט אויף מאָרגען!"

אין דער ראָל פון אן ערפאָלגרייכען קאָנקורענט אויפ'ן מארק, וואו פראָדוקטען ווערן געקויפט און פארקויפט צוליב די נוצען, וואָס קאָנען רעאליזירט ווערן ביים קויפען און פארקויפען. צו־ליב דעם איז די מלוכה געצוואונגען אָנצוקומען צו דער הילף פון צושטעלער, כדי צו באַזאָרגען די ארעסטאַנטען מיט ארבייט. אָבער אום צוצוציהען אָט די צושטעלער און באוועגען זיי אויסצוגעבען געלט אויף בויען ווארשטאַטען, — גאראַנטירענדיג אין דערזעל־ביגער צייט א באַשטימטע מאָס ארבייט פאר א געוויסער צאָל ארעסטאַנטען, ניט קוקענדיג אויף די שוואַנקונגען פון מארק פריי־זען (דערביי איז נויטיג צו האָבען אין זין די אונגינסטיגע אומ־געבונג פון דער געפענגנים און די ארבייט פון ארעסטאַנטען־אר־בייטער, וועלכע מען האָט ניט געלערענט קיין מלאכה), — כדי צוצוציהען אזעלכע צושטעלער, מוז די מלוכה פארקויפען די ארעס-טאַנטישע ארבייט פאר א גאָר קליינעם פרייז, שוין גיט רעדענדיג וועגען כּאבאר, וואָס העלפט אויך אראָפּדריקען די פרייזען אויף ארבייט. פאר וועמען די ארעסטאַנטען זאָלען אויף אזא אופן ניט ארבייטען, פאר דער מלוכה צי פאר די צושטעלער, וועלען זייערע פארדינסטען זיין נישטיג.

מיר האָבען געזעהן אין פאַריגען קאפיטעל, אז דער העכסטער לוין, וואָס ווערט געצאָהלט פון צושטעלער אין קלערוואָ, איבער־שטייגט זעלטען אכציג קאָפּיקעס א טאָג, און אין די מעהרסטע פאַלען איז ער נידעריגער פון פערציג קאָפּיקעס, פאר צוועלף שעה ארבייט; דערביי פארהאַלט די מלוכה פאר זיך א העלפט פון אָט דעם לוין, און אמאָל מעהר. אין פּואַסי פארדינען די ארעסטאַנ־טען ביי א צושטעלער צו צוועלף קאָפּיקעס א טאָג, און וועניגער פון אכט קאָפּיקעס, ווען זיי ארבייטען פאר דער מלוכה.*)

אין ענגלאַנד, פון זינט די געפענגנים קאָמיסיע האָט אין 1863 געמאַכט די אַנטדעקונג, אז די ארעסטאַנטען פארדינען צו־פיל, איז זייער פארדינסט רעדוצירט געוואָרען כמעט צו נול, אויב מען זאָל ניט רעכענען א קליינע פארמינדערונג פון דעם געפענגנים טערמין פאר פלייסיג ארבייטענדיגע ארעסטאַנטען. אין די ענג־

*) די רעדע פון מ. דיופּיוּאַי (פון עין) אין דעם פראנצויזישען דעפּוטאַטען־קאַמער, דעם 18טען יאנואר 1887.

לישע געפענגניסען בעשעפטיגט מען די ארעסטאַנטען מיט אזעלכע מלאכות, וואו נאָר געניטע ארבייטער קאָנען פארדינען מעהר ווי פופציג קאָפּיקעס א טאָג (שוסטער, שניידער און קארב־פלעכטער).*) אין אנדערע מלאָכות באטרעפט די ארעסטאַנטישע ארבייט, ווען איבערגעפיהרט אין מארק־ווערטען, צווישען צוועלף און פערציג קאָפּיקעס א טאָג.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז די ארבייט, וואָס איז ביי אזעלכע באדינגונגען אליין פאר זיך ניט אָנציהענד, ווייל זי ניט ניט קיין איבונג די גייסטיגע פעהיגקייטען פון דעם ארבייטער און ווערט באצאָהלט אזוי שלעכט, קאָן נאָר באטראכט ווערן, ווי א פאָרם פון שטראָף. ווען איך האָב געקוקט אויף מיינע פריינד אנארכיסטען אין קלערוואָ, וואָס האָבען אויסגעארבייט דאמען־קאָרסעטען אָדער פערעלמוטער קנעפּ און האָבען דערביי פארדינט פיר־און־צוואַנציג קאָפּיקעס פאר צעהן שעה ארבייט, און פון דעם האָט די מלוכה פארהאלטען אכט קאָפּיקעס פאר זיך (ביי קרימי־נעלע פארברעכער האָט מען אראָפּגערעכענט צוועלף קאָפּיקעס און אפילו מעהר), — האָב איך פאלקאָם פארשטאַנען, וואָס פאר אן עקעל עס מוז ארויסרופען אזאַ מין ארבייט ביי מענשען, וואָס זיינען געצוואונגען צו פארנעמען זיך מיט איהר גאַנצע וואָכען. וואָס פאר א פארגניגען קאָן אזאַ ארבייט געבען! וואָס פאר א מאָראלע ווירקונג קאָן זי אויסאיבען, אויב דער ארעסטאַנט זאָגט שטענדיג זיך אליין, אז ער ארבייט נאָר פאר דער באַרייכערונג פון דעם צושטעלער? האָבענדיג באקומען צוויי־און־זיבעציג קאָפּי־קעס פאר א גאַנצע וואָך ארבייט, קאָנען ער און זיינע חברים נאָר אויסרופען: „ווירקליך, די אמת'ע גנבים זיינען ניט מיר, נאָר די, וואָס האַלטען אונז דאָ.“

און דאָך האָבען מיינע חברים, וועלכע מען האָט ניט גע־צוואונגען צו באַשעפטיגען זיך מיט אָט דער ארבייט, זיך פאר־נומען מיט איהר פרייוויליג, און אמאָל, דורך שווערע אָנשטרענ־גונגען, האָבען איינינע פון זיי באוויזען צו פארדינען ביז פערציג קאָפּיקעס א טאָג, באזונדערס, ווען די ארבייט האָט געפאָדערט א

*) „דהי פאָנישמענט ענד פריווענשאָן אָוו קראַים“, זייט 176.

געוויסע געשיקטקייט אָדער אן ארטיסטישען געשמאַק. אָבער זיי האָבען זיך באשעפטיגט מיט אָט דער ארבייט דערפאר, ווייל אין זיי האָט זיך אויפגעהאלטען דער אינטערעס צו ארבייט. די פון זיי, וואָס זיינען געווען פארהייראט, האָבען געפיהרט א שטענדיגע קאָרעספּאָנדענץ מיט די פרויען, וואָס האָבען איבערגעלעבט א שווערע צייט, אזוי לאנג ווי זייערע מענער זיינען געווען אין גע־פענגנים. צו זיי זיינען דערגאנגען בריף פון דער היים, און זיי האָבען געקאָנט ענטפערן אויף זיי. אויף אזא אופן זיינען די פעדים, וואָס האָבען פארבונדען די ארעסטאנטען מיט דער פא־מיליע, ניט איבערגעריסען געווארן. ביי די אומפארהייראטע ווי־דער, ביי די, וואָס האָבען ניט קיין פאמיליע, פאר וועלכע צו זאָר־גען, איז געווען אַנ'אנדער ליידענשאפט, — די ליבע צו וויסענ־שאפט; און זיי האָבען געבויגען דעם רוקען ביי דער אויסאר־בייטונג פון פערלמוטער קנעפּ און בראָשקעס, האָפענדיג אויסצו־שרייבען סוף חודש א בוך, וואָס זיי האָבען לאנג געוואָלט האָבען

זיי האָבען געהאט א ליידענשאפט. אָבער וועלכע נאָבעלע ליידענשאפט קאָן באהערשען דעם קרימינעלען ארעסטאנט, וואָס איז אָפּגעריסען פון הויז און האָט שוין ניט קיין שום פארבינדונגען מיט דער אויסערליכער וועלט? מענשען, וואָס האָבען ערפונדען אונזער געפענגנים סיסטעם, האָבען זיך געמיהט מיט א ראפינער־טער גרויזאמקייט אפּצושניידען אלע פעדים, וואס האָבען אזוי צי אזוי פארבונדען דעם ארעסטאנט מיט דער געזעלשאפט. זיי האָבען צוטראָטען אלע בעסטע געפיהלען, וואָס זיינען פאראן ביים ארעס־טאנט, פּונקט ווי ביי יעדען אנדערען מענשען. אזוי, צום ביי־שפּיל, קאָנען אין ענגלאנד א פרוי און קינדער ניט זעהן דעם ארעס־טאנט אָפטער פון איין מאָל אין דריי מאָנאטען. די פילאנטראָ־פען, וואָס האָבען ערפונדען די ענגלישע געפענגנים דיסציפּלין, זיינען דערגאנגען ביז צו אזא קאָלטער פאראכטונג צו דער מענש־ליכער נאטור, אז מען ערלויבט די ארעסטאנטען נאָר אונטערצו־שרייבען געדרוקטע פאפּירן, וואָס זיינען פון פריהער צוגעגרייט געוואָרן! אָט דער רעגעל איז נאָך געמיינער מיט דעם, וואָס יעדער ארעסטאנט, ווי נידריג עס זאָל ניט זיין זיין גייסטיגע אנטוויק־לונג, פארשטעהט זעהר גוט אָט די קליינליכע נקמה, וואָס דיקטירט אזעלכע מאסרעגלען, — וויפיל מען זאָל זיך ניט פארענטפערן

מיט דעם אויסרייד וועגען דער נויטיגקייט צו פאַרהינדערן אַ פאַרקעהר מיט דער אויסערליכער וועלט.

אין די פראַנצויזישע געפענגניסען, — וועניגסטענס אין די צענטראַלע, — איז אָפטער ערלויבט צו באַזוכען קרובים, און דער געפענגנים דירעקטאָר האָט אין אויסשליסליכע פאַלען דאָס רעכט צו ערלויבען זעהן זיך אין צימערען, אָהן יענע גראַטעס, וואָס טיילען געוועהנליך אָפּ דעם ארעסטאַנט פון די, וואָס זיינען געקומען איהם זעהן. אָבער די צענטראַלע געפענגניסען געפינען זיך ווייט פון די גרויסע שטעט, און גראַד די גרויסע שטעט שטעלען צו די גרעסטע צאָהל ארעסטירטע; דערביי געהערן די פאַראורטיילטע הויפּטזעכליך צו די אָרימסטע קלאַסען פון דער באַפעלקערונג, און נאָר וועניג פרויען האָבען גענוג געלט צו פאָהרן אין קלערוואָ, מיט׳ן ציעל צו דערשלאָגען זיך צו עטליכע זעהונגען מיט׳ן ארעסטירטען מאַן.

אויף אַזאַ אופן ווערט סיסטעמאַטיש ארויסגעטריבען פון דעם ארעסטאַנט׳ס לעבען יענע גוטע ווירקונג וואָס וואָלט געקאָנט פאַרנאָבעלען דעם ארעסטאַנט, אריינטראָגען אַ שטראַל פון פרייד אין זיין לעבען, — דער פאַרקער מיט זיינע קרובים און קינדער. די געפענגניסען פון אַמאָל האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט וועניגער ריינקייט; אין זיי איז געווען וועניגער „אָרדנונג״, איידער אין די מאָדערנע, אָבער אין דעם אויבען אָנגעוויזענעם פּרט זיינען זיי געווען מענשליכער.

אין דעם גרויען ארעסטאַנטישען לעבען, וואָס האָט ניט קיין ליידענשאַפטען און קיין שטאַרקע איינדרוקען, שטאַרבען באַלד אָפּ אַלע בעסערע געפיהלען, וואָס קאָנען אויסבעסערן דעם מענשען׳ס כאַראַקטער. אפילו ארבייטער, וואָס האָבען ליעב זייער מלאכה און געפינען אין איהר אַ באַפרידיגונג פון זייערע עסטעטישע באַדערפינשען, פאַרלירן דעם געשמאַק צו ארבייט. די געפענגנים טויט אָפּ, פריהער פון אַלץ, די פיזישע ענערגיע. מיר דערמאָנען זיך איצט די יאָהרען, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין געפענגנים אין רוסלאַנד. איך בין אריין אין קאַזעמאַט פון דער פעסטונג מיט דעם פעסטען באַשלוס — ניט אונטערצוגעבען זיך. כדי צו דערהאַלטען די פיזישע ענערגיע, האָב איך רעגעלמעסיג געמאַכט יעדען טאָג אַ זיבען־וויאָרסטיגען שפּאַציר, און צוויי מאָל אַ טאָג

האָב איך געמאַכט גימנאַסטישע איבונגען מיט אַ שווערען דעמ־בענעם טאַמבורעט. און ווען מען האָט מיר ערלויבט צו באַנוצען אַ פעדער און טינט, האָב איך זיך גענומען ברענגען אין אָרדנונג אַ גרויסע אַרבייט, — איך האָב, נעמליך, סיסטעמאַטיש רעווידירט אַלע עקזיסטירענדע באַווייזען, אַז עס איז געווען אַן אייז־פּעריאָד. שפּעטער, אין דער פּראַנצויזישער געפענגניס, האָב איך מיט לייַדענשאַפט זיך פאַרנומען אויסצואַרבייטען די גרונדלאַגען פון יענער וועלטאָנשויאונג, וועלכע איך האַלט פאַר אַ סיסטעם פון אַ נייער פילאָזאָפיע, — די טעאָרעטישע יסודות פון אַנאַרכיע. אָבער איןביידע פאַלען האָב איך אינגיכען גענומען פיהלען ווי אַ מידקייט האָט מיך באַהערשט. די קערפּערליכע ענערגיע איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדען. אפשר קאָן מען פאַר'ן בעסטען פאַ־ראַלעל פון דעם אַרעסטאַנט'ס צושטאַנד אָננעמען דאָס ווינטערן פון די פּאָלאַרע לענדער. לייענט איבער די באַריכטען וועגען פּאָ־לאַרנע עקספּעדיציעס פון דער פריהערדיגער צייט, צום ביישפּיל, פון דעם גוטמוטיגען פּערי אָדער דעם עלטערען ראָס. לייענענ־דיג אָט די טאָג־ביכער, כאַפּט איהר אויף אַ געפיהל פון פיזישער און גייסטיגער מידקייט, וואָס איז אָפּגעשטעמפּעלט אויף יעדער זייט פון די טאָג־ביכער, און וואָס דערגעהט כמעט ביז צו פאַר־צווייפלונג, ביז עס באַווייזט זיך ניט ענדליך אויפ'ן האָריזאָנט די זון, וואָס ברענגט מיט זיך ליכט און האָפנונג. פּונקט אַזאַ איז דער צושטאַנד פון דעם אַרעסטאַנט. דעם מאַרך פעהלט ענערגיע אויפצוהאַלטען די אויפמערקזאַמקייט; דאָס דענקען ווערט לאַנג־זאַמער און נאָכגיביגער: דעם געדאַנק פעהלט טיפקייט. אין איין פּאַר־אַ־יאָהריגען אַמעריקאַנער באַריכט ווערט, צווישען אַנדערס, געזאָגט, אַז בעת דער שטודיום פון שפּראַכען ווערט פון די אַרעס־טאַנטען געפיהרט מיט אַ גרויסען ערפאָלג, קאָנען זיי זעלטען פאַר־נעמען זיך לאַנג מיט מאַטעמאַטיק; אָט די באַאָבאַכטונג איז גאַנץ ריכטיג.

מיר דוכט זיך, אַז אָט די דערדריקונג פון לעבעדיגער נערוועז ענערגיע ווערט אַם בעסטען ערקלערט מיט אַן אָפּוועזענקייט פון איינדרוקען. אין דעם געוועהנליכען לעבען באַריהרען אונזערע גע־פיהלען טויזענטער קלאַנגען און פאַרבען; טויזענטער קליינע פאַר־שידענע פאַקטען ווערן איינגעקריצט אין אונזער באַוואוסטזיין

און רעגנען אויף די טעטיגקייט פון מארך. אָבער דעם אַרעסטאַנט׳ס לעבען איז אין אָט דעם פּרט אינגאַנצען אוננאָרמאַל: זיינע איינדרוקען זיינען גאַנץ מאָגערע און אַלעמאָל דיזעלביגע. דערפון נעמט זיך דעם אַרעסטאַנט׳ס פאַרליבע צו אַלערליי נייאיגקייטען, דער געיעג נאָך יעדען נייעם איינדרוק. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען, מיט וואָס פאַר אַן אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט איך האָב באַמערקט אין געפענגניס, בעת אַ שפּאַציר איבער׳ן הויף פון טרובעצקאָי באַסטיאָן, דעם שפּיל פון ליכט אויף דעם באַגאָלדטען שפּיץ פון קאַטעדראַל, — דער שפּיץ איז געווען ראָז ביים זון־פאַרגאַנג און פול מיט בלויע שאַטירונגען אין דער פריה. איך האָב באַמערקט אַלע שאַטירונגען פון פאַרבען, וואָס בייטען זיך אין וואָלקענדיגע און לויטערע טעג, אין דער פריה און אין אָוונט, ווינטער און זומער. נאָר די קאָלירען פון דעם שפּיץ׳ס פאַרבען האָבען זיך געענדערט; דאָס איבעריגע איז אַלץ געבליבען אין דערזעלביגער פינסטערער אונפאַרענדערליכקייט. די ערשיינונג פון אַ שפּערלינג אויפ׳ן געפענגניס הויף איז געווען אַ גרויסע ערשיינונג: זי האָט אַריינגעטראָגען אַ נייעם איינדרוק. מסתמא ערקלערט זיך מיט דעם אויך דאָס, וואָס די אַרעסטאַנטען האָבען אַזוי ליב צייטונגען און אילוסטראַציעס: זיי גיבען זיי נייע איינדרוקען אויף אַן אונגעוועהנליכען וועג. אַלע איינדרוקען, וואָס ווערן באַקומען אין געפענגניס דורך לייענען, אָדער דורך אייגענעם דענקען, ווירקען ניט אונמיטעלבאַר, נאָר דורך די פאָרשטעלונג; ווען דער מאַרך, וואָס ווערט שלעכט גענעהרט פון דעם אָפּגעשוואַכטען האַרצען און פאַראָרימטען בלוט, ווערט שנעל מיד, פאַרלירט ער זיין ענערגיע. דעריבער פיהלט זיך אין געפענגניס אַזאַ שטאַרקע באַדערפניש אין אויסערליכע, אונמיטעלבאַרע איינדרוקען.

מיט אָט דעם אומשטאַנד ערקלערט זיך מסתמא אויך די מערקווירדיגע אָפּוועזענהייט פון ענערגיע און ענטוזיאַזם אין דער אַרבייט פון די אַרעסטאַנטען. יעדעס מאָל, ווען איך האָב געזעהען אין קלערוואָ אַן אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך פויל באַוועגט איבער׳ן הויף, אין דער באַגלייטונג פון אַ וועכטער, וואָס האָט אויך פויל געשפּרייזט נאָך איהם, האָב איך אין געדאַנק זיך אומגעקעהרט צו די טעג פון מיין יוגענט, אין מיין פאָטער׳ס הויז,

אין די סביבה פון די לייב־אייגענע. די ארעסטאַנטישע ארבייט איז אַן ארבייט פון קנעכט, און אזא ארבייט קאָן ניט באגייסטערן אַ מענשען, קאָן איהם ניט געבען דאָס באוואוסטזיין פון דער נויטיגקייט צו ארבייטען און שאַפען. מען קאָן דעם ארעסטאַנט אויסלערנען אַ מלאכה, אָבער קיין ליבע צו דער מלאכה קאָן מען איהם ניט אריינגעבען; פארקערט, אין די מעהרסטע פאַלען גע־וועהנט ער זיך צו צו באציהען זיך צו זיין ארבייט מיט האַס.

עס איז נויטיג אָנצואווייזען נאָך אויף איין אורזאַך פון דע־מאָראליזאציע אין די געפענגניסען, וואָס איך האַלט פאַר אַ באַ־זונדערס וויכטיגע, צוליב דעם, וואָס זי איז דיזעלביגע אין אַלע געפענגניסען, און וואָס איהר וואָרצעל ליגט אין דעם פאַקט גופא, וואָס מען האָט ביי אַ מענשען אפּגענומען זיין פרייהייט. אַלע פארברעכען געגען די איינגעשטעלטע פרינציפּען פון מאָראַל קאָן מען דערוצירן צו איין פונדאמענטאַלער אורזאַך: דער אפּוועזענהייט פון אַ פעסטען ווילען. די מעהרסטע באַוואוינער פון אונזערע גע־פענגניסען זיינען מענשען, וואָס האָבען ניט געהאַט גענוג פעסט־קייט צו קאָנען ווידערשטעהן די נסיונות, וואָס זיי האָבען באגע־גענט אויף זייער לעבענסוועג, אָדער צו דערשטיקען אַ ליידענ־שאַפטליכען אימפּולס, וואָס האָט זיי מיטאַמאָל באהערשט. אָבער אין געפענגניס, פּונקט ווי אין אַ קלויסטער, איז דער ארעסטאַנט אָפּגעצאַמט פון אַלע נסיונות פון דער אויסערליכער וועלט, און זיינע באציהונגען מיט אַנדערע מענשען זיינען אַזוי באַגרענעצט און אַזוי רעגולירט, אַז ער פיהלט זעלטען די ווירקונג פון שטאַרקע ליידענשאַפטען. צוליב דעם באַקומט ער זעלטען די געלעגענהייט צו איבען און פארשטאַרקען דעם אָפּגעשוואַכטען ווילען. ער איז פארוואַנדעלט אין אַ מאַשין און געהט אויף אַ וועג, וואָס איז איינגעשטעלט געווארן איינמאָל פאַר אַלעמאָל; און די ווייניגע פאַלען, ווען ער האָט דעם פרייען אויסוואהל, זיינען אַזוי זעלטען און נישטיג, אַז אַנטוויקלען אויף זיי זיין ווילען איז אונמעגליך פאַר איהם. דאָס גאַנצע לעבען פון דעם ארעסטאַנט איז פאָראויס באשטימט און רעגלאַמענטירט; איהם בלייבט נאָר איבער זיך אָפּ־געבען דעם שטראָם, פאָלגען בלינדערהייט, אונטער דער מורא פאַר גרויזאַמע באשטראָפונגען. אונטער אַזעלכע באדינגונגען, אויב ער האָט אפילו געהאַט אַ געוויסע פעסטקייט פון ווילען פאַר זיין

פאַראורטיילונג, פאַרשווינדט זי אין גפענגניס. און דער־ריבער, — וואו זאָל ער געפינען די פעסטקייט פון כאַראַקטער, צו קאָנען ווידערשטעהן די נסיונות, וואָס רינגלען איהם פלוצלונג אַרום, ווי אַזוי וועט ער קאָנען איינהאַלטען די ערשטע אימפּול־סען פון דעם ליידענשאַפטליכען כאַראַקטער, אויב אין פאַרלויף פון אַ סך יאָהרען האָט מען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, כדי אָפּצו־טויטען אין איהם די אינערליכע ווידערשטאַנדס־פעהיגקייט, צו פאַרוואַנדלען איהם אין אַ געהאָרכזאַמען געצייג אין די הענט פון די, וואָס האָבען איבער איהם געהערשט?

דער אויבען אָנגעוויזענער פאַקט איז, אין מיין מיינונג (און מיר דוכט, אַז וועגען דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין), די שטרענגסטע פאַראורטיילונג פון אַלע סיסטעמען, וואָס זיינען באַגרינדעט אויף אָפּנעמען ביי אַ מענשען זיין פרייהייט. מען קאָן לייכט ערקלערן די אָפּשטאַמונג פון אונזערע שטראָף־סיס־טעמען, וואָס זיינען באַגרינדעט אויף אַ סיסטעמאַטישער אונטער־דריקונג פון דעם אינדיווידועלען ווילען אין די אַרעסטאַנטען און אויף דערנידעריגען די מענשען ביז צום גראַד פון מאַשינען, וואָס האָבען ניט קיין אורטייל־פעהיגקייט. דאָס סיסטעם איז אויסגע־וואַקסען פון דעם פאַרלאַנג צו פאַרהינדערן אַלע שטערונגען פון דיסציפּלין און פון דער שטרעבונג צו האַלטען אין צוים אַ וואָס גרעסערע צאָהל אַרעסטאַנטען ביי אַ וואָס קלענערער צאָהל אויפ־זעהער. און ווירקליך, מיר זעהען אַ גאַנצע, גרויסע ליטעראַטור וועגען געפענגניסען, אין וועלכער די הערערן „ספּעציאַליסטען" רעדען מיט דער גרעסטער אַנטציקונג גראַד וועגען די סיסטעמען, ביי וועלכע די געפענגנים דיסציפּלין ווערט אויפגעהאַלטען מיט דער קלענסטער צאָהל וועכטער. אַן אידעאַלע געפענגנים וואָלט אין די אויגען פון אַזעלכע ספּעציאַליסטען געווען אַ טויזענט אוי־טאָמאַטען, וואָס שטעהען אויף און אַרבייטען, עסען און געהען שלאָפען אונטער דער ווירקונג פון אַן עלעקטרישען שטראָם, וואָס געפינט זיך אין רשות פון איין־איינציגען וועכטער. אָבער אויב אונזערע מאָדערנע, פאַרפאָלקאָמטע געפענגניסען פאַרקלענערן אפשר אין דעם מלוכה־בודזשעט איניגע, פאַרהעלטנישמעסיג קליי־נע הוצאות, זיינען זיי אָבער די הויפּט שולדיגע אין דעם מורא־דיגען פּראָצענט רעצידיוויסטען, וואָס ווערט איצט באַמערקט אין

אַלע לענדער פון אייראָפּאַ. וואָס וועניגער די געפענגניסען דער־נעהענטערן זיך צום אידעאַל, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרן פון די געפענגנים ספּעציאַליסטען, אַלץ וועניגער רעצידיוויס־טען גיבען זיי.*) מען דאַרף זיך גאָר ניט וואונדערען, וואָס מענ־שען, וואָס זיינען אויסגעלערנט געוואָרן צו זיין מאַשינען, זיינען ניט אימשטאַנד צוצופּאַסען זיך צום לעבען אין דער געזעלשאַפט.

געוועהנליך טרעפט, אַז באַלד ביים אַרויסגעהן פון געפענג־נים, באַגעגענט זיך דער אַרעסטאַנט מיט זיינע געוועזענע חברים, וואָס וואַרטען שוין אויף איהם ביים אַרויסגאַנג. זיי נעמען איהם אויף ברידערליך, און כמעט באַלד נאָך דער באַפרייאונג פאַלט ער ווידער אַריין אין יענעם שטראָם, וואָס האָט איהם שוין איינמאָל געבראַכט צו די ווענט פון געפענגנים. אַלערליי פילאַנטראָפּען און די „געזעלשאַפט צו העלפען די באַפרייטע אַרעסטאַנטען" העלפען דאָ אייגענטליך וועניג. זיי קומט אוים איבערצומאַכען דאָס, וואָס די געפענגנים האָט אויפגעטאָן, פאַרגלעטען יענע שפּור־רען, וואָס די געפענגנים האָט איבערגעלאָזען אויף דעם באַפריי־טען. אין דער צייט ווען דער איינפלוס פון עהרליכע מענשען, וואָס וואָלטען דעם מענשען אויסגעשטרעקט אַ ברודערליכע האַנט, איידער ער איז אַריינגעפאַלען אין געפענגנים, וואָלט איהם געקאָנט ראַטעווען פון די טאַטען, וואָס האָבען איהם דערפיהרט ביז צו דער געפענגנים, איז איצט, ווען ער האָט דורכגעמאַכט דעם קורס פון געפענגנים לעהרע, וועלען אַלע אַנשטרענגונגען פון די פילאַנטראָפּען אין די מעהרסטע פאַלען ניט פיהרן צו קיין רע־זולטאַטען.

און וואָס פאַר אַן אונטערשיד צווישען דער ברידערליכער אויפנאַהם, מיט וועלכער עס באַגעגענען דעם באַפרייטען זיינע גע־וועזענע חברים, און דער באַציהונג צו איהם פון די „עהרליכע ביר־גער", וואָס באַהאַלטען אונטער דעם אויסערליכען צודעק פון קרים־טענטום זייער פאַריסעאישען עגאָאיזם! פאַר זיי איז דער באַ־פרייטער אַרעסטאַנט עפּעס אַ מין פאַרפּעסטעטער. ווער פון זיי וועט זיך אַנטשליסען, ווי דאָס האָט געטאָן לאַנגע יאָרען דר. קעמפּ־

*) אין רוסלאַנד איז די צאָהל רעצידיוויסטען ניט העכער פון 18 פּראָצענט, בעת אין מערב אייראָפּאַ דערגרייכט זי ביז 50—40 פּראָצענט.

בעל פון עדינבורג, איינצולאדען איהם אין זיין הויז און איהם זאָגען: „אָט האָסטו דיר דיין צימער; זיץ ביי מיין טיש און זיי א מיטגליד פון מיין פאמיליע, ביז וואנען מיר וועלען געפינען אר־בייט”? א מענש, וואס איז ארויסגעלאזען געווארן פון געפענגנים, נויטיגט זיך מעהר פון אנדערע אין שטיצע, נויטיגט זיך אין א ברידערליכער האנט, וואָס זאָל ווערן אויסגעשטרעקט צו איהם; אָבער די געזעלשאפט, האָבענדיג געטאָן אלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, צו מאכען פון איהם איהר פיינד, האָבענדיג איינגע־פלאנצט אין איהם די אלע זינד, וואָס די געפענגנים אנטוויקעלט, אנטזאגט איהם גראד אין דער ברידערליכער הילף, וואָס איז איהם אזוי נויטיג.

וועלען זיך געפינען א סך אזעלכע פרויען, וואָס וועלען איינ־שטימען צו חתונה האָבען מיט א מענשען, וואָס איז געוועזען אין געפענגנים? מיר ווייסען, ווי אָפט א פרוי האָט חתונה, מיט'ן ציעל צו „ראטעווען א מענשען”; אָבער מיט ווייניגע אויסנאמען, טרעטען אפילו אזעלכע פרויען אינסטינקטיוו אָפּ אָן א זייט פון מענשען, וואָס האָבען באַקומען א געפענגנים בילדונג. אויף אזא אופן מוז דער באפרייטער ארעסטאנט זיך געפינען א לעבענס-באגלייטערין צווישען די זעלביגע פרויען, — די טרויעריגע פראָ־דוקטען פון א שלעכט-אָרגאניזירטער געזעלשאפט, — וואָס זיינען אין די מעהרסטע פאלען געוועזען איינע פון די הויפּט אורזאכען, וואָס האָבען איהם געבראכט אין געפענגנים. איז קיין וואונדער ניט, אויב די מעהרהייט פון די באפרייטע ארעסטאנטען פאלען ווידער אריין, נאָכדעם ווי זיי האָבען פארבראכט אינגאנצען עטליכע מאָנאטען אויף דער פרייהייט.

עס וועלען זיך קוים געפינען א סך מענשען, וואָס וואָלטען געוואגט צו באהויפטען, אז די געפענגניסען דארפען אויסאיבען נאָר אן איינשרעקענדיגע ווירקונג, ניט האָבענדיג אין זינען קיין צוועקען פון מאָראלער אויסבעסערונג. אָבער וואָס טוען מיר, צו דערגרייכען אָט דעם לעצטען ציעל? אונזערע געפענגניסען זייי־נען הפנים ספּעציעל איינגעריכט געווארן, צו דערנידעריגען אויף אייביג די, וואָס זיינען אהין איינמאָל אריינגעפאלען, אויף אלעמאָל פארלעשען אין זיי די לעצטע פונקען פון זעלבסט־אכטונג.

יעדען מענשען איז געוויס אויסגעקומען צו פיהלען אויף זיך

די ווירקונג פון אַנשטענדיגע קליידער. אפילו חיות שעהמען זיך צו באַווייזען זיך צווישען אייגענע, אויב זייער אויסערליכער אויס־זעהן האָט אַן אונגעוויינליכען, קאָמישען כאראקטער. א קאָטער, וועמען אַ אינגעל אַ שטיפער וואָלט אויסגעפארבט אין געלע און שווארצע פאסען, וואָלט זיך געשעהמט צו באַווייזען זיך צווישען אַנדערע קאָטערס אין אַזאַ קאָמישען אויסזעהן. אָבער מענשען הויבען אָן פון דעם, וואָס זיי טוען אָן אין אַ קאָסטום פון אַ פּאַיאַץ די יעניגע, וועמען זיי ווילען בלומר'שט אונטערוואַרפען צו אַ קורס פון מאָראַלער היילונג. ווען איך בין געווען אין דער ליאָנער געפענגנים, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו באַאָבאַכטען דעם עפעקט, וואָס די געפענגנים קליידער מאַכען אויף די אַרעסטאַנטען. אי־בער'ן הויף, וואו איך האָב געמאכט מיין שפּאַציר, פלעגען דורכ־גיין אַרעסטאַנטען, מעהרסטענטיילס אַרבייטער, אָרים, אָבער אַנ-שטענדיג געקליידט, אויפ'ן וועג אין צעכהויז, וואו זיי האָבען אי־בערגעלאָזען זייערע קליידער און אָנגעטאָן אַרעסטאַנטישע. אַרויס-קומענדיג פון צעכהויז אָנגעטאָנענע אין אַן אַרעסטאַנטישען קאָס־טום, וואָס איז באַדעקט מיט לאַטעס פון פאַרשידענפאַרביגע שמאַט־קעס, מיט אַ העסליכען רונדען היטעל אויפ'ן קאָפּ, האָבען זיי זיך טיף געשעמט צו ווייזען זיך פאַר מענשען אין אַזאַ געמיינער קליידונג. אין אַ סך געפענגניסען, באַזונדערס אין ענגלאַנד, גיט מען די אַרעסטאַנטען קליידער, וואָס זיינען געמאכט פון פאַרשי־דענפאַרביגע שטיקלאַך מאַטעריאַל, און וואָס דערמאָנען גיכער דעם קאָסטום פון אַ מיטעלאַלטערליכען פּאַיאַץ, איידער די קליידער פון אַ מענשען, וועלכען אונזערע געפענגנים פילאַנטראָפּען ווילען בלומרש'ט אויסבעסערן.

דאָס איז דער ערשטער איינדרוק פון דעם אַרעסטאַנט; און אין פאַרלויף פון זיין גאַנצען לעבען אין געפענגנים וועט ער ליי־דען פון אַ באַהאַנדלונג, וואָס איז פול מיט אַ טיפער פאַראַכטונג צו מענשליכע געפיהלען. אין דער דאַרטמורער געפענגנים, צום ביישפּיל, באַטראַכט מען די אַרעסטאַנטען, ווי מענשען, וואָס פאַר־מאָגען ניט דעם קלענסטען טראָפּען שעמעוודיגקייט. מען צווינגט זיי צו פאַראַדירן אין גרופּען, אינגאַנצען נאַקעטע, פאַר די גע־פענגנים באַאַמטע, און אַזוי מאַכען גימנאַסטישע איבונגען. „רעכטס אָרום! אויפהויבען ביידע הענט! אויפהויבען דעם לינקען פוס!

האַלטען דעם זויל פון לינקען פוס אין דער רעכטער האַנט!"
א. ז. וו.*)

דער אַרעסטאַנט הערט אויף צו זיין אַ מענש, וואָס זאָל האָבען אַ וועלכען עס איז געפיהל פון זעלבסט־אַכטונג. ער ווערט פאַר־וואַנדעלט אין אַ זאַך, אין אַ נומער אַזאַ און אַזאַ, און מען באַ־געהט זיך מיט איהם, ווי מיט אַ נומערירטער זאַך. אפילו אַ חיה, אויב מען וועט זיך מיט איהר אַזוי באַגעהן יאָהרנלאַנג, וועט אויף אייביג פאַרדאָרבען ווערן; און דאָ באַהאַנדלען מיר אַזוי מענשליכע וועזענס, וואָס וועלען, אין עטליכע יאָהר אַרום, דאַרפען ווערען ניצליכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אויב מען ערלויבט דעם אַרעסטאַנט אַ שפּאַציר, וועט דאָס ניט זיין עהנליך צו אַ שפּאַציר פון אַנדערע מענשען. מען וועט איהם צווינגען צו מאַרשירן אין די רייהען, און דערביי וועט אַ וועכטער שטעהן אינמיטען הויף און הויך אויסשרייען: „אַן־דעים, אַן־דעים! אַרש־פּער, אַרש־פּער!" אויב דער אַרעסטאַנט וועט נאָכגעבען איינעם פון די נאַטירליכסטע מענשליכע פאַרלאַנגען, — צו טיי־לען מיט אַנאַנדער מענשליכען וועזען זיינע איינדרוקען אָדער גע־דאַנקען, — וועט ער זיין שולדיג אין צושטערן די דיסציפּלין. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די געהאַרכזאַמסטע אַרעס־טאַנטען קאָנען זיך ניט אָפּהאַלטען פון אַזעלכע צושטערונגען פון דיסציפּלין. פאַר'ן אריינגעהן אין געפענגנים קאָן אַ מענש פיהלען עקעל צו ליגען אין באַטרוג; דאָ געהט ער דורך אַ פולען קורס פון אַט די זאַכען, ביז ליגען און באַטרוג ווערן ניט זיין צווייטע נאַטור.

ער מעג האָבען אַן אומעטיגען אָדער פרעהליכען, גוטען אָדער שלעכטען כאַראַקטער, — דאָס מאַכט ניט אויס: אים וועט אין געפענגנים ניט אויסקומען אַרויסצואווייזען אַט די אייגענשאַפטען פון זיין כאַראַקטער. ער איז אַ פאַרנומערירטע זאַך, וואָס דאַרף זיך באַוועגען נאָך די איינגעשטעלטע רעגלען. איהם מעגען שטי־קען טרערען, אָבער ער מוז זיי איינהאַלטען. אין פאַרלויף פון אַלע יאָהרען פון קאַטאָרגע לאָזט מען איהם קיינמאָל ניט אַליין; אפילו אין דער איינזאַמקייט פון זיין קאַמער וועט דעם וועכטער'ס

*) "Datmoor," by Date B. 24, in "Daily News," 1886.

אויג שפּיאָנירן נאָך זיינע באַוועגונגען, באָאָבאַכטען די אויסערונ־
גען פון זיינע געפיהלען, וועלכע ער וואָלט געוואָלט באַהאַלטען,
ווייל זיי זיינען מענשליכע געפיהלען, וואָס ווערן אין געפענגנים
ניט ערלויבט. צי דאָס וועט זיין רחמנות צו א חבר אין ליידען,
ליבע צו קרובים, אָדער א פאַרלאַנג מיטצוטיילען זיינע צרות
עמיצען, אויסער די פּערזאָנען, וואָס זיינען אָפיציעל באַשטימט
פאַר אָט דעם צוועק, צי דאָס וועט זיין איינס פון יענע געפילען,
וואָס מאַכען דעם מענשען בעסער, — אַלע אַזעלכע „סענטימענ־
טען" ווערען שטרענג פאַרפאָלגט פון יענער רויהער מאַכט, וואָס
לייקענט אָפּ אין אַרעסטאַנט דאָס רעכט צו זיין א מענש. דער
אַרעסטאַנט ווערט פאַראורטיילט אויף א ריין טיריש לעבען, און
אַלץ, וואָס איז מענשליך, ווערט פון אָט דעם לעבען שטרענג אַרויס־
געטריבען, דער אַרעסטאַנט טאָר ניט זיין קיין מענש, — דאָס
איז דער גייסט פון די געפענגנים רעגלען.

ער טאָר ניט פאַרמאָגען קיין מענשליכע געפיהלען. און וועה
איז איהם, אויב עס וועט זיך, אויף זיין אונגליק, דערוועקען אין
איהם דאָס געפיהל פון מענשליכער ווירדע! וועה איז איהם,
אויב ער וועט אויפגעבראַכט ווערן, ווען די וועכטער וועלען
אַרויסווייזען אונצוטרוי צו זיינע ווערטער; אויב ער וועט גע-
פינען פאַר דערנידעריגענדיג די שטענדיגע באַזוכונג פון זיינע
קליידער, וואָס ווערט ווידערהאָלט עטליכע מאָל אין א טאָג; אויב
ער וועט ניט וועלען זיין א היפּאָקריט און באַזוכען די געפענגנים
קירך, אין וועלכער קיין זאַך איז פאַר איהם ניט אָנציהענד; אויב
ער וועט מיט א וואָרט, אָדער אפילו מיט דער אינטאָנאַציע פון
קול אַרויסווייזען פאַראַכטונג צום וועכטער, וואָס פאַרנעמט זיך
מיט טאַבאַק־האַנדעל און ציהט אויף אַזא אופן אַרויס ביים אַרעס־
טאַנט די לעצטע גראָשענס; אויב רחמנות צו א שוואַכערן חבר
וועט איהם באַוועגען צו טיילען זיך מיט איהם מיט זיין פּאָרציע
ברויט; אויב אין איהם בלייבט נאָך געגוג מענשליכע ווירדע, אויפ־
געבראַכט צו ווערן פון א ניט פאַרדינטען פאָרוואורף, א ניט
פאַרדינטען פאַרדאַכט, א גראָבקייט אָהן אן אורזאַך; אויב ער איז
גענוג עהרליך, אויפגעבראַכט צו ווערן פון די קליינע אינטריגען
און פאַוואָריטיזם פון די וועכטער, — דעמאָלט וועט די געפענגנים
ווערן פאַר איהם אן אמת'ער גיהנם. מען וועט איהם דערשטיקען

מיט אונערטרעגליכע ארבייט, אָדער מען וועט איהם שיקען פוילען אין פינסטערען קארצער. די קלענסטע צושטערונג פון דיסציפּלין, וואָס ווערט פארצייהט דעם ארעסטאַנט, וועלכער שמייכעלט דעם וועכטער, וועט טייער קאָסטען א מענשען מיט א מעהר אָדער ווע־ניגער אונאָפּהענגיגען כאראקטער; דאָס וועט פארשטאַנען ווערן, ווי אַן אויסערונג פון אונגעהאָרכזאַמקייט און וועט ארויסרופען א שטרענגע באשטראפונג. און יעדע באשטראפונג וועט פירן צו נייע און נייע באשטראָפונגען. דורך קליינע פארפאָלגונגען וועט דער מענש דערפיהרט ווערן ביז צו וואנזין, און גליקליך וועט ער זיין, ווען איהם וועט געלינגען ארויסצוגעהן ענדליך פון דער גע־פענגניס, ניט ארויסגעטראָגען ווערן פון איהר אין א טרונע.

עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאך, ווי שרייבען אין די ציי־טונגען וועגען דער נויטיגקייט צו האלטען די געפענגנים וועכטער אונטער א שטרענגען קאָנטראָל, וועגען דער נויטיגקייט צו באַ־שטימען פאר פארוואלטער פון געפענגניסען די ווירדיגסטע מענ־שען. בכלל איז ניטאָ קיין לייכטערע זאך ווי בויען אדמיניסטרא־טיווע אוטאָפּיעס! אָבער מענשען בלייבען מענשען, צי דאָס זיי־נען וועכטער אָדער ארעסטאַנטען. און ווען מענשען זיינען פאר־אורטיילט אויף א גאנץ לעבען אויפצוהאלטען פאלשע באציהונגען צו אנדערע מענשען, ווערן זיי אליין פאלש. זייענדיג אליין אין א געוויסער מאָס אין דער לאגע פון ארעסטאַנטען, ווייזען די וועכטער ארויס די אלע זינדיגע אייגענשאפטען פון קנעכט. אין ערגעץ ניט, א חוץ אפשר אין די קלויסטערס, האָב איך ניט באַאָבאכטעט אזעלכע אויסערונגען פון קליינליכע אינטריגען, ווי צווישען די וועכטער און בכלל צווישען דער געפענגנים אדמיניסטראציע אין קלערוואָ. פאר־שפּארטע אין דער ענגער וועלטעל פון קליינליכע אינטערעסען, פא־לען די געפענגנים באַאַמטע גיך ארונטער אונטער זייער איינפלוס. רכילות, א וואָרט, וואָס דער האָט געזאָגט, א זשעסט, וואָס יענער האָט געמאכט, — דאָס איז דער געוועהנליכער אינהאלט פון זייערע געשפּרעכען.

מענשען בלייבען מענשען, — און איהר קאָנט ניט באקליידען איין מענשען אין אונבאשרענקטע מאכט איבער אַן אנדערען, ניט פארדארבענדיג אָט דעם מענשען. מענשען וועלען מיסברויכען אָט די מאכט, און אָט די מיסברויכען וועלען זיין נאָך געוויסענ־

לאָזער און נאָך פיהלבארער פאר די, וועמען עס קומט אויס צו ליידען פון זיי, וואָס באשרענקטער און ענגער עס איז די וועלטעל, אין וועלכער זיי פארקעהרן. זייענדיג געצוואונגען צו לעבען צווי־שען ארעסטאַנטען, וואָס זיינען פיינדליך געשטימט צו זיי, קאָנען די וועכטער ניט זיין קיין מוסטערן פון גוטסקייט און מענשליכ־קייט. דעם בונד פון די ארעסטאַנטען ווערט אנטקעגענגעשטעלט א בונד פון וועכטער, און אזוי ווי אין די הענט פון די וועכטער איז די מאכט, מיסברויכען זיי זי, ווי אלע, וואָס האָבען מאכט. די גע־פעננגנים איבט אויס די שעדליכסטע ווירקונג אויך אויף די וועכ־טער, מאכענדיג זיי פאר קליינליכע, געמיינע פארפאָלגער פון די ארעסטאַנטען. שטעלט אוועק אויף זייער אָרט א פעסטאַלאָצי (אויב מען זאָל נאָר אָננעמען, אז פעסטאַלאָצי וואָלט אָנגענומען אזא פאָסט) און ער וואָלט זיך גיך פארוואנדעלט אין א טיפּישען געפעננגנים וועכטער. און ווען איך קלער וועגען דעם און נעם אין באטראכט אלע אומשטענדען, בין איך גענויגט צו זאָגען, אז דאָך זיינען מענשען בעסער איידער די אינסטיטוציעס.

דאָס בייזע געפיהל געגען דער געזעלשאפט, וואָס איז אלעמאָל געווען א שטיפמוטער פאר דעם ארעסטאַנט, וואקסט אין איהם ביסלעכווייז. ער לערענט זיך האסען, פון גאנצען הארצען האסען אָט די אלע „עהרליכע" מענשען, וואָס טויטען אין איהם אָפּ מיט אזא בייזער ענערגיע אלע בעסערע געפיהלען. דער ארעסטאַנט נעמט איינטיילען די וועלט אין צוויי טיילען: צו איינעם גע־הערען ער אליין און זיינע חברים, צו דעם אנדערען — דער גע-פעננגנים דירעקטאָר, די וועכטער, די צושטעלער. דאָס געפיהל פון חבר'שאפט וואקסט שנעל צווישען אלע באוואוינער פון געפעננגנים, און דערביי ווערן אלע, וואָס טראָגען ניט קיין ארעסטאַנטסקע קליי־דער, באטראכט ווי די שונאים פון ארעסטאַנטען. יעדער באטרוג אין באצוג צו אָט די פיינד איז ערלויבט. אָט די „פיינד" קוקען אויפ'ן ארעסטאַנט, ווי אויף אן ארויסגעשטויסענעם, און אליין פון זייער זייט ווערן זיי ארויסגעשטויסענע אין די אויגען פון די ארעס-טאַנטען. און ווי נאָר דער ארעסטאַנט באפרייט זיך פון געפעננ־ניס, נעמט ער אָנווענדען די געפעננגנים מאָראַל אויף דער געזעל־שאפט. פאר'ן אריינקומען אין געפעננגנים האָט ער געקאָנט בא־געהן פארברעכען, ניט איבערטראכטענדיג. די געפעננגנים בילדונג

וועט איהם אויסלערנען צו באטראַכטען די געזעלשאַפט, ווי א שונא; איצט האָט ער אן איינגענאַרטיגע פילאָסאָפיע, וועלכע זאָלא האָט סומירט אין די פאָלגענדע ווערטער: „קעל גרעדין לעז אָנט זשאן!" („וואס פאר א געמיינע קערלען עס זיינען דאָס די עהרליכע מענ־שען".) *)

די געפענגנים אנטוויקעלט אין איהרע באוואוינער ניט נאָר א האס צו דער געזעלשאַפט, ניט נאָר טויט זי אָפּ אין זיי סיסטע־מאַטיש יעדעס געפיהל פון זעלבסטאַכטונג, מענשליכער ווירדע, מיטלייד און ליבע, אנטוויקלענדיג אין דערזעלביגער צייט די אנט־קעגענגעזעצטע געפיהלען, — זי פלאַנצט איין אין דעם ארעסטאַנט די געמיינסטע זינד. עס איז גוט באקאַנט, אין וואָס פאר א פּראָ־פּאָרציע עס פארמעהרן זיך פארברעכען, וואָס האָבען דעם כאַראַק־טער פון צושטערען די סעקסועלע מאַראַל, ווי אויפ'ן אייראָפּעאי־שען קאָנטינענט, אזוי אויך אין ענגלאַנד. דער וואוקס פון אָט דעם מין פארברעכערישקייט ערקלערט זיך דורך א סך אורזאַכען, אָבער איינע פון די וויכטיגסטע צווישען זיי איז — דער אָנשטע־קענדיגער איינפלוס פון די געפענגניסען. אין אָט דער הינזיכט פיהלט זיך דער שעדליכער איינפלוס פון די געפענגניסען אויף די געזעלשאַפט מיט א באַזונדערער קראַפט.

דערביי האָב איך אין זינען ניט נאָר די אונגליקליכע באשע־פענישען, וועגען וועלכע איך האָב אויבען גערעדט, — די קינדער, וועלכע איך האָב געזעהן אין דער ליאָנער געפענגנים. מען האָט מיך פארזיכערט, אז טאָג און נאכט איז די גאנצע אטמאָספער פון זייער לעבען אָנגעזאַפּט מיט דיזעלביגע געדאַנקען, און איך בין טיף איבערצייגט, אז די יוריסטען, וואָס שרייבען וועגען דעם וואוקס פון די אזוי גערופענע „פארברעכערישע קלאַסען", וואָלטען גע־דארפט פארנעמען זיך פריהער פון אַלץ מיט אזעלכע פארשפּריי־טער פון פארדאַרבונג, ווי די אָפּטיילונג פאר אינגלאַך אין דער סען־פּאָל'ער געפענגנים, און גאר ניט מיט די געזעצען פון פאַראַרב־ליכקייט. אָבער דאָס זעלביגע קאָן מען זאָגען אויך וועגען די גע־פענגניסען, אין וועלכע עס האַלטען זיך אויף דערוואַקסענע. די פאַקטען, וואָס זיינען אונז באקאַנט געוואָרן, בעת מיר זיינען גע־

*) זעה ביילאַגע ד.

ווען אין קלערוואַ, איבערשטייגען אַלץ, וואָס עס קאָן אונז מאָלען די צולאָזענסטע פאָרשטעלונג. עס איז נויטיג, אז א מענש זאָל אָפּזיין לאַנגע יאָרען אין געפענגנים, אָהן קיין שום פארנעבעלענדע איינפלוסען, אָפּגעגעבען אינגאַנצען צו זיין אייגענער פאָרשטעלונג און דער ארבייט פון דער פאָרשטעלונג פון אלע זיינע חברים, נאָר דעמאָלט קאָן ער דערגעהן צו יענעם אונגלויבליכען גייסטיגען צו־שטאַנד, וועלכען מען קאָן באָאָבאַכטען ביי אייניגע ארעסטאַנטען. און איך מיין, אז אלע אינטעליגענטע און אויפריכטיגע געפענגנים־דירעקטאָרן וועלען זיין אויף מיין זייט, אויב איך וועל זאָגען, אז די געפענגניסען זיינען די אמת'ע פארשפרייטער פון די עקעל־האַפטסטע מינים פארברעכען אנטקעגען געזעלשאַפטליכער מאָ־ראַל.*)

איך קאָן ניט אריינגעהן אין איינצעלהייטען וועגען דעם ענין, צו וועלכען מען האָט זיך דאָ ניט לאַנג צו לייכט באַצויגען אין דער ליטעראַטור פון א געוויסען מין. איך וועל נאָר באַמערקען, אז די, וואָס מיינען, אז פאַר א שטערונג און א צאַם קאָן דינען די פולשטענדיגע צוטיילונג פון די ארעסטאַנטען און די איינצעל־פאַרהאַפטונג, מאַכען זעהר א גרויסען טעות. די פער־ווערזיטעט פון פאָרשטעלונג איז די אמת'ע אורזאַך פון אָט די אלע ערשיינונגען, און די פארשפאַרונג אין איינצעל־קאַמער איז דער זיכערסטער מיטעל צו געבען דער פאָרשטעלונג א קראַנק־האַפטיגע ריכטונג. ווי ווייט די פאָרשטעלונג קאָן דערגעהן אין אָט דער ריכטונג, דאָס ווייסען קוים אפילו די וויכטיגסטע ספּע־ציאַליסטען איבער פּסיכישע קראַנקהייטען: דערצו איז נויטיג אָפּצוזיין עטליכע מאָנאַטען אין איינצעל־קאַמערען און געווינען דעם פולען צטרוי פון די ארעסטאַנטען, שכנים אין די קאַמערען, ווי דאָס איז געוועזען דער פאַל מיט איינעם פון אונזערע חברים.

בכלל, ווען מען וואָלט די איינצעל־פאַרהאַפטונג, וואָס האָט איצט אזוי פיל אָנהענגער, איינגעפיהרט אומעטום, וואָלט דאָס געוועזען א נוצלאָזע מאַטערניש און וואָלט געפיהרט צו נאָך א

*) אייניגע באַמערקונגען פון מ. דייוויט אין זיינע „ליווז פראָם ע פּריזאָן דויערי" באַווייזען, אַז די לאַגע איז אין אָט דעם פּרט ניט בעסער אויך אין די ענגלישע געפענגניסען.

גרעסערער אפשוואכונג פון קערפערליכער און גייסטיגער ענערגיע פון די ארעסטאנטען. די ערפאהרונג פון גאנץ אייראפא און די אומגעהייערע פראפארציע פון גייסטיגע קראנקהייטען, וואס ווערט באמערקט אומעטום, צווישען ארעסטאנטען, וואס ווערן געהאלטען אין איינצעל־פארהאפטונג א מעהר אדער ווענינער דויערהאפטיגע צייט, באווייזט קלאר די ריכטיגקייט פון דעם, וואס איז געזאגט געווארן; און עס בלייבט נאר איבער צו שטוינען, ווי ווענינ מענשען אינטערעסירן זיך מיט די אנווייזונגען פון ערפאהרונג. פאר א מענשען, וואס איז באשעפטיגט מיט א טעטיגקייט, וועלכע פארשאפט איהם א געוויסען פארגעניגען, און וועמעס שכל איז אליין א רייכער קוואל פון איינדרוקען; פאר א מענשען, וואס זארגט ניט וועגען דעם, וואס קומט פאר אין די וועלט פון דער געפענגנים, וועמעס פאמיליען־לעבען איז גליקליך, וועמען עס באאומרוהיגען ניט קיין געדאנקען, וואס זיינען א קוואל פון שטענדיגע גייסטיגע ליידען, — פאר אזא מענשען קאן דאס אפשיידען זיך פון דער געזעלשאפט ניט האבען קיין פאטאלען אויסגאנג, אויב דאס דויערט איננאנצען עטליכע מאנאטען. איז פאר מענשען אבער, וואס קאנען ניט לעבען אין דער געזעלשאפט נאר מיט די אייגענע געדאנקען, און באזונדערס פאר די, וועמעס באציהונגען מיט דער אויסערליכער וועלט צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין באזונדערער גלאטקייט, און וואס זיינען צו־ליב דעם שטענדיג אויפגערעגט פון פינסטערע געדאנקען, — פאר זיי זיינען אפילו עטליכע מאנאטען פון איינצעל־פארהאפטונג א זעהר געפעהרליכער נסיון.

צעהנטער קאַפּיטעל.

זיינען געפענגניסען נויטיג?

אויב מיר וועלען נעמען אין באַטראַכט אַלע איינפלוסען, וואָס זיינען ביילויפיג אָנגעוויזען געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל, וועלען מיר מוזען צוגעבען, אַז יעדער פון זיי באַזונדער און זיי אַלע צוזאַמען אַרבייטען אין אַ ריכטונג, וואָס מאַכט די מענשען, וועלכע זיינען אָפּגעווען עטליכע יאָהר אין געפענגניס, אַלץ ווע־ניגער און וועניגער צוגעפּאַסט פאַר'ן לעבען אין דער געזעלשאַפט. פון דער אַנדער זייט פיהרט ניט, בוכשטעבליך, קיין איינער ניט פון די אויבען אָנגעוויזענע איינפלוסען צו אַ וואוקס פון אינטע־לעקטועלע און מאָראַלע אייגענשאַפטען, דערהויבט ניט דעם מענ־שען צו אַן אידעאַלערער פאַרשטענדניש פון לעבען און זיינע פליכטען, מאַכט איהם ניט בעסער, מענשליכער, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער איז געווען פאַר'ן אריינקומען אין געפענגניס.

די געפענגניסען פאַרבעסערן ניט די מאָראַל פון זייערע באַוואוינער; זיי פאַרהינדערן ניט קיין ווייטערע פאַרברעכען. און ניט ווילענדיג שטעלט זיך די פראַגע: וואָס זאָלען מיר טאָן מיט די, וואָס פאַרברעכען ניט נאָר קעגען דעם געשריבענעם געזעץ, — אָט די טרויעריגע ירושה פון אַ טרויעריגער פאַרגאַנגענהייט, — נאָר וואָס צושטערן די פּרינציפּען פון מאָראַל, וואָס זיינען איינ־געשריבען אין דעם הארצען פון יעדען מענשען? אָט די פראַגע באַשעפטיגט איצט די בעסטע קעפּ פון אונזער יאָהרהונדערט.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די גאַנצע קונסט פון מעדיצין איז באַשטאַנען אין פאַרשרייבען אייניגע רפואות, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן אויף אַן עמפּירישען וועג. קראַנקע, וואָס זיי־נען אריינגעפאַלען אין די הענט פון אַן אַרצט, האָבען געקאָנט פאַר'סמ'ט ווערן פון אָט די רפואות, אָדער האָבען געקאָנט געזונט

ווערן טראָץ זיי ; אָבער דער דאָקטאָר האָט אַלע מאָל געקאָנט אָנ־ ווייזען, אַז ער האָט געטאָן, ווי אַלע אַנדערע דאָקטוירים : ער האָט ניט געקאָנט אַריבערוואַקסען זיינע מיטצייטלער.

אָבער אונזער יאָהרהונדערט, וואָס האָט דרייסט אויפגע־ הויבען א מאַסע פראַגען, וואָס זיינען קוים אָנגעמערקט געוואָרן אין די פאָריגע יאָהרהונדערטער, האָט זיך באַצויגען צו מעדיצין אויף אַנאַנדער אופן. ניט באַשרענקענדיג זיך נאָר מיט היילען קראַנקהייטען, שטרעבט די מאָדערנע מעדיצין צו פאַרהינדערן זיי, און מיר ווייסען, וואָס פאַר אַן אומגעהויערער פּראָגרעס עס איז דערגרייכט געוואָרן אין אָט דער הינזיכט, א דאַנק דער מאָ־ דערנער אַנזיכט אויף די אורזאַכען פון קראַנקהייטען. היגיענע איז דער ערפאָלגרייכסטער צווייג פון מעדיצין.

ריזעלביגע באַציהונג דאַרף זיין צו דער גרויסער סאָציאַלער ערשיינונג, וואָס רופט זיך איצט „פאַרברעכערישקייט", אָדער וואָס אונזערע קינדער וועלען רופען „סאָציאַלע קראַנקהייט". די פאַרהינדערונג פון קראַנקהייטען איז דער בעסטער היילונגס־ מיטעל, — צו אַזאַ שלוס איז געקומען א גאַנצע יונגע שול פון שרייבער, וואָס וואַקסט מיט יעדען טאָג, באַזונדערס אין איטאַ־ ליען, און וועמעס פאַרשטעהער עס זיינען : פּאָלעטי[1], פּעריי[2], קאָלאַדזשאַני[3] און, ביז א געוויסען גראַד, לאָמבראָזאָ ; צו זיי דאַרף מען אויך צורעכענען די גרויסע שול פון פּסיכאָלאָגען, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס שטעהען גריזאַנער[4], קראַפּט־עבינג[5], דעפּין[6] — אויפ'ן קאָנטינענט, און מאָודסליי[7] אַין ענגלאַנד ; סאָ־

1) *Il Delinquente;* Udine, 1875.

2) *Nuovi orizzonti del Diritto e della Procedure penale; Socialismo e Criminalita,* און איינִיגע אַנדערע אַרבייטען.

3) *L'Alcoolismo, sue consequenze morali e sua cause.* Catania, 1887. אָט די אַרבייט רעקאָמענדיר איך באַזונדערס דער אויפמערקזאַמ־ קייט פון די שרייבער וועגען אַלקאָהאָליזם, וואָס מישען אַזוי אָפּט צונויף פאָלגען מיט אורזאַכען.

4) *Gesammelte Abhandlungen. Berlin, 1882. Pathologie der Psychischen Krankheiten.*

5) *Zweifelhafte Geistzustände.* Erlangen, 1873; *Grundzüge der Criminal-Psychologie,* 1872; *Lehrbuch der Gerichtlichen Psychopatie,* Stuttgart, 1875.

6) *Psychologie Naturelle,* Paris, 1868; *Congrès Penitentiare de Stockholm en 1878,* Vol. II.

7) *Insanity with relation to Crime,* London, 1880.

ציאַלאָגען, ווי קעטלע און זיינע, צום באַדויערן, ווייניגע נאָכפאָלגער; און ענדליך די מאָדערנע שול פון פּסיכאָלאָגיע אין איהר באַציהונג צום אינדיווידום און די סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרען, וואס באַטראַכטען די געזעלשאַפט. אין זייערע אַרבייטען געפינען מיר שוין פאַרטיגע עלעמענטען, פון וועלכע עס דאַרף זיך אויסאַרבייטען אַ נייע באַציהונג צו יענע אומגליקליכע, וועלכע מיר הענגען איצט, קעפּען אָדער פאַרשיקען אין געפענגניסען.

דריי גרויסע ערשטע אורזאַכען פיהרן צו דעם, וואס ווערט אָנגערופען פאַרברעך: סאָציאַלע אורזאַכען, אַנטראָפּאָלאָגישע און קאָסמישע.

די ווירקונג פון דער לעצטער פון אָט די אורזאַכען איז נאָך ניט גענוג אויסגעפאָרשט, כאָטש מען קאָן זי ניט אָפּלייקענען; קעטלע האָט שוין לאַנג באַוויזען איהר באַדייטונג. פון די יעהרליכע באַריכטען פון דעם ענגלישען גענעראַל־פּאָסטמייסטער ווייזען מיר, צום ביישפּיל, אַז די צאָהל בריף, אין וועלכע מען האָט אַריינגעלייגט געלט־אַנווייזונגען און אַריינגעוואָרפען זיי אין די פּאָסט־קעסטלאַך פון ענגלאַנד אָהן אַדרעס, ווערט פון יאָהר צו יאָהר כמעט ניט פאַרענדערט. אויב אַזאַ קאַפּריזנער עלעמענט פון אונזער לעבען, ווי צושטרייטקייט אין באַצוג צו איין געגענשטאַנד פון אַ געוויסען מין, איז אונטערוואָרפען צו געזעצען, וואס זיינען פּונקט אַזוי שטרענג, ווי די, וואָס רעגולירן די באַוועגונג פון די הימעלשע קערפּער, איז דאָך דאָס נאָך מעהר ריכטיג אין באַצוג צו פאַרברעכען קעגען רעכט. מיר קאָנען מיט אַ גרויסער פּינקטליכקייט פאָראויסזאָגען מיט אַ יאָהר פריהער די צאָהל מאָרדען, וואָס וועלען באַגאַנגען ווערן אין יעדען לאַנד פון אייראָפּאַ; און אויב מיר וועלען נעמען אין באַטראַכט אייניגע זייטיגע איינפלוסען, וואָס קאָנען פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן די צאָהל מאָרדען אין פאַרלויף פון קומענדיגען יאָהר, וועט די ציפער פון אונזער פאָראויסזאָגונג זיין נאָך פּינקטליכער.

מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אין דעם ענגלישען זשורנאַל „נייטשור” געווען פאַרעפענטליכט אַ סטאַטיסטישער אַרטיקעל וועגען דער צאָהל געשלעגען און מאָרדען, וואָס זיינען געשעהן אין אינדיען, אין פאַרבינדונג מיט דער טעמפּעראַטור און פייכטקייט פון דער לופט. יעדערער ווייס, אַז איבעריגע וואַרימקייט און

פייכטקייט פון דער לופט מאכען מענשען נערוועזער, איידער ווען די טעמפעראטור איז געמעסיגט, און עס וועהט א טרוקענער ווינט. אין אינדיען, וואו די טעמפעראטור דערגרייכט אמאל אן אומגעהויערע הויך, און די לופט צייכענט זיך אויס אין דערזעלבינער צייט מיט אן אומגעוועהנליכער פייכטקייט, — פיהלט זיך, נאטירליך, דער אפשוואכענדיגער איינפלוס פון דער אטמאספער אין א סך א גרעסערער מאס, איידער אין אונזערע געאגראפישע ברייטען. צוליב דעם האט ס. א. היל ארויסגעבראכט א פארמול, פון ציפער דאטען, וואס נעמען ארום עטליכע יאהר, — א פארמול, וואס ערלויבט אייך, אויב איהר ווייסט די דורכשניטליכע טעמפעראטור און די מאס פון אטמאספערישער פייכטקייט פון יעדען מאנאט, פאראויסצוזאגען מיט א מערקווירדיגער דערנעהענטערונג צו די ווירקליכע ציפערען, די צאהל זעלבסטמארדען און בלוטיגע געוואלדטאטען, וואס וועלען פאררעגיסטרירט ווערען אין פארלויף פון דעם באטרעפענדען מאנאט*).

אזעלכע אויסרעכענונגען קאנען, נאטירליך, אויסווייזען זאנדערבאר פאר מענשען, וואס זיינען ניט געוועהנט צו באטראכטען פסיכישע ערשיינונגען אין פארבינדונג מיט זייערע פיזישע אורזאכען; אבער די פאקטען ווייזען אן אויף אט דער אפהענגיגקייט מיט אזא קלארקייט, אז עס בלייבט מעהר קיין ארט ניט פאר צווייפלען. און מענשען, וועלכע עס איז אויסגעקומען צו פיהלען

---

*) S. A. Hill: “The Effects of the Weather Upon the Death-Rate and Crime in India,” Nature, Vol. 29, 1884, p. 338. די פארמולע וואס היל האט אויסגעארבייט, אז די צאהל זעלבסטמארדען און אקטען פון געוואלדטאטען, וואס ווערן באגאנגען יעדען מאנאט, איז גלייך צו דעם א י ב ע ר פ ל ו ס פון דער דורכשניטליכער ציפער פון דער טעמפעראטור יעדען חודש איבער 48° פארענהייט, גע׳כופל׳ט אויף צוויי. דער אויטאר לעגט צו: „פארברעכען פון א געוואלטזאמען כאראקטער אין לאנדאן, קאן מען זאגען, זיינען פראפארציאנעל אין זייער צאהל צו דער טענדענץ צו „שטעכיגער היץ“, אט דעם פיינליכסטען צושטאנד פון דער הויט, וואס ווערט ארויסגערופען דורך א הויכע טעמפעראטור, פארבונדען מיט פייכטקייט. יעדערן, וועמען עס איז אויסגעקומען צו ליידען פון אט דער קראנקהייט, וועט לייכט זיין צו פארשטעהן, פארוואס די אורזאכען, וואס רופען ארויס אט די ליידען, קאנען אמאל פיהרן צו מארדען און אנדערע פארברעכען“. ביי א קיהלען וועטער וועלען מיר האבען א פארקערטע ווירקונג.

די ווירקונג פון דער טראָפּישער היץ אין פארבינדונג מיט דער טראָפּישער פייכטקייט אויף זייער נערוועז סיסטעם, ווע̇לען זיך ניט וואונדערן, וואָס גראד אין אזעלכע טעג זיינען די הינדוס געניינט צו כאפּען זיך פאר א מעסער צו לייזען דיספּוטען, און וואָס מענשען, וואָס האָבען זיך אנטוישט אין לעבען, ווע̇לען אין אזעלכע טעג גיכער זיך אנטשליסען אויף זעלבסטמאָרד*).

די ווירקונג פון קאָסמישע אורזאכען אויף אונזערע האנדלונגען איז נאָך ניט אנאליזירט געוואָרן אלזייטיג; פונדעסטוועגען זיינען אייניגע פאקטען פעסטגעשטעלט געוואָרן. עס איז, צ. ב. ש., באקאנט, אז אָנפאלען אויף פּערזאָנען (גוואלדטאטען, מאָרד, א. אז. וו.) שטייגען אין פארלויף פון זומער, אין ווינטער דערגרייכען א מאקסימום פארזוכען, וואָס זיינען געווענדט קעגען איינענטום. באטראכטענדיג די קרומע ליניען, וואָס פּראָפעסאָר ע. פערי**), האָט אנגעצייכענט, און קוקענדיג גלייכצייטיג אויף די קרומע ליניען פון טעמפּעראטור און די קרומע ליניען, וואָס ווייזען אָן די צאָל פארזוכען אויף פּערזאָנען, מוז מען דערשטוינט ווערן פון זייער עהנליכקייט: זיי זיינען אמאָל אזוי עהנליך, אז עס איז שווער אונטערצושיידען פון איינער ביז צו דער אנדערער. צום באדויערן פארנעמט מען זיך ניט מיט אזעלכע אויספאָרשונגען מיט יענער ענערגיע, וואס זיי פארדינען, און צוליב דעם זיינען נאָר ווייניג פון די קאָסמישע אורזאכען אנאליזירט געוואָרן אין פארבינדונג מיט זייער איינפלוס אויף מענשליכע האנדלונגען.

מען מוז אָבער צוגעבען, אז אזעלכע אויספאָרשונגען זיינען פארבונדען מיט א סך שוועריגקייטען, צוליב דעם, וואָס די מעהרסטע קאָסמישע אורזאכען איבען אויס זייער ווירקונג נאָר אינדירעקט; אזוי, צום ביישפּיל, ווען מיר זעהען, אז די צאָהל פארברעכען געגען רעכט איז דאָ העכער, דאָ נידריגער, אין איינקלאנג

אויך זעה Mayr, "Gesetzmassigkeit in Gesellschafts-leben," E. Ferri אין *Archivis di Psychiatria,* fasc. 2; "La téoria dell'imputabilita e la Negazione del libero Arbitrio," Bologna, 1881, און אַ סך אַנדערע.

**) Das Verbrechen in Seiner Abhänsigkeit von Temperatur, Berlin, 1882; אויך Colojanni, "Oscillations térmometriques et délits contre les Personnes", אין *Bibl. d'Anthropologie Criminelle,* Lyon, 1886.

מיט דער גרעטעניש אויף תבואות אָדער ווייַנטרויבען, ווייזט זיך די ווירקונג פון קאָסמישע אגענטען ארוים נאָר דורך א גאַנצער רייהע איינפלוסען פון א סאָציאַלען כאַראַקטער. און דאָך וועט קיי־נער ניט אָפּלייקענען, אז ביי א גוטען וועטער, א רייכער ערנטע און, פאָלגליך, א גוטער שטימונג פון די דאָרפס־איינוואוינער, זיי־נען די לעצטע וועניגער גענויגט צו לעזען זייערע קליינע שטרייטען דורך געוואַלט, איידער בעת א שטורמיגען אָדער פינסטערען ווע־טער, ווען, חוץ אַלעמען, רופען נאָך די שלעכטע גרעטענישען אויף ארויס אַן אַלגעמיינע אומצופרידענהייט. איך רעכען, אז פרויען, וואָס האָבען א שטענדיגע מעגליכקייט צו באָאָבאַכטען די גוטע און שלעכטע שטימונג ביי זייערע מענער, וואָלטען געקאָנט מיטטיילען א סך אינטערעסאַנטע דאַטען וועגען דעם איינפלוס פון וועטער אויפ׳ן פאַמיליען גליק.

די אַזוי גערופענע „אַנטראָפּאָלאָגישע אורזאַכען”, וועלכע מען האָט געשאָנקען זעהר פיל אויפמערקזאַמקייט אין די לעצטע יאָהרען, שפּילען נאָך אָהן צווייפעל א וויכטיגערע ראָל, איידער די קאָסמישע אורזאַכען. דער איינפלוס פון גע׳ירש׳ענטע אייגענשאַפטען אין דער קערפּערליכער אָרגאַניזאַציע אויף די נייגונג צו פאַרברעכען איז אין דער לעצטער צייט אילוסטרירט געוואָרן פון אַזוי פיל אינטערעסאַנטע אויספאָרשונגען, אז מיר קאָנען פאַסען א פול־שטענדיג באַגרינדעטען אורטייל וועגען אָט דער קאַטעגאָריע אור־זאַכען, וואָס ברענגען מענשען צו די טירען פון אונזערע געריכ־טען. געווים, מיר קאָנען פולקאָם איינשטימען מיט יענע שלוסען, צו וועלכע עס איז געקומען איינער פון די אָנגעזעהענסטע פאָר־שטעהער פון אָט דער שול, דר. לאָמבראָזאָ*), באַזונדערס אין איינער פון זיינע לעצטע ארבייטען.**) ווען ער ווייזט אָן, אז א סך באַוואוינער פון אונזערע געפענגניסען ליידען פון פעהלערען פון דער מארך אָרגאַניזאַציע, מוזען מיר אָט דעם פאַקט אנערקענען. מיר זיינען אפילו גרייט אָנצונעמען, אויב דאָס איז ווירקליך באַ־וויזען, אז די מעהרסטע פאַרברעכער און ארעסטאַנטען האָבען לענגערע הענט, איידער מענשען, וואָס געפינען זיך אויף דער פריי. און ווידער, ווען לאָמבראָזאָ ווייזט אונז אָן, אז די ברוטאַלסטע

*) L'Homo delinquente, 3 ed., Torino, 1884.
**) Sull incremento del delitto, Roma, 1879.

מאָרדען זיינען באַגאַנגען געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען גע־ליטען פון ערנסטע דעפעקטען פון דער קערפּערליכער אָרגאַניזאַ־ציע, קאָנען מיר נאָר זיך בויגען פאַר אָט דער באַהויפּטונג און אָנ־ערקענען איהר ריכטיגקייט. אָבער אַזעלכע באַהויפּטונגען בלייבען נאָר אַן ערקלערונג פון דעם פאַקט, ניט מעהר. און דעריבער קאָנען מיר ניט געהן נאָך הערען לאָמבראָזאָ, ווען ער ציהט צו ברייטע שלוסען פון אָט די און עהנליכע פאַקטען, און ווען ער זאָגט ארוים דעם געדאַנק, אַז די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט אָנצונעמען וועלכע זי וויל מיטלען געגען מענשען, וואָס ליידען פון אַזעלכע פעהלערען פון דער קערפּערליכער אָרגאַניזאַציע. מיר קאָנען ניט אָנערקענען דאָס רעכט פון דער געזעלשאַפט אויסצוראָטען אַלע מענשען, וואָס האָבען אַ ניט פולקאָמע סטרוקטור פון מאַרך, און נאָך וועניגער — אַריינצוזעצען אין געפענגנים אַלעמען, ווער עס האָט נאָר געהאַט דאָס אונגליק געבאָרען צו ווערען מיט צו לאַנגע הענט. מיר קאָנען אָנערקענען, אַז די מעהרסטע שולדיגע אין די ברוטאַליטעטען, וואָס דערצאָרענען פון צייט צו צייט די געזעל־שאַפט, זיינען ניט ווייט אַוועק פון די אידיאָטען נאָכ'ן גראַד פון זייער אַנטוויקלונג. אַזוי, צום ביישפּיל, קאָן דער קאָפּ פון אַ גע־וויסען גרויזאַמען מערדער, פּרעי, אַ בילד פון וועלכען איז דורכ־געגאַנגען די גאַנצע פּרעס אין 1886, זיך רעכענען פאַר אַ באַ־שטעטיגענדען פאַקט. אָבער פּונקט ווי ניט אַלע אין אינדיען נעמען זיך פאַר'ן מעסער אין אַ הייסען וועטער, אַזוי ווערן ניט אַלע שוואַכזיניגע מענער און פרויען — מערדער. און דער ביטערסטער קרימינאַליסט פון דער אַנטראָפּאָלאָגישער שול וועט מוזען זיך אָפּזאָגען פון דעם געדאַנק אויסצוראָטען אַלע אידיאָטען, אויב ער וועט זיך דערמאָנען, וויפיל פון זיי עס געפינען זיך אויף דער פריי (איינינע אונטער אויפזיכט, און אַ סך אפילו געזונטע מענשען אונטער זייער אויפזיכט); און דאָך איז דער גאַנ־צער אונטערשיד צווישען אָט די אונגליקליכע און די, וואָס מען האָט אָפּגעגעבען אין די הענט פון תליון, אייגענטליך נאָר אַן אונ־טערשיד פון אומשטענדען, אונטער וועלכע זיי זיינען געבאָרן גע־וואָרן און זיינען אויסגעוואַקסען. געפינען מיר דען ניט אין אַ סך פאַמיליען, וואָס זיינען אין אַנדערע הינזיכטען גאַנץ „רעספּעקטאַ־בעלע", און אויך אין פּאַלאַצען, שוין ניט רעדענדיג וועגען אַנשטאַל־

טען פאר משוגעים, מענשען, וואָס ליידען פון אזעלכע פעהלערען פון מארך־אָרגאַניזאציע, וועלכע דר. לאָמבראָזאָ האלט פאר כאראקטע־ריסטיש, ווי סימנים פון „פארברעכערישען משוגעת״? מארך־קראַנקהייטען קאָנען העלפען דער אנטוויקלונג פון פארברעכע־רישע נייגונגען; אָבער ביי אנדערע אומשטענדען קאָן אויך אזא ווירקונג זיך ניט ארויסווייזען. דער געזונטער פארשטאנד און דאָס גוטע הארץ פון טשארלז דיקענס האָבען איהם געהאָלפען צו פאר־שטעהן גרינדליך אָט דעם איינפאכען אמת און פארקערפערן איהם אין דער געשטאלט פון מר. דיק.

קאָנען מיר, הייסט דאָס, ניט איינשטימען מיט אלע שלוסען פון דר. לאָמבראָזאָ, און נאָך וועניגער — פון זיינע נאָכפאָלגער; אָבער מיר דארפען זיין דאנקבאר דעם איטאליענישען שרייבער דערפאר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט דער מעדיצינישער זייט פון דער פראגע און האָט פּאָפּולאריזירט אזעלכע נייע אידעען. איצט וועט יעדער מענש אָהן פאָראורטיילען קאָנען ציהען פון דר. לאָמבראָזאָ׳ס פארשידענע און אונגעהויער אינטערעסאנטע באאָב־אכטונגען דעם איינציגען שלוס, נעמליך, אז די מעהרהייט פון די, וועמען מיר פאראורטיילען ווי פארברעכער, זיינען מענשען, וואָס ליידען פון וועלכע עס איז קראַנקהייטען אָדער אונפולקאָמקייטען פון אָרגאַניזם, און אז דעריבער איז נויטיג זיי צו היילען, און ניט פ א ר ש ט א ר ק ע ן זייער קראנקהאפטיגען צושטאנד דורך גע־פענגנים פארהאַפטונג.

מאָדסלי׳ס אויספאָרשונגען וועגען דער פארבינדונג צווישען משוגעת און פארברעכען זיינען גוט באַקאנט אין ענגלאנד.*) ליי־ענענדיג אויפמערקזאם זיינע ארבייטען, מוז מען ארויסטראָגען דעם איינדרוק, אז די מעהרסטע באוואוינער פון אונזערע געפענג־ניסען, וואָס זיינען פאראורטיילט פאר גוואלדטאטען, זיינען מענ־שען, וואָס ליידען פון וועלכע עס איז מארך־קראנקהייטען. נאָך מעהר, דער „אידעאלער משוגע׳נער״, וואָס איז באשאפען געוואָרען אין דער פאָרשטעלונג פון די יוריסטען, וועלכען זיי זיינען גרייט צו דערקלערן ניט פאראנטוואָרטליך פאר זיינע טאטען, איז פונקט אזא זעלטענהייט, ווי דער „אידעאלער פארברעכער״ וועלכען דאָס

*) “Responsibility in Mental Disease,” London, 1872;
“Body and Will,” London, 1883.

נעזועץ שטרעבט צו באשטראָפען. עס איז אָהן צווייפעל פאראן, ווי מאָדסלי זאָגט, א „ברייטע צווישען־פּראָווינץ צווישען פאַרברע־כען און משוגעת, און דערביי באַגעגענען מיר אויף איין גרענעץ א געוויסע אויסערונג פון משוגעת, אָבער נאָך מעהר — אַן אויסע־רונג פון פאַרברעכערישקייט, ריכטיגער וואָלט געווען צו זאָגען: פון א באוואוסטזיניגען פארלאנג צו טאָן עפּעס שלעכטס; ביי דער אנדער גרענעץ ווידער באַגעגענען מיר, פאַרקערט, א קלע־נערע אויסערונג פון פאַרברעכערישקייט און א גרעסערע — פון משוגעת”. אָבער, גיט ער צו, „די גערעכטע באַשטימונג פון מאָ־ראַלער פאַראַנטוואָרטליכקייט ביי די אונגליקליכע מענשען, וואָס באַוואוינען אָט דעם צווישען־פּאַס, וועט קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן, ביז מיר וועלען זיך ניט באַפרייען פון פאַלשע פאָרשטעלונ־גען וועגען „זינד” און „בייזען ווילען”. *)

---

*) מאָדסלי׳ס „רעספּאנסיביליטי”; אויף זייט 27 זאָגט מאָדסלי: „כאָטש מען קאָן זיך באַציהען צום פאַרברעכער מיט מיטלייד, פונדעסט־וועגען איז נויטיג אָפּצונעמען ביי איהם די מעגליכקייט צו טאָן ווייטער שלעכטס; די געזעלשאַפט האָט אַ פולשטענדיג רעכט צו באַשטעהן אויף דעם; און הגם מען קאַן זיך צו איהם באַציהען מיט רחמים, באַשטעהט דאָך די אמת׳ע גוטסקייט און באַזאָרגטקייט, ווי צו איהם אַליין, אַזוי אויך צו אַנדערע, אין — אונטערוואַרפען איהם צו אַזאַ דיסציפלין, וואָס וועט קאָנען, אויב מעג־ליך, איהם ברענגען אין אַ געזונטען צו־שטאַנד, מעג דאָס זיין אַפילו קאַטאָרזשנע אַרבייט, אויב זו׳ וועט זיין נאַך זיינע כחות”. שוין ניט רעדענדיג גאָרנישט וועגען דעם „רעכט” פון דער געזעלשאַפט צו באַשטראָפען וועמען עס איז מיט קאַטאָרזשנער אַרבייט, — אין וועלכען רעכט גופא מען קאָן נאָך שטאַרק צווייפלען, ווייל מאָדסלי אַליין אַנערקענט, אַז די געזעלשאַפט „פאַבריצירט אַליין פאַרברעכער”, — קאָנען מיר זיך נאָר וואונדערן, וואָס אַ מענש מיט אַזאַ קלאָרן פאַרשטאַנד האָט אָנגענומען, כאָטש אויף אַן אויגענבליק, אַז די געפענג־ניס פאַרהאַפטונג מיט קאַטאָרזשנער אַרבייט קאָן זיין דער בעסטער מיטעל צו ברענגען עמיצענס פאַרשטאַנד אין אַ געזונטען צו־שטאַנד. דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט איינעם פון יענע ווידער־שפּרוכען, מיט וועלכע עס איז פול דאָס ענגלישע לעבען און די ענגלישע ליטעראַטור, וואו אַ געניאַלער טאַלאַנט לעבט זייט ביי זייט מיט דעם שמאָלסטען פיליסטערטום.

צום באדויערן, זיינען נאָך ביז איצט אונזערע שטראָף־איינ־ריכטונגען נאָר א קאָמפּראָמיס צווישען די אַלטע אידעען פון נ ק מ ה, ב א ש ט ר אָ פ ע ן דעם „בייזען ווילען" און די „זינד" און די נייערע אידעען פון א י י נ ש ר ע ק ע ן, און דערביי ווערןביידע אין א גאנץ אונבאדייטענדיגער מאָס מילדער גע־מאכט פון פילאנטראָפּישע טענדענצען. אָבער מיר האָפען, אַז עס איז שוין ניט ווייט די צייט, ווען די נאָבעלע אַנזיכטען, וואָס האָבען באגייסטערט גריזינגער'ן, קראפּט-עבינג'ען, דעפּינ'ען און איינ־יגע מאָדערנע רוסישע, דייטשע און איטאַליענישע קרימינאַ־ליסטען, וועלען ארייגדרינגען אין דאָס געזעלשאפטליכע באוואוסט־זיין; און מיר וועלען זיך דעמאָלט שעמען, דערמאָנענדיג, ווי לאנג מיר האָבען אָפּגעגעבען מענשען, וועלכע מיר האָבען אָנגע־רופען „פארברעכער", אין די הענט פון תליונים און געפענגנים וועכטער. ווען די געוויסענהאפטיגע און גרינדליכע ארבייטען פון די אויבענדערמאָנטע שרייבער וואָלטען געוועזן מעהר באקאנט, וואָלטען מיר אַלע לאנג פארשטאנען, אַז די מעהרסטע מענשען, וועלכע מיר האַלטען איצט אין געפענגניסען אָדער פאר'משפּט'ען צום טויט, נויטיגען זיך, אָנשטאָט א שטראָף, אין דער פאָרזיכ־טיגסטער, ברידערליכער באציהונג צו זיי. איך מיין ניט, נאַ־טירליך, פאָרצושלאָגען, מען זאָל פארבייטען די געפענגניסען אויף דול־הייזער; שוין דער געדאנק אליין וועגען דעם וואָלט מיך שרעקליך אויפגעבראכט. די דול־הייזער זיינען, אייגענטליך, די זעלבינע געפענגניסען; און די, וועלכע מיר האַלטען אין געפענג־ניסען, זיינען גאָר ניט קיין משוגעים; זיי זיינען אפילו ניט אַלע־מאָל באוואוינער פון יענער גרענעץ פון דער „צווישען־פּראָווינץ", אויף וועלכער א מענש פארלירט דעם קאָנטראָל איבער זיינע האנדלונגען. איך בין פונקט אזוי ווייט פון דער אידעע, וואָס ווערט פּראָפּאגאנדירט פון איינינע, — אָפּצוגעבען די געפענג־ניסען אין רשות פון פּעדאגאָגען און מעדיצינער. די מעהרסטע מענשען, וואָס ווערן איצט געשיקט אין געפענגניסען, נויטיגען זיך נאָר אין ברידערליכער הילף מצד די, וואָס רינגלען זיי ארום; זיי נויטיגען זיך אין הילף צו אנטוויקלען די העכערע אינסטינק־טען פון דער מענשליכער נאַטור, ועמעס וואוקס איז דערשטיקט אָדער אָפּגעשטעלט געוואָרן פון א קראנקהאפטיגען צושטאנד פון

דעם ארגאניזם (אנעמיע פון מארך, קראנקהייט פון הארץ, לעבער, מאגען, א. אז. וו.) אדער, נאך אפטער, — דורך די שענדליכע באדינגונגען, אונטער וועלכע עס וואקסען אוים הונדערטער טויזענטער קינדער און אונטער וועלכע עס לעבען מיליאנען דערוואקסענע אין די אזוי נערופענע צענטרען פון ציוויליזאציע. אבער אט די העכערע אייגענשאפטען פון דער מענשליכער נאטור קאנען זיך ניט אנטוויקלען און אויסאיבען, ווען דער מענש האט ניט קיין פרייהיים, און עס איז ביי איהם, צוליב דעם, אפגענומען געווארן די מעגליכקייט פריי צו קאנטראלירן זיינע האנדלונגען; ווען ער איז איזאלירט פון די פארשיידענע איינפלוסען פון דער מענשליכער געזעלשאפט. פרואווט אויפמערקזאם אנאליזירן וועלכע עס איז פארלעצונג פון דעם ניט געשריבענעם מאראלען געזעץ, און איהר וועט אלעמאל געפינען, ווי דער גוטער אלטער גריזינגער האט געזאגט, אז אט די פארלעצונג קאן מען דערקלערן מיט א פ ל ו צ ל ו נ ג ע ן אימפולס: „דאס, — זאגט ער, — איז א רעזולטאט פון איינפלוסען, וואס האבען אין פארלויף פון א סך יאהרן טיף געווירקט אויפ'ן מענשען" *) לאמיר נעמען פאר א ביישפיעל א מענשען, וואס איז באגאנגען א וועלכע עס איז גוואלדטאט. די בלינדע ריכטער פון אונזער צייט שיקען איהם אפ, אהן ווייטערן נאכדענקען, אין געפענגניס. אבער א מענש, וואס איז ניט פאר'סמ'ט געווארן פון א שטודיום פון רוימישער יוריספרודענץ, נאר שטרעבט פריהער צו אנאליזירן, איידער ער טראגט ארוים זיין אורטייל, וועט זאגען עפעס אנדערש. צוזאמען מיט גריזינגער'ן וועט ער באמערקען, אז אין דעם געגעבענעם פאל, אויב דער באשולדיגטער האט ניט געקאנט איינהאלטען זיינע געפיהלען און האט זיי געגעבען אן אויסוועג אין דער גוואלדטאט, געהערט די צוגרייטונג צו אט דעם אקט צו א פריהערדיגען פעריאד פון זיין לעבען. איידער ער איז אט דעם אקט באגאנגען, האט אפשר דער באשולדיגטער אין פארלויף פון זיין גאנצען פריהערדיגען לעבען שוין ארויסגעוויזען אן אוננארמאלע גייסטיגע טעטיגקייט דורך א רוישיגע אויסערונג פון זיינע געפיהלען, אנהויבענדיג מיט טומעלדיגע קרי־

---

*) Vierteljahrschrift für gerichtliche und öffentliche Medicin, 1867.

געריײען צוליעב די גישטיגסטע אורזאַכען אָדער באַליידיגענדיג, אונטער דעם אונוויכטיגסטען אויסרייד, מענשען, וואָס זיינען נאָהנט צו איהם; דערביי, האָט זיך, צום באַדוירען, ניט געפונען קיין איינער, וואָס וואָלט שוין אין זיין קינדהייט געפּרואווט געבען זיין נערוועז עמפינדליכקייט א בעסערע ריכטונג. די וואָרצלען פון די אורזאַכען פון דער גוואַלדטאַט, וואָס האָט געבראַכט דעם באַ־שולדיגטען אין געריכט, דאַרף מען אויף אַזאַ אופן זוכען אין דער פאַרגאַנגענהייט, מיט א סך יאָהרען צוריק. און אויב מיר ווילען ווילען נאָך מעהר פאַרטיפען אונזער אַנאַליז, ווילען מיר אַנט־דעקען, אז אַזאַ קראַנקהאַפטיגער גייסטיגער צושטאַנד ביי דעם באַשולדיגטען איז א רעזולטאַט פון א װעלכער עס איז פיזישער קראַנקהייט, א געבאָרענער אָדער וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט שפּעטער צוליעב די אוננאָרמאַלע לעבענס־באַדינגונגען, — א קראַנקהייט פון הארץ, מאַרך, אָדער פאַרדייהונגס סיסטעם. אין פאַרלויף פון א סך יאָהרען האָבען אָט די אורזאַכען אויסגעאיבט א ווירקונג אויף דעם באַשולדיגטען און דער רעזולטאַט פון זייער געמיינשאַפטליכער טעטיגקייט איז ענדליך געװען די גוואַלדטאַט, מיט וועלכער דאָס נשמהלאָזע געזעץ האָט צו טאָן.

נאָך מעהר, אויב מיר ווילען אַנאַליזירען זיך אליין, אויב מיר ווילען זיך אָפען מודה זיין אין די געדאַנקען, וועלכע לויפען אמאָל דורך אין אונזער מאַרך, ווילען מיר דערזעהן, אז יעדערער פון אונז האָט אָנגעזאַבען פון דיזעלביגע געדאַנקען און געפיהלען (וועל־כע מען קאָן אמאָל קוים כאַפּען), וואָס פאַרוואַנדלען זיך אין אורזאַכען פון די אַקטען, וועלכע ווערן באַטראַכט, ווי פאַרברע־כערישע. אמת, מיר האָבען באַלד געשטרעבט צו פאַרטרייבען אַזעלכע געדאַנקען; אָבער אויב עס וואָלט געווען פּאָר זיי א גינ־סטיגער באָדען צו באַווייזען זיך ווידער און ווידער; אויב די אומשטענדען וואָלטען אין דעם געהאָלפען, א דאַנק דער אונטער־דריקונג פון די נאָבעלערע ליידענשאַפטען: ליעבע, מיטלייד און די אַלע געפיהלען, וואָס זיינען א רעזולטאַט פון א האַרציגער באַ־ציהונג צו די פריידען און ליידען פון די מענשען, צווישען וועלכע מיר וואוינען, — דעמאָלט וואָלטען אָט די פאַרבייליופיגע גע־דאַנקען, וואָס מיר באַמערקען קוים אונטער נאָרמאַלע באַדינגונ־

גען, געקאָנט אויסוואקסען אין עפּעס שטענדיגס און ווערן א קראנקהאפטיגער עלעמענט פון אונזער בּאראקטער.

אָט דאָס דארפען מיר לערנען אונזערע קינדער פון דער פריה־סטער יוגענד, אָנשטאָט אָנשטאָפּען זייערע קעפּ, פון די פריהסטע טעג פון זייער יוגענד, מיט אידעען וועגען „גערעכטיגקייט", וואָס דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון נקמה, באשטראָפונג, גערינכט. ווען מיר וואָלטען די קינדער אנדערש ערצויגען, וואָלט אונז ניט אויסגעקומען רויט צו ווערן פאר שאנד ביים גדאנק, אז מיר דינגען אָן מערדער אויף אויסצופיהרן אונזערע אורטיילען, און מיר צאָה־לען די געפענגנים וועכטער פאר אויספיהרן אזא דינסט, צו וועל־כער קיין געבילדעטער מענש וועט ניט וועלען צוגרייטען זיינע אייגענע קינדער. און אויב מיר אליין רעכענען אזא דינסט פאר א שענדליכע, איז וואָס פאר א רייד קאָן שוין זיין וועגען איהר כלומר'שט מאָראל־אויסבעסערענדיגען כאראקטער!

ניט געפענגניסען, נאָר ברידערליכע אָנשטרענגונגען כדי צו דערשטיקען די אנטי־געזעלשאפטליכע געפיהלען, וואָס אנטוויקלען זיך אין איינינע פון אונז, — דאָס זיינען די איינציגע מיטלען, וואָס מיר האָבען א רעכט אָנצואווענדען און קאָנען אָנווענדען מיט א געוויסען ערפאָלג צו די, אין וועמען אָט די געפיהלען האָ־בען זיך אנטוויקעלט צוליעב קערפּערליכע קראנקהייטען אָדער געזעלשאפטליכע איינפלוסען. און מען דארף ניט מיינען, אז אזא באציהונג צום פארברעכער איז אַן אוטאָפּיע. מיינען, אז שטראָף קאָן אָפּשטעלען דעם וואוקס פון אנטי־געזעלשאפטליכע נייגונגען, דאָס איז אַן אוטאָפּיע, און דערצו נאָך א געמיינע או־טאָפּיע, וואָס איז ארויסגעוואקסען פון א טיף־עגאָאיסטישען גע־פיהל: „לאָזט מיך צורוה, און זאָל אלץ אויף דער וועלט געהן ווי ביזאהער".

א סך פון די אנטי־געזעלשאפטליכע געפיהלען, — זאָגט דר. בריוס טאָמפּסאָן,*) און צוזאמען מיט איהם א סך אנדערע, — האָבען מיר גע'ירש'ענט, און די פאקטען באשטעטיגען פולשטענ־דיג אזא אנשויאונג. — אָבער וואָס קאָן גע'ירשנ'ט ווערן? דער כלומרשט'דיגער גוז פון פארברעכערישקייט"? אָדער עפּעס

*) „דזשורנאל אָוו מענטאל סייענס", יאַנואַר, 1870, זייט 488.

אנ׳אנדער זאך? — מען נעמט איבער בירושה: א ניט געניגענדיגען זעלבסט־קאנטראל, אן אפוועזענהייט פון פעסטען ווילען, א פארלאנג צו ריזיקירן, א דורשט נאך אויפרעגונג, *) אן אונגעהויערן עהרגייץ. עהרגייץ, צום ביישפיעל, ווען דאס איז פארבונדען מיט א שטרעבען צו געפעהרליכע טאטען און צו אויפרעגונג, איז איינער פון די כאראקטעריסטישסטע שטריכען ביי די מענשען, וואס באוואוינען די געפענגניסען. אבער מיר ווייסען, אז עהרגייץ געפינט א סך געביטען, אויף וועלכע זיך ארויסצואווייזען. ער קאן שאפען א מאניאק, ווי נאפאלעאן דער ערשטער אדער א טראמפמאן; ער קאן אבער אויך באגייסטערן, אונטער אנדערע באדינגונגען, — באזונדערס ווען ער ווערט אויפגערעגט און באהערשט פון געזונטען פארשטאנד, — די מענשען, וואס גראבען דורך טונעלען און שניידען דורך לאנדפאסען, וואס פארשען אוים ארקטישע ימים אדער גיבען אפ זייער גאנצע ענערגיע אויף דורכפיהרן אין לעבען א וועלכען עס איז גרויסען פלאן, וואס זיי האלטען פאר א טובה פאר דער מענשהייט. אויסערדעם קאן די אנטוויקלונג פון עהרגייץ אפגעשטעלט ווערן אדער איננאנצען פאראליזירט ווערן פון א פאראלעלער אנטוויקלונג פון פארשטאנד. דאסזעלביגע באציהט זיך אויך אויף אנדערע פעהיגקייטען, וואס זיינען דא אנגערופען געווארן. אויב א מענש האט איבערגענומען בירושה אן אפוועזענהייט פון פעסטען ווילען, ווייסען מיר אויך, אז אט דער כאראקטער־שטריך קאן פיהרן צו די פארשידענארטיגסטע פאלגען, אין איינקלאנג מיט די לעבענס־באדינגונגען. ליידען דען וועניג פון אונזערע באליעבטסטע בא־

*) די וויכטיגקייט פון אט דעם פאקטאר, אויף וועלכען עס האט שוין אנגעוויזען עד. דיו־קען, ווערט באוויזען שוין מיט דעם, וואס דער אזוי־גערופענער „פארברעכערישער עלטער“ איז דער עלטער צווישען 25 און 34 יאהר. נאך אט דעם עלטער ווערט די צאהל פארברעכען אונגעהויער פארקלענערט פון א שטרעבען צו א רוהיגען לעבען. דער פארשלאג פון דיו־קען („מענשען, וועמעס קאריערע זאגט עדות וועגען פארברעכערישע נייגונגען, דארפען פארשפארט ווערן אדער אפגעגעבען ווערן אונטער אויפזיכט, ביז זיי וועלען ניט דערגרייכען אונגעפעהר א פערציגיאהריגען עלטער“) איז א טיפישער מוסטער פון יענער באזונדערער לאגיק, וועלכע אנטוויקעלט זיך ביי מענשען, וואס זיינען א געוויסע צייט געווען דירעקטארען פון געפענגניסען.

קאנטע גראָד פון אָט דעם פעהלער? און איז ער דען א גענייגענדע אורזאַך, אז מען זאָל זיי פארשפארן אין געפענגנים?

די מענשהייט האָט זעלטען געפּרואווט באהאנדלען די פארשולדיגטע מענשען, ווי מענשליכע וועזענס; אָבער יעדעס מאָל, ווען זי האָט דאָס פּרובירט טאָן, איז זי גוט באלוינט געוואָרן פאר איהר דרייסטקייט. אין קלערוואָ האָט מיך אמאָל ערשטוינט די גוטסקייט, מיט וועלכער איינינגע דיענער אין שפּיטאָל האָבען זיך באצויגען צו די קראנקע ארעסטאנטען. און דאָקטאָר קעמפּבעל, וואָס האָט געהאט א סך א ברייטערען פעלד פאר באָבאכטונגען אויף אָט דעם געביט, ווייל ער איז אָפּגעווען דרייסיג יאָהר א געפענגנים ארצט, זאָגט דאָס פאָלגענדיגע: „באהאנדלענדיג די קראנקע ארעסטאנטען מיט צערטליכקייט, — ווי א שטייגער מיט דאמען, וואָס געהערן צו דער העכערער געזעלשאפט, (איך ציטיר זיינע ווערטער בוכשטעבליך), האָב איך באקומען דעם רעזולטאט, אז אין שפּיטאָל האָט געהערשט די גרעסטע אָרדנונג". קעמפּבעל איז געווען ערשטוינט „פון דעם העכסטלויבענסווערטען באראקטער־שטריך ביי די ארעסטאנטען, וואָס באמערקט זיך אפילו ביי די גרעסטע פארברעכער, — געמליך, די אויפמערקזאמקייט, מיט וועלכער זיי באציהען זיך צו קראנקע". „די איינגעוואָרצעלטסטע פארברעכער, — זאָגט קעמפּבעל, — האָבען אָט דאָס געפיהל". און ער לעגט צו ווייטער: „כאָטש א סך פון אָט די מענשען רעכענען זיך, צוליעב זייער פריהערדינען אונזיניגען לעבען און פאַרברעכערישע געוואוינהייטען, פאר איינגעוואָרצעלטע און מאָראליש אָפּגעטעמפּטע, פונדעסטוועגען באזיצען זיי א זעהר שארפען באוואוסטזיין פון רעכט און אומרעכט". אלע עהרליכע מענשען, וועמען עס איז אויסגעקומען צו האָבען א באריהרונג מיט די ארעסטאנטען, קאָנען נאָר באשטעטיגען די ווערטער פון דר. קעמפּבעל.

אין וואָס זשע ליגט דער סעקרעט פון אָט דעם כאראקטערשטריך פון די ארעסטאנטען, וואָס דארף באזונדערס ערשטוינען מענשען, וועלכע זיינען געוואוינט צו רעכענען די ארעסטאנטען פאר באשעפענישען, וואָס זיינען ניט ווייט אוועק פון ווילדע חיות? ד י ד י נ ע ר א י ן ד י ג ע פ ע נ ג נ י ס ש פּ י ט א ָ ל ע ן ה א ָ ב ע ן א מ ע ג ל י כ ק י י ט א ר ו י ס צ ו א ־

ווייזען די גוטע געפיהלען, וואָס מענ־שען האָבען, און זיי ווייזען זיי ארויס. זיי האָבען אַ מעגליכקייט ארויסצואווייזען דאָס מיטליידס געפיהל, און דער דאָזיגער געפיהל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין זייערע האנדלונ־גען. אויסער דעם, האָבען זיי אין שפּיטאָל געהאַט מעהר פרייהייט, איידער די אַנדערע ארעסטאַנטען, און די פון זיי, וועגען וועלכע דר. קעמפּבעל רעדט, זיינען נאָך דערצו געווען אונטער דער דירעק־טער מאָראַלער ווירקונג פון דעם דאָקטאָר, — דאָס הייסט, פון אַזאַ גוטען און קלוגען מענשען, ווי קעמפּבעל, און ניט פון אַ וועלכען עס איז גראָבען דעמיסירטען אונטעראָפּיציר.

קורץ גערעדט, די אַנטראָפּאָלאָגישע אורזאַכען, דאָס הייסט, די חסרונות פון אָרגאַניזאַציע, זיינען איינע פון די הויפּט־אור־זאַכען, וואָס שטויסען מענשען אין געפענגנים; אָבער אייגענטליך קאָן מען זיי ניט אָנרופען „אורזאַכען פון פארברעכערישקייט". דיזעלביגע אַנטראָפּאָלאָגישע חסרונות באַגעגענען מיר ביי מיליאָ־נען מענשען, וואָס געהערען צום מאָדערנעם פּסיכאָפּאַטישען דור; אָבער זיי פיהרען צו אַנטי־געזעלשאַפטליכע האַנדלונגען נאָר ביי געוויסע גינסטיגע אומשטענדען. וואָס אָנבאַטרעפט די געפענג־ניסען, היילען זיי ניט אויס אָט די פּאַטאָלאָגישע חסרונות: זיי פארשטאַרקען זיי נאָר; און ווען אַ מענש קומט ארויס פון גע־פענגנים, האָבענדיג אויסגעפּרואווט אויף זיך, אין פארלויף פון עטליכע יאָהר, איהר פארדארבענדיגען איינפלוס, איז ער אַ סך וועניגער פּאַסיג צום לעבען אין דער געזעלשאַפט, איידער ער איז געווען פאַר זיין פאַרהאַפטונג. אויב די געזעלשאַפט וויל פאַר־מיידען נייע אַנטי־געזעלשאַפטליכע האַנדלונגען פון זיין זייט, איז דאָס מעגליך צו דערגרייכען נאָר איבערמאַכענדיג דאָס, וואָס די געפענגנים האָט אויפגעטאָן, דאָס הייסט, אויסגלעטענדיג די אַלע שטריכען, וועלכע די געפענגנים קריצט אויס אין יעדערן, וואָס האָט געהאַט דאָס אונגליק ארייננצופאַלען אין איהרע ווענט. איי־ניגע מענשענפריינד געלינגט דאָס צו דערגרייכען אין באַזונדערע פאַלען, אָבער מעהרסטענטיילס ברענגען אָנשטרענגונגען קיין שום פּעולה ניט.

מען מוז דאָ זאָגען נאָך עטליכע ווערטער וועגען יענע אונ־גליקליכע, וועמען די קרימינאַליסטען באַטראַכטען, ווי געבאָרענע

מערדער, און וועמען מען שיקט צו דער תליה אין א סך לענדער, וואָס האַלטען זיך ביי דער אַלטער ביבלישער מאָראל: „א צאָן פאר א צאָן". פאר די ענגלענדער קען דאָס אויסווייזען זונדערבאר, אָבער איבער גאנץ סיביר, — וואו עס איז פאראָן א ברייט פעלד פאר באאָבאכטונגען איבער פארשידענע קאטעגאָריעס פארשיקטע, — ווערען די מערדער צוגערעכענט צום בעסטען קלאָס פון דער געפענגנים באפעלקערונג. מיך האָט זעהר געפרעהט, וואָס דאָס איז אויך באמערקט געוואָרן פון מייקעל דייוויט, וועלכער האָט מיט אזא דורכדרינגליכקייט אנאליזירט „פארברעכערישקייט" און איהרע אורזאכען אין אויסגעצייכענטע סקיצען פון געפענגנים לעבען.*) אלע אין רוסלאנד ווייסען, אז דאָס רוסישע געזעץ אָנערקענט ניט טויט־שטראָף שוין מעהר ווי א יאָהרהונדערט; ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין דער צייט פון אלעקסאנדער דעם צווייטען און דעם דריטען זיינען פּאָליטישע אין רוסלאנד געשיקט געוואָרען מאסענווייז צו דער תליה, ווערט טויט־שטראָף אין רוסלאנד ניט אָנגעווענדעט אויף קרימינעלע פארברעכער, אויסער אין זעלטענע פאלען פון קריעגסגעריכטען. טויט־שטראָף איז אָפּגעשאפט געוואָרן אין 1753, און פון יענער צייט אָן ווערן מערדער פאר׳משפט נאָר צו קאטאָרזשנער ארבייט, אויף טערמינען פון 8 ביז 20 יאָהר (פאָטערמערדער און מוטערמערדער אויף א גאנץ לעבען), און נאָך דעם טערמין ווערען זיי פארשיקטע־קאָלאָניסטען און בלייבען אין סיביר זייער גאנץ לעבען. צוליעב דעם איז מזרח סיביר פול מיט באפרייטע מערדער; און ניט קוקענדיג אויף דעם, וועט קוים זיך געפינען א וואָסער עס איז אַנדער לאנד, אין וועלכען מען קאָן לעבען און ארומפאָהרן מיט מעהר זיכערקייט. אין פארלויף פון מיינע לאנ-

*) ער זאָגט: „מאָרדען זיינען אַמאָל פאַרבונדען מיט רויבערייען, — דאָס קאָן מען ניט לייקענען; אָבער כמעט אַלעמאָל זיינען זיי אַ צופעליגקייט ביי דער רויבעריי און זעלטען ווען זיי ווערען געפּלאַנט. דאָס שרעקליכסטע פון אַלע פאַרברעכען, — אַ פאָראויס געפּלאַנטער מאָרד, — איז געוועהנליך אַ רעזולטאַט פון נקמה אָדער אייפערזוכט, אָדער אַ רעזולטאַט פון פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער אונגערעכטיגקייט, און מען קאָן איהם גיכער צושרייבען צו אַ פּערווערזירונג פון די נאָבעלסטע זייטען פון דער מענשליכער נאַטור, איידער צו לעבענס לייזענשאַפטען און אפּעטיטען". („ליווז פראָם ע פּריזאָן דייערי", באַנד 1, זייט 17).

גע רייזען איבער סיביר האָב איך קיינמאָל מיט זיך ניט גענומען קיין געוועהר; דאָסזעלביגע קאָן איך זאָגען וועגען אַלע מיינע פריינד; יעדערן פון זיי איז אויסגעקומען, ארום און ארום, דורכ־צופאָהרן יעדעס יאָהר פון צעהן טויזענט ביז פופצעהן טויזענט וויאָרסט, איבער די ווילדסטע, אונבאפעלקערטסטע געגענטען. דערצו, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אין איינעם פון די פרי־הערדיגע קאַפּיטלען, איז די צאָהל מאָרדען, וואָס ווערן באגאנגען אין סיביר פון באפרייטע מערדער און אונצעהליגע וואגאבונדען, אין אַלגעמיין זעהר אונבאדייטענד; בעת די שטענדיגע רויבע־רייען און מאָרדען, אויף וועלכע די סיביריאַקעס באקלאָגען זיך, ווערן געוועהנליך באגאנגען אין טאָמסק און בכלל אויף דעם שטח פון מערב סיביר, וואוהין עס ווערן פארשיקט די וועניגער וויכ־טיגע פארברעכער, ניט די מערדער. אין די ערשטע צייטען פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט פלעגט מען די באפרייטע מערדער, מיט שפּורען פון קאַטאָרזשנע צייכענס, ניט זעלטען באגעגענען אין סיביר, אין די הייזער פון באאַמטע, ווי קוטשערס און אפילו אַמען, און דערביי פלעגען אָט די אַמען זיך באציהען צו די אָנ־פאַרטרויטע קינדער מיט דער העכסט מוטערליכער זאָרג. די, וואָס וואָלטען געמיינט, אז אפשר צייכנען זיך די רוסען אויס מיט אַ ווייכערען כאראקטער, אין פארגלייך מיט די מערב־איירָאָ־פּעער, קאָן איך ענטפערן מיט אָנווייזען אויף סצענען פון גרויזאמקייטען, וואָס קומען פאָר, בעת מען שטילט איין רוסישע פויערשע בונטען. איך וועל נאָר צוגעבען, אז די אָפּוועזענהייט פון הינריכטונגען און עקלהאפטע געשפּרעכען וועגען די איינ־צעלהייטען פון אָט די הינריכטונגען, — געשפּרעכען, וועלכע די אַרעסטאַנטען אין די ענגלישע געפענגניסען האָבען זעהר ליעב צו פיהרן, — האָט מיטגעווירקט דערצו, אז אין די רוסישע אַרעס־טאַנטען זאָל זיך ניט אַנטוויקלען קיין קאַלטע פאַראַכטונג צום מענשליכען לעבען.

די שענדליכע פּראַקטיק פון לעגאַלע מאָרדען, וואָס ווערט ביז איצט אָנגעפיהרט אין מערב אייראָפּאַ, די שענדליכע פּראַק־טיק פון אָנדינגען פאר אַ גיני (צעהן רובעל) אַ תליון,*) אויס־

---

*) Du Cane. "Punishment and Prevention of Crime," p. 23.

צופיהרן אַן אורטייל, — וואָס דער ריכטער אליין האָט ניט דעם מוט צו טאָן, — אָט די שענדליכע פּראַקטיק און די טיפע נשמה פאַרדאַרבונג, וואָס זי טראָגט אריין אין דער געזעלשאַפט, האָבען ניט קיין באַרעכטיגונג אפילו אין דער טענה, אַז מיט דעם ווערען כלומר'שט פאַרהינדערט מאָרדען. די אָפּשאַפונג פון טויט־שטראָף האָט אין ערגעץ ניט פאַראורזאַכט קיין פאַרקלענערונג פון דער צאָהל מאָרדען. אויב מען הינריכטעט מענשען ביז איצט, איז דאָס איינפאַך אַ רעזולטאַט פון אַ שענדליכער מורא, וואָס ווערט פאַרבונדען מיט עראינערונגען וועגען דער נידריגערער שטופע פון ציוויליזאַציע, ווען דער פּרינציפּ „אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן" איז געפּרעדיגט געוואָרן פון רעליגיע.

אָבער אויב קאָסמישע אורזאַכען איבען אויס, — דירעקט אָדער אינדירעקט, — אַזאַ מעכטיגען איינפלוס אויף די יעהר־ליכע צאָהל פון אַנטי-געזעלשאַפטליכע אַקטען; אויב די פיזיאָ־לאָגישע אורזאַכען, וואָס האָבען זייערע וואָרצלען אין די געהיימ־ניסען פון דעם קערפּערליכען בוי, זיינען אויך אַ מעכטיגער פאַק־טאָר, וואָס פיהרט צו רעכט-פאַרלעצונגען, — וואָס זשע וועט בלייבען פון די טעאָריען פון די באַשאַפער פון קרימינעלען רעכט, אויב מיר ווענען צו די אויבען־אָנגעוויזענע אורזאַכען פון די ער־שיינונגען, וואָס ווערן גערופען פאַרברעכען, נאָך צוגעבען סאָציאַ־לע אורזאַכען?

אין אַלטערטום איז געווען אַ מנהג, לויט וועלכען יעדע קאָ־מונע (קלאַן, מאַרק, געמיינדע, עדה) האָט זיך גערעכענט, ווי אַ גאַנצע קערפּערשאַפט, פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדען אַנטי-געזעל־שאַפטליכען אַקט, וואָס ווער עס איז פון איהרע מיטגלידער איז באַגאַנגען. אָט דער אַלטער מנהג איז איצט פאַרשוואונדען, ווי אַ סך גוטע איבערבלייבעניששען פון דער אַלער געמיינדע אָרדנונג. אָבער מיר קערן זיך ווידער אום צו איהם, און איבערלעבענדיג אַ פּעריאָד פון מיט קיין זאַך ניט געצוימטען אינדיווידואַליזם, נעמען מיר ווידער פיהלען, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט איז אין אַ באַדיי־טענדער מאָס פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַנטי־געזעלשאַפטליכע אַקטען, וואָס זיינען צווישען איהר באַגאַנגען געוואָרן. אויב עס פאַלען אויף אונז די שטראַלען פון דעם רוהם פון די זשעניען פון

אונזער צייט, זיינען מיר אויך ניט פריי פון די פלעקען פון שאנד פאַר די מעשים פון אונזערע מערדער.

פון יאָהר צו יאָהר וואקסען אויס הונדערטער טויזענטער קינדער אין דעם שמוץ, — מאַטעריעלער און מאָראַלער, — פון אונזערע גרויסע שטעט; זיי וואקסען פאַרוואָרפענע, צווישען אַ באַפעלקערונג, וואָס איז דעמאָראַליזירט פון דעם ניט שטאַנדהאַפטיגען לעבען, פון דער אונזיכערהייט אין מאָרגענדיגען טאָג און פון אַזאַ אָרימקייט, וועגען וועלכער די פריהערדיגע צייטען האָבען גאָר קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט. איבערגעלאָזען צו זיך אליין און צו די ערגסטע איינפלוסען פון גאַס, כמעט אָהן קיין שום אויפזיכט מצד די עלטערן, וואָס זיינען דערדריקט פון דעם שרעקליכען קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — זיינען פאַר אַט די קינדער פרעמד אפילו פאָרשטעלונגען וועגען אַ גליקליכער פאַמיליע; דערפאַר אָבער זויגען זיי איין אין זיך, פון דער פריהסטער יוגענט אָן, די זינד פון די גרויסע שטעט. זיי טרעטען אריין אין לעבען, ניט וויסענדיג אפילו פון קיין מלאכה, וואָס וואָלט זיי געקאָנט דערנעהרן. דער זוהן פון ווילדען לערענט ביים פאָטער די קונסט פון יאַגד; זיין שוועסטער ווערט פון דער יוגענט אָן געלערענט צו פיהרן אַ ניט קאָמפּליצירטע ווירטשאַפט. אָבער די קינדער, וועמעס פאָטער און מוטער מוזען פון אין דער פריה אָן פאַרלאָזען זייערע שמוציגע נאָרעס צו זוכען וועלכע עס איז ארבייט, זיך ווי עס איז דורכצושלאָגען אין פאַרלויף פון דער וואָך, — אַזעלכע קינדער טרעטען אריין אין לעבען וועניגער צוגעגרייטע, איידער די קינדער פון די ווילדע. זיי קענען ניט קיין מלאָכה; די שמוציגע גאַס פאַרבייט זיי אַ הויז; די לעהרע, וואָס זיי באַקומען אין די גאַסען, איז באַקאַנט צו די, וואָס האָבען באַזוכט די ערטער, וואו עס געפינען זיך די שענקען פון די אָרימע און די פרעהליכע פאַרוויילונגס־פלעצער פון די פאַרמעגליכערע קלאַסען.

אויסברעכען אין צאָרנדיגע רעדען וועגען דער נייגונג צו שכרות ביי אַט דעם קלאַס פון דער באַפעלקערונג, — עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי דאָס. אָבער ווען די העררען באַשולדיגער וואָלטען אליין אויסגעוואַקסען אונטער דיזעלביגע באַדינגונגען, ווי די קינדער פון דעם אַרבייטער, וועמען עס קומט אויס יעדען מאָרגען צו באַנוצען די פויסטען, כדי צו פאַרנעמען אַן אָרט ביי די טויערן

פון די לאָנדאָנער דאָקס, — צי וואָלטען א סך פון זיי זיך אָפּגע־האַלטען פון באַזוכען די אויסגעפּאַרבטע שענקען, אָט די איינציגע „פּאַלאַצען”, מיט וועלכע די רייכע האָבען באַלוינט די אמת’ע פּראָ־דוצירער פון אַלע עשירות.

קוקענדיג אויף אָט די אונטערוואַקסענדיגע באַפעלקערונג פון אַלע אונזערע גרויסע מאַנופאַקטור צענטרען, הערן מיר אויף צו וואונדערן זיך, וואָס אונזערע גרויסע שטעט זיינען די הויפּט צו־שטעלער פון דעם מענשען־מאַטעריאַל פאַר די געפענגניסען. פאַר־קערט, איך האָב זיך אַלע מאָל געוואונדערט, וואָס אזא פאַרהעלט־ניסמעסיג אונבאַדייטענדע צאָהל פון אָט די גאַסען קינדער ווערן גנבים און רויבער. איך האָב קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו וואונ־דערען זיך, ווי טיף עס זיינען איינגעוואָרצעלט די סאָציאַלע געפיה־לען אין מענשען פון נייינצעהנטען יאָהרהונדערט, וויפיל גוטהער־ציגקייט עס איז פאַראַן אין די באַוואוינער פון אָט די שמוציגע גאַסען; נאָר מיט דעם קאָן מען ערקלערן, וואָס אזוי ווייניג פון די אויסגעוואַקסענע אין פולשטענדיגער פאַרוואָרפענקייט ערקלערן אָן אָפענע מלחמה אונזערע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען. גאָר ניט דער „איינשרעקענדיגער איינפלוס פון די געפענגניסען”, נאָר אָט די גוטע געפיהלען, אָט דער עקעל צו גוואַלדטאַטען, אָט די געהאָרכ־זאַמקייט, צוליב וועלכער די אָרימע לייט מאַכען שלום מיט’ן בי־טערען מזל, ניט אויפברענגענדיג אין זייערע הערצער קיין טיפען האַס, — נאָר זיי, אָט די געפיהלען, זיינען יענער צאַם, וואָס לאָזט די אָרימע לייט ניט טרעטען אָפען אַלע געזעלשאַפטליכע צאַמען. ווען ניט אָט די גוטע געפיהלען, וואָלט שוין לאַנג קיין שטיין אויף א שטיין ניט געבליבען פון אונזערע מאָדערנע פּאַלאַצען.

און פון דער אנדערער זייט, אויפ’ן אנדערען עק פון דעם גע־זעלשאַפטליכען לייטער, ווערט געלט, — אָט די פאַרזאַכליכטע מענשליכע אַרבייט, — פאַרשווענדט מיט אַן אונערהערטער לייכט־זיניגקייט, אָפטמאָל נאָר כדי צו באַפרידיגען דעם נאַרישען עהרגייץ. ווען ביי זקנים און דער אַרבייטענדער יוגענט איז אָפטמאָל ניטאָ קיין ברויט, און זיי געהען אויס פון הונגער ביי די טירען פון רייכע געשעפטען־פּאַלאַצען, — פאַרשווענדען אין דיזעלביגע געשעפטען די רייכע מאַסען געלד אויף איינקויפען אוננוצליכע לוקסוס־זאַכען.

וָוען אַלץ, וואָס רינגעלט אונז אַרום, — געשעפטען און מענ־שען, וואָס מיר באַגעגענען אויף די גאַסען, די ליטעראַטור פון דער לעצטער צייט, די פאַרגעטערונג פון געלט, וואָס עס קומט אויס צו באַאָבאַכטען יעדען טאָג, — ווען אַט דאָס אַלץ אַנטוויקעלט אין מענשען אַן אונשטילבאַרע דורשט צו ערָאָבערען גרענעצלאָזע רייכ־טימער, א ליבע צו שרייענדיגען לוקסוס, א טענדענץ צו וואַרפען נאַריש געלט פאַר יעדען אָפענעם אָדער באַהאַלטענעם צוועק; ווען אין אונזערע שטעט זיינען פאַראַן גאַנצע קוואַרטאַלען, אין וועלכע יעדעס הויז דערמאָנט אונז, ווי א מענש קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין א חיה, ניט קוקענדיג אויף די אויסערליכע אורזאַכען, מיט וועלכע ער זוכט צו פאַרדעקען די חיה'שאַפט; ווען פאַר א דעוויז פון אונזער ציוויליזירטער וועלט קאָן מען אוועקשטעלען די ווערטער: „באַריי־כערט אייך! צושטערט אַלץ, וואָס איהר באַגעגענט אויף אייער וועג, אַנוועגדענדיג אַלע מיטלען, אויסער סאַידען די, וועלכע קאָנען אייך ברענגען אין געריכט!" — ווען מען לערענט יעדען טאָג אויף טויזענטער אופנים אַלעמען, מיט ווייניג אויסנאַמען, פון דעם ערד־באַזיצער ביז צום בעל מלאכה, אַז דער אידעאַל פון לעבען איז אַזוי איינצואָרדנען אייערע געשעפטען, אַז אַנדערע זאָלען אַרבייטען פאַר אייך; וָוען קערפּערליכע אַרבייט ווערט אַזוי פאַראַכט, אַז מענשען, וואָס ריזיקירן קראַנק צו ווערן פון א ניט גענוגענדיגער קער־פּערליכער איבונג, ציהען פאָר גימנאַסטיק, נאָכמאַכענדיג די באַ־וועגונגען פון דעם האָלץ־זעגער אָדער האָלצהאַקער, אַנשטאָט צו פאַרנעמען זיך באמת מיט זעגען האָלץ אָדער גראָבען ערד; ווען פון אַרבייט פאַרגרעבטע און פאַרשוואַרצטע הענט ווערן געררעכענט ווי עפּעס ערנידעריגענדיגעס, און האָבען זיידענע קליידער און קאָנען שטרענג האַלטען די באַדינער ווערט פאַררעכענט פאַר א סימן פון „גוטען טאָן"; ווען די ליטעראַטור איז איין הימן צו רייכקייט און באַציהט זיך מיט פאַראַכטונג צו די „אונפּראַקטישע אידעאַליסטען", — הייגט צו וואָס נאָר רעדען וועגען „איינגעבאָרענער פאַרברעכע־רישקייט?" אַט די גאַנצע מאַסע פאַקטאָרען פון אונזער לעבען ווירקט אין איין ריכטונג: זי גרייט צו מענשען, וואָס זיינען ניט פעהיג צו אַן עהרליכער עקזיסטענץ און וואָס זיינען דורך און דורך אַנגעזאַפּט מיט אַנטי־געזעלשאַפטליכע געפיהלען!

אויב אונזער געזעלשאַפט וועט אַזוי אָרגאַניזירט ווערן, אַז

פאר יעדען וועט זיין א מעגליכקייט שטענדיג צו ארבייטען פאר אלגעמיין ניצליכע צוועקען, — און דעמאָלט וועט מען, נאַטירליך, מוזען איינגאַנצען ענדערן די איצטיגע באַציהונגען צווישען קאַפּי־טאַל און ארבייט; אויב מיר וועלען געבען יעדען קינד א געזונטע ערציהונג, לערנענדיג איהם ניט נאָר וויסענשאַפטען, נאָר אויך פיזישע ארבייט, געבענדיג איהם א מעגליכקייט אין פארלויף פון די ערשטע צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבען אויסצולערנען זיך א נוצ־ליכע מלאכה און באַקומען די געוואָהנהייט צו אן עהרליכען אר־בייטסזאַמען לעבען, — וועלען מיר מעהר ניט דארפען ניט קיין געפענגניסען, ניט קיין ריכטער, ניט קיין תליונים. דער מענש איז א רעזולטאַט פון די אומשטענדען און באַדינגונגען, אין וועלכע ער איז אויפגעוואַקסען. גיט איהם א מעגליכקייט אויסצוואַוואַקסען א צוגעוואָהנטער צו ניצליכער ארבייט; ערציהט איהם אזוי, אז ער זאָל פון דער פריהער יוגענט קוקען אויף דער מענשהייט, ווי אויף איין גרויסער משפחה, וואָס מען קאָן צו קיין איין מיטגליד איהרען גיט טאָן קיין שאָדען, אז דאָס זאָל ניט פיהלען א ברייטער קרייז מענשען, און סוף כל סוף די גאַנצע געזעלשאַפט; גיט איהם א מעגליכקייט צו ערציהען אין זיך א געשמאַק פאר העכערע פאר־גניגענס, וואָס וויסענשאַפט און קונסט גיבען, — פארגניגענס, וואָס זיינען מעהר דערהויבען און לאַנג־דויערענדיג, איידער די באַ־פרידיגונג פון די נידריגערע ליידענשאַפטען, — און מיר זיינען זי־כער, אז די געזעלשאַפט וועט דעמאָלט ניט דארפען צוזעהן פאר־לעצונגען פון די פּרינציפּען פון מאָראַל אין אזא גרויסער צאָהל, ווי מיר זעהען דאָס איצט.

צוויי דריטעל פון אַלע רעכט־פארלעצונגען, נעמליך, די אַלע אזוי גערופענע „פארברעכען קעגען אייגענטום", וועלען אָדער איינ־גאַנצען פארשווינדען, אָדער זיי וועלען רעדוצירט ווערן צו אן אונ־באַדייטענדיגער צאָהל פאַלען, ווייל אייגענטום, וואָס איז איצט דאָס פּריווילעגיום פון איינצעלנע מענשען, וועט זיך אומקערן צו זיין אמת'ן קוואַל, צו דער געמיינדע. וואָס אנבאַטרעפט „פארברעכען, וואָס זיינען געווענדט געגען דער פּערזאָן", ווערט זייער צאָהל שוין איצט שנעל פארקלענערט, צוליב דעם וואוקס פון מאָראַלע און ס אָ צ י אַ ל ע ג ע װ אָ ה נ ה י י ט ע ן, וואָס אנטוויקלען זיך אָהן צווייפעל אין יעדער געזעלשאַפט און וועלען אָהן צוויי־

פעל שטייגען, ווען די געמיינשאַפטליכע אינטערעסען פון אַלעמען וועלען ענגער ווערן.

נאַטירליך, וואָס עס זאָלען ניט זיין די עקאָנאָמישע יסודות פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וועט אַלעמאָל זיך געפינען אַ געוויסע צאָהל מענשען, וועמעס ליידענשאַפטען זיינען שטאַרקער און ווערן וועניגער קאָנטראָלירט, איידער ביי די איבריגע מיטגלי־דער פון דער געזעלשאַפט; עס וועלען אַלעמאָל זיך געפינען מענ־שען, וועמעס ליידענשאַפטען קאָנען צופעליג זיי באַוועגען צו באַ־געהן טאַטען פון אַן אַנטי־געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער. אָבער אין די מעהרסטע פאַלען קאָנען די מענשליכע ליידענשאַפטען, וואָס פיהרן איצט צו רעכט־פאַרלעצונגען, באַקומען אַנאַנדער ווענדונג, אָדער די פאַראייניגטע אָנשטרענגונגען פון די ארומיגע קאָנען זיי מאַכען כמעט אינגאַנצען אונשעדליך. אין דער איצטיגער צייט, אין די שטעט, לעבען מיר אין אַ צו גרויסער אָפּגעזונדערטקייט איינער פון אַנדערן. יעדערער זאָרגט נאָר וועגען זיך, אָדער העכ־סטענס וועגען זיינע נאָהנטסטע קרובים. דער עגאָאיסטישער, דאָס הייסט, ניט פאַרנינפטיגער אינדיווידואַליזם אויף די מאַטעריעלע לעבענס־געביטען, האָט אונז אונפאַרמיידליך געמוזט פיהרן צו אַן אינדיווידואַליזם, וואָס איז פונקט אַזוי עגאָאיסטיש און שעדליך, אויפ'ן געביט פון גענענזייטיגע באַציהונגען צווישען מענשען. אָבער פון דער געשיכטע ווייסען מיר, און אפילו איצט קאָנען מיר באַ־אָבאַכטען געמיינדען, אין וועלכע מענשען זיינען אַ סך ענגער פאַרבונדן צווישען זיך, איידער אין אונזערע מערב־אייראָפּעאישע שטעט. אין אָט דער הינזיכט קאָן פאַר אַ ביישפּיל דינען כינא: „די אונגעטיילטע משפּחה" איז ביז היינטיגען טאָג אין איהרע אור־אַלטע פּראָווינצען דער יסוד פון געזעלשאַפטליכער אָרדנונג: אַלע מיטגלידער פון דער „ניט געטיילטער פאַמיליע" קענען איינער דעם אַנדערן פולקאָם; זיי שטיצען איינער דעם אַנדערן, העלפען איי־נער דעם אַנדערן, — ניט נאָר אין „מאַטעריעלע" מיטלען, נאָר אויך אין די זאָרגען און ליידען פון יעדערן פון זיי; און די צאָהל „פאַרברעכען" געגען אייגענטום און פערזאָן איז אין אָט די פּראָ־ווינצען מערקווירדיג נידריג (מיר האָבען, פאַרשטעהט זיך, אין זינען נאָר די צענטראַלע פּראָווינצען פון כינא, ניט די פּראָווינצען ביים ים). די סלאַווישע און שווייצאַרישע אַגריקולטורעלע געמיינדען

זיינען און אנדער ביישפיל. מענשען קאָנען גוט איינער דעם צוויי־טען אין אָט די קליינע געמיינדען, און אין א סך הינזיכטען שטי־צען זיי געגענזייטיג איינער דעם צווייטען. אין אונזערע שטעט אָבער זיינען אַלע פארבינדונגען צווישען די איינוואוינער פאר־שוואונדען. די אַלטע פאמיליע, וואָס איז באגרינדעט אויף די גע־מיינשאפטליכע אָפשטאמונג, איז זיך צופאלען. אָבער מענשען קאָ־נען ניט לעבען אין אזא אָפגעזונדערטקייט, און די עלעמענטען פון נייע געזעלשאפטליכע גרופען וואקסען. עס אנטשטעהען נייע פאר־בינדונגען, צווישען די באוואוינער פון איינער און דער זעלבער גע־גענט, צווישען מענשען, וואָס פארפאָלגען א וועלכען עס איז גע־מיינשאפטליכען ציל, און דער וואוקס פון אזעלכע נייע גרופירונגען קאָן נאָר פארשנעלערט ווערן, אויב אין דער געזעלשאפט וועלען פאָרקומען ענדערונגען, וואָס פיהרן צו' אַן ענגערער געגענזייטיגער אָפהענגיגקייט און צו מעהר גלייכהייט צווישען אַלעמען.

ניט קוקענדיג אויף אָט די אַלע ענדערונגען, וועט דאָך אָהן צווייפעל בלייבען א קליינע צאָהל מענשען, וועמעס אנטי־געזעל־שאפטליכע ליידענשאפטען, — א רעזולטאט פון זייערע קערפער־ליכע אונפאָלקאָמענהייטען און קראנקהייטען, — וועלען מיט זיך פאָרשטעלען א געוויסע געפאהר פאר דער געזעלשאפט. און דע־ריבער אנטשטעהט די פראגע: וועט די מענשהייט ווי פריהער דארפען אָפנעמען ביי זיי דאָס לעבען אָדער זיי פארשפארן אין געפענגניסען? — וועגען דעם ענטפער קאָן גאָר קיין צווייפעל ניט זיין. געוויס וועט די געזעלשאפט ניט אָנווענדען אזא עקעל־האפטיגע לעזונג פון אָט דער שווערקייט.

עס איז געווען א צייט, ווען מיט משוגעים, וועלכע מען האָט געהאלטען פאר „באזעסענע”, פאר מענשען, וואָס האָבען אין זיך א „ניט־גוטען”, איז מען זיך באגאנגען אויף דעם געמיינסטען אופן. געשמידטע האָבען זיי געלעבט אין שטאלען, ווי די בהמות, און זיינען געווען א געגענשטאנד פון שרעק אפילו פאר די מענשען, וואָס האָבען געהאט די אויפזיכט אויף זיי. צוברעכען זייערע קיי־טען, באפרייען זיי וואָלט מען אין יענער צייט געהאלטען פאר א משוגעת. אָבער צום סוף פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט איז ער־שינען א מענש, פינעל, וואָס האָט געוואגט אראָפצונעמען פון די אונגליקליכע די קייטען און האָט זיך געווענדט צו זיי מיט פריינד־

ליכע ווערטער, האָט געגומען קוקען אויף זיי, ווי אויף אונגליקליכע ברידער. און די, וועלכע מען האָט גערעכענט פאַר פעהיג צו צור־רייסען אויף שטיקער יעדען איינעם, וואָס וואָלט געוואַגט צו דער־נעהנטערן זיך צו זיי, האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום זייער באַ־פרייער און האָבען מיט זייער אויפפיהרונג באַוויזען, אַז ער איז געווען גערעכט אין זיין גלויבען אין די בעסערע שטריכען פון דער מענשליכער נאַטור: זיי, אַט די בעסערע מענשליכע שטריכען, פאַרשווינדען ניט אינגאַנצען אפילו ביי די, וועמעס פאַרשטאַנד ווערט פאַרטונקעלט פון אַ קראַנקהייט. פון יענעם טאָג אָן האָט די מענשליכקייט געזיגט. אויף דעם משוגע׳נעם האָט מען אויפ־געהערט צו קוקען, ווי אויף אַ ווילדע חיה. מענשען האָבען אַנער־קענט אין איהם אַ ברודער.

די קייטען זיינען פאַרשוואונדען, אָבער די הייזער פאַר משו־געים, — דיזעלביגע געפענגניסען, ווי פאַר די פאַרברעכער, — זיי־נען געבליבען, און הינטער זייערע ווענט איז ביסלעכווייז אויסגע־וואַקסען אַ סיסטעם, וואָס האָט זיך גאָר ווייניג אונטערשיידט פון דעם, וואָס מען האָט פראַקטיצירט אין דער צייט פון קייטען. אָבער אָט האָבען די פויערים פון אַ בעלגישען דערפעל, באַוועגט נאָר פון איינפאַכען געזונטען פאַרשטאַנד און גוטהערציגקייט, אָנגעוויזען אַ נייעם וועג, וואָס די געלעהרטע אויספאָרשער פון מאַרך־קראַנקהיי־טען האָבען גאָר אפילו ניט פאַרדעכטיגט, אַז דאָס איז מעגליך. זיי האָבען אָנגעהויבען אַריינגעמען זיי אין זייערע פאַמיליען, אין זייערע אָרימע הייזער; זיי האָבען זיי געגעבען אַן אָרט ביי זייער טיש פאַר זייער אָרימען מיטאָג און אין זייערע רייהען אין דער צייט פון ניצליכע אַרבייטען; זיי האָבען זיי צוגעלאָזען צו נעמען אנטייל אין די דאָרפישע יום־טובים און פרעהליכע אָוועגטען. און באַלד האָט זיך איבער גאַנץ אייראָפּא פאַנאַנדערגעטראָגען דער רוהם וועגען „וואונדערליכע" אויסהיילונגען, און אַז דער שולדיגער אין דעם איז געווען כלומר׳שט אַ הייליגער, צו וועמעס עהרע עס איז אויפגע־שטעלט געוואָרען אַ קירך אין געיל (Gheil). די היילונג, וואָס די פויערים האָבען אָנגעווענדעט, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ איינפאַכקייט, זי איז געווען אַזוי אַלגעמיין באַקאַנט שוין פון לאַנג (דאָס איז געווען פרייהייט!), אַז געבילדעטע מענשען האָבען פאַר־געצויגען צוצושרייבען די דערגרייכטע רעזולטאַטען צו אַ געטליכען

איינפלוס אַנשטאָט צו באטראכטען דאָס געשעהענע איינפאך, אָהן פּאַראורטיילען. צום גליק אָבער איז ניט געווען קיין מאנגעל אין עהרליכע און גוטהערציגע מענשען, וואָס האָבען פארשטאנען די וויכטיגקייט פון דעם היילונגס מעטאָד, וואָס די געילער פּויערים האָבען אויסגעפונען; זיי האָבען גענומען פּראָפּאַגאנדירען אָט דעם מעטאָד און האָבען אָנגעווענדעט די גאנצע ענערגיע צו באקעמפּפען די אינטעלעקטועלע אינערץ, פייגהייט און קאלטע גלייכגילטיגקייט פון די ארומיגע.*)

די פרייהייט און ברידערליכע זאָרג זיינען געווען דער בעסטער היילונגס־מיטעל אין דער אויבענגדערמאָהנטער ברייטער צווישען־פּראָווינץ „צווישען משוגעת און פארברעכען". און מיר זיינען זי־כער, אז זיי וועלען זיך ארויסווייזען פאר דעם בעסטען היילונגס מי־טעל אויך אויף דער אנדערער זייט פון איינעם פון די גרענעצען פון אָט דער פּראָווינץ, — דאָרט, וואו עס הויבט זיך אָן דאָס, וואָס עס איז אָנגענומען צו רופען פארברעכן. דער פּראָגרעס געהט אין אָט דער ריכטונג. און אַלץ, וואָס העלפט איהם, וועט אונז ברענגען נאָהנטער צו דער לייזונג פון דער גרויסער פראגע, — דער פראגע וועגען גערעכטיגקייט, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו באשעפטיגען די מענשליכע געזעלשאפטען פון דעם ווייטסטען אלטערטום, אָבער וועלכע מען קאָן ניט לעזען מיט דער הילף פון געפענגניסען.

ס ו ף

---

*) איינער פון אַזעלכע מענשען, דר. אַרטור מיטשעל, איז גופ באוואוסט אין שאָטלאנד. זעה זיין ווערק "Insane in Private Dwelling," Edinburgh, 1864 און אין "Care and Treatment of Insane Poor" אין "Edinburgh Medical Journal" 1868.

ספריה עממית בטורונטו
* יידישע
פאלקס ביבליאטעק *
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ביילאַגע א.

די ראָל פון די פאַרשיקטע אין דער קאָלאָניזירונג פון סיביר.
(צו זייטען 144—151)

ביי דער ניט פּינקטליכקייט און צוואוואָרפענקייט פון די סטאַטיסטישע דאַטען וועגען סיביר איז זעהר שווער צו באַשטימען, אויף וויפיעל די פאַרשיקטע האָבען געהאָלפען פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג פון סיביר. די פאָלגענדיגע ריכטיגע ציפערען, וואָס זיינען מיטגעטיילט געוואָרן אין 1886 אין דער אָפיציעלער „טאָבאָלסקאַיאַ גאַזעטאַ" און זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין „וואָסטאָטשנאָיע אָבאָזרעניע" (דעם 20טען מערץ), פאַרדינען אונזער אויפמערקזאַמקייט. אין פאַרלויף פון צעהן יאָהר, פון 1875 ביז 1885, האָט מען אין טאָבאָלסקער גובערניע ארויסגעשיקט 38,577 מענער און 4,285 פרויען. נאָך זיי האָבען נאָכגעפאָלגט אין פאַרשיקונג 23,721 פרייע פרויען און קינדער, צוזאַמען, הייסט דאָס, 66,583 מענשען. אין פאַרלויף פון דיזעלביגע צעהן יאָהר זיינען 11,758 פאַרשיקטע געשטאָרבען און 10,094 זיינען אַנטלאָפען; 4,735 זיינען ווידער פאַר׳משפט געוואָרן און אַרויסגעשיקט אָדער אַריבערגעפיהרט געוואָרן אין אַנדערע טיילען פון סיביר; 1854 האָט מען אומגעקערט אין רוסלאַנד, און נאָר 28,670 זיינען אַריינגערעכנט געוואָרן אין די ליסטען פון פּויערים און קליינבירגער („מעשטשאַנעס") פון טאָבאָלסקער גובערניע. די גאַנצע פאַרשיקטע באַפעלקערונג פון טאָבאָלסק איז אין יענער צייט באַשטאַנען פון 35,100 מענער און 12,000 פרויען. די שטערבליכקייט פון אָט דער באַפעלקערונג איז איינגעשלאָסען אין די אויבענגעבראַכטע צאָהל 11,758 געשטאָרבענע. אָבער אַפילו אויסשליסענדיג די אויבענגעבראַכטע ציפער פון דער אַלגעמיינער סומע, וועט זיך אַרויסשטעלען, אַז וועניגסטענס 20,000 פון 66,583 מענשען, — אונגעפעהר אַ דריטעל, — זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין טאָבאָלסקער גובערניע נאָר כדי צו שטאַרבען דאָרט באַלד נאָכ׳ן אָנקומען אין סיביר, אָדער צו אַנטלויפען. די באַפעלקערונג פון טאָבאָלסקער גובערניע איז אין 1875 געווען 1,131,246 מענשען, און זי האָט זיך פאַרגרעסערט אין פאַרלויף פון דעם יאָהר אויף 187,626 מענשען, בעת דער נאַטירליכער צוואוואוקס פון דער באַפעלקערונג האָט גע־

דאַרפט זיין וועניגער פון 100,000 מענשען. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די פאַרשיקטע האָבען אין פאַרלויף פון אַט דער צייט פאַרגרעסערט די באַפעלקערונג ניט מעהר ווי אויף 45,000 מענשען; דער ווייטערדי־גער צואוואוקס ערקלערט זיך שוין מיט דער פרייער עמיגראַציע פון רוסלאַנד.

וואָס אַנבאַטרעפט די אַרבייטספעהיגקייט פון אַט דער פאַרשיקטער באַפעלקערונג, קאָן מען וועגען איהר אַם לייכטסטען אורטיילען פון דעם, וואָס אין 1875 האָבען זיך גערעכענט צווישען די פאַרשיקטע נאָר 10,798 הויז באַזיצער. אין פאַרלויף פון צעהן יאָהר זיינען 5588 מענשען צוגעשטאַנען צו אַט דער צאָהל, אָבער 3,775 האָבען געוואָרפען זייערע הייזער, אַזוי אַז אין 1885 האָבען נאָר 12,611 פאַרשיקטע גע־האַט שטענדיגע וואוינונגען. אויסער דעם האָבען אין 1875, פון די 20,846 צוגעשריבענע צו די פויערים, געפעהלט אויף די ערטער, וואו זיי זיינען צוגעשריבען געוואָרען, 8,525 מענשען, — זיי זיינען פאַר־שוואונדען.

ביילאַגע ב.

אויסצוגען פון ה' שאַקעיעוו'ס רעדע, וואָס ער האָט גע־האַלטען אין דער פעטערבורגער אַדעל־פאַרזאַמלונג דעם 17טען פעברואַר, 1881.

(צו זייט 161)

ווי באַקאַנט, האָט מען נאָך דעם אויפרייס אין ווינטער פּאַלאַץ באַשטימט לאָריס־מעליקאָוו'ען אויפ'ן פּאָסט פון מיניסטער פון אי־נערליכע אַנגעלעגענהייטען און מען האָט איהם געגעבען כמעט דיקטאַ־טאָרישע מאַכט; פאַקטיש האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער איבערגעגעבען די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט. איינער פון די ערשטע שריט פון לאָ־ריס־מעליקאָוו איז געווען צו ערלויבען די גובערניע זעמסטוואָס און אַדעל־פאַרזאַמלונגען פריי ארויסצוזאָגען זייערע מיינונגען. זיי האָבען זיך באַנוצט מיט אַט דער ערלויבניש, און איינע פון די ערשטע פאַר־לאַנגען, וואָס די פאַרזאַמלונגען האָבען אַרויסגעזאָגט, איז געווען דער פאַרלאַנג, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערען דאָס סיסטעם פון „אַדמיני־סטראַטיווער פאַרשיקונג". דאָס פעטערבורגער פּריצענטום איז געווען איינע פון די ערשטע, וואָס האָבען פּראָטעסטירט קעגען אַט דעם שענד־ליכען סיסטעם; און אין פאַרלויף פון דער זיצונג פון 17טען פע־ברואַר, 1881 האָבען זיי וואָטירט אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער זיי האָ־בען געפונען פאַר נויטיג צו דערלאַנגען דעם אימפּעראַטאָר אַן אַדרעס מיט דער ביטע, אַז דאָס געזעץ, וואָס גאַראַנטירט די אונבאַריהרבאַרקייט פון דער פּערזאָן פון יעדען בירגער, זאָל ניט פאַרלעצט ווערן.

אין פאַרלויף פון די פאַרהאַנדלונגען פון אַט דער רעזאָלוציע, האָט ע. א. שאַקעיעוו איבערגעלייענט אַ רעפעראַט וועגען דעם סיסטעם פון אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג, אין וועלכער ער האָט, צווישען אַנדערעס, געזאָגט דאָס פאָלגענדיגע:

„ווענדענדיג זיך צו די רוסישע געזעצען, געפינען מיר, אַז לויט זיי קאָן קיין שטראָף ניט אַרויפגעלעגט ווערן אָהן אַן אורטייל פון געריכט... מען וואָלט דאָך געמיינט, אַז נאָך דער פאַרעפענטליכונג פון דעם געזעץ פון 1864 קאָן שוין מעהר קיין רייד ניט זיין וועגען אַן אַריינמישונג פון די אַדמיניסטראַטיווע באַאַמטע אין די פונקציעס פון די יורידישע באַהערדען, און אַז שטראָף קאָן זיין נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ געריכטס אורטייל. באַשטראָפונגען אָהן אַ געריכט זיינען באַטראַכט געוואָרן פון מלוכה ראַט ווי אַן ערשיינונג פון ווילקיר... אָבער אין דער לעצטער צייט באַמערקט מען עפּעס נייעס. די רעכט, וואָס דאָס געזעץ גיט יעדען בירגער, האָבען פאַרלאָרען אינגאַנצען זייער ממשות. אונטער דעם אויסרייד פון אָפּרייניגען רוסלאַנד פון מענשען, וואָס זיינען פּאָליטיש אונפאַרלעסליך, האָט די אַדמיניסטראַציע גענומען אָנווענדען די אַרויסשיקונג, צוערשט זעלטען, אָבער אין די לעצטע יאָהרען וואַקסט די צאָהל פאַרשיקונגען אַלץ מעהר און מעהר... אין אָנהויב איז די געזעלשאַפט אויפגעבראַכט געוואָרן פון אַזעלכע האַנדלונגען פון דער אַדמיניסטראַציע, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוועהנט צו אַט די אויסערונגען פון ווילקיר, און די פּלוצלונגע פאַרשווינדונג פון מענשען, וואָס מען האָט אַרויסגעריסען מיט אַמאָל פון זייערע משפּחות, האָט אויפגעהערט אויסצואווייזען ווי עפּעס אונגעוועהנליכס.‟

„די פאַרפאָלגונגען זיינען הויפּטזעכליך געווען געווענדט קעגען יונגע לייט, בחורים און מיידלאַך, וואָס זיינען מעהרסטענטיילס נאָך געווען מינדעריעהריגע. אָפּטמאָל פלעגען יונגע לייט פאַרשיקט ווערען נאָר פאַר באַקאַנטשאַפט, קרובה׳שאַפט, אָדער אַפילו אָנגעהעריגקייט צו אַ וועלכען עס איז לעהר־אַנשטאַלט, וואָס האָט געהאַט אַ שלעכטע רעפּוטאַציע אין די אויגען פון דער אַדמיניסטראַציע, פאַר אַ וועלכען עס איז אויסדרוק אין אַ בריף, פאַר האַלטען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ וועלכען עס איז פּאָליטישען פאַרשיקטען...

דער אָפיציעלער „פּראַוויטעלסטוועני וועסטניק‟ האָט ניט לאַנג צוריק געבראַכט ציפער דאַטען וועגען פערזאָנען, וואָס מען האָט אויף אַזאַ אופן פאַרשיקט (אין סיביר) נאָר אויפ׳ן באַפעהל פון דער אַדמיניסטראַציע, און די ציפערען באַווייזען, אַז די צאָהל פאַרשיקטע איז צווישען 250 און 2500 מענשען יעהרליך; אָבער אויב מיר ווילען צו אַט די ציפערען צוגעבען דאַטען וועגען פערזאָנען, וואָס ווערן אויף דעמזעלביגען

אופן פאַרשיקט אין די אינערליכע גובערניעס פון אייראָפּעאישען רוס־לאַנד (און דערביי קאָנען מיר נאָר פּרואווען טרעפען די צאָהל פון אַזעלכע פּערזאָנען), וועט פאַר אונז אויפשטעהן אַן אמת'ע העקאַטאָמב פון מענשליכע באַשעפּענישען.״

ה' שאַקיעיעוו האָט געענדיגט זיין רעדע מיט אַ פאָרשלאַג אונטער־צושרייבען די אויבענדערמאָנטע ערקלערונג. זיין רעדע איז אָפט אונ־טערבראָכען געוואָרען פון אויסגעשרייען: „בראַוואָ!״ „גאַנץ ריכטיג!״ דער פּאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, באַראָן פּ. ל. קאָרף, האָט געשטיצט דעם פאָרשלאַג פון ה' שאַקיעיעוו, צוגעבענדיג, פון זיין זייט, אַז ער האָט אַ זעהר טיפע באַדייטונג פאר גאַנץ רוסלאַנד.

און „נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז דאָס סיסטעם פון אַדמיניסטראַ־טיווער פאַרשיקונג ווערט ניט גערעכטפאַרטיגט פון געזעץ״, האָט די פאַרזאַמלונג אונטערגעשריבען די פּעטיציע, וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם אימפּעראַטאָר. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַלץ איז געבליבען ווי געוועזען. די איינציגע נייע איינפיהרונג אויף אָט דעם געביט איז געווען די באַשטימונג פון אַ ספּעציעלען קאָמיטעט, וואָס רעווידירט פּעריאָדיש אַלע פּראָצעסען מיט אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג און לעגט פּעריאָדיש צו צו דריי און צו פינף יאָהר פאַרשיקונג פאר די פּער־זאָנען, וועלכע זיי געפינען פאר געפעהרליך. די פאַרשיקטע, וועמען עס ווערט ערלויבט זיך אומצוקערן אין רוסלאַנד, ווערט פאַרבאָטען צו וואוינען אין אַ וועלכער עס איז גרויסער שטאָט, וואו זיי וואָלטען געקאָנט געפינען מיטלען צום עקזיסטירן.

ביילאַגע ג.

(צו זייט 203)

דער בונט פון יונגע לייט, וועלכע מען האָט געהאַלטען אין דער קאָרעקציאָנעלער קאָלאָניע אין פאַרקעראַל, האָט געפיהרט צו דער אויפ־דעקונג פון דעם שווידערליכען רעזשים, צו וועלכען זיי זיינען געוועזען אונטערוואָרפען. די פאַקטען, וואָס זיינען אויפגעקלערט געוואָרען פאַר'ן געריכט, האָבען אַנגעוויזען, צווישען אַנדערעס, אַז די שפּייז וואָס מען האָט זיי געגעבען, איז געוועזען פון אַן אויסערגעוועהנליך שלעכטער קוואַ־ליטעט און איז אויסער דעם אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַ ניט גענוי־גענדיגער קוואַנטיטעט, אַזוי אַז זיי איז אויסגעקומען שטענדיג צו הונ־גערן. דער רעזשים אין קאָלאָניע איז געווען באמת שרעקליך. די דאַמע, די אייגענטימערין פון דער קאָלאָניע, און די וועכטער האָבען באַנוצט פאר באַשטראָפונגען דעם „קראַפּאַדין״, אַ מיטעלאַלטערליכען מאַרטור־אינסטרומענט.

וואָס אַנבאַטרעפט די קאָלאָניע אין מעטראַ, וועלכע מען האָט אָפט

געוואָלט פאַרשטעלען ווי אַ מוסטערהאַפטע, האָט זיך אַרויסגעוויזען פון די דעבאַטען אין פראַנצויזישען דעפּוטאַטען־קאַמער (דעם 31טען מערץ, 1887), אַז די באַהאַנדלונג פון קינדער אין אָט דער קאָלאָניע האָט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט אַן אויסערגעוועהנליכער גרויזאַמקייט. די פאַקטען, וואָס זיינען געוואָרן באַקאַנט צוליעב די אויבענדערמאָנטע דעבאַטען, פאַלען פולשטענדיג צונויף מיט יענע ידיעות וועגען דער באַרבאַרישער באַהאַנדלונג אין אָט דער קאָלאָניע, וואָס זיינען מיר מיטגעטיילט געוואָרן פון פריוואַטע פּערזאָנען.

ביילאַגע ד.

וועגען די „האָפנונגסלאָזע פאַרברעכער".

(צו זייט 260)

וויליאַם דאָגלאַס מאָריסאָן, אין זיין אַרביט „מינדעריעהריגע פאַרברעכער" (W. D. Morrison, "Juvenile Offenders"), וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרן אין 1897, ווי דער דריטער באַנד פון אַ סעריע, "The Criminalogy Series", האָט געגעבען עטליכע סטאַטיסטישע דאַטען, וואָס באַשטעטיגען דאָס געזאָגטע אין טעקסט וועגען דעם שעדליכען איינפלוס פון די געפענגניסען. — „יעדען געלעהרטען, וואָס שטודירט די פראַגע וועגען שטראָפען, אין ענגלאנד אָדער אויפ'ן קאָנטינענט, — זאָגט מאָריסאָן, — איז גוט באַקאַנט, אַז די פּראָפּאָרציע פון די „האָפנונגסלאָזע", וואָס זיצען אין די געפענגניסען, וואַקסט יעהרליך און איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי הויך ווי איצט". — דאָס ווערט באַשטעטיגט פון דער געפענגנים סטאַטיסטיק פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליען, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער. און מאָריסאָן באַווייזט, אַז די „האָפנונגסלאָזע" זיינען די, וואָס האָבען אָנגעהויבען באַקומען אַ געפענגנים בילדונג פון די יונגע יאָהרען אָן. דער אויטאָר קומט צו אַ גאַנץ באַשטימטען שלוס, נעמליך: „וואָס אַנבאַטרעפט, זאָגט ער, די גרויסע מעהרהייט פון אונזער געפענגנים באַפעלקערונג, איז אין באַצוג אויף זיי האָבען זיך דאָס קרימינעלע געזעץ און די געפענגנים פאַרהאַפטונג אַרויסגעוויזען פאַר פולשטענדיג באַנקראָט. אונזער שטראָף סיסטעם האָט באַנקראָטירט אין זיין הויפּט און ערשטען ציעל, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל שטערן דעם פאַרברעכער צו באַגהען נייע פאַרברעכען. פאַרקעהרט, אָט דאָס סיסטעם פאַרמערט, ווייזט אויס, אויף אַ פאַטאַלען אופן די צאָהל פון די געוועהנליכע עקספּערטען אין אַנטי־געזעלשאַפטליכע אַקטען".

די שלוסען פון ה' מאָריסאָן, ווי מען האָט געדאַרפט ערוואַרטען פון אַזאַ שרייבער, צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסערגעוועהנליכער מעסיגקייט. אָבער אין איין פּונקט זיינען זיי אויסגעדריקט געוואָרן

מיט אַ פולשטענדיגער באַשטימטקייט. דער איינציגער ווירקליכער מי־טעל, — זאָגט ער, — וואָס וועט פאַרקלענערן די צאָהל פון יונגע פאַר־ברעכער, איז — „באַזייטיגען די באַדינגונגען, געזעלשאַפטליכע און עקאָ־נאָמישע, וואָס באַשאַפען אָט די פאַרברעכער". די געפענגניסען אָבער דערגרייכען דאָס בשום אופן נישט. פאַרקערט, זיי פיהרן צו אַ פאַרמעה־רונג פון פאַרברעכערישקייט.

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

מרא

פ. קרעפּליאַקין

אין גליטשן אין פּראָוינציעלע טירמעס

#1771

3811

1064

FEB 7 '78

מרא,

FEB 7 '78

JUN 1 0 1986

APR 1 1 1999

1771

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO